STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06154

TEORYE FUN HISTORISHN MATERIALIZM

Nikolai Bukharin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. בוכארין

טעאריע פון היסטארישן מאטעריאליזם

איבערזעצט פון דער לעצטער
רוסישער אויסגאבע (1925) דורך
ש ר ה ל ע ר מ א ן

ע ר ש ט ע ר ב א נ ד

פ א ר ל א ג מ. ז ר ו ח מ ז א ן
ווארשע 192

N. BUCHARIN
Teorja materjalizmu historycznego

Tłomaczyła Sara Lerman.

Wydaw. M. Jeruchemzon, Warszawa, Miodowa 20.

Druk. B-ci FEDER, Warszawa, Franciszkańska 6.

פאָרוואָרט

דאָס פאָרליגנדיקע בוך איז קודם כּל געשריבן געוואָרן פאַר **אַרבעטער**, וואָס זוכן מאַרקסיסטיש וויסן.

דער מחבר האָט אויסגעקליבן די טעמא וועגן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם דערפאַר, ווייל דער דאָזיקער „יסוד פון די יסודות" פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע פאַרמאָגט נישט קיין סיסטעמאַטישע דערקלערונג. דער איין און אײנציקער פּרווו — גאָרטער׳ס בוך — ליידט פון צופיל פאַרייַנפאַכטקייט און ער באַרירט כּלל נישט אַ רייע פאַרוויקלטע פּראָבלעמען, אויף וועלכע דער געדאַנק שטויסט זיך אוּמפאַרמיידלעך אָן, און די בעסערע ווערק, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, זענען צעזייעט און צעשפּרייט איבער פאַרשידענע זשורנאַלן, אָדער זענען דערקלערט קאָנספּעקט-אַרטיק און ס׳איז שווער זיי צו פאַרשטיין. (פּלעכאַנאָוו׳ס „גרונט-פראַגן פון מאַרקסיזם") אָדער זיי זענען שוין פאַרעלטערט לויט דער פאָרם און דעריבער זענען זיי אוּמפאַרשטענדלעך פאַרן היינטיקן לעזער (צ. ב. „צו דער פראַגע וועגן דער אַנטוויקלונג פון מאָניסטישן בליק אויף דער געשיכטע"), אָדער זיי באַרירן נאָר איין זייט פון דער פראַגע (ריין פילאָזאָפיש), אָדער דאָס זענען איינצלנע אַרטיקלען אין זאַמלביכער, וואָס מ׳קען זיי היינט נישט באַקומען.

פון דער צווייטער זייט איז זייער גרויס די באַדערפעניש סיסטעמאַטיש צו דערקלערן די טעאָריע פון היסטארישן מאַטעריאַליזם. אין דער לויפנדיקער פּאַזע פון די פּאָליטישע ענדערונגען זענען אויף דער טאָג־אָרדנונג געשטעלט געוואָרן אַ סך פּראָבלעמען, וועלכע זענען פריער, צוליב דער שאַרפקייט פון מאָמענט, נישט געשטאַנען: דאָ אַהער געהערט נישט קיין קלייִנער טייל פון די פראַגן פון דער אַזוי גערופענער „אַלגעמיינער וועלט אַנשויונג".

אין א טייל, גענוג וועזנטלעכע פּונקטן, באַהאַנדלט דער מחבר גאָר אַנדערש דעם דאָזיקן ענין און אין אַנדערע האָט ער פאַר נויטיק נישט צו באַשרענקן זיך מיט שוין באַוווּסטע דערקלערונגען, נאָר זיי ווייטער צו אַנטוויקלען. ס'וואָלט געווען משוגעדיק, ווען די מאַרקסיסטישע טעאָריע וואָלט זיך שטענדיק געטאָפּטשעט אויף איין אָרט. אָבער שטענדיק און אומעטום זעצט דער מחבר פאָר די טראַדיציע פון דער אַממערסטן אָרטאָדאָקסאַלער מאַטעריאַליסטישער און רעוואָלוציאָנערער אויפפאַסונג פון מאַרקס.

דאָס דאָזיקע בוך איז אַנטשטאַנען פון די דיסקוסיעס אין די סעמינאַרס, מיט וועלכע דער מחבר האָט אָנגעפירט צוזאַמען מיט יו. פ. דעניקע. אויף די דאָזיקע דיסקוסיעס האָבן זיך צונויפגעקליבן חברים, וואָס האָבן געענדיקט די לעקטאָרשע גרופּע פון דער סווערדלאָווער אוניווערסיטעט, וואָס זענען נאָכדעם געוואָרן אירע געלערנטע מיטאַרבעטער — אַ נייער טיפּ פון מענטשן, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט פילאָזאָפיע און ביינאַכט דיזשורירן זיי מיט אַ ביקס אין דער האַנט, באַהאַנדלען די אַממייסטן אַבסטראַקטע פראַגן, און אין אַ שעה אַרום זעגן זיי האָלץ, זיצן אין ביבליאָטעקן און פאַרברענגען א סך צייט אויף די פאַבריקן. די דאָזיקע חברים זענען, אין אמת'ן גערעדט, די מחברים פון דעם דאָזיקן בוך. די דאָזיקע נאָענטע פריינט, ווי אויך יו. פ. דעניקע, דריק איך דאָ אויס מיין הערצלעכן דאַנק.

נ. בוכאַרין.

אַ ר ײ נ פ י ר

די פּראַקטישע באַדײַטונג פון די געזעלשאַפטלעכע לערעס.

§ 1. די באַדערפעניש פונם קאַמף פון דער אַרבעטער־קלאַס און די געזעלשאַפטלעכע לערערס. ווען די בורזשואַזע געלערנטע הייבן אָן צו רעדן וועגן וואָסער־עס־איז וויסנשאַפט, רעדן זיי וועגן איר מיט אַ געהיימניספולן פליסטערן, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אַ זאַך וואָס איז געבוירן געוואָרן נישט אויף דער ערד, נאָר אויפן הימל. אין דער אמתן וואַקסט יעדע וויסנשאַפט פון די באַדערפענישן פון דער געזעלשאַפט, אָדער פון אירע קלאַסן. קיינער ציילט נישט די פליגן אויפן פענצטער, אָדער די פייגל אויף דער גאַס, אָבער מ'ציילט, לאָמיר זאָגן, די פיך. דאָס ערשטע איז קיינעם נישט נויטיק, און דאָס צווייטע איז נוצלעך צו וויסן. אָבער נישט נאָר איז נוצלעך צו האָבן אַ באַגריף וועגן דער נאַטור, פון וועלכער מיר באַקומען כלערליי מאַטעריאַלן, אינסטרומענטן, רוי־מאַטעריאַלן א. א. וו. אַזוי זענען אונז אויך נוצלעך די וויסנשאַפטן וועגן דער געזעלשאַפט. אויף יעדן שריט און טריט פון זיין קאַמף שטויסט זיך דער אַרבעטער אָן אויף דער נויטווענדיקייט פון אַזעלכע ידיעות. כדי ער זאָל פירן אַ ריכטיקן קאַמף מיט די אַנדערע קלאַסן, דאַרף ער פּ אָ ר ו י ס ז ע ן, ווי אַזוי די

קלאַסן וועלן זיך פירן. און כדי צו קענען פּראָוויזאָרן, דאַרף מען וויסן אַן וואָס ווענדט זיך די טאַקטיק פון די פאַרשידענע קלאַסן ביי פאַרשידענע באַדינגונגען.

ביז צום דעראָבערן די מאַכט, קומט אויס דעם אַרבעטער קלאַס צו לעבן אונטערן דרוק פון קאַפּיטאַל, און אין זיין קאַמף פאַר באַפרייונג מוז ער זיך כסדר רעכענען מיט דעם, ווי אַזוי ס'וועלן זיך פירן די אָדער יענע קלאַסן. דעריבער איז נויטיק צו וויסן, אַן וואָס ס'איז אָפּהענגיק און מיט וואָס ס'ווערט באַשטימט די האַלטונג פון די קלאַסן. אויף דער דאָזיקער פראַגע קען נאָר געבן אַן ענטפער די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפט. נאָכן דעראָבערן די מאַכט, וועט דער אַרבעטער קלאַס דאַרפן קעמפן מיט די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות פון אַנדערע לענדער, מיט די רעשטלעך פון דער היימישער קאָנטער-רעוואָלוציע; אָבער ער וועט אויך דאַרפן לייזן די שווערסטע אויפגאַבע וועגן דער אָרגאַניזאַציע און צעטיילונג פון דער פּראָדוקציע. וואָסערווירטשאַפטלעכער פּלאַן דאַרף זיין, ווי אַזוי מ'דאַרף אויסנוצן די אינטעליגענץ, ווי אַזוי צו דערציען אין מאַרקסיסטישן גייסט דאָס פויערנטום און די קליין-בורזשואַזיע, ווי אַזוי צוצוגרייטן געניטע אַדמיניסטראַטאָרן פון די אַרבעטער, ווי אַזוי צוצוגיין צו די ברייטע, אָפט זייער נאָך נישט-באַוווסטזיניקע שיכטן פון זיין אייגענער קלאַס, א. א. וו. כדי ריכטיק צו לייזן די אַלע פראַגן, דאַרף מען קענען די געזעלשאַפט, אירע קלאַסן, זייערע אייגנשאַפטן און האַלטונג אין דעם אָדער אין יענעם פאַל; מ'דאַרף אויך האָבן ידיעות וועגן דער געזעלשאַפטלעכער ווירטשאַפט און וועגן דעם געזעלשאַפטלעכן דענקן פון די פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע גרופּעס. מיט איין וואָרט: מ'דאַרף קענען די געזעלשאַפטלעכע לערע. די פּראַקטישע אויפגאַבע פון דעם איבערבוי פון דער געזעלשאַפט קען ריכטיק געלייזט ווערן דורך אַ וויסנשאַפטלעכער פּאָליטיק פונם אַרבעטער קלאַס, ד. ה. דורך אַ פּאָליטיק, וואָס שטיצט זיך אויף דער וויסנשאַפטלעכער טעאָריע, וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט פאַרמאָגט אין

געשטאַלט פֿון דער טעאָריע, וואָס איז באַגרינדעט געוואָרן דורך מאַרקסן.

§ 2. די בורזשואַזיע און די געזעלשאַפטלעכע לערעס.

אויך די בורזשואַזיע האָט געשאַפֿן אירע געזעלשאַפטלעכע לערעס, אַרויסגייענדיק פֿון די באַדערפֿעניש פֿון איר פּראַקטיק. אויף וויפֿיל זי איז א ה ע ר ש נ ד י ק ע קלאַס, קומט איר אויס צו לייזן אַ מענגע פּראָבלעמען: ווי אַזוי אונטערצושטיצן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, ווי אַזוי צו פֿאַרזיכערן די אַזוי גערופֿענע „נאָרמאַלע אַנטוויקלונג“ פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט, ד. ה. דאָס רעגלמעסיקע באַקומען פֿון פּראָפֿיטן, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן פֿאַר דעם דאָזיקן צוועק אירעווירטשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס, וואָסערע פּאָליטיק זי זאָל פֿירן אין באַצוג צו אַנדערע לענדער, ווי אַזוי צו פֿאַרזיכערן איר הערשאַפֿט איבער דעם אַרבעטער קלאַס, ווי אַזוי אויסצומיידן חלוקי-דעות אין איר אייגענער סביבה, ווי אַזוי צוצוגרייטן קאַדרן פֿון באַאַמטע, גלחים, פּאָליציאַנטן און געלערנטע, ווי אַזוי אַוועקצושטעלן דאָס דערציִונגס-וועזן, אַז דער אַרבעטער-קלאַס זאָל נישט זיין קיין ווילדער, וואָס ברעכט די מאַשינען, נאָר ער זאָל אין דער זעלבער צייט זיין געהאָרזאַם צו זיינע אונטערדריקער א. א. וו. דעריבער זענען דער בורזשואַזיע נויטיק געזעלשאַפֿטלעכע לערעס: זיי העלפֿן איר זיך פֿאַ-באַנדערצוקלויבן אין דעם פֿאַרוויקלטן, געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, און נעמען אַ ריכטיקן קורס כדי צו לייזן פּראַקטישע לעבנס-אויפֿגאַבן. עס איז צ. ב., אינטערעסאַנט, אַז די ערשטע בור-זשואַזע עקאָנאָמיסטן (די געלערנטע, וואָס שטודירן די ווירט-שאַפֿט) זענען געווען גרויסע פּראַקטישע סוחרים און מלוכה טוער, און דער גרעסטער טעאָרעטיקער פֿון דער בורזשואַזיע, ריקאַרדאָ, איז געווען אַ פּיפֿיקער באַנקיר.

§ 3. דער קלאַסן-כאַראַקטער פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע לערעס.

די בורזשואַזע געלערנטע באַהויפּטן שטענדיק, אַז זיי זענען די פֿאָרשטייער פֿון דער אַזוי גערופֿענער „ריינער וויסנשאַפֿט“, אַז אַלע ערדישעליידנשאַפֿטן, דער אינטערעסן-קאַמף, שטורמען

פונם לעבן, דער גייציג נאָך פראָפיט און די איבריקע ערדישע און קליינלעכע זאַכן, האָבן נישט קיין שום שייכות צו זייער לערע. זיי שטעלן זיך פאָר, דאָס דער געלערנטער איז אַ גאָט, וואָס זיצט אויף אַ הויכן באַרג און באַאָבאַכטעט ליידנשאַפטלאָז דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן מיט זיין גאַנצער פילפאַרביקייט; זיי מיינען, (און רעדן נאָך מער), אַז די שמוציקע „פּראַקטיק" האָט נישט קיין שום ווירקונג אויף דער ריינער „טעאָריע". פון דעם אויבן געזאָגטן זעען מיר, אַז דאָס איז פולקאָם נישט ריכטיק. פאַרקערט, די וויסנשאַפט זעלבסט ווערט געבוירן פון דער פּראַקטיק. און קוים איז דאָס אַזוי, איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, וואָס די געזעלשאַפטלעכע לערערס האָבן אַ ק ל אַ ס ן-כ אַ ר אַ ק ט ע ר.

יעדע קלאַס האָט איר פּראַקטיק, אירע באַזונדערע אויפגאַבן, אירע אינטערעסן, און דעריבער האָט זי איר ב ל י ק אויף די זאַכן. פריער פאַר אַלעמען זעט די בורזשואזיע, אַז זי זאָל ווייטער דערהאַלטן, פאַראייביקן, פאַרפעסטיקן און פאַרשפרייטן די ממשלה פונם קאַפּיטאַל. דער אַרבעטער קלאַס זעט קודם כל, אַז ער זאָל פאַרניכטן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג און פאַרזיכערן די ממשלה פונם אַרבעטער קלאַס, אַז ער זאָל איבערבויען די גאַנצע וועלט. ס'איז נישט קיין חכמה צו פאַרשטיין, אַז די בורזשואַזע פּראַקטיק פאָדערט דאָס ערשטע, און די פּראָלעטאַרישע — דאָס צווייטע; אַז די בורזשואַזיע האָט אַן אַנדערן קוק אויף די זאַכן, און דער אַרבעטער-קלאַס אַן אַנדערן, אַז ביי דער בורזשואַזיע איז די געזעלשאַפטלעכע לערע אַן אַנדערע, און ביי דעם אַרבעטער-קלאַס איז זי אומפאַרמיידלעך אַן אַנדערע.

§ 4. פאַרוואָס שטייט די פּראָלעטאַרישע וויסנשאַפט העכער פון דער בורזשואַזער?

איצט האָבן מיר צו שטעלן אַזאַ פראַגע: אויב די געזעלשאַפטלעכע לערעס האָבן אַ קלאַסן-כאַראַקטער, פאַרוואָס-זשע שטייט די פּראָלעטאַרישע וויסנשאַפט העכער פון דער בורזשואַזער? דער אַרבעטער-קלאַס האָט דאָך אויך זיינע אינטערעסן,

שטרעבונגען, פראַקטיק, און די בורזשואַזיע האָט אויך אירע. אַז דער אַרבעטער-קלאַס, אַז די בורזשואַזיע זענען אין אַ גלייכער מאָס פאַראינטערעסירטע צדדים.

די זאַך ווערט גאָרנישט געמינערט פון דעם, וואָס איין קלאַס איז גוט, גרויסמוטיק, אַרבייט פאַר דעם וויל פון דער מענטשהייט, און די אַנדערע איז גיריק, יאָגט זיך נאָך פאַרדינסט א. א. וו.

איינע טראָגט רויטע ברילן. די אַנדערע — ווייסע. פאַרוואָס-זשע זענען די רויטע ברילן בעסער פון די ווייסע? פאַרוואָס קען מען דורך זיי בעסער קוקן אויף דער ווירקלעכ-קייט? פאַרוואָס איז דורך זיי בעסער צו זען? אויף דעם דאַרף מען ענטפערן, גוט פאַרטראַכטנדיק זיך.

לאָמיר באַטראַכטן די לאַגע פון דער בורזשואַזיע. מיר האָבן געזען, אַז זי איז פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז זי זאָל דערהאַלטן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג. און דערוויל איז באַוווּסט, אַז „ס'איז נישט פאַראַן קיין אייביקע זאַך אויף דער וועלט". ס'האָט אַמאָל געהערשט אַ שקלאַפן-אָרדנונג, אַ פע-אָדאַלע אָרדנונג. ס'איז געווען און ס'עקזיסטירט אַ קאַפּיטאַליס-טישע, ס'זענען אויך געווען אַנדערע פאָרמען פון דער מענטש-לעכער געזעלשאַפט. קוים איז דאָס אַזוי, — און דאָס איז אומבאַדינגט אַזוי — דרינגט פון דעם אָט וואָס: ווער ס'וויל אין אמתן פאַרשטיין ס'געזעלשאַפטלעכע לעבן, דער דאַרף קודם כל פאַרשטיין, אַז אַלץ טוישט זיך, אַז איין געזעלשאַפטלעכע פאָרם ווערט פאַרביטן דורך אַ צווייטער. לאָמיר זיך, צ. ב., פאַרשטעלן אַ גוט-באַזיצער, אן אייגנטימער פון לייב-קנעכט, וואָס האָט ביז דער פויערים-באַפרייונג געלעבט פון דער לייב-קנעכטשאַפט. ער האָט אָפט נישט געקאָנט פאַרשטעלן זיך, אַז ס'קען עקזיסטירן אַזאַ אָרדנונג. ווען מ'וועט נישט קענען פאַר-קויפן די פויערים, אָדער אויסטוישן זיי אויף הינטלעך. צי וואָלט אַזאַ גוטס-באַזיצער געקענט ריכטיק פאַרשטיין די גע-זעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג? געוויס, ניין. פאַרוואָס? טאַקי דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געטראָגן קיין ברילן, נאָר פער-

דישע אויגן=צודעקער. ער האָט נישט געקאָנט זען ווייטער פון זיין נאָז, און דעריבער האָט ער נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס ס'טוט זיך ווייטער פון זיין נאָז.

אָט אזעלכע פערדישע ברילן טראָגט די בורזשואַזיע. זי איז פאַראינטערעסירט אין דער דערהאַלטונג פונם קאַפּיטאַליזם און גלייבט אין זיין דויערהאַפטיקייט און אייביקייט. דעריבער איז זי נישט אומשטאַנד צו באַמערקן אַזעלכע דערשיינונגען און שטריכן אין דער אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס ווייזן אן אויף איר נישט דויערהאַפטיקייט, אויף איר אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג (אָדער אַפילו אויפן מעגלעכן אונטערגאַנג), אויף איר פארענדערונג אין אַן אַנדערע לעבנס-אָרדנונג. אמבעסטן זעט מען דאָס אין דעם ביישפּיל פון דער וועלט-מלחמה און רעוואָלוציע. ווער פון די מער-ווייניק גרויסע בורזשואַזע געלערנטע האָט פאָרויסגעזען די פאָלגן פון דעם וועלט-קאַמף? קיינער נישט! ווער פון זיי האָט אָנגעזאָגט דעם אָנקום פון דער רעוואָלוציע? קיינער נישט! זיי אַלע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט דעם, וואָס זיי האָבן געשטיצט זייערע בורזשואַזע רעגירונגען און פאָרויסגעזאָגט דעם נצחון פון זייערע היימישע קאַפּיטאַליסטן, אָבער אַזעלכע דערשיינונגען, ווי אַן אַלגעמיינער חורבן צוליב דער מלחמה, און אַ קיינמאָל נישט געזעענע רעוואָלוציע פונם פּראָלעטאַריאַט, ליין דעם גורל פון דער מענטשהייט, ענדערן דעם גאַנצן אָנבליק פון דער וועלט. און גראָד דאָ האָט די בורזשואַזע וויסנשאַפט אויך גאָרנישט פאָרויסגעזען. און פאָרויסגעזען דאָס אַלץ האָבן די מאַרקסיסטן — די פאָרשטייער פון דער פּראָלעטאַרישער לערע. דאָס איז געשען דערפאַר, ווייל דער פּראָלעטאַריאַט איז נישט פאַראינטערעסירט אין דער דערהאַלטונג פון דער אַלטער אָרדנונג און דעריבער איז ער אַ סך מער ווייטזיכטיקער.

איצט איז נישט שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די פּראָלעטאַרישע געזעלשאַפטלעכע לערע שטייט העכער פאַר דער בורזשואַזער. דערפאַר שטייט זי העכער פאַר איר, ווייל זי

באַטראַכט טיפֿער און ברייטער די דערשיינונגען פונם געזעל-שאַפטלעכן לעבן: ווייל זי איז פעיק אַריינצוקוקן ווייטער און אָנצוווייזן דאָס, וואָס די בורזשואזע געזעלשאַפטלעכע לערע איז נישט אומשטאַנד צו באַמערקן. פון דאַנען איז אויך פאַר-שטענדלעך, דאָס מיר, מאַרקסיסטן, האָבן די פולע רעכט צו האַלטן פאַר ריכטיק טאַקי נאָר די פּראָלעטאַרישע לערע און פאָדערן פאַר איר אַלגעמיינע אנערקענונג.

§ 5. פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע לערעס און די סאָצ-יאָלאָגיע. די מענטשלעכע געזעלשאַפט איז זייער אַ קאָמפּלי-צירטע זאַך; עס זענען אויך זייער קאָמפּליצירט און פאַרשידנ-אַרטיק אַלע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען. דאָ געהערן אַהער אי די ווירטשאַפטלעכע דערשיינונגען, די עקאָנאָמישע אָרדנונג פון דער געזעלשאַפט, אי איר מלוכהשע אָרגאַניזאַציע, די מאָ-ראַל, רעליגיע, קונסט, וויסנשאַפטן, פילאָזאָפיע, פאַמיליען באַציונ-גען א. א. וו. דאָס אַלץ פלעכט זיך אָפט צונויף אין זייער אויסטערלישע קאָמבינאַציעס און זיי בילדן דעם שטראָם פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן. ס'פאַרשטייט זיך, אַז כדי צו דערקענען דאָס דאָזיקע קאָמפּליצירטע געזעלשאַפטלעכע לעבן, דאַרף מען צוצוגיין צו דעם פון פאַרשידענע זייטן. קומט אויס צו צע-טיילן די דאָזיקע לערע אויף אַ ריי לערעס. איינע שטודירט דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן פון דער געזעלשאַפט (די עקאָנאָ-מישע לערע), אָדער אַפילו ספּעציעלע אַלגעמיינע געזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט (פּאָליטישע עקאָנאָמיע); אַן אַנדערע שטודירט רעכט און מלוכה, און אַליין טיילט זי זיך אויף פאַרשידענע ספּעציעלע לערעס; אַ דריטע שטודירט, לאָמיר זאָגן, מאָראַל א. א. וו.

אין יעדן פון די דאָזיקע וויסנשאַפטלעכע געביטן טיילן זיך די לערעס אויף צוויי חלקים: איין חלק פון די דאָזיקע לערעס פאָרשט וואָס ס'איז געשען **אין אַ זאַ צייט און אין אַ זאַ אָרט** — דאָס זענען די היסטאָרישע לערעס. צ. ב., פון געביט פון רעכט. מ'קען נאָכפאָרשן און אויספירלעך באַשרייבן ווי אַזוי ס'זענען אַנטשטאַנען רעכט און מלוכה, און ווי אַזוי

ס׳האָבן זיך געביטן אירע פאָרמען. דאָס וועט הייסן די ג ע־ש י כ ט ע פון רעכט. און מען קאָן אויך אויספאָרשן אַזן לייזן אַ ל ג ע מ יי נ ע פראַגן: ו ו אָ ס איז דאָס אַזוינס רעכט, ביי וואסערע באדינגונגען אַנשטייט עס, ביי וואסערע פאַרשווינדט עס, און וואס זענען אָפּהענגיק זיינע פאָרמען? א. א. וו. דאָס וועט הייסן ט ע אָ ר י ע פון רעכט. אַזעלכע לע־רעס הייסן טעאָרעטישע.

צווישן די געזעלשאַפטלעכע לערעס זענען פאַראַן צוויי וויכטיקע, וועלכע באַהאַנדלען נישט אַ באַזונדער געביט פונם געזעלשאפטלעכן לעבן, נאָר דאָס גאַנצע געזעלשאפטלעכע לעבן אין איר גאַנצער קאָמפּליצירטקייט, מיט אַנדערע ווער־טער: זיי נעמען נישט איין מין דערשיינונגען (ווירטשאַפטלע־כע, רעכטלעכע אָדער רעליגעזע א. א. וו.), נאָר פאָרשן אויס ס׳גאַנצע לעבן פון דער געזעלשאַפט אַלס אַ גאַנצעס, נעמען אַ ל ע מינים פון די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען. אַזעלכע וויסנשאפטן זענען, פון איין זייט, די ג ע ש י כ ט ע, און די ס אָ צ י אָ ל אָ ג י ע פון דער צווייטער זייט. לויט דעם, וואָס מיר האָבן פריער געזאָגט, איז נישט שווער צו זעען דעם אונ־טערשיד צווישן זיי. די ג ע ש י כ ט ע פאָרשט און באַש־רייבט, ווי אַזוי ס׳איז געגאַנגען דער שטראָם פונם געזעלשאַפט־לעכן לעבן אין דער און דער צייט, אין דעם און דעם אָרט (צ. ב., ווי אַזוי ס׳האָט זיך אַנטוויקלט די ווירטשאַפט, רעכט, מאָראַל, וויסנשאַפט, און אַ גאַנצע רייע אַנדערע זאַכן אין רוס־לאַנד, אָנהייבנדיק פון 1700 י. ביז נאָך 1800; אָדער אין כי־נע פון פאַר 2000 י. פ. ק. ביז 1000 י. נ. ק.; אָדער אין דייטשלאַנד נאָך דער פראַנצויזיש־דייטשער מלחמה פון 1871 י., אָדער אַן אַנדערע עפּאָכע אין וואסער־עס איז לאַנד, אָדער אין אַ רייע לענדער).

די ס אָ צ י א ל אָ ג י ע אָבער שטעלט אַלגעמיינע פראַגן: וואָס איז דאָס געזעלשאפט? און פון וואָס איז אָפּהענגיק איר אַנטוויקלונג אָדער איר אונטערגאַנג? אין וואָסער באַציונג צו זיך געפונען זיך פאַרשידענע מינים פון געזעלשאַפטלעכע דער־

שיינונגען? (ווירטשאַפט, רעכט, וויסנשאַפט, א. אַ. וו.) מיט וואָס דערקלערט זיך זייער אַנטוויקלונג? וואסערע זענען די היסטאָרישע פאָרמען פון דער געזעלשאַפט? מיט וואָס דערקלערט זיך זייער פאַרענדערונג? א. אַ. וו. די סאָציאָלאָגיע איז די אַממיינסטן אַלגעמיינע (אַבסטראַקטע) פון די געזעלשאַפטלעכע לערעס. אָפט ווערט זי פאַררעכנט אונטער אַנדערע נעמען: „די פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע", „טעאָריע פון היסטאָרישן פּראָצעס" און ענלעכע.

פון דאַנען זעט מען, וואָס פאַראַ שייכות ס'האָבן צווישן זיך די געשיכטע און די סאָציאָלאָגיע.

ווייל די סאָציאָלאָגיע דערקלערט די אַלגעמיינע געזעצן פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, דעריבער באַנוצט מען זיך מיט איר אַלס אַ מ ע ט אָ ד פאַר דער געשיכטע. אויב די סאָציאָלאָגיע שטעלט פעסט אַן אַלגעמיינע באַהויפּטונג, אַז די פאָרמען פון רעגירונג ווענדן זיך אָן דער פאָרם פון דער ווירטשאַפט, דאַרף דער היסטאָריקער פון אַ געוויסער עפּאָכע זוכן און געפונען אָט דעם צוזאַמענהאַנג און ווייזן ווי ער דריקט זיך אויס קאָנקרעט (אין דעם געגעבענעם פאַל). די געשיכטע גיט מ אַ ט ע ר י אַ ל פאַר סאָציאָלאָגישע אויספירן און פאַראַלגעמיינערונגען, ווייל די דאָזיקע אויספירן ווערן נישט אויסגעזויגן פון פינגער, נאָר דרונגען אַרויס פון ווירקלעכע היסטאָרישע פאַקטן. די סאָציאָלאָגיע פון איר זייט ווייזט אָן אויף אַ באַשטימטן שטאַנדפּונקט, אַ מיטל צום פאָרשן, אָדער ווי מ'זאָגט, אַ מ ע ט אָ ד פאַר דער געשיכטע.

§ 6. די טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם — אַ מאַרקסיסטישע סאָציאָלאָגיע.

דער אַרבעטער-קלאַס האָט זיין אייגענע, פּראָלעטאַרישע סאָציאָלאָגיע, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען ה י ס ט אָ ר י ש ע ר מ אַ ט ע ר י אַ ל י ז ם. דער פונדאַמענט פון דער דאָזיקער טעאָריע איז געלייגט געוואָרן דורך מאַרקסן און ענגעלסן. מ'רופט זי אויך „מאַטעריאַליסטישער מעטאָד אין דער געשיכטע", אָדער פשוט „עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם". די דאָזיקע געניאַלסטע

טעאָריע איז דאָס שאַרפסטע געווער פון דעם מענטשלעכן גע־דאַנק און דערקענטניש. מיט איר הילף קלויבט זיך דער פּראָ־לעטאַריאַט פאַנאַנדער אין די פאַרפּלאָנטערסטע פּראָבלעמען פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן און קלאַסן־קאַמף. מיט איר הילף האָבן די מאַרקסיסטן ריכטיק פאָרויסגעזאָגט אי די מלחמה, אי רעוואָ־לוציע, אי דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, אי די טאַקטיק פון פאַרשידענע פּאַרטייען, גרופּן, קלאַסן, בעת דעם גרויסן איבער־קער, וואָס די מענטשהייט לעבט איבער. דער אויסטייטשונג און אַנטוויקלונג פון דער אויבנדערמאָנטער טעאָריע איז געווידמעט דאָס דאָזיקע בוך.

טייל אָנהענגער האַלטן, אַז מ'קען בשום אופן נישט באַטראַכטן די טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם ווי אַ מאַרקסיסטישע סאָציאָלאָגיע, און מ'קען זי נישט דער־קלערן סיסטעמאַטיש. זיי מיינען, אַז זי איז נאָר אַ לעבעדיקער מעטאָד פון היסטאָרישער דערקענטניש, אַז אירע אמת'ן זענען נאָר אויף אַזויפיל דערווייזבאַר, אויף וויפיל מיר רעדן וועגן קאָנקרעטע און היסטאָרישע געשעענישן. צו דעם געהערט אויך יענער אַרגומענט, אַז דער בלויזער באַגריף סאָציאָלאָגיע איז זייער אַן אומ־באַשטימטער, און אונטערן וואָרט „סאָציאָלאָגיע״ פאַר־שטייט מען טיילמאָל די וויסנשאַפט וועגן דער פּרימיטי־ווער קולטור און אַנטשטייונג פון די גרונט־פאָרמען פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן (צ. ב. משפחה), אָדער אין העכסטן גראַד צעשווימענע באַטראַכטונגען וועגן פאַר־שידענע מינים פון געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען „אין אַלגעמיין״, אָדער אַ נישט קריטישער פאַרגלייך פון דער געזעלשאַפט צו אַן אָרגאַניזם (די אָרגאַנישע, ביאָלאָגישע שול אין דער סאָציאָלאָגיע) א. א. וו.

די דאָזיקע אַרגומענטן זענען נישט ריכטיק. ערשטנס, דאַרפן מיר נישט דעם כאָאָס, וואָס הערשט אין דעם בורזשואַזן לאַגער. ווו איז דאָס אָרט פון דער טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם? דאָס איז נישט פּאָליטישע

עקאָנאָמיע. דאָס איז נישט געשיכטע. דאָס איז אַלגעמיינע לערע וועגן דער געזעלשאַפט און די געזעצן פון איר אַנטוויקלונג ד. ה. סאָציאָלאָגיע. צווייטנס, דער אומשטאַנד, וואָס זי (די טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם) איז אַ מעטאָד פאַר דער געשיכטע, פאַרקלענערט נישט בשום אופן איר ווערט אַלס אַ סאָציאַלע טעאָריע. גאַנץ אָפט גיט א מער אַבסטראַקטערע לערע אַ שטאַנדפונקט, ד. ה. אַ מעטאָד, א וויסנשאַפט, וואָס איז ווייניקער אַבסטראַקט. אַזוי שטעלט זיך די זאַך פאָר אויך דאָ, ווי מיר האָבן דאָס געזען פון דעם הויפּט טעקסט.

קאַפּיטל 1

סיבה און ציל איז די געזעלשאַפטלעכע לערעס (קויזואַליטעט און טעלעאָלאָגיע).

7 §. די ~~ריכטיקייט~~ פון דערשיינונגען בכלל, און פון געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען — בפרט.

ווען מיר ווען זיך צוקוקן צו די דערשיינונגען פון דער נאַטור און פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועלן מיר זעען, אַז די דאָזיקע דערשיינונגען זענען גאָרנישט אַזאַ מישמאַש, אין וועלכן מ׳קען זיך קיינמאָל נישט פאַנאַנדערקלויבן, פאַרשטיין, און פאָרויסזען. פאַרקערט, ווען מיר קוקן זיך צו אויפמערקזאַם, זעען מיר אומעטום א געוויסע אָרדנונג אין דערשיינונגען. די נאַכט טרעט אָב דעם טאָג, און טאָג טרעט אָב דער נאַכט. די צייטן פון יאָר גייען כסדר, איינע נאָך דער צווייטער. און צוזאַמען מיט זיי חזרט זיך איבער יעדעס יאָר אַ גאַנצע רייע פון דערשיינונגען, וואָס באַגלייטן זיי. די ביימער צעבליען זיך און וואַרפן פון זיך אראָפּ די בלעטער, ס׳קומען אָן און ס׳פליען אַוועק פאַרשידענע מינים פייגל, מענטשן זייען און שניידן א. א. וו. אָדער נאָך, כמעט אַ וויציקער, ביישפּיל. יעדעס מאָל, ווען ס׳פאַלן וואַרימע רעגנס, וואַקסן אַ סך שוואמען, און מיר האָבן אַפילו אן אויסדרוק: „וואַקס, ווי שוואמען נאָך אַ רעגן". מיר אַלע ווייסן, אַז דאָס קאָרן קערנדל, ווען עס פאַלט אַריין אין דער ערד, הייבט אָן צו וואַקסן, און ביי באַש-

טימטע באַדינגונגען וואקסן פון אים צום סוף אַרויס זאנגען.
אָבער מיר האָבן קיינמאָל נישט באַמערקט, אַז אַ זאנג זאָל
אַרויסוואקסן, א שטייגער, פון רויג פון אַ זשאבע, אָדער פון א
שטיקל קאַלעך. און אזוי אַרום אונטערליגט יעדע זאַך אין
דער נאַטור, אָנהייבנדיק פון דער באַוועגונג פון די גיגאנטישע
פּלאַנעטן און ענדיקנדיק מיט קערנדלעך אָדער שוואָמען, אונטער
אַ געוויסער סיסטעמאַטישקייט, אָדער, ווי מען זאָגט, אַ געוויי-
סער געזעצמעסיקייט. דאָס זעלבע באַמערקן מיר אויך
אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן, ד״ה. אינם לעבן פון דער מענטש-
לעכער געזעלשאַפט. ווי קאָמפּליצירט, ווי פאַרשידנאַרטיק
ס׳לעבן זאָל נישט זיין, דאָך באַמערקן מיר און זעען אין אים
אַ געוויסע געזעצמעסיקייט. צ. ב., אומעטום, ווו עס אַנטוויקלט
זיך דער קאַפּיטאַליזם (אין אַמעריקע אָדער יאַפּאַן, אין אַפריקע
אָדער אויסטראַליע), וואקסט און פאַרשפרייט זיך דער אַרבעטער
קלאַס, באַווייזט זיך אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג, ס׳פאַרשפרייט
זיך די טעאָריע פון מאַרקסיזם. צוזאַמען מיטן וווקס פון דער
פּראָדוקציע, וואַקסט אויך די „גייסטיקע קולטור״: די צאָל פון
די מענטשן, וואָס קענען שרייבן און לייענען. אין דער קאַפּי-
טאַליסטישער געזעלשאַפט אַנטשטייען אין געוויסע צייטן קריזיסן,
וועלכע גייען כסדר צוזאַמען מיטן אויפשווונג פון דער אינ-
דוסטריע, פונקט אַזוי ווי דער טאָג פאָלגט נאָך דער נאַכט.
ווען ס׳ווערט געמאַכט וואָסערע-עס-איז גרויסע דערפינדונג, וואָס
מאַכט אַן איבערקער אין דער טעכניק, בייט זיך אויך שנעל
דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן. אָדער לאָמיר נעמען
אַזעלכע ביישפילן: מיר ווילן אנציילן די צאָל פון די גע-
בוירענע אין אַ יאָר אין וואָסער-עס-איז לאַנד, און מיר ווילן
זעען, אַז אין צווייטן יאָר וועט די פאַרמערונג פון דער באַפעל-
קערונג, לויט די פּראָצענטער, זיין די זעלבע. לאָמיר אויסרע-
כענען די צאָל פון ביער, וואָס ווערט אויסגעטרינקען אין ביירן
אין אַ יאָר, ווילן מיר זעען, אַז די דאָזיקע צאָל, מער-ווייניק
אַ סטאַביליע, וועט זיך פאַרגרעסערן מיטן צוּוווקס פון דער
באַפעלקערונג. ווען ס׳וואָלט נישט געווען קיין שום סיסטעמאַ-

טישקייט, קיין שום געזעצמעסיקייט, דעמאָלט, פארשטענדלעך, וואָלט מען גאָרנישט געקענט פאָרויסזען, גאָרנישט טון. היינט האָט דער טאָג באַכגעפאָלגט דער נאכט, און נאָכדעם, קען זיין, וועט אַ גאַנץ יאָר נישט זיין ליכטיק. היינטיקעס יאָר האָט ווינטער געשנייעט, אין צווייטן יאָר וועלן וואַקסן פּאָמעראַנצן. אין ענגלאַנד האָט זיך צוזאַמען מיטן קאַפּיטאַליזם אנטוויקלט דער אַרבעטער-קלאַס, און אין יאפּאַן וועט זיך, אפשר, פאַרגרעסערן די צאָל פון די גוט=באַזיצער. היינט באַקט מען ברויט אין אַן אויוון, און — פון וואָס מאַכט נישט דער טייוול חוזק! — ס'קען גאָר זיין, אַז ער זאָל גאָר אָנהייבן וואַקסן אויף יאָדלע ביימער.

אָבער אין דער ווירקלעכקייט דענקט קיינער נישט אַזוי, ווייל אַלע אַנערקענען געוויס, אַז ברויט וועט נישט וואַקסן אויף ביימער. אַלע באַמערקן, אַז אי אין דער נאַטור, אי אין דער געזעלשאַפט איז פאַראַן אַ באַשטימטע סיסטעמאַטישקייט, אַ באַשטימטע געזעצמעסיקייט. אויפצווייזן די דאָזיקע אָרדנונג — דאָס איז די ערשטע אויפגאַבע פון דער וויסנשאַפט.

די דאָזיקע אָרדנונג (געזעצמעסיקייט) אין דער נאַטור און געזעלשאַפט איז פולשטענדיק אומאָפּהענגיק פון דעם צי די מענטשן אַנערקענען דאָס, צי נישט. מיט אַנדערע ווערטער: דאָס איז אַן אָביעקטיווע (אומאָפּהענגיק פון דעם מענטשלעכער דערקענטניש) געזעצמעסיקייט. דער ערשטער שריט פון דער וויסנשאפט איז אויפצווייזן די דאָזיקע געזעצמעסיקייט און איר אויסצושיילן פון דעם כאַאָס פון די דערשיינונגען. מאַרקס האָט געזען אַ סימן פון וויסנשאַפטלעכער ידיעה אין דעם, וואָס זי גיט „גאַנצקייט פון אַ סך דערשיינונגען און באַציונגען" (Totalität in vieler Bestimungen und Beziehungen) אין קעגנזאַץ צו דער „כאַאָטישער פאָר=שטעלונג". (chaotischer vorstelung. זע: Einleitung zu einer Kritik der pol. Oekonomie S. XXXV

אלע אָנערקענען אנטשידן, אַז דער סימן פון וויסנשאַפט איז „סיסטעמאַטישקייט”, „ברענגען אין אָרדנונג”, „אָרגאַניזירן”, באַשאַפן א „סיסטעם”. מאַך, צ. ב., („וויסן און טעות”) באצייכנט דעם פּראָצעס פון וויסנשאַפטלעכן דענקן, ווי אַ צופּאַסונג פון די געדאַנקן צו די פאַקטן און פון די געדאַנקן צו געדאַנקן.

דער ענגלישער פּ׳אָפעסאָרק. פּירסאָן („די גראַמאַטיק פון דער וויסנשאַפט”) שרייבט: „נישט די פאַקטן בילדן די וויסנשאַפט, נאָר דער מעטאָד, מיט וועלכן זיי ווערן באַאַרבעט; די וויסנשאַפט הייבט זיך אָן מיט דער „קלאַסיפיצירונג” פון די פאַקטן, וואָס דאָס הייסט נישט א פּשוטער צונויפקלויבן נאָר אַ „סיסטעמאַטישע פאַ־ריינִיקונג”. אָבער ביי אַ ריזיקער מערהייט פון די היינטצייטיקע בורזשואַזע פילאָזאָפן באַשטייט די ראָל פון דער וויסנשאַפט נישט אין דעם אויפווייזן יענע געזעצמע־סיקייטן, וואָס עקזיסטירן אָ ב י ע ק ט י ו, נאָר אין ש אַ פ ן די דאָזיקע געזעצמעסיקייטן מיט דער הילף פון מענטשלעכן שכל. ס׳איז אָבער קלאָר, אַז דער כסדר־דיקער אָנקום פון טאָג נאָך נאַכט, די צייטן פון יאָר, די ריכטיקע ענדערונג פון די נאַטירלעכע און געזעל־שאַפטלעכע דערשיינונגען עקזיסטירן א ו מ אָ פ ה ע נ־ג י ק פון דעם, צי דאָס וויל, אָדער צי דאָס וויל נישט דער שכל פונם געלערנטן בורזשוי. די געזעצמעסיקייט פון די דערשיינונגען איז זייער אָ ב י ע ק ט י ו ע געזעצ־מעסיקייט.

§ 8. דער כאַראַקטער פון געזעצמעסיקייט. דער אַוועק־שטעל פון דער פראַגע.

אויב אין די נאַטור־ און אין די געזעלשאַפטלעכע־דער־שיינונגען באַמערקט זיך די רעגלמעסיקייט, ווען וועלכער מיר האָבן שוין פריער גערעדט, טאָ פרעגט זיך, וואָס איז דאָס פאר אַ רעגלמעסיקייט. ווען מיר האָבן פאַר זיך דעם מעכאַניזם פון אַ זייגער מיט זיין רעגלמעסיקן גאַנג, ווען

מיר זעען ווי קינציק די רעדלעך פּאַסן איינס צום צווייטן, אַ ציינדל צו אַ ציינדל, דאַן איז אונז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס עס איז אַזוי.

דער זייגער ווערט געמאַכט לויט א באַשטימטן פּלאַן; דער דאָזיקער אינסטרומענט איז געשאַפן געוואָרן פאר אַ באַשטימטן ציל, און יעדעס שרייפעלע איז אויף זיין אָרט, כּדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל. צי קומט נישט דאָס זעלבע פאר אויך אין דער נאַטור? די פּלאַנעטן באַוועגן זיך גענוי און ריכטיק אויף זייערע וועגן; די נאַטור היט אויף מיט קלוגשאַפט די באַזונדערס אַנטוויקלטע פאָרמען פונם לעבן. מ'דאַרף נאָר צוקוקן זיך צום געבוי פון דעם אויג פון וואסער-עס־איז באַשעפעניש, כדי מ'זאָל באַלט זען ווי קלוג און קינציק, ווי צוועקמעסיק ס'איז באַשאַפן דאָס אויג, און ווי אַלץ אין דער נאַטור איז צוועקמסיק: דער מוילוואורף, וועלכער לעבט אונטער דער ערד, האָט קליינע בלינדע אויגן, אָבער דערפאַר האָט ער אַ גוטן געהער; ביי די פיש, וואָס לעבן טיף אין וואַסער, אויף וועלכע דאָס וואַסער דריקט פון דרויסן, איז אויך פאַראַן אזאַ דרוק (ווען מ'נעמט זיי אַרויס פון וואַסער, פּלאַצן זיי). און אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט? צי שטעלט זיך נישט די מענטשהייט אַ גרויסן ציל — סאָציאַליזם? צי פירט נישט די גאַנצע היסטאָרישע אַנטוויקלונג צו דעם דאָזיקן גרויסן ציל?

און אויב ס'איז אַזוי, אויב אי אין דער נאַטור, אי אין דער געזעלשאַפט האָט אַלץ צילן, וועלכע זענען אונז נישט שטענדיק פאַרשטענדלעך, נאָר וועלכע פאַרפולקאָמען זיך שטענדיק, צי קען מען נישט אַלץ באַטראַכטן פונם שטאַנדפונקט פון די צילן? דעמאָלס וועלן די געזעצמעסיקייטן, וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט, פאָרשטעלן מיט זיך צילנדיקע געזעצמעסיקייטן (אָדער טעלעאָלאָגישע געזעצמעסיקייטן; (פון גריכישן: טעלאָס=ציל). דאָס איז איין מעגלעכקייט. דאָס איז איין אָוועקשטעל פון דער פראַגע וועגן כאַראַקטער פון געזעצמעסיקייט.

דער אַנדערער אוועקשטעל גייט אַרויס פון דעם, וואָס יעדע דערשיינונג האָט איר *סיבה*. די מענטשהייט דערנענטערט זיך צום סאָציאַליזם, *דערפאַר* ווייל אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז אויסגעוואַקסן דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס קען זיך נישט איינפּאַסן אין די ראַמען פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט; דער מוילוואָרף האָט אַ שוואַכע ראה און אַ גוט געהער, *דערפאַר* ווייל אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן האָט אויף די דאָזיקע באַשעפענישן געווירקט די נאַטור=סביבה, און די ענדערונגען, וועלכע זי האָט אַרויסגערופן זענען איבערגעגאַנגען בירושה, און דערביי האָבן זיך איינגעלעבט, געפּערט און געמערט אַמאַ די, וועמען ס׳איז, אַזוי צו זאָגן, געווען לייכט זיך איינצולעבן, די, וואָס זענען מער געווען צוגעפּאַסט צו דער דאָזיקער סביבה. דער טאָג ווערט פאַרביטן דורך דער נאַכט, *דערפאַר* ווייל די ערד דרייט זיך אַרום איר אַקס און זי שטעלט אונטער דער זון אַמאָל איין זייט, און אַמאָל אַ צווייטע. אין די אַלע פאַלן פרעגט מען נישט וועגן *ציל*, (מען פרעגט נישט „צוליב וואָס"?) נאָר מען פרעגט וועגן דער *סיבה* (ד. ה. מען פרעגט „פאַרוואָס?) דאָס איז דער *קויזאַליסטישער* (סיבה; אויף לאַטיין הייסט „קאַוזא" סיבה) אוועקשטעל פון דער פראַגע. די געזעצמעסיקייט פון דערשיינונגען שטעלן מיט זיך פאָר *סיבה׳דיקע* געזעצמעסיקייטן.

אין דעם באַשטייט דער שטרייט צווישן דער *קויזאַליטעט* און דער *טעלעאָלאָגיע*. דעם דאָזיקן שטרייט דאַרפן מיר לייזן פריער פאַר אַלץ.

§ 9. די טעלעאָלאָגיע בכלל און אירע קריטיק. די אימאַנענטע טעלעאָלאָגיע.

ווען מיר רעדן וועגן דער טעלעאָלאָגיע, ווי וועגן אַן אַלגעמיינעם פּרינציפּ, ד. ה. ווען מיר באַטראַכטן דעם שטאַנדפּונקט, לויט וועלכן אַלץ אין דער וועלט ליגט אונטער באַשטימטע צילן, וועט נישט שווער זיין צו פאַרשטיין די גאַנצע טפשות פון דער טעלעאָלאָגיע און אין אמתן, וואָס איז אַזוינס

ציל? דער באַגריף „ציל" דערלאָזט דעם באַגריף פון דעם, וועמ ס'שטעלט אט דעם ציל אַלס ציל, ד. ה. באַוווסטזיניק. אַ ציל עקזיסטירט נישט אָן דעם, וועמ עס שטעלט אים. דער שטיין שטעלט זיך נישט קיין שום ציל; דאָס זעלבע איז מיט דער זון, אָדער מיט אַן אַנדערן פּלאַנעט, אָדער מיט דער גאַנצער זון-סיסטעם, אָדער מיט דעם מילך-וועג. ציל איז אַ באַגריף, וואָס איז אָנווענדבאַר נאָר צו באַוווסטזיניקע לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס האָבן פאַרלאַנגען, וואָס זיי שטעלן זיך די דאָזיקע פאַרלאַנגען אין פאָרם פון ציל, און וואָס שטרעבן צו באַפרידיקן די דאָזיקע פאַרלאַנגען. (ד. ה. „דערגרייכן" זיך צו יענעם „ציל"). נאָר אַ ווילדער קען זיך אָנפרעגן וועגן ציל, וואָס עס האָט אַ שטיין אין וועג. דער ווילדער שרייבט צו אַ נשמה דער נאַטור און אַ שטיין. דעריבער הערשט ביי אים די „טעלעאָלאָגיע", און אַ שטיין ווירקט ווי אַ „באַוווסטזיניקער מענטש". די אָנהענגער פון דער טעלעאָלאָגיע זענען ענלעך, ווי צוויי טראָפּן וואַסער, צום ווילדן, ווייל ביי זיי האָט די גאַנצע וועלט אַ ציל, וואָס עפּעס אַן אומבאַקאַנטער שטעלט זיך. פון דעם דרינגט, אַז דער באַגריף ציל, צוועקמעסיקייט א. א. וו. זענען פּשוט נישט אָנווענדבאַר צו דער וועלט בכלל, און אַז די געזעצמעסיקייט פון דער-שיינונגען איז נישט קיין טעלעאָלאָגי-שע געזעצמעסיקייט.

ס'איז נישט שווער אנצוטאַפּן דעם מהות פונם שטרייט צווישן די אָנהענגער פון טעלעאָלאָגיע און קוי-זאַליטעט.

זינט יענע צייטן אָן, ווען די מענטשהייט האָט זיך צעטיילט אויף פאַרשידענע גרופּן, פון וועלכע אייניקע (די מינדערהייט) הערשן, באַפעלן, רעגירן, און די אַנ-דערע ווערן רעגירט, דערפילן די באַפעלן און וואַרפן זיך אונטער, האָבן די מענטשן אָנגעהויבן צו באַטראַכטן די וועלט לויט דעם דאָזיקן מאַסשטאַב. פונקט ווי אויף

דער ערד זענען דאָ קיסרים, ריכטער קעניגן, מיליטער-
אָנפירער א. א. וו., וועלכע דיקטירן געזעצן, משפטן,
באַשטראָפן, אזוי איז אויף דער גאַנצער וועלט כלומרשט
דאָ אַ הימלישער קיסר, אַ הימלישער ריכטער, א הימ-
לישע אַרמייע, אָנפירער (הויפּט-מלאכים). מ'האָט אָנ-
געהויבן צו באַטראַכטן די גאַנצע וועלט ווי אַ פּראָדוקט
פון ש א פ נ ד י ק ן ו ו י ל ן, וועלכער, ווי עס קומט
אים לויט דער ווירדע, באַשעפטיקט זיך מיטן פאַרויס
אנצייכענען די צילן פון זיין „געטלעכן פּלאַן". דערי-
בער האָט מען אָנגעהויבן צו באַטראַכטן די רעגלמעסי-
קייט פון דערשיינונגען פאַר אַן אויסדרוק פון אט דעם
געטלעכן ווילן. ביי דעם אַלט-גריכישן פילאזאף אַריס-
טאָטעלעס שטייט טאקי: „די נאַטור — דאָס איז אַ ציל".
דאָס גריכישע וואָרט „נאָמאָס" („געזעץ") האָט גלייכ-
טיק באַטייט אי „געזעץ פון דער נאַטור", אי „מאָראַלי-
שער געזעץ" (ד. ה. געזעץ פון מאָראַל, באַפעל) און
פשוט אָרדנונג. „מיטן פאַרברייטערן זיך פון דער אימ-
פעראַטאָרישער אליינהערשאַפט, האָט זיך די יוריספּרידענץ
פון אַלטן רוים פאַרוואַנדלט אין עפּעס אַ מין וועלטלעכע
טעאָלאָגיע, און איר ווייטערדיקע אַנטוויקלונג איז געגאַנ-
גען האַנט ביי האַנט מיט דער דאָגמאַטישער טעאָלאָגיע..
דאָס געזעץ האָט אָנגעהויבן צו באַטייטן נאָרמע (דין פון
אויפפירונג — נ. ב.), וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון אַ
העכערער מאַכט — פון אַ הימלישן קיסר אין דער טעאָ-
לאָגיע, אָדער אַן ערדישער גאָט אין דער געזעצפירונג —
און וואָס שרייבט פאַר דעם אונטערטעניקן באַשעפעניש
אַ געוויסע אויפפירונג. (ספּעקטאָרסקי: „אָטשערקי
פאָ פילאסאָפי אבשטשעסטווענניך נאַוּק". וויפּוסק I. אָב-
שטשעסטווענניאיע נאוקי אי טעאָרעטיטשעסקאיא פילאָסאָפ-
יאַ. וואַרשע 1907). אויף דער סיסטעם פון געזעצמעסי-
קייט אין דער נאַטור האָט מען אָנגעהויבן צו קוקן
ווי אויף אַ סיסטעם פון געטלעכער געזעצגעבונג. נאָך דער

באַוווסטער געלערנטער קעפּלער האָט געזאָגט, אַז די פיזישע וועלט האָט אירע פּאַנדעקטן („פּאַנדעקטן-זאַמלונג פון געזעצן פונם קיסר יוסטיניאַן). די דאָזיקע אַנשויונגען געפינען מיר אויך שפּעטער. אַזוי, צ. ב. ביי די פיזיאָקראַטן (פראַנצויזישע עקאָנאָמיסטן פון די רעוואָלוציע=צייטן), וועלכע האָבן געגעבן די ערשטע מייסטערהאַפטע שילדערונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, ווערט די געזעצמעסיקייט פון די נאַטור=דערשיינונגען און דער געזעלשאַפט אויסגעמישט מיט די געזעצן פון דער מלוכה און מיט די דעקרעטן פון די הימלישע כוחות. ביי פראַנסואַ קענע געפינען מיר אַזאַ שטעלע. „די יסודות פון די געזעלשאַפטלעכע געזעצן זענען געזעצן פון דער נאַטירלעכער אָרדנונג, וואָס זענען אַמבאַקוועמסטן פאַר דעם מענטשלעכן מין... די דאָזיקע געזעצן זענען אויף שטענדיק פעסטגעשטעלט געוואָרן דורכן באַשעפער פון דער נאַטור... דאָס אָפּהיטן די דאָזיקע... געזעצן (די „געטלעכע” און „אומבאַרירלעכע”! ג. ב.) דאַרף אונטערגעשטיצט ווערן פון דער אויפזיכטמאַכט (פ. קענע: „דער כינעזישער דעספּאָטיזם”. קאַפּיטל VIII, § 1) דאָ איז נישט שווער צו זען, ווי די געזעצן פון דער „אויפזיכט מאַכט” (ד. ה. דער בורזשואַזער פּאָליציאַנט) שטיצן זיך קונציק אויפן הימלשן „באַשעפער”, וועלכן זיי דאַרפן דינען אַלס אונטערשטיצונג.

מ'וואָלט געקאָנט ברענגען נאָך אַ סך אַנדערע ביישפּילן. זיי ווייזן אייגנס און דאָס זעלבע: דער טעאָלאָגישער שטאַנדפּונקט שטיצט זיך אויף דער רעליגיע.

לויט דער אָפּשטאַמונג איז דאָס אַ מגושמ'=דיקע און באַרבאַרישע איבערטראָגונג פון די ערדישע באַציונגען פון פאַרשקלאַפטקייט, אונטערטעניקייט, פון איין

זייט, און הערשאַפט, פון דער צווייטער זייט, אויף דער גאַנצער וועלט.

אין עצם איז דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט סותר דער וויסנשאַפטלעכער דערקלערונג און שטיצט זיך אויפן גלויבן. דאָס איז אַ ג ל ח י ש ע ר שטאַנדפּונקט, אונטער וואָסערער פאַרשטעלטער פאָרם מ׳זאָל אים נישט אונטערטראָגן.

אָבער ווי אַזוי קען מען אין דעם דאָזיקן פאַל דערקלערן אַ ריי דערשיינונגען, ווו די „צוועקמעסיקייט" וואַרפט זיך אין די אויגן? (די „צוועקמעסיקע" איינאָרדנונג פון פאַרשידענע אָרגאַניזמען, דער געזעלשאַפטלעכער פּראָגרעס, די פאַרפולקומונג פון די לעבעדיקע מינים און פון מענטש א. א. וו.). ווען מיר שטייען אויף דעם מגושמדיקן טעלעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט און ציען אַריין גאָט אין זיין „פּלאַן", דאַן דערזעט מען באַלד די טפשות פון דער דאָזיקער „דערקלערונג". דעריבער נעמט דער טעלעאָלאָגישער שטאַנדפּונקט אָן ביי טייל אַ מער סובטילערע פאָרם, — די לערע וועגן דער אַזוי גערופענער „אימאַנענטע טעלעאָלאָגיע" („צוועקמעסיקייט, וואָס ליגט א י נ ע ר ל ע ך אין די דערשיינונגען פון דער נאַטור און געזעלשאַפט").

אײדער מיר וועלן צוטרעטן צו דעם אַנאַליז פון דער דאָזיקער פראַגע, וועט נישט זיין איבעריק צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן די רעליגיעזע „דערקלערונגען". אַ קלוגער בורזשואַזער עקאָנאָמיסט (בעם-באַווערק) האָט געברענגט אַזאַ ביישפּיל. לאָמיר זיך פאָרשטעלן — שרייבט ער — אַז איך האָב אויפגעשטעלט אַ טעאָריע, (אַ לערע), וואָס דערקלערט די וועלט, לויט וועלכער די גאַנצע וועלט באַשטייט פון אומצייליקע, קליינטשיקע שרימלעך, וועמענס באַוועגונג און פאַרהאַוועטקייט פאַרורזאַכן אַלע דערשיינונגען אין דער וועלט. אָבער די דאָזיקע טייוולאָנימלעך זענען אומזעבאַר, מ׳הערט זיי נישט, זיי האָבן נישט קיין ריח און מ׳קען זיי בשום אופן נישט כאַפּן פאַרן ווייַדל. פּרוווט אָפּצולייקענען די דאָזיקע „טע-

אָריע״! מ׳קען זי נישט גלייך אָפּלייקענען, ווייל זי באהאַלט זיך אונטער דער אומזעבאַרקייט און נישט דער־קענבארקייט. אָבער דאָך זעט יעדער, אז דאָס איז טפשות, פאַרוואָס? טאַקי דערפאַר, ווייל ס׳איז נישט פאראַן קיין שום באַשטעטיקונג פון דער ריכטי־קייט פון דער דאָזיקער ,אנשווינג. אָט אַזעלכע זענען די אַלע אַזוי גערופענע רעליגעזע דערקלערונגען. זיי באַהאַלטן זיך אונטער דער נישט דערקענבאַרקייט פון געהיימע קרעפטן, אָדער אונטער דער פּרינציפּיעלער שוואַכקייט פון אונזער שכל. איינער פון די פעטער פון דער קירך האָט אַרויסגעשטעלט אַזאַ באַהויפּטונג: „איך גלייב, ווייל דאָס איז אַן אבסורד״. (Credo quia absurdum). לויט דער קריסטלעכער לערע איז גאָט איין און איינציק, אָבער אין דער זעלבער צייט זענען דאָ דריי געטער. דאָס איז אין סתירה צו דער כפל־טאַ־בעלע. אָבער מ׳זאָגט, אַז „אונזער שוואַכער שכל קען נישט פאַרשטיין דעם דאָזיקן סוד״. ס׳איז קלאָר, אַז מיט אַזעלכע חקירות קען מען פאַרדעקן יעדע טפשות, וואָסערע משוגענע נאַרישקייטן איר ווילט.

אין וואָס באַשטייט די לערע וועגן דער „אימאַנענטער טעלעאָלאָגיע״?

דאָ ווערט אָפּגעוואָרפן דער געדאַנק וועגן אַ געהיימער קראַפט, אין מגושמדיקן זין פון וואָרט. דאָ רעדט מען נאָר וועגן ציל, וועלכער ווערט בהורגה באַוווסט אין גאַנג פון די געשעענישן, וועגן ציל, וואָס ליגט אינערלעך אין דעם פּראָצעס פון אַנטוויקלונג.

מיר וועלן דאָס דערקלערן מיט אַמשל. לאָמיר זיך פאָר־שטעלן, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ געוויסן מין פון לעבעדי־קע היות. אין פאַרלויף פון דער צייט וועט ער, צוליב אַ גאַנצער רייע סיבות, זיך ענדערן, וואָס אַמאָל אַלץ מער זיך צופּאַסן צו דער נאַטור. די אָרגאַנען פון דער דאָזיקער חיה פאַרפולקאָמען זיך, ד. ה. פּראָגרעסירן. אָדער לאָמיר נעמען

די מענטשלעכע געזעלשאפט. ווי אזוי מ'זאל נישט קוקן אויף איר צוקונפט, (צי סאציאליזם צי אן אנדערע פארם) קען מען דאך נישט אפלייקענען, אז דער טיפ פון מענטש ווערט א העכערער. דער מענטש ווערט „קולטורעלער", ער „פארפולקאמט זיך" אויך, און מיר, אזוי ווי מ'דריקט זיך פייערלעך אויס וועגן דעם קיסר פון דער נאטור, „גייען אויפן וועג פון ציוויליזאציע און פראגרעס". פונקט ווי דער געבוי פון די חיות ווערט וואס אמאל מער צוועקמעסיקער, אזוי ווערט אויך די געזעלשאפט אין איר געבוי אלץ מער פולקאמער, ד. ה. מער צוועקמעסיקער. דא ווערט דער ציל (פארפולקאמונג) אנטפלעקט אינם פראצעס פון דער אנטוויקלונג. ער ווערט פריער נישט אנגעצייכנט דורך א גאטהייט, נאר צוליב באשטימטע סיבות אנטוויקלט ער זיך, ווי א רויז פון א קנאספ, צוזאמען מיט דער אנטוויקלונג פון דער קנאספ צוליב באשטימטע סיבות. צי איז ריכטיק די דאזיקע טעאריע? ניין, נישט ריכטיק. דאס איז א פארמאסקירטע און א סובטעלערע טעלעאלאגישע פלוידעריי. קודם כל מוזן מיר פראטעסטירן קעגן דעם באגריף ציל, וועלכער ווערט דורך קיינעם נישט געשטעלט. דאס איז פונקט דאס זעלבע, וואס מ'זאגט וועגן געדאנק אן די דענקנדיקע וועזנס, אדער רעדן וועגן ווינט אין דעם אנלופטיקן שטח, אדער וועגן פייכטקייט אן פליסיקייט. אין אמת'ן, ווען מענטשן רעדן וועגן ציל, וואס ליגט „אינערלעך", אנע־קענען זיי אויך, אפט שווייגנדיק, די עקזיסטענץ פון עפעס. א זייער סובטעלע און נישט אנטאפבארע „אינערלעכע קראפט", וועלכע שטעלט זיך א ציל. דער דאזיקער געהיימער כוח איז אויסערלעך ווינציק ענלעך צו יענעם גאט, וועלכן מ'שטעלט מגושמדיק פאר אלס אן אלטן מיט א באָרד און וואנסעס; אבער לויטן מהות פון דער זאך עקזיסטירט דא אויך א נישט זעעוודיקער גאט, נאר ער איז דא ארומגעשליפן פון אלע זייטן מיט הוילע כובטעלע אינסטרומענטן פונם געדאנק. אין אזא פאל האבן מיר פאר זיך די זעלבע טעלעאלאגישע טעאריע, וועלכע מיר האבן פריער אנאליזירט. טעלעאלאגיע (די לערע וועגן ציל) פירט

דאָ גלייך צו דער טעאָלאָגיע (לערע וועגן גאט). נאָר לאָמיר זיך איצט אומקערן צו דער אימאַנענטער טעלעאָלאָגיע אין איר ריינער פאָרם. צוליב דעם וועט אמבעסטן זיין צו אַנאַליזירן די אידיי פון אַלגעמיינעם פראָגרעס (אַלגעמיינע פאַרפולקאמונג), אויף וועלכער ס'שטיצן זיך מער פון אַלעם די אָנהענגער פון דער אימאַנענטער טעלעאָלאָגיע. ווי יעטוועדער איינער זעט איז דאָ שווערער אָפּצולייקענען די טעלעאָלאָגישע אַנשויונג, ווייל דאָס „געטלעכע" האָט זיך דאָ באַהאלטן אין אַ באַפעסטיקונג. דאָך איז אויך דאָ נישט שווער צו פאַרשטיין דעם ענין, ווען מיר וועלן באַטראַכטן דעם גאַנצן פּראָצעס פון אַנטוויקלונג אַלס גאַנצעס, ד. ה. באטראַכטן נישט נאָר די פאָרמען און מינים (חיות, געוויקסן, מענטשן, אונאָרגאַנישע טיילן פון דער נאַטור), וועלכע זענען געבליבן לעבן, נאָר אויך די, וועלכע זענען אונטערגעגאַנגען און וואָס גיין אונטער. צי קומט אומבאַדינגט פאר דער זעלבער באַרימטער פּראָגרעס אין באַצוג צו אַלע פאָרמען? געוויס, ניין. ס'האָבן עקזיסטירט מאמאָנטן, און היינט זענען זיי נישטאָ; אין אונזערע צייטן זענען אויסגע־שטאָרבן די זובּרעס; און אויב מיר זאָלן רעדן אין אַלגעמיין, זענען אונטערגעגאַנגען אומצאָליקע מינים פון פאַרשידענע לעבנס־פאָרמען. און מענטשן? דאָס זעלבע איז געשען אויך מיט מענטשן. ווו זענען היינט די אינקן און אצטעקן וואָס האָבן געלעבט אין אמעריקע? ס'איז קיין זכר נישט געבליבן פון זיי. ווו איז די אשורישע — בבלישע געזעלשאפט? די קרעטישע קולטור? די אַלט-גריכישע? דאָס אלטע רוים — די הערשערין פון דער וועלט? די אַלע „געזעלשאַפטן" זענען אונטערגעגאַנגען. זיי עקזיסטירן נישט. און נאָר עפּעס פון דער אומצייליקער צאָל איז געבליבן און „פאַרפולקאָמט זיך". וואָס־זשע הייסט דאָס „פּראָגרעס"? דאָס איז פשוט דער פאַקט, אַז, לאָמיר זאָגן, אויף צען טויזנט אומגינסטיקע פאר דער אַנטוויקלונג קאָמבינאַציעס (פארשידענע צו-

זאַמענטרעפונגען אין די באַדינגונגען) קומען אויס איין אָדער צוויי גינסטיקע.

ווען מיר זאָלן שטענדיק האָבן אין זינען אויסשליסלעך גינסטיקע באַדינגונגען און גינסטיקע רעזולטאַטן דעמאָלס וועט נאַטירלעך, אַלץ זיך אויסווייזן „צוועקמעסיק" און אין העכסטן גראַד וואונדערבאַר (אך! ווי וואונדערבאַר די וועלט איז באַשאַפן") נאָר די הערן אימאַנענטע טעלעאָלאָגן זעען נישט די צווייטע זייט פון דער מטבע — אומצייטיקע פאַלן, וואָס רעדן פון אונטערגאַנג. אָבער, קוים וועלן מיר אויספירן, אַז ס'זענען דאָ גוטע און שלעכטע אַנטוויקלונגס-באַדינגונגען, אַז ביי גוטע באַדינגונגען באַקומט זיך אַן אַנטשפּרעכנדער רעזולטאַט, און אין שלעכטע (וואָס טרעפן זיך עפטערס) — אַ שלעכטער, דאַן פאַרלירט דאָס גאַנצע בילד איר געטלעכן צוועקמעסיקן גלאַנץ, און ס'פאַלט אָפּ די טעלעאָלאָגישע אויסערלעכקייט.

איינער פון די רוסישע טעלעאָלאָגן, וואָס איז אַמאָל געווען אַ מאַרקסיסט, און נאָכדעם געוואָרן אַ פּראַוואָסלאַוונער גלח און פּאָגראָם-פּרעדיקער ביי גענעראַל וורא נגעל (סערגיי בולגאַקאָוו) האָט געשריבן אין זאַמלבוך „די פּראָבלעמען פון אידעאַליזם". „צוזאַמען מיטן באַגריף עוואָלוציע, ציל־אַזע און זינלאַזע אַנטוויקלונג, שאַפט זיך דער באַגריף פּראָגרעס, טעלעאָלאָגישע עוואָלוציע, אין וועלכער די קויזאַליטעט און די בהדרגהדיקע אַנטפּלעקונג פון ציל פון דער עוואָלוציע זענען איינשטימיק צווישן זיך, אַזש ביז צו אַ פולשטענדיקער אידענטישקייט, פּונקט ווי אין די מעטאַפיזישע סיסטעמען". פון דעם זעט מען בולט דעם פּסיכאָלאָגישן יכוד פון געיעג נאָך אַ טעלעאָלאָגישער וועלט-אַנשויונג. די נשמה פונם איבערגעשראָקענעם בורזשוי, וועלכער פילט זיך נישט זיכער, דורשט נאָך אַ טרייסט. דער אמתער גאַנג פון די געשעענישן געפעלט אים נישט דערפאַר, ווייל מיט אים פירט נישט אַן קיין שום רעטנדיקער שכל, קיין שום רעטנדיקער ציל.

ס'איז אַ סך בעסער זיך אָביסל צולענען נאָך אַ זאַטן מיטאָג, ווען מ'ווייסט, אַז ס'איז דאָ ווער עס זאָל זאָרגן פאַר דיר! מיר האַלטן פאַר נויטיק צו באַמערקן, אַז אויב מ'טרעפט ערגעץ־ווו ביי מאַרקס־ענגעלס פאָרמולן, וואָס זענען אויסערלעך ענלעך צו דעם טעלעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, איז דאָס נאָר אַ מעטאַפאָרישער, קינסטלעכער אופן פון אויסדרוק; ווען מאַרקס זאָגט, אַז די ווערט איז די קאָנצענטראַציע פון מוסקולן א. א. וו., קענען נאָר אַזעלכע בייזע קעגנער פון די אַרבעטער, ווי פּ. סטרוווע, משפּן זיך צו דער אויסדרוקס פאָרם און זוכן אין דער ווערט אמת'ע מוסקולן.

§ 10. טעלעאָלאָגיע און די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן.

ווען מיר האָבן גערעדט וועגן דעם טעלעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט אין דער אָנווענדונג צו דער טויטער נאַטור אָדער חיות, חוץ דעם מענטשן, דאַן איז קלאָר די נישט ריכטיקייט און טפשות פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט. ווי אַזוי קען זיין אַ צילבאַוווּסטע רעגלמעסקייט, ווען ס'איז נישט פאַראַן קיין שום ציל! אָבער די זאַך שטייט אַנדערש, ווען מיר רעדן וועגן געזעלשאַפט און מענטש. דער שטיין שטעלט זיך נישט קיין שום ציל, צי די זשיראַפע — איז אַ ספק; אָבער טאַקי דער מענטש שיידט זיך אונטער פון די אַנדערע טיילן פון דער נאַטור מיט דעם, וואָס ער שטעלט זיך אַ ציל. אָט וואָס מאַרקס שרייבט וועגן דעם אונטערשיד: „דער שפּין טוט אַן אַרבעט, וואָס דערמאָנט אָן דעם וועבער'ס אַרבעט, און די בין קען מיטן געבוי פון אירע וואַקסענע צעלן פאַרשעמען אַן אַרכיטעקט. אָבער דאָס, וואָס שיידט אונטער פון סאַמע אָנהויב אָן דעם ערגסטן אַרכיטעקט פון דער בעסטער בין — איז דער אומשטאַנד, וואָס דער אַרכיטעקט האָט די געביידע אין קאָפּ, נאָך פריער איידער ער הויבט זי אָן צו בויען. ביים סוף פון דעם אַרבעטס־פּראָצעס באַקומט זיך אַ רעזולטאַט, וועלכער האָט אין אָנהייב שוין עקזיסטירט אַלס אידעאַל, ווי אַ פאַרשטעלונג פון

אַרבעטער. דער לעצטער, נישט נאָר וואָס ער רופט אַרויס אַ פאַרענדערונג פון די נאַטור־פאָרמען, ער פאַרווירקלעכט איינצייטיק אין דער נאַטור זיין ציל, וועלכן ער אַנערקענט, וועלכער באַשטימט דעם מין און אופן פון זיין פּראַקטיק, פּונקט ווי אַ געזעץ, א ציל, פאַר וועלכן ער דאַרף אונטערוואַרפן זיין ווילן. די דאָזיקע אינטערוואַרפונג איז נישט אַ באַזונדערער אַקט (טאַט). חוץ דער אָנשטרענגונג פון די אַרבעטנדיקע אָרגאַנען, פאָדערט זיך אויף דעם גאַנצן שטח פון דער אַרבעט אַ צוועקמעסיק געריכטעטער ווילן, וועלכער אַנטפּלעקט זיך אַלס אויפמערקזאַמקייט" (מארקס „קאַפּיטאַל" I באַנד. ז. 140 דייטשע אויסגאַבע). דאָ פירט מאַרקס אַדורך אַ שאַרפע ליניע צווישן מענטש און דער איבעריקער ערדישער וועלט. ריכטיק? אוודאי, ווייל קיינער קען נישט באַשטרייטן די באַהויפּטונג, אַז דער מענטש שטעלט זיך צילן. איצט לאָמיר זען צו וואָסערע אויספירן ס'קומען די אָנהענגער פון דעם „צילבאַוווסטן מעטאָד" אין די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן. צוליב דעם צוועק וועלן מיר זיך באַקענען מיט די אָנשויונגען פון אונזער באַדייטנסטן קעגנער. דעם דייטשן געלערנטן רודאָלף שטאַמלער, וועלכער האָט אין זיין צייט פאַרעפנטלעכט אַ גרויס בוך קעגן מאַרקס'ן, אונטערן טיטל: „ווירטשאַפט און רעכט לויט דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטס אויפפאַס נג".

וואָס זענען די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן? — פרעגט ער. און ער ענטפערט: די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן בעשעפטיקן זיך מיט געזעלשאַפטלעכע (סאָציאַלע) דערשיינונגען. די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען צייכנען זיך אויס מיט באַזונדערע אייגנשאַפטן, וואָס זענען נישט פאַראַן ביי אַנדערע דערשיינונגען. דעריבער זענען נויטיק באַזונדערע (געזעלשאַפטלעכע) וויסנשאַפטן. אין וואָס זשע באַשטייט דער באַזונדערער כאַראַקטער, דער באַזונדערער סימן פון די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען? אויף דעם ענטפערט שטאַמלער אַזוי: דער סימן פון געזעלשאַפטלעכקייט באַשטייט אין דעם, וואָס די געזעל-

שאַפטלעכע דערשיינונגען ווערן רעגולירט אויף אַן אויסערלעכן אופן, און נעמלעך, מיט די נאָרמעס פון רעכט (געזעצן, דעקרעטן, באַשטימונגען, פאַראָרדנונגען א. אַ. וו.), אויב ס'איז נישטאָ די דאָזיקע רעגולירונג, איז נישטאָ קיין רעכט, אַז ס'איז נישטאָ קיין רעכט, דאַן איז אויך נישטאָ קיין געזעלשאַפט, און קוים איז יאָ פאַראַן אַ געזעלשאַפט, הייסט דאָס, אַז איר לעבן ווערט געפירט אין באַשטימטע ראַמען, ווערט איינגעאָרדענט אין זיי, ווי צעגאָסענער מעטאַל אין אַ פאָרם.

אָט איז שטאַמלער'ס גענויע פאָרמולירונג: „דער דאָזיקער (באַשטימנדיקער נ. ב.) מאָמענט איז די רעגולירונג דורך מענטשן זייער אויפפירונג און צוזאַמענלעבן, די אויסערלעכע רעגולירונג פון קאָנקרעטע מענטשלעכע באַציונגען גיט ערשט די מעגלעכקייט צו פאַרשטיין דאָס סאָציאַלע לעבן אַלס אַ באַזונדערן קעגנשטאַנד. זי איז דער לעצטער מאָמענט פון וועלכן ס'ווערט פאָרמעל צוגעפירט יעדע באַטראַכטונג פון די דאָזיקע דערשיינונגען אַלס אַזעלכע"

אָבער קוים באַשטייט דער סימן פון די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען אין דעם, וואָס זיי ווערן רעגולירט, דאַן — זאָגט שטאמלער — איז עס פולקאָם קלאָר, אַז די געזעצמעסיקייט פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן איז אַ צילבאַוווּסטע געזעצמעסיקייט. און אין אמת'ן, ווער ווערט „רעגולירט" און וואָס הייסט דאָס „רעגולירן"? מענטשן רעגולירן, שאַפנדיק באַשטימטע נאָרמען (כּללים פון אויפפירונג), כּדי צו דערגרייכן באַשטימטע צילן, וועלכע ווערן באַוווּסטזיניק געשטעלט דורך די אַלע מענטשן. פון דאַנען פאָלגט, לויט שטאַמלערן, דער געוואַלטיקער אונטערשיד צווישן דער נאַטור און געזעלשאַפט, צווישן דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג און דער אַנטוויקלונג אין דער נאַטור.

לויט שטאַמלערן איז דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן נישט מער ווי „אַ קעגנזאַץ צו דער נאַטור". און פאָלגלעך, צווישן די נאַטורוויסנשאַפטן און די געזעלשאַפט־

לעכע וויסנשאַפטן. די וויסנשאַפטן וועגן דער געזעלשאַפט זענען צוועקס-וויסנשאַפטן, די וויסנשאַפטן וועגן דער נאַטור ווערן באַטראַכט פון שטאַנדפּונקט פון סיבה און פאָלגן.

צי איז ריכטיק דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט? צי איז ריכטיק, אַז ס'עקזיסטירן צוויי מינים וויסנשאַפטן, פון וועלכע איינע דאַרף זיין ווייט פון דער אַנדערער, ווי דער הימל פון דער ערד? ניין, ס'איז נישט ריכטיק. און אָט פאַרוואָס. לאָמיר אַ ווייל מסכים זיין, אַז ס'איז ריכטיק, דאָס דער הויפּט-סימן פון דער געזעלשאַפט באַשטייט אין דעם, וואָס די מענטשן רעגולירן באַוווּסטזיניק זייערע באַציונגען מיט דער הילף פון רעכט. צי דרינגט פון דעם, אַז מיר קענען פרעגן, פ אַ ר וו אָ ס די מענטשן רעגולירן די דאָזיקע באַציונגען אין אַ געוויסער צייט און אַ געוויסן אָרט אויף אַזאַ אופן, און אין אַן אַנדערער צייט און אַן אַנדער אָרט אויף אַן אַנדערן אופן?

צ. ב.: די בורזשואַזע דייטשע רעפּובליק פון 1919—20 „רעגולירט" די געזעלשאַפטלעכע באַציונגען אַזוי, אַז זי שיסט אויס די אַרבעטער; די רוסישע ראַטן-רעפּובליק רעגולירט אַזוי, אַז זי שיסט אויס די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע קאַפּיטאַליסטן; די געזעצגעבונג פון די בורזשואַזע מלוכות שטעלט זיך אַ ציל צו פאַרשטאַרקן, פאַרברייטערן, באַפעסטיקן די ממשלה פונם קאַפּיטאַל; די דעקרעטן פון דער פּראָלעטארישער מלוכה שטעלן זיך אַ ציל צו פאַרניכטן די ממשלה פונם קאַפּיטאַל און צו פאַרזיכערן די הערשאַפט פון אַרבעט. איצט. ווען מיר ווילן וויסנשאַפטלעך פאַרשטיין, ד. ה. דערקלערן די דאָזיקע דערשיינונגען, צי וועט אונז גענוג זיין דאָס בלויזע פאַררופן זיך אויף דעם, וואָס די צילן זענען פאַרשידן? יעדער וועט פאַרשטיין, אַז געוויס, ס'איז נישט גענוג. ווייל יעדערער קען פרעגן: אָבער פ אַ ר וו אָ ס, פאַרוואָס שטעלן די מענטשן אין איין פאַל אַזעלכע צילן, און אין אַנדערן אַנדערע? און דאָס שטופּט אונז גלייך אויף דעם ענטפער: ווייל אין איין פאַל שטייט ביי דער מאַכט — דער פּראָלעטאַריאַט. און אין אַנדערן — די בורזשואַזיע; די בורזשואַזיע וויל אייגס, ווייל

אירע לעבנס-באדינגונגען רופן אין איראַרויס אַזעלכע פאַר־לאַנגען, און די באַדינגונגען פון די אַרבעטער רופן אין זיי אַרויס אַנדערע פאַרלאַנגען. מיט איין וואָרט, אַזוי ווי נאָר מיר וואָלטן געוואָלט ריכטיק פאַרשטיין די געזעלשאַפטלעכע דערשיי־נונגען, וואָלטן מיר תיכף ומיד אָנגעהויבן צו שטעלן אַ פראַגע „פאַרוואָס”? ד. ה. פרעגן וועגן די סיבות פון דער דאָזיקער דערשיינונג, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דאָ ווייזט זיך אַרויס וואָסער עס איז ציל פון מענטשן. קומט אויס, הייסט עס, ווען אַפילו די מענטשן רעגולירן אַלץ באַוווסטזיניק, און אַלץ געשעט אין דער געזעלשאַפט אַזוי ווי זיי ווילן, אַפילו דאַן איז פאַר דער דערקלערונג פון די דערשיינונגען נויטיק נישט די טעלעאָלאָגיע, נאָר די באַטראַכטונג פון די סיבות פון די דער־שיינונגען, ד. ה. אויסגעפונען די סיבהדיקע געזעצמעסיקייט. און דעריבער איז אין דער פראַגע נישט פאַראַן קיין שום אונטער־שיד צווישן די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן און די וויסנשאַפטן וועגן דער נאַטור.

אַז מ'זאָל זיך גוט אַריינטראַכטן, זעט מען באַלד, אַז אַנ־דערש קען גאָר נישט זיין. און אין דער אמתן, צי איז נישט דער מענטש אַליין און אַ באַליביקע מענטשלעכע געזעלשאַפט אַ טייל פון דער נאַטור? צי איז נישט דער מענטשלעכער מין אַ טייל פון דער לעבעדיקער וועלט? ווער עס לייקנט דאָס אָפּ, דער קען נישט דעם אלף־בית פון דער הייגטצייטיקער וויסנשאַפט. און אויב דער מענטש און די מענטשלעכע געזעלשאַפט זענען אַ טייל פון דער גאַנצער נאַטור, וואָלט עס אין העכסטן גראַד געווען אויסטערליש, ווען דער דאָזיקער טייל וואָלט געווען אַ פולשטענדיקער קעגנזאַץ צו דער גאַנצער איבעריקער נאַטור. ס'איז נישט שווער צו זען, אַז אויך דאָ באַהאַלט זיך ביי די אָנהענגער פון דער טעלעאָלאָגיע דער געדאַנק וועגן

דער געטלעכקייט פון דעם מענטשלעכן מין, ד. ה. דער זעלבער נאַיווער געדאַנק, וועלכן מיר האָבן שוין אויבן אַנאַליזירט. אַזוי אַרום האָבן מיר דאָ געזען די גאַנצע נישט אויסגעהאַלטנקייט פון דעם טעלעאָלאָגישן שטאַנדפונקט. אַפילו דאַן, ווען מיר וואָלטן נאָכגעגעבן, אַז דער הויפּט־סימן פון דער געזעלשאַפט איז די אויסערלעכע רעגולירונג (רעכט), אַפילו דאַן „טויג נישט" די טעלעאָלאָגיע.

אָבער, לויטן מהות פון ענין, איז נישט די „אויסערלעכע רעגולירונג" דער גרונט־סימן פון געזעלשאַפט. כמעט אַלע ביז הײַנט עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטן (און באַזונדערס די קאַפּיטאַליסטישע) האָבן זיך אויסגעצייכנט טאַקי מיט זייער נישט רעגולירטקייט, מיט זייער אַנאַרכיע. אין דעם סכום פון די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען האָט די רעגולירונג (וואָס האָט ווירקלעך רעגולירט אַזוי, ווי דאָס האָבן געוואָלט די געזעצגעבער), בכלל נישט געשפּילט קיין אַנטשיידענע ראָל. און אין דער צוקונפטיקער (סאָציאַליסטישער) געזעלשאַפט? דאָרטן וועט להלוטין נישט זיין קיין אויסערלעכע (רעכטלעכע) רעגולירונג. ווייל די באַוווסטזיניקע, דערצויגענע אינם גייסט פון אַרבעטער־סאָלידאַריטעט מענטשן פון דער נייער אָרדנונג, וועלן זיך נישט נויטיקן אין קיין שום אויסערלעכער אַנטרייבונג (אויספירלעך וועגן דעם אין דעם נעכסטן קאַפּיטאַל). הייסט עס, אַז אַפילו לויט דעם דאָזיקן שטאַנדפונקט טויג צו גאָרנישט שטאַמלער'ס טעאָריע, און דער איינציקער ריכטיקער מעטאָד פון וויסנשאַפטלעכער באַטראַכטונג פון די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען איז נאָר די באַטראַכטונג פון דעם שטאַנדפונקט פון סיבה־דיקייט (קויזאַליטעט).

אין שטאַמלער'ס טעאָריע דערקענט מען קלאָר די אידעאָלאָגיע פון א באַאַמטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה, אַן אידעאָלאָגיע, וואָס פּראַייביקט דאָס, וואָס איז צייטלעך. אין אמתן זענען מלוכה און רעכט פּראָדוקטן פון דער קלאַסן געזעלשאַפט, טיילן פון וועלכע געפינען זיך אין אַן אומאויפהערלעכן, טיילמאָל זייער פאַר־

ביטערטן קאַמף. ס'איז נישט קיין ספק, אַז איינער פון די באַדינגונגען פון דער עקזיסטענץ פון אַזאַ געזעלשאַפט זענען געווען די רעכטלעכע נאָרמען און די מלוכהשע אָרגאַניזאַציע פון דער הערשנדיקער קלאַס. אָבער טאַקי אין אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט דאַרף זיך דאָס בילד פולשטענדיק ענדערן. און פאָלגלעך קען מען נישט אָננעמען די היסטאָרישע טוישנדיקע באַציונג (מלוכה, רעכט) אַלס אַ פּערמאַנענטע צוגעהעריקייט פון אַ באַליביקער געזעלשאַפט. פון דער צווייטער זייט, פאַרגעסט שטאַמלער אַט דעם אומשטאַנד. זייער אָפט קומט פאָר, אַז די געזעצן און נאָרמען פון דער מלוכה=מאַכט, מיט וועלכע די הערשנדיקע קלאַס וויל דערגרייכן געוויסע רעזולטאַטן, ברענגען פאַקטיש נישט, צוליב דער סטיכישקייט פון דער אַנטוויקלונג און דער געזעלשאַפטלעכער אַנאַרכיע, דעם רעזולטאַט, וועלכער איז פריער געשטעלט געוואָרן ווי אַ ציל. דער בעסטער ביישפּיל וועט זיין די וועלט־מלחמה. און פאַקטיש, מיט דער הילף פון מלוכה'שע מאַסנאַמען (מאָביליזאַציע פון אַרמיי און פלאָט, מלחמה־טעטיקייטן אונטער דער אָנפירונג פון דער מלוכה'שער מאַכט א. א. וו.) האָט די בורזשואַזיע פון פאַרשידענע לענדער זיך געוואָלט דערשלאָגן צו גאַנץ קלאָר־באַשטימטע צילן. און וואָס איז אָבער געשען? ס'איז געשען די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע קעגן דער בורזשואַזיע. ווי אַזוי קען מען דאָס דערקלערן, לויט שטאַמלער'ס גאָטספאַרכטיקן — טעלעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט?

ס'איז קלאָר, אַז דאָס קען מען אַזוי נישט דערקלערן. און וואָס ליגט דאָ דער הויפּט טעות? דאָס, וואָס שטאַמלער שעצט איבער די „רעגולירונג" און שעצט אונטער דעם סטיכישן גאַנג פון דער אַנטוויקלונג, און דעריבער הענגט זיין גאַנצע געביידע אין דער לופטן.

§ 12. די סיבה׳דיקייט און די טעלעאָלאָגיע. די וויסנשאַפטלעכע דערקלערונג אַלס אַ סיבה׳דיקע דערקלערונג.

פון דעם פריער געזאָגטן דרינגט, אַז ווען מיר ווילן דערקלערן וואָסער-עס-איז דערשיינונג, און אויך אַ וואָסער עס איז דערשיינונג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, קומט אונז שטענדיק אומפאַרמיידלעך אויס צושטעלן די פראַגע וועגן ס י ב ה. אַלע פרוון פון אַכלומרשטער טעלעאָלאָגישער דערקלערונג זענען אין אמת׳ן נאָר די אפשפיגלונג פון דעם רעליגעזן ג ל ו י ב ן און זיי דערקלערן גאָרנישט. און אַזוי אַרום לויטעט דער ענטפער אויף דער הויפט-פראַגע: וואָס איז דאָס די געזעצמעסיקייט פון די נאַטור-און געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען? וואָס איז דאָס די רעגלמעסיקייט, וואָס מיר באמערקן אי דאָ, אין דאָרט? אי אין דער נאַטור, אי אין דער געזעלשאַפט עקזיסטירט אָביעקטיוו (ד. ה. אומאָפהענגיק פון דעם צי מיר ווילן דאָס, צי נישט) א סיבה׳דיקע געזעצמעסיקייט פון דערשיינונגען.

וואָס פאַרא סיבה׳דיקע געזעץ איז דאָס? דאָס איז אַן אומפאַרמיידלעכער, שטענדיק און אומעטום באַמערקטער צוזאַמענהאַנג פון דערשיינונגען. ווען, צ. ב., די טעמפעראַטור פון קערפער ווערט העכער, פאַרגרעסערט זיך זיין אומפאַנג; ווען מ׳וואַרימט אָן געוויס שטאַרק אַ פליסיקייט, ווערט זי פאַרוואַנדלט אין דאַמף; ווען מ׳לאָזט אַרויס אַן אומגעהויערע צאָל פאַפיר-געלט, מער וויפיל מ׳דאַרף, דאַן קומט פאָר אַן ענטווערטונג; ווען ס׳עקזיסטירט דער קאַפיטאַליזם, מוזן פון צייט צו צייט פאָרקומען מלחמות; ווען אין אַ לאַנד עקזיסטירט די קליינע פראָדוקציע צוזאַמען מיט דער גרויסער, וועט די גרויסע סוף כל סוף מנצח זיין; ווען דער פראָלעטאַריאַט הייבט אָן אַן אַטאַק אויף דעם קאַפיטאַל, ווערט זיך דער קאַפיטאַל מיט אַלע מיטלען; ווען די פראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט וואַקסט, פאַלן

די פריזן; ווען מ'ברענגט אריין אין א מענטשלעכן ארגאניזם א געוויסן סכום סם, שטארבט ער א. א. וו.

מיט איין ווארט, מ'קען זאגן, אז יעדער סיבהדיקער געזעץ דריקט זיך אויס אין דער באהויפטונג (אין א פארמול): ווען מיר האבן פאר זיך אזעלכע און אזעלכע דערשיינונגען, דאן מוזן קומען אנטשפרעכנדיקע דערשיינונגען. דערקלערן וואסער עס איז דערשיינונג, אויסגעפונען איר סיבה, הייסט אויסגעפונען אן אנדערע דערשיינונג, פון וועלכער זי איז אפהענגיק, ד. ה. דערקלערן דעם סיבהדיקן צוזאמענהאנג פון די דערשיינונגען. כל זמן דער דאזיקער צוזאמענהאנג איז נישט פעסטגעשטעלט, איז די דערשיינונג נישט דערקלערט. ווען דער דאזיקער צוזאמענהאנג איז אויסגעפונען, אנטדעקט און נאכקאנטראלירט, אז דער דאזיקער צוזאמענהאנג איז ווירקלעך א שטענדיקער, דאן האבן מיר א וויסנשאפטלעכע (סיבהדיקע, קויזאליסטישע) דערקלערונג. די דאזיקע דערקלערונג איז די איינציקע וויסנשאפטלעכע אי בנוגע די נאטור-דערשיינונגען, אי בנוגע די דערשיינונגען פונם געזעלשאפטלעכן לעבן. זי ווארפט אפ יעדע געטלעכקייט, יעדע צוציִונג פון איבערנאטירלעכע כחות, דעם גאנצן באלאסט פון די פריערדיקע צייטן, און זי עפנט א וועג פאר דעם מענטש, אז ער זאל פאקטיש באהערשן די נאטור-כוחות און די אייגענע געזעלשאפטלעכע כוחות.

קעגן דעם באגריף סיבהדיקייט און סיבהדיקן געזעץ שטעלן א טייל ארויס דעם ארגומענט, אז (ווי מיר האבן אויבן געזען) דער דאזיקער באגריף אליין איז אנטשטאנען פון א נישט ריכטיקער פארשטעלונג וועגן דער הימלישער געזעצגעבונג. אז אזוי איז דער דאזיקער באגריף אנטשטאנען, איז ריכטיק. נאר ער האט שוין גאר לאנג פארלוירן זיין זינען. אזוי קומט אויך אפט פאר אין דער שפראך. מ'זאגט, צ. ב.: די זון איז אויפגעגאנגען, די זון איז אונטערגעגאנגען, הגם זעלטן ווער ס'האלט, אז די זון גייט אין אמתן אויף צוויי אדער

פיר פיס. אָבער דאָך האָט מען פריער אַזוי „צעריינט". דאָס זעלבע איז מיטן וואָרט „געזעץ". ווען מ'זאָגט דאָס געזעץ „הערשט", אָדער „רעגירט", דאַן קען מען אונטער די דאָזיקע ווערטער בשום אופן נישט מיינען, אַז אַ חוץ צוויי דערשיינונגען (סיבה און פאָלגן) זיצט אין דער עו־שטער דערשיינונג עפּעס אַ דריטער, אַ קליינער און אומזעבאַרער גאָט, וועלכער האַלט אין די הענט לייצן. דער סיבהדיקער צוזאַמענהאַנג איז נאָר דער שטענדיק באַמערקטער צוזאַמענהאַנג פון דערשיינונגען — מער נישט. אין אַזאַ פאַרשטייין די סיבהדיקייט איז נישט פאַראַן קיין שום נישטוויסנשאַפטלעכע פינקטלעכקייט.

ליטעראַטור צום 1־טן קאַפּיטל.

ג. וו. פּלעכאַנאָוו: די גרונט־פּראָבלעמען פון מאַרקסיזם. זיינס: די קריטיק פון אונזערע קריטיקער. קאַרסאַק: רעכטלעכע געזעלשאַפט און ארבעט־געזעלשאַפט (אין זאַמלבוך „אָפּהאַנדלונגען וועגן דער רעאַליסטישער וועלט — אויפפאַסונג"; אַרטיקל קעגן שטאַמלערן.

שטאַמלער: ווירטשאַפט און רעכט. די פּראָבלעמען פון אידעאַליזם (זאַמלבוך פון די קעגנער פון מאַרקסיזם).

א. באָגדאַנאָוו: פון דער פסיכאָלאָגיע פון דער געזעלשאַפט.

מאַקס אַדלער: קויזאַליטעט און טעלעאָלאָגיע אין שטרייט וועגן דער וויסנשאַפט. זיינס: מאַרקסיסטישע פּראָבלעמען, קאַפּיטאַל זעקס: צו דער דערקענטניש פון די סאָציאַל וויסנשאַפטן.

פ. ענגעלס: אַנטי־דירונג. זיינס: לודוויג פייערבאַך.

נ. לענין: מאַטעריאַליזם און עמפּיראָקריטיציזם. מלוכה־פאַרלאַג 1920; זייט 151-167; 187-194.

קאַפּיטל 2.

דעטערמיניזם און אינדעטערמיניזם (די נויטווענדיקייט און פרייהייט פון ווילן).

§ 12. די פּראָבלעם וועגן פרייהייט אָדער נישט פרייהייט פון דעם אינדיווידועלן (איינצעלנעם) ווילן.

מיר האָבן שוין געזען, אַז אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן, פּונקט ווי אינם לעבן פון דער נאַטור, באַמערקט זיך אַ באַשטימטע געזעצמעסיקייט. דאָך קענען צוליב דעם אנטשטייען גרויסע ספקות. אין אמתן ווערן דאָך די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען געשאַפן דורך מענטשן. די געזעלשאפט באַשטייט פון מענטשן, וועלכע טראַכטן, דענקן, פילן, שטעלן זיך צילן, זענען טעטיק. איינער טוט דאָס, דער צווייטער — דאָס זעלבע, אַ דריטער — עפּעס אַנדערש, א. א. וו. און אַלס אַ רעזולטאַט האָבן מיר אַ געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג: אָן מענטשן וואָלט נישט געווען קיין געזעלשאַפט, ס'וואָלטן נישט געווען קיין געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען. איצט לאָמיר זען, וואָס עס דרינגט פון דעם. און ס'דרינגט פון דעם אָט וואָס. אויך די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען זענען געזעצמעסיק און אויב זיי זענען אַ רעזולטאט פון די מענטשלעכע טאטן, הייסט עס, אַז אויך די טאַטן פון יעטווידן איינציקן מענטשן זענען פון עפּעס אָפּהענגיק. און אזוי אַרום קומט אויס, אז דער מענטש און זיין ווילן זענען נישט פריי, און זיי זענען געבונדן, אונטערגעוואָרפן זייערע אייגענע געזעצן. ווען ס'וואָלט אזוי נישט געווען, ווען יעדער מענטש און זיין ווילן וואָלטן נישט אָפּהענגיק געווען פון עפּעס, טאָ פונוואַנען וואָלט זיך גענומען די רעגלמעסיקייט אין געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען? זי וואָלט נישט געהאט פונוואנען זיך צונעמען. זי וואָלט אינגאַנצן נישט

געוועז. דאָס פאַרשטייט יעדער. ווען יעדער מענטש וואָלט געווען אַ לאָמער, דאַן וואָלט די גאַנצע געזעלשאַפט געווען אַ געזעלשאַפט פון לאָמע: ס'וואָלט נישט געווען פונוואנען צו בילדן זיך אן אנדערע געזעלשאַפט. אָבער, פון דער צווייטער זייט, וואָס ווערט זיין מיט דער אָפּהענגיקייט פונם מענטשלעכן ווילן? צי באַשליסט נישט דער מענטש אַליין, וואָס ער וויל טון? ס'האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו טרונקען — און איך טרונק; כ'האָב געוואָלט גיין אויף אַ פאַרזאַמלונג — און כ'האָב באַשלאָסן צו גיין. אין אַ פרייען אָוונט האָבן אייניקע חברים פאָרגעלייגט צו גיין אין „פראָלעטקולט", אַנדערע האָבן גערופן אין „טערעוואָסאט" (טעאַטערן אין מאָסקווע), און כ'האָב אַליין באַשלאָסן צו גיין אין „פראָלעטקולט", כ'האָב אַליין א ו י ס ג ע ק ל י ב ן. צי איז דער מענטש נישט פריי אין זיין א ו י ס וו אַ ל? צי איז דער מענטש נישט פריי אין זיינע ט אַ ט ן? צי איז דער מענטש נישט פריי אין זיינע פאַרלאַנגען, אין זיינע ב אַ ג ע ר ן און שטרעבונגען. צי איז ער אַ ליאַלקע, אַ פּשוט שאַך־פיגור, וועמען ס'שלעפּן ביי אַ שטריקל געוויסע כוחות? צי ווייסט נישט יעדער מענטש פון זיין אייגענער דערפאַרונג, אַז ער קען אַליין באַשליסן, אויסקלויבן, טון? די דאָזיקע פּראָבלעם הייסט אין דער פילאָזאָפיע די פּראָבלעם וועגן פרייהייט אָדער נישט־פרייהייט פון מענטשלעכן ווילן. די לערע, וואָס באַהויפּטעט אַז דער מענטשלעכער ווילן איז פריי (אומאָפּהענגיק), הייסט א י נ ד ע ט ע ר מ י נ י ז ם (די לערע וועגן פרייען, אומבאַדינגטן ווילן). די לערע, וואָס באַהויפּטעט, אַז דער מענטשלעכער ווילן איז אָפּהענגיק, ליגט אונטער באַדינגונגען, איז נישט פריי, הייסט ד ע ט ע ר מ י נ י ז ם (די לערע וועגן אָפּהענגיקייט, באַדינגטקייט פון ווילן). מיר דאַרפן, אַלזאָ, אַנטשיידן, וועלכער פון די דאָזיקע צוויי שטאַנדפּונקטן איז ריכטיק.

קודם כל לאָמיר זען צו וואָס עס דערפירט דער שטאַנדפּונקט פון אינדעטערמיניזם, ווען מיר וועלן אויסדענקען ביז צום סוף. אויב דער מענטשלעכער ווילן איז פריי און איז פון

גאָרנישט אָפּהענגיק, הייסט דאָס, אַז ער איז אנסיבה׳דיק׃ אָבער, אויב עס איז טאַקי אַזוי, וואָס זשע באַקומט זיך? ס׳באַ־ קומט זיך די אַלטע, ביבלישע רעליגיעזע טעאָריע. אין אמת׳ן קומט אויס אָט וואָס: אַלץ אין דער וועלט ווערט גע־ טון לויט באַשטימטע געזעצן, אַלץ אין דער וועלט, אנהייבנדיק פון דער פאַרמערונג פון די פליי און ענדיקנדיק מיט דער זון־ סיסטעם, האָט זיינע סיבות, און נאָר דער מענטשלעכער ווילן איז נישט אונטערגעוואָרפן, ער, דער מענטשלעכער ווילן, איז עפּעס אַן איינציקער אויסנאַם. דאָ איז דער מענטש שוין נישט קיין טייל פון דער נאַטור, נאָר עפּעס אַ גאָט, וואָס שטייט העכער איבער דער וועלט. אַזוי אַרום דערפירט די לערע וועגן פרייהייט פון ווילן גלייך צו דער רעליגיע, וועלכע דערקלערט גאָרנישט, ווו ס׳איז נישטאָ קיין וויסן, נאָר אַ בלינדער גלויבן אין טייוואלים, געהיימניספולע, איבערנאַטירלעכע, זינלאזע. הייסט עס, אַז דאָ איז עפּעס נישט אין אָרדנונג. כדי אויפצופלאָנטערן דעם דאָזיקן קניפּ, דאַרף מען זיך אָפּשטעלן אט אויף וואָס. אָפט — כמעט שטענ־ דיק — פאַרטוישט מען דאָס דערשפּירן די אומאָפּהענגיקייט מיט דער אָביעקטיווער (ווירקלעכע, אומאָפּהענגיק פון באַוווסטזיין) אַ מאָפּהענגיקייט. מיר וועלן געבן אַ ביישפּיל. לאָמיר אָננעמען, אַז איר זעט אַ רעדנער אויף אַ מיטינג׃ ער נעמט אַ גלאָז וואַסער און טרינקט עס גיריק אויס. וואָס שפּירט ער, ווען ער שטרעקט אויס די האַנט נאָכן גלאָז? ער אַליין באַשליסט אויסצוטרינקען ס׳וואַסער. קיינער האָט אים נישט געצוואונגען דערצו; קיינער שלעפּט אים נישט. קיי־ נער בייט אים נישט. ער האָט דעם פולן באַוווסטזיין פון זיין פרייהייט׃ ער האָט אַליין באַשלאָסן, אַז ער דאַרף אויס־ טרינקען ס׳וואַסער, און, לאָמיר זאָגן, נישט טאַנצן.

ער האָט דעם באַוווסטזיין פון פרייהייט, אָבער צי הייסט דאָס, אַז ער האָט דאָ געטון אָן אַ סיבה, און אַז זיין ווילן איז אין אמתן אומאָפּהענגיק? ס׳הייבט זיך נושט אָן. און יעדער פאַרנונפטיקער מענטש וועט באַלד דערזען אין וואָס דאָ גייט.

ער וועט זאָגן: „דעם רעדנער׳ס האַלדז איז טרוקן געוואָרן״ וואָס־זשע הייסט דאָס? דאָס הייסט, אַז פון דעם אָנגעשטרענגטן רעדן זענען אין האַלדז פאָרגעקומען אַזעלכע ענדערונגען, וואָס האָבן אַרויסגערופן ביי דעם רעדנער דעם פאַרלאַנג צו טרינקען וואַסער. אָט דאָס איז די סיבה.

די ענדערונג אינם אָרגאַניזם (פיזיאָלאָגישע סיבה) האָט אַרויסגערופן אַ באַשטימטן פארלאַנג. און פון דעם דרינגט, אז מ׳קען נישט אויסמישן דאָס דערשפירן די פרייהייט פון ווילן, דעם געפיל פון אומאָפהענג־קייט, מיט דער אנסיבהדיקייט, מיט דער אומבאַ־דינגטלאָזיקייט פון די מענטשלעכע פארלאנגען און מעשים. דאָס זענען צוויי גאַנץ פארשידענע זאַכן, אויף זייער אויסמיש שטיצן זיך געוויינלעך כמעט אַלע אויפפאַסונגען פון די אינדעטערמי־ניסטן, וועלכע ווילן מיט אַלע כוחות אַדורכשמוגלען אַ ספּע־ציעלע „געטלעכקייט״ פון מענטשלעכן „גייסט״

איינער פון די גרעסטע פילאָזאפן, ב. שפינאָזאַ, (געשטאָרבן אין 1677), האָט געשריבן וועגן דער מערהייט פון די דאָזיקע פילאָזאָפן, אַז זיי באַטראַכטן, פולקאָם נישט ריכטיק, דעם מענטש אין דער נאַטור, ווי אַ מלוכה אין אַ מלוכה. ווייל זיי מיינען, אַז דער מענטש איז גיכער עובר אויף דער נאַטירלעכער אָרדנונג און ער ווארפט זיך איר נישט אונטער; אַז ער (דער מענטש) האָט אַן אומבאַגרעניצטע מאַכט און איז פון קיינעם נישט אָפּהענ־גיק, חוץ פון זיך זעלבסט״ (ב. שפינאָזאַ: „עטיק״ דייטשע אויסגאַבע, בערלין 1870 ז. 101). אין אמתן אַנט־שטייט אַזאַ פאַלשע פאָרשטעלונג נאָר דערפאַר, ווייל די מענטשן ווייסן נאָך נישט וועגן די אויסערלעכע סיבות פון זייערע טאַטן. (זייט 113) „אַזוי שטעלט זיך אַ קינד פאָר, אַז עס וויל פון פרייען ווילן מילך, וועלכע דער־נערט אים; ווען עס בייזערט זיך, מיינט עס, אַז עס וויל נקמה נעמען פרייוויליק; ווען עס שרעקט זיך — אַז עס לויפט (באַשליסט דאָס) פרייוויליק״ (ז. 115). לייבניץ (געשטאָרבן 1717) האָט אויך אַזוי געזאָגט,

אז אָפּט איז פון די מענטשן פאַרבאָרגן די סיבה פון זייערע טאַטן (causas... fugientes), וואָס דאָס רופט אַרויס אַן אילוזיע פון אַבסאָליוטער פרייהייט. לייבניץ האָט צוליב דעם געבראַכט אַ ביישפּיל וועגן דער מאַגנעטישער נאָדל, וועלכע, ווען זי וואָלט געקענט דענקען, וואָלט זיך אומבאַדינגט געפרייט מיט דעם, וואָס איר קומט שטענדיק אויס אויסצודרייען זיך צום צפון פּאָל.

(G .G. Leibnitii: opera omnia, tomus I, Genevae apud fratres de Tournes, MDCCLXVIII, p. 155)

עס זעלבן געדאַנק האָט אין זיינער צייט אויסגעדרוקט, פאַר זיין אַפּאָקאַליפּטישן אַנטי-סאָוויעטישן משוגעת, ד. מערעזשקאָווסקי:

„ווען אַ טראָפּן רעגן
וואָלט געדענקט, ווי דו,
וואָלט ער געזאָגט,
אַראָפּפאַלנדיק פון הויכן הימל
אין דער באַשטימטער שעה:
נישט קיין זיגלאָזע קראַפט
רעגירט איבער מיר,
פון מיין פרייען ווילן
פאַל איך אַראָפּ
אויף אַ דאָרשטיק פעלד".

אין אמת'ן אָבער לייקענען די מענטשן אינגאַנצן אָפּ אין זייער פּראַקטיק די טעאָריע וועגן פרייהייט פון ווילן. ווייל, אויב דער מענטשלעכער ווילן וואָלט פון גאָרנישט נישט געווען אָפּהענגיק, וואָלט ער דעמצופאָל גאָרנישט געקענט טון, ווייל מ'וואָלט קיינמאָל נישט געקענט אויסרעכענען, פאָרויסזען.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז דער כפּעקולאַנט גייט אין

מאַרק אַריין. ער ווייסט, אַז דאָרטן האַנדלט מען און מען דינגט זיך, אַז יעדער פאַרקויפער פאָדערט וואָס מער, אַז די קויפערס שטרעבן צו קויפן וואָס ביליקער א. אַ. וו. אָבער ער ריכט זיך נישט, אַז די מענטשן וועלן אַרומקריכן אויף אַלע פיר און וואָיען ווי די וועלף. מ'וועט זאָגן, אַז דאָס איז אַ נאַרישער משל. ס'הייבט זיך גאָרנישט אָן.

לאָמיר אים אַנאַליזירן ווי ס'געהער צו זיין. פאַרוואָס וועלן די מענטשן נישט אַרומקריכן אויף אַלע פיר? דערפאַר, ווייל דאָס ליגט נישט אין זייער נאַטור. וואָס הייסט דאָס? דאָס הייסט, אַז אַזוי איז געבויט זייער אָרגאַניזם. אָבער די קלאַונען קריכן דאָך יאָ אויף אַלע פיר! יאָ, דערפאַר, ווייל דאָרטן ווערט זייער ווילן באַשטימט דורך אַנדערע באַציונגען, און ווען דער ספּעקולאַנט גייט אין צירק אַריין, ווייסט ער פאָרויס, אַז דאָרטן וועלן מענטשן קריכן אויף אַלע פיר „טראָץ דער נאַטור". פאַרוואָס ווילן די קונים קויפן ביליקער? טאַקי דערפאַר, ווייל זיי זענען קונים. זייער לאַגע אַלס קונים „צווינגט" זיי צו זוכן ביליקע סחורות, אין דער דאָזיקער ריכטונג פירט זיי זייער ווילן, זייער פאַרלאַנג, זייערע טאַטן. און ווען דער זעלבער מענטש וואָלט געווען אַ סוחר? וואָלט ער געטון פאַרקערט. ער וואָלט זיך געסטאַרעט צו פאַרקויפן וואָס טייערער. קומט, אַלזאָ, אויס, אַז דער ווילן איז לגמרי נישט אומאָפּהענגיק, נאָר ווערט באשטימט דורך אַ ריי סיבות, און די מענטשן וואָלטן נישט געקענט עפּעס טון, ווען ס'וואָלט געווען אַנדערש.

איצט וועלן מיר צוגיין צום ענין פון דער אַנדערער זייט. יעדן איינעם איז באַקאַנט, אַז ביי אַ שכּורן אַנטשטייען „נאַרישע" פאַרלאַנגען און ער טוט אַן „נארישע" זאַכן. זיין ווילן ווירקט אויף אַן אנדערן אופן ווי ביי אַ ניכטערן. פאַרוואָס? די סיבה איז — די פאַרגיפטונג מיט אַלקאָהאָל. מ'דאַרף נאָר אַריינברענגען אַ באַשטימטע פּאָרציע פון דעם דאָזיקן שטאָף אינם מענטשלעכן אָרגאַניזם, און דער „געטלעכער ווילן" הייבט אָן צו מאַכן

אַזעלכע קונצן, אַז די הייליקע מעגן זיך אָפּטראָגן. די סיבה איז דאָ קלאָר. אָדער אַן אנדערער ביישפּיל: מ'שפּייזט אַ מענטש מיט געזאַלצענע זאַכן. דענצמאָל הייבט ער אומפאַרמיידלעך אָן „פּרייוויליק" צו וועלן טרינקען אַ סך מער ווי געוויינלעך. הייסט עס, האָבן מיר אויך דאָ אַ קלאָרע סיבה. נו, און ווען יענער מענטש שפּייזט זיך „נאָרמאַל", דאַן טרינקט ער א „נאָרמאַלן" סכום וואסער: אים פארגלוסט זיך צו טרינקען, פּונקט ווי „ס'פאַר-גלוסט זיך" אַנדערע. הייסט עס, אז אויך אין דעם דאָזיקן פאַל איז דער ווילן גלייך אָפּהענגיק, פּונקט ווי אין „אומגע-וויינלעכע" פאַלן. דער מענטש פאַרליבט זיך, ווען דער אָרגאַ-ניזם איז ביי אים רייף געוואָרן. נאָך אַ שטאַרקער דערשעפּונג גיט זיך דער מענטש איבער אַ „פינצטערער פאַרצווייפלונג". מיט איין וואָרט: דער געפיל און ווילן פון מענטש זענען אָפּהענגיק פון צושטאנד פון זיין אָרגאַניזם און פון דער סביבה, אין וועלכער ער (דער מענטש) געפינט זיך.

זיין ווילן, פּונקט ווי אַלץ אין דער נאַטור. ליגט אונטער באַשטימטע סיבות, און דער מענטש איז נישט קיין אויסנאַם פון דער איבעריקער וועלט. צי ס'פאַרגלוסט זיך דעם מענטש צו קראַצן זיך אונטערן אויער (ס'האָט זיך געמאַכט א קליין בלאָ-טערל), צי ער באַגייט אַ העלדנטאַט — אַלץ איינס. אויף דעם זענען דאָ סיבות; אמת, טיילמאָל איז שווער אויסצוגעפינען די דאָזיקע סיבות, אָבער דאָס איז שוין אַן אנדערע פראַגע. אָבער צי האָבן מיר שוין אויסגעפונען אַלע סיבות אינם געביט פון דער טויטער נאַטור? כמעט ווי גאָרנישט. אָבער פון דעם, וואָס די מענטשן האָבן נאָך נישט אַלץ דערקלערט, דרינגט כלל נישט, אַז דאָס קען מען לגמרי נישט דערקלערן. מ'דאַרף באַמערקן, אַז דעם געזעץ פון סיבהדיקייט ליגן אונטער, ווי מיר האָבן גע-זען, נישט נאָר „נאָרמאַלע" (געוויינלעכע) פאַלן. עס ליגן אים אונטער אַלע דערשיינונגען. אַלס בולטסטער ביישפּיל קענען דינען גייסטיקע קראַנקהייטן. ס'דאַכט זיך, וואָסערע געזעצמעסי-

קייט, וואָסערע „אָרדנונג" האָבן צוזאַמענהאַנגלאָזע, זינלאָזע, אויס-
טערלישע און ווּנדערלעכע פארלאַנגען און טאַטן פון גייסטיק-
קראַנקע און משוגעים? און פונדעסטוועגן האָבן זיי זייערע
סיבות. איבער אַזעלכע סיבות פירן זיך די משוגעים אַזוי אויף,
איבער אַנדערע — אַנדערש א. א. וו.

הייסט עס, אפילו אין פאַל פון משוגעת בלייבט די סיבה־דיקע
געזעצמעסיקייט אין איר פולער קראַפט.

אויף דעם באַזירט די קלאַסיפיקאַציע פון גייסטיקע
קראַנקהייטן. זייערע סיבות ווערן פאררעכנט אין פיר
רובריקעס:

1) ירושה (סיפיליס, טובערקולאָז א. א.)

2) קערפערלעכע קלעפּ.

3) פארגיפטונגען.

4) פאַרשידענע דערשעפנדיקע ווירקונגען און דער-
שיטערונגען. (זע סערבסקי: די גייסטיקע קראַנקהייטן, אין
גראַנאַטס ענציקלאָפּעדישן ווערטערבוך). אָט האָבן מיר
צ. ב. א בילד פון „ווייסן פיבער". די קראַנקע דאַכט זיך,
אַז מ'פלאַנעוועט עפעס נישט גוטעס פאַר זיי, אַז אַלע
אַרומיקע נעמען אנטייל אין דער פאַרשווערונג, צו וועל-
כער עס שטייען צו נישט נאָר די שכנים, נאָר אויך די
שטוב-חיות און די טויטע זאַכן"... (א. בערנשטיין: „ווייי-
סער פיבער"). דער ווייסער פיבער אַנטשטייט אויפן באָדן
פון אַלקאָהאָליזם. און אָט צ. ב. ביי א פּראָגרעסיוון פּאַ-
ראַליזש (פאָלגן פון סיפיליס) אַן אַנדער „בילד פון קראַנק-
הייט". צום ערשטן — אַ גייסטיקע צערודערונג, לייכט-
זיניקייט, ציגישע מאַטן, לייכטגלויביקייט: די צווייטע
שטופע — אַ משוגענע. (גרויסקייט מאַניע: דעם קראַנקן
דאַכט זיך, אַז ער האָט מיליאַרדן מיליאָנען גילדן, אַז ער
איז אַ קעניג א. א. וו.). די דריטע שטופע — אַלגע-
מיינער אַראָפּפאַל. (פ. ראָזנבאַך: פּראָגרעסיווער פּאַראַליזש.
בראָקהאַוז'ס ענציקלאָפּעדישער ווערטערבוך, ב. 49). בעת
דער קראַנקהייט פון אייניקע טיילן פונם געהירן אָדער

פון דעם נערוון-סיסטעם, ווענדט זיך דער ווילן אין איין ריכטונג, בעת אַנדערע קראַנקהייטן — אין אַ צווייטער א. א. וו. אויף דער אָפּהענגיקייט פון דעם גייסטיקן לעבן פון באַשטימטע סיבות, שטיצט זיך די מעדיצינישע פּראַקטיק אינם געביט פון די נערוון-קראַנקייטן.

מיר האָבן בכיון געבערענגט די פאַרשידנאַרטיקע ביישפּילן. באַטראַכטנדיק זיי זעט מען, אַז ביי אַלע באַדינגונגען, סיי געוויינלעכע, סיי אומגעוויינלעכע, אין נאָרמאַלע און אומנאָרמאַלע פאַלן, האָט דער ווילן, געפילן, טאטן פון דעם איינצעלנעם מענטש שטענדיק אַ באַשטימטע סיבה; זיי זענען שטענדיק באַדינגטע (דעטערמינירטע), באַשטימטע.

די לערע וועגן דער פרייהייט פון ווילן (אינדעטערמיניזם) איז אין אמתן אַ סובטעלע פאָרם פון האַלברעליגעזע אנשויונגען, וועלכע דערקלערן גלייך ווי גאָרנישט, זענען סותר אַלע פאַקטן פונם לעבן. האַמעווען נאָר די וויסנשאַפטלעכע אַנטוויקלונג. דער איינציקער ריכטיקער שטאַנדפּונקט איז דער דעטערמיניזם

§ 13, די רעזולטאַטן פון אינדיווידועלע ווילנס אין אַ נישט-אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט.

ס'ליגט נישט אונטער קיין שום ספק, אַז די געזעלשאַפט באַשטייט פון איינצעלנע מענטשן, און די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען לייגן זיך צונויף פון אַ גרויסן סכום פון אינדיווידועלע געפילן שטימונגען, ווילנס, טאטן. אַ געזעלשאפטלעכע דערשיינונג איז, מיט אַנדערע ווערטער, אַ רעזולטאַט (אָדער, ווי מ'זאָגט טיילמאָל, אַ רעזולטאַנט", אַ גלייכווירקנדיקע) פון אינדיווידועלע טאַטן.

אַ זייער גוטער ביישפּיל וועט דאָ זיין דער ביישפּיל וועגן פּרייז. אין מאַרק אַריין גייען סוחרים און קונים. די ערשטע האָבן סחורה, די אַנדערע — געלט. יעדער איינער פון די פאַרקויפער און קויפער וויל דערגרייכן באַשטימטע צילן: יעדער איינער פון זיי שעצט אויף אַ באַשטימטן אופן די סחורה און ס'געלט, וועגט אָפּ, רעכנט אויס, קעמפט און רייסט זיך

אַרום, אַלס רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן יריד שאַפט זיך דער מאַרק-פרייז. דאָס איז שוין נישט דאָס, וואָס עס טראַכט זיך דער איינצלנער קונה אָדער סוחר, דאָס איז שוין אַ געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג, וואָס איז אַנטשטאַנען אַלס אַ רעזולטאַט פון קאַמף פון פאַרשידענע „ווילנס“. דאָס זעלבע, ווי מיטן פרייז, קומט פאָר מיט אַלע אַנדערע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען. לאָמיר נעמען, צ. ב., די עפּאָכע פון רעוואָלוציע.

עס זענען טעטיק מענטשן מער ענער ישע און ווינציקער ענערגישע; איינע איבן אויס אַ דרוק אין דער ריכטונג, אַנדערע אין יענער. פון דעם קאַמף פון מענטשן שאַפט זיך סוף כל סוף, נאָכן „זיג פון דינר רעוואָליוציע“. אַ נייע אָרדענונג, אַ נייעזאַך-לאַגע. „באַשטימטע געזעלשאַפטלעכע באַציונגען“ האָט מאַרקס געשריבן — זענען פונקט אַזעלכע פּראָדוקטן פון מענטשן, ווי לייוונט, פלאַקס א. א. (ק. מאַרקס: „דער עלנט פון דער פילאָזאָפיע“). אָבער דאָ קענען זיין צוויי פאַרשידענע פאַלן, וועלכע זענען שטאַרק פאַרשידן. די דאָזיקע צוויי באַזונדערע פאַלן זענען: דער ערשטער, ווען מיר האָבן נישט קיין אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט צ. ב, א פשוטע האַנדלס-אָדער קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט; דער צווייטער — ווען מיר האָבן אַן אָרגאַניזירטע, סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. פריער וועלן מיר אַנאַליזירן דעם ערשטן פאַל. צו דעם צוועק וועלן מיר נעמען דעם טיפּישסטן ביישפּיל, וועלכן מיר האָבן שוין געברענגט. דעם ביישפּיל וועגן שאַפן א פרייז. אין אַ וואָסער באַציונג שטייט דער פרייז, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויפן מאַרק, מיט די פאַרלאַנגען, מיט דער אָפּשאַצונג און שטרעבונגען, וואָס עס האָט געהאַט יעטוועדע פּערזאָן, וואָס איז געווען אויפן מאַרק? ס'איז קלאָר, אַז ער, דער פרייז, דעקט זיך נישט מיט די דאָזיקע פאַרלאַנגען און פאַר אַ סך מענטשן איז ער פשוט אַ רואינירנדיקער: צנטוועדער פאַר די, וואָס קענען נישט פאַר „דעם פרייז“ גאָרנישט קויפן און זיי גייען אַוועק מיט זייערע פאָר גראָשן און ליידיקע מאגנס; אדער פאַר די, וואָס ווערן רואינירט

דערפאַר, ווייל דער פּרייז איז פאַר זיי אַ צו-ני־דעריקער. יעטוועדער איינער ווייסט, אַז אַ מאַסע בעלי-מלאכות, קליינהענדלער און באַלבאַטימלעך איז רואינירט געוואָרן דערפאַר, ווייל די פאַבריקאַנטן האָבן פאַרפלייצט דעם מאַרק מיט זייערע ביליקע סחורות, און דאָס קליינוואַרג איז אונטערגעגאַנגען, האָט נישט געקענט אויסהאַלטן דעם קאַמף און דעם אנגריף פון די ביליקע פרייזן, וואָס יוערן פעסטגעשטעלט אונטער דער ווירקונג פון דער גרויסער מאַסע געוואָרפענע דורך די גרויסע קאַפּיטאַליסטן סחורות. אויבן האָבן מיר געבּרענגט אַן אַנדערן כאַראַקטעריסטישן ביישפּיל, דער ביישפּיל מיט דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, ווען אַ סך קאַפּיטאַליסטן אין פאַרשידענע לענדער האָבן געוואָלט רויבן, און ס'איז גאָר אויסגעקומען רואינירונג. און פון דער דאָזיקער רואינירונג איז געבוירן געוואָרן די רעוואָליוציע קעגן די קאַפּיטאַליסטן, וועלכע האָבן, פאַרשטייט זיך, דאָס גאָרנישט געוואָלט. וואָס באַטייט דאָס אַלץ? דאָס באַטייט, אַז אין אַ נישט-אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט, ווו ס'איז נישטאָ קיין פּלאַנמעסיקע פּראָדוקציע, ווו ס'זענען פאַראַן קעמפנדיקע קלאַסן, ווו אַלץ ווערט געטון נישט פּלאַנמעסיק, נאָר ס ט י כ י ש, אַז אין אַזאַ געזעלשאַפט, איז דאָס, וואָס ס'געשעט (געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג), נישט אין הסכם מיט דעם, וואָס אַ סך ווילן. אָדער, ווי מאַרקס און ענגעלס האָבן זיך אָפט אויסגעדרוקט, די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען זענען א ו מ אָ פּ ה ע נ ג י ק פון באַוווסטזיין, געפיל און ווילן פון די מענטשן. די דאָזיקע „אומאָפּהענגיקייט פון ווילן פון די מענטשן" באַשטייט נישט אין דעם, וואָס די געשעענישן פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן קומען פאָר ט ר אָ ץ די מענטשן, נאָר אין דעם, וואָס אין אַ נישט אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט, ביי אַ סטיכישער אַנטוויקלונג, איז דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקט פון דעם ווילן (די ווילנס) נישט אין הסכם מיט די צילן, וואָס אַ סך מענטשן האָבן זיך געשטעלט, און טיילמאָל איז ער גלייך ס ו ת ר די דאָזיקע צילן. (אַ מענטש האָט געוואָלט רייך ווערן, און צום סוף איז ער גאָר רואינירט געוואָרן)

א גאַנצע רייע פאָרווערפן קעגן מאַרקסיזם שטיצט זיך אויף דער נישט פאַרשטענדניש וועגן וואסערער „אומאָפהענגיקייט פון ווילן" מאַרקס און ענגעלס רעדן. ס'וועט נישט איבריק זיין צו ציטירן דאָ א פּאָר ווערטער פון ענגעלס'ס „ליודוויק פייערבאַך" (דריטע דייטשע אויסגאַבע). אין דער געשיכטע „געשעט נישט קיין שום זאַך אָן אַ באַוווסטזיניקער כונה, אָן אַ געווינטשטן ציל".

„דאָך ווערט זייער זעלטן פאַרווירקלעכט דאָס געוואלטע; אין מיינסטן פאַל קרייצן זיך און קעמפן צווישן זיך אַ מענגע פארלאַנגען און ציל'ן... און אַזוי אַרום ברענגען די צוזאַמענשטויסן פון באַזונדערע ווילנס און באַזונדערע טאטן אויף דער היסטאָרישער אַרענע צו אַזאַ צושטאַנד, וואָס איז פולקאָם אַנאלאגיש צו די דערשיינונגען, וואָס הערשן אין דער אומבאַוווסטזיניקער נאַטור. די ציל'ן פון די טאַטן זענען אַרויסגעטרעטן ווי פארלאנגען, אָבער די רעזולטאַטן, וואָס האָבן אין אמתן נאכגעפאָלגט די דאָויקע טאַטן, זענען נישט געווען לויט די פאַרלאַנגען, אָדער, אויף וויפיל ווי אַנטשפּרעכן לפנים די געווינטשטע ציל'ן, האָבן זיי סוף כל סוף גאָר אַנדערע פאלגן, ווי די, וואָס זיי האָבן געוואָלט". (ז. 44).

די מענטשן שאַפן זייער געשיכטע, וואָסער ס'זאָל נישט זיין איר רעזולטאַט; דערביי פאַרפאלגט יעטוועדער איינער זיינע אייגענע, באוווסטזיניק געשטעלטע ציל'ן; די רעזולטאַנטן פון די דאָזיקע ווירקנדיקע און פאַרשידענע ריכטונגען, ווילנס, און זייער פאַרשידנאַרטיקער איינפלוס אויף דער אויסערלעכער וועלט — דאָס איז געשיכטע. . אָבער... די אין דער געשיכטע עקזיסטירנדיקע מענגעס פון איינצלנע ווילנס רופן גרעסטנטייל אַרויס גאָר אַנדערע, אָפט גאָר קעגנזעצלעכע רעזולטאַטן, ווי די, וואָס זיי האָבן געוואָלט האָבן"... (ז. 45–44).

פון דעם אויבנגעזאָגטן דרינגט, אַז אין אַ נישטאָרגאַניזירטער געזעלשאַפט, פונקט ווי אין יעדער געזעלשאַפט, קומען

די געשעענישן פאַר נישט טראַץ, נאָר דורך דעם ווילן פון די מענטשן. אָבער דאָ הערשט איבער דעם איינצלנעם מענטשן אַן אומבאַוווסטזיניקע סטיכיע, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון איינצלנע ווילנס. איצטער וועלן מיר לענקן אונזער אויפמערקזאַמקייט אט אויף דעם אומשטאַנד.

נאָך דעם ווי ס'באַקומט זיך אַזאַ אָדער אַנדערער געזעלשאַפטלעכער רעזולטאַט פון באַזונדערע ווילנס, באַשטימט דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכער רעזולטאַט די אויפפירונג פון דעם איינצלנעם מענטש. די דאָזיקע באַהויפטונג דאַרף מען אונטערשטרייכן, ווייל זי האָט אַ זייער וויכטיקע באַדייטונג.

מיר וועלן אָנהייבן פון דעם ביישפּיל, וועלכן מיר האָבן שוין צוויי מאָל געבראַכט, מיט דעם שאַפן פון פּרייז. לאָמיר אָננעמען, אַז אַ פונט מייערן קאָסט אויפן מאַרק אַזוי פיל און אַזוי פיל. ס'איז קלאָר, אַז סיי די נייע קונים, סיי די נייע סוחרים, רעכענען זיך מיט דעם דאָזיקן פּרייז, שטיצן זיך אויף אים אין זייערע אויסרעכענונגען. מיט אַנדערע ווערטער: אַ געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג (פּרייז) באַשטימט איינצלנע (אינדיווידועלע) דערשיינונגען (אפשאַצונג). דאָס זעלבע קומט פאָר אויף אַלע אַנדערע געביטן פון לעבן. אן אנהייבנדיקער מאָלער שטיצט זיך אין זיין שאַפן אויף דער פריערדיקער אַנטוויקלונג פון דער קונסט און אויף די סיבה'דיקע געזעלשאַפטלעכע געפילן און שטרעבונגען.

פון וואָסער שטאַנדפונקט גייט אַרויס אַ פּאָליטיקער? פון דער סביבה, אין וועלכער ער ווירקט: ער קען וועלן באַפעסטיקן די עקזיסטירנדיקע אָרדנונג, אָדער זי אונטערברעכן. דאָס ווענדט זיך אויף וועמענס זייט ער שטייט, אין וואָסערער ספערע ער לעבט, אויף וואָסערער געזעלשאַפטלעכער קלאַס און אייף וועמענס געזעלשאַפטלעכע פאַרלאַנגען ער שטיצט זיך. הייסט עס, אַז אויך זיין ווילן ווערט באַשטימט דורך די געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען.

אויבן האָבן מיר געזען, אַז אין אַ נישט אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט קומט סוף כל סוף אַרויס גאָרנישט דאָס — און טיילמאָל עפּעס אַנדערש — וואָס מענטשן האָבן געוואָלט. מ׳קען דאָ זאָגן, אַז „דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקט (געזעלשאַפט־לעכע דערשיינונג) הערשט איבער די מענטשן. און נישט נאָר אין דעם זין, וואָס ער באַשטימט די אויפפירונג פון מענטשן, נאָר אויך אין דעם, וואָס ער גייט להיפוך זייערע פּאַר־לאַנגען.

אין אַזוי קענען מיר בנוגע דער נישטאָרגאַניזירטער געזעלשאַפט פעסטשטעלן אַזעלכע באַהויפּטונגען:

1. געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען באַקומען זיך דורכן קרייצן זיך פון אינדיווידועלע ווילנס, געפילן טאַטן.

2. געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען באַשטימען אין יעדן מאָמענט דעם ווילן פון איינצלנע מענטשן.

3. געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען דריקן נישט אויס דעם ווילן פון איינצלנעם מענטשן, געוויינלעך גייען זיי להיפוך דעם דאָזיקן ווילן. הערשן מיט געוואַלט איבער אים, אַזוי אַז יעט־ווערער איינצלנער מענטש פילט אָפט אויף זיך דעם דרוק פון דער געזעלשאַפטלעכער סטיכיע.

(צ. ב. אַ רואינירטער סוחר, אַ קאַפּיטאַליסט, אַן אָנהענגער פון מלחמה, וואָס איז אומגעקימען דורך דער רעוואָלוציע א. א. וו.).

§ 14. דער קאָלעקטיוו־אָרגאַניזירטער ווילן (רעזולטאַנטן פון אינדיווידועלע ווילנס אין אַן אָרגאַניזירטער, קאָלעקטיווער געזעלשאַפט).

איצט לאָמיר זיך פאָרשטעלן, ווי אַזוי די זאַך זעט אויס אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. דאָ הערשט שוין נישט

די אַנאַרכיע פון דער פּראָדוקציע, דאָ איז נישטאָ קיין קלאַסן, קיין קלאַסן־קאַמף, קיין סתירות פון קלאַסן-אינטערעסן א. א. וו. דאָ איז שוין אויך נישטאָ קיין סתירה צווישן די אינטערעסן פונם יחיד און דער געזעלשאַפט. דאָ האָבן מיר נאָר אַ פּריוואַט־לעכן קבוץ פון פּראָדוצירער, וואָס אַרבעטן פאַר זיך לויט אַ באַשטימטן פּלאַן. ווי־זשע זעט דאָ אויס דער אינדיווידועלער ווילן? ס'איז גאַנץ קלאָר, אַז אויך דאָ באַשטייט די געזעלשאַפט פון מענטשן, אַזוי אַז אַ געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג אַנטשטייט אַלס אַ רעזולטאַנט פון אינדיווידועלע ווילנס. אָבער דער כאַראַקטער פון דער דאָזיקער אַנטשטייונג, דער אופן, לויט וועלכן ס'באַקומט זיך דער דאָזיקער רעזולטאַנט, איז גאַנץ אַנדערש פון דעם, וואָס קומט פאָר אין אַ נישט=אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט. כדי מ'זאָל גענוי פאַרשטיין דעם חילוק, וועלן מיר ברענגען נאָך איין ביישפּיל. שטעלן מיר זיך פאָר א געזעלשאַפט אָדער קרייזל פון מענטשן, וואָס זענען פאַראייניקט צווישן זיך. זיי אַלע שטעלן זיך די זעלבע צילן, צוזאַמען באַשליסן זיי די אַנטשפּרעכנדיקע פּראָבלעמען, רעכענען אויס די שוועריקייטן, וואָס שטייען פאָר, ענדלעך נעמען זיי אָן אַן אַלגעמיינעם באַשלוס און אַרבעטן אין הסכם מיט אים. זייער בשותפותדיקע טאַט און אויך זייער באַשלוס — דאָס איז שוין אַ קאָלעקטיווער „פּראָדוקט". אָבער עס איז נישט אַן אויסערלעכע, רויע, סטיכישע קראַפט, וואָס איז להיפוך די פאַרלאַנגען פון יעטוועדן איינעם. פאַרקערט. דאָ האָבן מיר באַשיינפּערלעך די פאַרשטאַרקטע מעגלעכקייט פאַר יעדן איינעם צו דערגרייכן זיין פאַרלאַנג.

פינף מענטשן באַשליסן צוזאַמען אויפצוהייבן אַ שטיין. איינציקווייז קענען זיי אים נישט אויפהייבן, זאַלבעפינף וועלן זיי אים אויפהייבן אָן שוועריקייטן. דער אַלגעמיינער באַשלוס איז אויף אַ האָר נישט סותר דעם פאַרלאַנג פון יעדן איינעם. פאַרקערט, ער העלפט פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן פאַרלאַנג. דאָס זעלבע, נאָר אין אַ ריזיקן, גיגאַנטישן מאַסשטאַב און אין אַ קאָמפּליצירטער פאָרם, וועט פאַרקומען אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט (מיר מיינען נישט דאָ די עפּאָכע פון פּראָלעטאַרי־

שער דיקטאַטור, און נישט די ערשטע טריט פון סאָציאַליזם, נאָר אַן אנטוויקלטע, אמת סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, וווּ ס'איז נישטאָ קיין איבערבלייבעכץ פון קלאַסן, און ס'איז נישטאָ קיין מלוכה און אויסערלעכע רעכטלעכע נאָרמען). אין אַזאַ געזעלשאַפט וועלן אַלע באַציִונגען צווישן מענטשן זיין קלאָר פאַר יעדן, און דער געזעלשאַפטלעכער ווילן וועט זיין אַן אָרגאַניזירטער ווילן. דאָס וועט נישט זיין אַ סטיכיש-באַקומענער רעזולטאַנט, „אומאָפּהענגיק" פון ווילן פון איינצעלנעם מענטש, נאָר אַ באַוווּסטזיניק אָרגאַניזירטער געזעלשאַפטלעכער באַשלוס. איבער דעם וועט דאָ נישט געשען דאָס, וואָס עס געשעט אין אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, דאָ הערשט נישט דער „געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקט" איבער מענטשן, נאָר די מענטשן הערשן איבער זייערע באַשלוסן, ווייל טאַקי זיי באַשליסן און טאַקי באַוווּסטזיניק. דאָ וועט נישט זיין אַזאַ דערשיינונג, וואָס איז פאַרן גרעסטן טייל פון דער געזעלשאַפט אַ שאָדנברענגענדיקער און פאַרדערבליכער.

דאָך דרינגט נישט פון דעם אויבנגעזאָגטן, אַז אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט איז אי דער געזעלשאַפטלעכער ווילן, אי דער ווילן פון איינצעלנעם מענטש פון גאָרנישט אָפּהענגיק, אָדער אַז בעתן סאָציאַליזם וועט הערשן פרייהייט פון ווילן און דער מענטש וועט אומגעריכט ווערן אַן איבערנאַטירלעכן וועזן, פאַר וועלכן ס'האָט קיינמאָל נישט עקזיסטירט דאָס געזעץ פון סיבהדיקייט.

ניין. אויך בעתן סאָציאַליזם בלייבט דער מענטש אַ טייל פון דער נאַטור, וואָס איז אונטערגעוואָרפן דעם אַלגעמיינעם געזעץ פון סיבהדיקייט. און אין אמתן, צי וועט נישט יעדער איינצלנער מענטש זיין אָפּהענגיק פון זיין סביבה? געוויס וועט ער זיין. ער וועט נישט טון, ווי אַ ווילדער אין צענטראַל-אַפריקע, אָדער ווי אַ באַנקיר פון דער האַנדלס-פירמע מאָרגאַן, אָדער ווי אַ הוזאַר פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. ער וועט טון, ווי אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. דאָס איז קלאָר אָן ווייטערדיקע דערקלערונגען. אָבער

וואָס הייסט דאָס? דאָס הייסט. אַז די סביבה וועט באַשטימען זיין ווילן. דאָס זעלבע וועט פּאָרקומען אין אַנדערע הינזיכטן. יעדער, צ. ב., פאַרשטייט, אַז אויך אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט וועט דער מענטש מוזן פירן אַ קאַמף מיט דער נאַטור, און פאָלגלעך וועלן די באַדינגונגען פון דעם דאָזיקן קאַמף באַשטימען די אויפפירונג פון מענטשן. מיט איין וואָרט: די טעאָריע וועגן דעטערמיניזם בלייבט אין איר גאַנצער קראַפט אויך בנוגע דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

און אַזוי קענען מיר בנוגע דער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט פעסטשטעלן די דאָזיקע באַהויפּטונגען:

1. געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען אַנטשטייען פון קרייצן זיך פון אינדיווידועלע ווילנס, געפילן, טאַטן א. אַ. וו., דערביי קומט דער דאָזיקער פּראָצעס נישט פאָר סטיכיש, נאָר אָרגאַניזירט, אין די אַנטשיידענע געביטן.

2. געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען באַשטימען אין יעדן מאָמענט דעם ווילן פון איינצלנע מענטשן.

3. געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען דרוקן אויס דעם ווילן פון מענטשן און געוויינלעך זענען זיי נישט להיפוך אים. מענטשן הערשן איבער זייערע באַשלוסן און זיי פילן נישט קיין שום דרוק פון געזעלשאַפטלעכער סטיכיע, וועמעגס אָרט ס'פאַרנעמט איצט אַ פאַרנונפטיקע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע.

ענגעלס האָט געשריבן, אַז ביים איבערגאַנג צום סאָציאַליזם מאַכט די מענטשהייט „אַ שפּרונג פון קעניגרייך פון נויטווענדיקייט אין דעם קעניגרייך פון פרייהייט“. טייל בורזשואַזע געלערנטע האָבן פון דעם גע-

צוויגן אַ שלום, דאָס ענגעלס האָט געהאַלטן, אַז דער דעטערמיניזם הערט אויף צו ווירקן אין אַ סאָציאַליס־טישער געזעלשאַפט.

די דאָזיקע אויפפאַסונג שטיצט זיך אויף דעם גראָבסטן בישט פאַרשטענדניש און פאַרדרייונג פון מאַרקסיזם. אין אמת'ן אָבער האָט ענגעלס פּוּלקאָם ריכטיק מיט דעם געוואָלט זאָגן, אַז אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט נעמט די אַנטוויקלונג אַן אַ באַוווּסטזיניק-אָרגאַניזירטן כאַ־ראַקטער, אין קעגנזאַץ צו דעם אומבאַוווּסטזיניק-סטיכישן. די מענטשן ווייסן וואָס מ'דאַרף טון און ווי אַזוי מ'דאַרף זיך אומגיין ביי געוויסע באַדינגונגען. „פרייהייט איז די אָנערקענטע נויטווענדיקייט".

§ 15. די אַזוי גערופענע צופעליקייט בכלל.

כדי מ'זאָל נאָך בעסער פאַרשטיין די אַלגעמיינע אָפּהענ־גיקייט פון דערשיינונגען, דאַרפן מיר אַנאַליזירן וואָס איז אַזוינס צופעליקייט. און טאַקע, מיט דער צופעליקייט באַגעגנען מיר זיך זייער אָפט אי אין געוויינלעכן לעבן, אי אינם געזעלשאַפט־לעכן. טייל געלערנטע האָבן זיך אַפילו באַשעפטיקט מיט ספּעציעלע אויספאָרשונגען וועגן „דער ראָל פון צופעליקייט", וועגן דעם, וואָס פאַר אַ באַטייט ס'האָט פאַר דער געשיכטע אַ צופאַל.

וועגן דער צופעליקייט רעדן מיר זייער אָפט: אויף דער גאַס האָט מען „צופעליק" איבערגעפאָרן אַ מענטש; עמיץ איז געהרגעט געוואָרן פון א ציגל, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון דאַך; צופעליק האָב איך געקויפט דאָס זעלטנסטע בוך; אָדער צו־פעליק האָב איך זיך געטראָפן אין אַן אומבאַקאַנטער שטאָט מיט אַ מענטש, וועלכן כ'האָב שוין נישט געזען צוואַנציק יאָר.

נאָך ביישפילן: דער שפיל אין „קאָפּ און שלאַק", אָדער; אין דאָמינאָ. צופעליק איז אַרויס „קאָפּ" — האָב איך געוווּנען צופעליק איז אַרויס „שלאַק" — האָב איך פאַרשפּילט. מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס? און אין וואָסערער שייכות איז די צופעליקייט צו דער געזעצמעסיקייט, אָדער דאָס זעלבע, צו

דער סיבה׳דיקער נויטווענדיקייט? מיר וועלן אַנאַליזירן די דאָזיקע פֿראַגע. לאָמיר צום ערשטן נעמען דעם בייַשפּיל מיטן „שלאַק״? פֿאַרוואָס איז אַרויס, לאָמיר זאָגן, „שלאַק״? צי איז אמת, אַז דאָ איז נישט געווען קיין שום סיבה אָדער סיבות? געוויס, נישט אמת. „שלאַק״ איז אַרויס דערפֿאַר, ווייל בייַ אַ באַשטימטער פֿאָרם פֿון דער מטבע האָב איך אַזוי אַ שטופּ געטון מיט דער האַנט, מיט אַזאַ און אַזאַ קראַפֿט, אין אַזאַ און אַזאַ ריכטונג; ווייל די מטבע איז געפֿאַלן אויף אַזאַ און אַזאַ אויבערפֿלאַך א. א. וו. ווען די דאָזיקע אַלע באַדינגונגען וואָלטן זיך איבערגעחזרט, וואָלט, בלי ספק, ס׳צווייטע מאָל אַרויס „שלאַק״. אַזוי וואָלט אויך געווען בייַ אַ דריט מאָל. אָבער ס׳גייט אין דעם, וואָס בייַם וואַרפֿן די מטבע קען מען פֿריער נישט אויסרעכענען די אַלע אומשטענדן. דער קלענסטער אָפּווייַכונג מיט דער האַנט, אַ דריי מיטן פֿינגער, אַ טויש פֿון דער קראַפֿט, מיט וועלכער מ׳וואַרפֿט די מטבע, האָט באַלד אַ ווירקונג אויפֿן רעזולטאַט. די סיבות, וואָס רופֿן אַרויס פֿאַלגן (אַזאַ אָדער אַזאַ אויספֿאַלן פֿון דער מטבע) **לאָזן זיך דאָ נישט פּראַקטיש אויסרעכענען.** זיי עקזיסטירן, נאָר מיר קענען זיי נישט אויסרעכענען, און דעריבער קענען מיר זיי נישט. דאָס דאָזיקע נישט וויסן אונזערס רופֿן מיר אין דעם געגעבענעם פֿאַל צופֿעליקייט.

איצט וועלן מיר נעמען דעם צווייטן בייַשפּיל: אַ צופֿעליקע באַגעגעניש אויף דער גאַס מיט אַ באַקאַנטן, וועלכן כ׳האָב שוין נישט געזען 20 יאָר. צי זענען דאָ סיבות פֿון דער דאָזיקער באַגעגעניש? ס׳איז נישט שווער צו זען, אַז יאָ: אונטער דער ווירקונג פֿון באַשטימטע סיבות בין איך אַרויסגעגאַנגען אין אַזאַ און אַזאַ צייַט, געגאַנגען אויף אַזאַ און אַזאַ וועג, מיט אַזאַ און אַזאַ שנעלקייט; אונטער דער ווירקונג פֿון אַנדערע סיבות האָט מייַן פֿרייַנט אין אַזאַ און אַזאַ צייַט אָנגעהויבן זייַן רייַזע אויף אַזאַ און אַזאַ וועג, מיט אַזאַ און אַזאַ שנעלקייט. ס׳איז באַשייַנפֿערלעך, אַז די קעגנזייַטיקע

ווירקונג פון די דאָזיקע סיבות דאַרף אונז אומפאַרמיידלעך ברענגען צו דער דאָזיקער באַגעגעניש. פאַרוואָס ווייזט זיך מיר אויס די דאָזיקע באַגעגעניש אַלס אַ צופעליקייט? פאַר־וואָס דאַכט זיך מיר, אַז דאָ איז נישט געווען קיין סיבה׳דיקע נויטווענדיקייט? פאַרוואָס רוף איך אָן אונזער באַגעג־ניש צופעליקע? צוליב אַ זייער פשוטע סיבה: ווייל איך האָב נישט געוווּסט די סיבות, וועלכע האָבן באַוויגן מיין פריינט, ווייל כ׳האָב אַפילו נישט געוווּסט, אַז ער וווינט מיט מיר אין איין שטאָט, און פאָלגלעך האָב איך נישט געקאַנט פאָרויסזען אונזער באַגעגעניש.

אויב ביים קרייצן זיך פון ווירקונג פון צוויי אָדער עט־לעכע סיבה׳דיקע קייטעלעך (רייעס) קענען מיר נאָר איינע, דאַן דאַכט זיך אונז אויס די דערשיינונג, וואָס אנשטייט ביי דעם דאָזיקן קרייצן זיך, אַלס צופעליקע, הגם אין אמתן איז זי פולקאָם געזעצמעסיק.

איך קען איין קייטעלע (איין רייע) פון סיבות — די, וועלכע באַווייזן זיך בעת מיין גאַנג איבער די גאַסן; אן אנ־דער קייטעלע פון סיבות, וועלכע באַוועגן מיין פריינט, קען איך נישט, דעריבער זע איך נישט פאָרויס דאָס קרייצן זיך פון צוויי סיבהדיקע רייעס. טאַקי דעריבער ווייזט זיך מיר אויס דאָס דאָזיקע קרייצן זיך (באַגעגניש) אַלס „צופעליקע" דער־שיינונג. אַזוי אַרום איז, שטרענג גענאָגט, נישטאָ קיין שום צופעליקע ד. ה. אָן סיבה׳דיקע דערשיינונגען. דערשיי־נונגען קענען זיך אונז אויסדאַכטן צופעליק, ווייל מיר ווייסן נישט געננג זייערע סיבות.

דאָס האָט שוין פאַרשטאַנען שפּינאָזאַ, וועלכער
האָט באַהויפּטעט, אַז „צופעליקע דערשיינונג הייסט זי.
אויסשליסלעך דערפאַר, ווייל ס׳פעלן אונז ידיעות".
(„עטיק" דייטשע אויסגאַבע, ז. 38). ווייל דאָ „איז

פאַר אונז פאַרהוילן די אָרדענונג פון די סיבות" (דאָרטן). ביי מילן („סיסטעם פון לאָגיק") געפונען מיר, נאָך אַ ריכטיקן אַנאַליז, אַזאַ שטעלע: „ס'איז נישט ריכטיק וואָס מ'זאָגט, אַז די אָדער יענע דערשיינונג קומט פאַר צופעליק. מיר האָבן נאָר אַ רעכט צו זאָגן אַזוי: צוויי אָדער מער דערשיינונגען זענען צופעליק פאַרייניקט; זיי עקזיסטירן אָדער פאָלגן איינע נאָך דער צווייטער נאָר אַ דאַנק צופעליקייט. דאָס וועט הייסן, אַז די שייכות צווישן זיי איז גאָרנישט אָפּהענגיק פון אַ סיבהדיקן צוזאַמענהאַנג; זיי זענען נישט געבונדן איינער מיטן צווייטן, אַזוי ווי סיבה און פאָלגן, און אין דער זעלבער צייט זענען זיי נישט די פאָלגן פון דער זעלבער סיבה און נישט פון סיבות, וואָס זענען פאַרבונדן מיט זיך מיט וואָסער עס איז געזעץ פון מיט־עקזיסטענץ, און זענען אפילו נישט די פאָלגן פון דער זעלבער איינאָרדענונג פון די ערשטע סיבות. די אונטערגעשטראָכענע שטעלן זענען נישט ריכטיק. ס'איז אמת (דער ביישפּיל מיט דער באַגעגעניש), אַז איך בין ארויסגעגאַנגען נישט דערפאַר, ווייל מיין פריינט איז ארויסגעגאַנגען, און ס'איז אויך ריכטיק, אַז מיין פריינט איז ארויסגעגאַנגען נישט דערפאַר, ווייל איך בין ארויסגעגאַנגען. אָבער ווען מיר האָבן די „איינאָרדענונג פון סיבות", ד. ה., ווען איך ווייס, אַז איך בין דעמאָלס און דעמאָלס ארויסגעגאַנגען, וווהין און מיט וואָסערער שנעלקייט. אויב דאָס זעלבע איז באַוווּסט וועגן מיין חבר, ווערט מיט דעם זעלבן באַוווּסט אונזער באַגעגעניש. אין דעם פאַל איז דאָ אַזוי ווייניק צופעליקייט און אומאָפּהענגיקייט פון דער „איינאָרדענונג פון סיבות", ווי אין דעם פאַל פון לקוי־חמה אָדער לבנה, וואָס ווערט באַשטימט דורך באַזונדערע צושטאַנדן („באַגעגענישן") פון די פּלאַנעטן.

16 §. היסטאָרישע „צופעליקייט". נאָך דעם אויבנגעזאָגטן איז נישט שווער צו אנאליזירן די פראַגע וועגן דער אַזוי־גערופענער „היסטאָרישער צופעליקייט".

אויב אַלץ קומט פאַר געזעצמעסיק און קיין צופעליקייט, אין זינען פון אָן־סיבהדיקייט, איז בכלל נישטאָ, איז קלאָר, אַז ס'איז אויך נישטאָ קיין היסטאָרישע צופעליקייט. יעדע היסטאָרישע געשעעניש, ווי צופעליק זי זאָל זיך נישט אויסדאַכטן, איז אין אמתן פולקאָם אָפּהענגיק: געוויינלעך פאַרשטייט מען אויך דאָ אונטער דער היסטאָרישער צופעליקייט אַזאַ דערשיינונג, וואָס איז אנטשטאַנען (האָט זיך באַקומען) אַ דאַנק דעם קרייצן זיך פון עטלעכע סיבהדיקע רייעס, פון וועלכע ס'איז באַוווּסט נאָר איינע. אָבער טיילמאָל פאַרשטייט מען אונטער דער היסטאָרישער צופעליקייט אַ גאָר אַנדערע זאַך: ווען מ'זאָגט, צ. ב., אַז די אימפּעריאַליסטישע מלחמה איז נויטווענדיקערווייזע אַנטשטאַנען פון דער אַנטוויקלונג פון וועלט־קאַפּיטאַליזם. אָדער, לאָמיר זאָגן, די דערמאָרדונג פון עסטרייכישן ערצהערצאָג איז געווען אַ צופעליקע דערשיינונג, דאָ גייט שוין וועגן עפּעס אַנדערש. וועגן וואָס זשע? ס'איז נישט שווער צו זען אין וואָס ס'גייט. ווען מ'רעדט וועגן נויטווענדיקייט (סיבהדיקע נויטווענדיקייט, אומפאַרמיידלעכקייט) פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, דאַן זעט מען די אומפאַרמיידלעכקייט אין דער גרויסער וויכטיקייט פון די סיבות, וואָס זענען פאַראַן אין דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט — סיבות, וועלכע רופן אַרויס די מלחמה. דערביי איז אויך די מלחמה פון איר זייט אַ געשעעניש פון אַ געוואַלטיקער וויכטיקייט, ד. ה. אַזאַ געשעעניש, וואָס האָט אַן אַנטשיידענע ווירקונג אויף דעם ווייטערדיקן גורל פון דער געזעלשאַפט. און אַזוי אַרום פאַרשטייט מען דאָ אונטערן וואָרט „היסטאָרישע צופעליקייט", אַן אומשטאַנד, וואָס שפּילט נישט קיין וויכטיקע ראָל אין דער קייט פון געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען: ווען דאָס וואָלט נישט געשען, וואָלט דאָס בילד פון דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג אויף אַזוי ווייניק זיך געביטן, אַז קיינער וואָלט דאָס נישט באַ־

מערקט. אין געגעבענעם ביישפּיל: די מלחמה וואָלט אויסגע־בראָכן אָן דער דערמאָרדונג פונם ערצהערצאָג, ווייל נישט אין דער דערמאָרדונג „גייט עס”, נאָר אין דער פאַרשאַרפטער קאָנ־קורענץ פון די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, וועלכע איז מיט דער אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט געוואָרן מיט יעדן טאָג שאַרפער.

צי קען מען אָבער זאָגן, אַז אַזאַ „צופעליקע” דערשיינונג שפּילט נישט קיין שום ראָל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַז זי ווירקט בשום אופן נישט אויפן גורל פון דער געזעלשאַפט, אַז זי איז, מיט אַנדערע ווערטער, גלייך זעראָ? אויב מיר ווילן געבן אַ געטרייען ענטפער, דאַן דאַרפן מיר ענטפערן נעגאַטיוו. ווייל יעדע דערשיינונג ווי „נישטיק” זי זאָל נישט זיין, ווירקט אָבער אויף דער נאָכקומענדיקער אַנטוויקלונג.

ס'איז נאָר אַ פראַגע וואָסערע גרויסע ענדערונגען זי רופט אַרויס אין דער אַנטוויקלונג, אויף וויפל ס'גייט וועגן צופעליקע דערשיינונגען אין דעם אויבנאָנגעוויזענעם זין, אויף אַזויפיל איז די פּראַקטישע ווירקונג נישט וויכטיק, נישט באַ־מערקבאַר, זייער קליין, זי קען זיין אויסערגעוויינלעך קליין, אָבער זי איז קיינמאָל נישט גלייך זעראָ. דאָס באַמערקט מען באַלד, ווען מיר וועלן נעמען אַ קעגנזייטיקע בשותפות־דיקע טעטיקייט פון אַזעלכע „צופעליקייטן”. מיר וועלן ברענגען אַזאַ ביישפּיל. נעמען מיר אָן, אַז ס'גייט וועגן שאַפן אַ פּרייז. דער מאַרק פּרייז אַנטשטייט פון צוזאַמענשטויסן פון אַ סך אָפּ־שאַצונגען פון די קונים און סוחרים. ווען מיר וועלן נעמען איין צופאַל, איין אָפּשאַצונג, אַ צוזאַמענשטויס פון איין קונה מיט איין פאַרקויפער, דאַן קען די דאָזיקע דערשיינונג אָנגע־רופן ווערן „צופעליקע”.

דער סוחר ראובן האָט אָפּגענאַרט די אַלטע דבורה. אָט דאָס איז, פון שטאַנדפּונקט פון מאַרק־פּרייז, ד. ה. פון אַ גע־זעלשאַפטלעכער דערשיינונג, וואָס האָט זיך באַקומען

פון אַ סך צוזאַמענשטויסן צווישן פאַרשידענע באַשטרעבונגען, די צופעליקייט. „צי איז נישט אַלץ איינס, וואָס איז פאַרגעקומען אין דעם איינצלנעם פאַל מיט ראובנען? פאַר אונז איז וויכטיק דער באַשטימטער רעזולטאַט, די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג, דאָס וואָס ס'האָט אַ טיפּישן כאַראַקטער". אַזוי זאָגט מען אָפט. און ס'איז גאַנץ ריכטיק. ווייל אַן איינצעלנער צופאַל שפּילט אַן אומבאַמערקבאַרע ראָל. ער איז נישט וויכטיק, אָבער פּרוווט נאָר גרופּירן, פאַרייניקן אַ גרויסן סכום פון אַזעלכע „צופאַלן", און באַלד וועט איר דערזען, אַז די „צופעליקייט" הייבט אָן צו פאַרשווינדן. די ראָל און באַטייט פון אַ סך צופאַלן, זייער קעגנזייטיקע ווירקונג זעט זיך באַלד אָן אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. ווייל אַפילו די איינצעלנע צופאַלן זענען לגמרי נישט קיין זעראָס. דער זעראָ, וויפיל מאָל מיר זאָלן אים נישט טאָפּלען, איז פאָרט נישט מער ווי זעראָ. מיט ליידיקע הענט וועט מען גאָרנישט אויפטון, ווי אַזוי מען זאָל נישט מאַניפּולירן. אַזוי אַרום זענען מיר, שטרענג גערעדט, אַז אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט זענען נישטאָ קיין שום צופעליקע דערשיינונגען: אי דאָס, וואָס קויטסקי איז נישט געשלאָפן אין אַ געוויסער נאַכט, ווייל ס'האָבן זיך אים געחלומט די שרעקן פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָליוציע; אי דאָס, וואָס אַ פּאָר טאָג פאַר דער מלחמה איז געהרגעט געוואָרן דער עסטרייכישער ערצהערצאָג; אי דאָס, וואָס ענגלאַנד האָט געפירט אַ קאָלאָניאַל-פּאָליטיק; אי דאָס, וואָס ס'איז אויסגעבראָכן אַ וועלט-מלחמה, — מיט איין וואָרט, אַלע געשעענישן, אָנהייבנדיק פון די קלענסטע און אומבאַמערקטע און ענדיקנדיק מיט די דערשיטערנדיקע געשעענישן פון דער הייַנטיקער צייט, — די אַלע דערשיינונגען זענען לגמרי נישט צופעליקע, זענען סיבהדיק אָפּהענגיק, ד. ה. זיי זענען סיבהדיק נויטווענדיק.

§ 17. היסטאָרישע נויטווענדיקייט. פון דעם אויבנגעזאָגטן דרינגט, אַז פון די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן דאַרף מען אַרויסוואַרפן דעם באַגריף „צופעליקייט". די געזעלשאַפט אין

איר אנטוויקלונג ליגט אונטער דער גצועצמעסיקייט, אזוי ווי יעדע זאך אויף דער וועלט.

ס'איז זייער כאראקטעריסטיש, וואָס די טעאָריע

> וועגן צופעליקייט, וועלכע אָנערקענט ערנסט די צופעליקייט, פירט גלייך צו צום גלויבן אין איבערנאטירלעכקייט, צום גלויבן אין גאָט. טאקי אויף דעם שטיצט זיך דער אזוי גערופענער „קאָסמאָלאָגישער באווייז" פון דער עקזיסטענץ פון גאָט. ער לויטעט: „אויב די וועלט (קאָסמאָס) ליגט נישט אונטער דער געזעצמעסיקייט, איז קלאָר, אז זי דארף האָבן א ספעציעלע אורשפרינגלעכע סיבה פון איר עקזיסטענץ און אנטוויקלונג".

דער דאָזיקער כלומרשטער באוויז ווערט טאקי באצייכנט אלס „באוויז פון דער צופעליקייט פון דער וועלט". (E contigentia mundi). דאָס געפינען מיר ביי **אריסטאָטעלעס, ציצעראָן, לייבניץ, דר. וואָלף א. א.** מיטן אונטערגאנג און צערפאל פון דער בורזשואזיע האָט די טעאָריע וועגן צופעליקייט ווידער זיך אָנגעהויבן צו פארשפרייטן (צ. ב. ביי די פראנצויזישע פילאָזאָפן **בוטרו, בערגסאָן**) דער באגריף „צופעליקייט" איז סותר דעם באגריף נויטווענדיקייט (סיבהדיקע נויטווענדיקייט).

„נויטוועדיק איז דאָס, וואָס דרינגט אומפארמיידלעך פון באשטימטע סיבות". ווען מ'זאָגט, אז אזא און אזא דערשיינונג איז געווען היסטאָריש נויטווענדיק, הייסט דאָס, אז זי האָט אומפארמיידלעך געמוזט געשען, **אומאָפהענגיק** פון דעם **צי זי איז גוט, אָדער שלעכט**. ווען מ'רעדט וועגן סיבה'דיקער נויטווענדיקייט, איז דאָ נישט פאראן דער קלענסטער רמז וועגן דער **אָפּשאצונג** פון דער געשעעניש, וועגן איר געווינטשקייט אָדער נישט געווינטשקייט, דאָ רעדט זיך נאָר וועגן איר **אומפארמיידלעכקייט**. מען דארף נישט — ווי מ'טוט דאָס טיילמאָל — פארבייטן צוויי גאנץ פארשידענע באגריפן: נויטווענדיקייטן אין זין פון **געווינטשקייט** און פון דער סיבה'דיקער נויטווענדיקייט. דאָס זענען

צוויי גאנץ פארשידענע זאכן. און ווען מען רעדט וועגן היסטארישער נויטווענדיקייט, פארשטייט מען אונטער דעם נישט דאס, וואס ס'איז געווינטשן, לאמיר זאגן, פון געזעלשאפטלעכן פראגרעס, נאר דאס, וואס ס'דרינגט אומפארמיידלעך פונם גאנג פון דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג. אין דעם זינען איז היסטאריש נויטווענדיק געווען סיי די שנעלע אנטוויקלונג פון די פראדוקטיווע כוחות אין סוף פון 19-טן י. ה., סיי דער אונטערגאנג פון דער רוימישער אימפעריע, אדער דאס פארשווינדן פון דער אזוי גערופענער קרעטישער קולטור. דאס נויטווענדיקע איז סיבה'דיק אפהענגיק, נישט מער און נישט ווייניקער.

איצט וועלן מיר איבערגיין צו נאך איין, גענוג שווערער פראגע, נאך אלץ וועגן דער נויטווענדיקייט.

לאמיר אננעמען, אז מיר האבן פאר זיך א מענטשלעכע געזעלשאפט, וואס וועט אין 20 יאר ארום טאפלט אויסוואקסן. דענצמאל האבן מיר א רעכט צו קומען צום אויספיר, אז די פראדוקט־וויטעט אין דער דאזיקער געזעלשאפט האט זיך פארגרעסערט. אויב זי וואלט זיך נישט פארברייטערט, וואלט זיך די געזעלשאפט נישט געקענט פארגרעסערן. אויב זי האט זיך פארגרעסערט, הייסט עס, אז די פראדוקציע איז אויך גרעסער געווארן. דער דאזיקער ביישפיל נויטיקט זיך נישט אין ווייטערדיקע פירושים. אבער וואס פירט דער ביישפיל אויס? דא דאבן מיר דורך א ספעציעלן אופן אויסגעפונען די סיבה פון דער געזעלשאפטלעכער דערשיינונג — א סיבה, וועלכע איז א נויטווענדיקער תנאי פון דער דאזיקער אנטוויקלונג, האבן מיר נישט דעם דאזיקן תנאי — האבן מיר נישט קיין אנטוויקלונג. אויב ס'איז דא אנטוויקלונג, הייסט עס, אז ס'מוז אויך זיין דער תנאי. דער דאזיקער ביישפיל קען אונז ארויספירן אויף אט וואסערע באטראכטונגען. אין אנהייב פון אונזער בוך האבן מיר אומברחמנותדיק פארטריבן די טעלעאלאגיע. און איצט האבן זי מיר אליין כלומרשט

אַריינגעפירט: „טרייב דעם ווינט דורך דער טיר, קומט ער דורכן פענצטער". און אין אמת'ן, ווי זעט דאָ אויס די פראַגע? פ אַ ר דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, כ ד י די געזעל- שאַפט זאָל זיך טאָפּלט פאַרגרעסערן, איז נויטיק, אז די פּראָ- דוקציע זאָל גרעסער ווערן. די אַנטוויקלונג און אויפוווקס פון דער געזעלשאַפט זענען אַ צ י ל, „טעלאָס". די אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע איז אַ מ י ט ל פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דעם דאָזיקן ציל. די געזעצמעסיקייט פון דער אַנטוויקלונג איז אַ טעלעאָלאָגישע געזעצמעסיקייט. ס'קומט אויס, אַז מיר זינדיקן דאָ קעגן דער וויסנשאַפט און מיר פאַלן אַריין אין די אָרעמס פון גלחים.

אָבער אין אמת'ן האָבן מיר דאָ גאָר עפּעס אנדערש, און ס'איז דאָ נישטאָ קיין זכר פון טעלעאָלאָגיע. אין אמת'ן אָבער גייען מיר אַרויס פון דער השערה, אַז די געזעלשאַפט איז אויפגעוואַקסן. אין דעם געגעבענעם פאַל — אפילו פון דעם פ אַ ק ט, אַז די געזעלשאַפט איז אויפגעוואַקסן). אָבער זי האָט אויך געקענט נישט אויסוואַקסן. און ווען זי וואָלט נ י ש ט אויסגעוואַקסן, און זי וואָלט זיך, לאָמיר זאָגן, פאַרקלענערט אויף טאָפּלט, וואָלטן מיר אויף דעם זעלבן אופן געקענט קומען פּונקט צום זעלבן אויספיר: ווייל די געזעלשאַפט האָט זיך פאַרקלענערט אויף טאָפּלט, און דערביי האָט זי זיך פאַרקלע- נערט צוליב נישט דערעסן, ה ײ ס ט ע ס, אַז די פּראָדוקציע האָט אויפגעהערט. ס'וועט קיינעם אָבער נישט איינפאַלן צו זעען אַ „ציל" אין דער פאַרניכטונג פון זיער געזעלשאַפט. קיינער קען אין דעם פאַל נישט זאָגן: דער ציל — דאָס איז די פאַרקלענערונג פון דער געזעלשאַפט איבערן נישט דערעסן, דאָס מיטל צו דעם ציל — איז דער אויפהער פון דער פּראָ- דוקציע. דאָס באַטייט, אַז דאָ איז אויך נישטאָ קיין טעלע- אָלאָגיע. דאָ איז נאָר פאַראַן א ספּעציעלע אַנווענדונג ביים אויסגעפונען די ב אַ ד י נ ג ו נ ג ע ן (סיבות) לויטן ר ע ז ו ל- ט אַ ט (פּועל יוצא).

דער נ ו י ט וו ע נ ד י ק ע ר ת נ א י פון דער ווייטער-

דיקער אַנטוויקלונג הייסט אָפּט היסטאָרישע נויטווענדיקייט. אין דעם זין איז געווען אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, אָן וועלכער דער קאַפּיטאַליזם וואָלט זיך נישט געקענט אַנטוויקלען; אָדער די אַזוי גערופענע „פּויערים באַפרייונג" אין 1861, אָן וועלכער ס'וואָלט זיך ווייטער נישט געקאָנט אַנטוויקלען דער רוסישער קאַפּיטאַליזם. אין דעם זין איז דער סאָציאַליזם אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט, ווײַל אָן אים איז אוממעגלעך די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. אויב די געזעלשאַפט וועט זיך אַנטוויקלען, וועט אוממאַרמיידלעך קומען דער סאָציאַליזם. אין דעם זין רעדן אי מאַרקס, אי ענגעלס וועגן דער „געזעלשאַפטלעכער נויטווענדיקייט".

דער מעטאָד אויסצוגעפונען נויטווענדיקע באַדינגונגען לויט די פאַראַנענע (אָדער השערה-דיקע) פאַקטן, ווערט זייער אָפט באַנוצט דורך מאַרקסן און ענגעלסן, הגם מ'האָט ביז איצט געלייגט זייער ווינציק אכט אויף דעם, בעת פאַקטיש שטיצט זיך דער גאַנצער „קאַפּיטאַל" אויף אים. מיר האָבן אַ האַנדלס-געזעלשאַפט מיט אַלע אירע עלעמענטן. זי עקזיסטירט. ווי אַזוי קען זי עקזיסטירן? דער ענטפער: אויב זי עקזיסטירט, איז עס נאָר מעגלעך מיט דעם תנאי, אַז עס עקזיסטירט דער געזעץ פון ווערט. אומצייליקע סכומים סחורות ווערן געטוישט. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? דאָס איז מעגלעך נאָר מיט דעם תנאי, אַז עס עקזיסטירט די געלט סיסטעם. („די געזעלשאַפטלעכע נויטווענדיקייט פון געלט"). דער קאַפּיטאַל ווערט „אָנגעקליבן" אויפן יסוד פון געזעצן פון האַנדלס-אומזאַץ. ווי אַזוי איז עס מעגלעך? דאָס איז מעגלעך נאָר דערפאַר, — ווייל די ווערט פון דער אַרבעטס-קראַפט איז קלענער פון דער ווערט פון דעם אויסגעאַרבעטן פּראָדוקט. א. א. וו.

§ 18. די פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט פון די גע-

זעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן. און וועגן פאָרויסזאָגן אין דעם
דאָזיקן געביט. פון דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן אויבן געזאָגט-
דרינגט, אז אין די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן, פונקט ווי אין
די נאַטור-וויסנשאַפטן, זענען מעגלעך פאָרויסזאָגן. נישט
שאַרלאַטאַניש — זנאַכאַרישע, נאָר וויסנשאַפטלעכע
פאָרויסזאָגן. מיר ווייסן, צ. ב., אַז די אסטראָנאָמען קענען,
מיט דער גרעסטער פונקטלעכקייט, פאָרויסזאָגן אַלקוי=חמה אָדער
לבנה; זיי קענען פאָרויסזאָגן דאָס באַווייזן זיך פון קאָמעטן
אָדער פון אַ גרויסן סכום „פאַלנדיקע שטערן“. מעטעאָראָלאָגן
קענען פאָרויסזאָגן דעם וועטער — זון, ווינט, שטורם, רעגן.
אין די אַלע פאָרויסזאָגן שטעקט נישט קיין שום געהיימניספו-
לעס. לאָמיר נעמען דעם ביישפיל מיט אַן אסטראָנאָם. ער
ווייסט די געזעצן פון דער באַוועגונג פון די פּלאַנעטן. ער ווייסט
אויף וועלכן וועג ס'לויפט די זון, ערד, לבנה. ער ווייסט מיט וואָ-
סערער, שנעלקייט זיי לויפן און ווו זיי געפינען זיך אין
געגעבענעם מאָמענט. וואָס=זשע איז עס אַ וווּנדער, וואָס ביי אַזעל-
כע באַדינגונגען קען מען גענוי אויסרעכענען ווען די לבנה
וועט זיך געפינען צווישן דער ערד און דער זון און פאַרשטעלן
די „זון שיין“, און ס'ווערט אַלקוי? איצט לאָמיר זיך פרעגן,
צי איז מעגלעך אן ענלעכע זאַך אין די געזעלשאַפטלעכע וויסנ-
שאַפטן. געוויס, יאָ. און אין אמת'ן, אויב מיר ווייסן די גע-
זעצן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, ד. ה., דער וועג,
אויף וועלכן ס'גייט אומפאַרמיידלעך די געזעלשאַפט, די ריכ-
טונג פון דער אנטוויקלונג, איז אונז שוין נישט שווער צו
באַשטימען די צוקונפט פון דער געזעלשאַפט. אין דער געזעל-
שאַפטלעכער וויסנשאַפט זענען אַזעלכע פאָרויסזאָגן, וואָס האָבן
זיך פולקאָם באַשטעטיקט, שוין נישט איינמאָל געמאַכט געוואָרן.
אויפן גרונט פון וויסן די געזעצן פון דער געזעלשאַפטלעכער
אַנטוויקלונג, האָבן מיר פאָרויסגעזאָגט עקאָנאָמישע קריזיסן,
ענטווערטזונג פון פאַפיר געלט, וועלט מלחמה, סאָציאַלע רעוואָ-
לוציע, אַלס רעזולטאַט פון דער וועלט=מלחמה; מיר האָבן
פאָרויסגעזאָגט די האַלטונג פון פאַרשידענע גרופן, קלאַסן און

פאַרטייען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע; מיר האָבן צ. ב. פאָרויסגעזאָגט אַז די ס.ר.׳ן וועלן זיך נאָך דער פּראָלע־טאַרישער רעוואָלוציע פאַרוואַנדלען אין א קולאַקישע, ווייסע, וואנדעא׳שע, קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי; נאָך לאַנג פאַר דער רעוואָלוציע, אין די 90־ער יאָרן, האָבן די רוסישע מאַרקסיסטן פאָרויסגעזאָגט די אומפאַרמיידלעכע אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד, און צוזאַמען מיט אים דעם אומפאַרמיידלעכן וויוקס פון דער אַרבעטער באַוועגונג. מ׳קען ברענגען הונדערטער ביישפּילן פון אַזעלכע פאָרויסזאָגן. אין דעם שטעקט נישט קיין שום וווּנדערבאַרעס. קוים ווייסן מיר די געזעצן פון דעם געזעלשאַפטלעך־היסטאָרישן פּראָצעס.

מיר קענען דערווייל נאָך נישט פאָרויסזאָגן די דאַטע פון דעם אָנקום פון דער אָדער יענער דערשיינונג. דאָס איז דער־פאַר, ווייל מיר האָבן נאָך נישט אַזעלכע ידיעות פון די גע־זעצן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, וועלכע מ׳זאָל קענען אויסדריקן אין גענויע צ א ל ן. מיר קענען נישט די ש נ ע ל ק ײ ט פון די סאָציאַלע געזעצן, אָבער מיר האָבן די מעגלעכקייט צו וויסן זייער ר י כ ט ו ג.

ג. בולגאַקאָוו שרייבט אין זיין בוך „קאַפּיטאַליזם און ערדאַרבעט“ (זייט 458 — 457. 1900. 2־טער באַנד).

„מאַרקס האָט געהאַלטן אַלס מעגלעך צו מעסטן און פאָ־רויסבאַשטימען די צוקונפט לויטן עבר און הווה. בעת יע־דע עפּאָכע ברענגט נייע פאַקטן און נייע כוחות פון היס־טאָרישער אַנטוויקלונג — די היסטאָרישע פּראָדוקטיוויטעט ווערט נישט שוואַכער. דעריבער איז יעדער פּראָגנאָז וועגן דער צוקונפט, וועלכער שטיצט זיך אויף די פאַקטן פון הווה, אומפאַרמיידלעך א בטעותדיקער... דער פאַרהאַנג פון דער צוקונפט איז אמדורכדרינגבאַר“. אין דער „פי־לאָזאָפיע פון דערווירטשאַפט“ (ערשטער טייל, די וועלט אַלס ווירטשאַפט, 1912 ז. 272) שרייבט דער זעלבער מחבר: אָבער אפילו א סך באַשיידענערע פאָרויסזאָגן קענען צוגעשריבן ווערן דער סאָציאַלער וויסנשאַפט, נאָר

מיט גרויכץ פאָרבאַהאַלטן: די באַשטימטע דורך דער דאָזיקער וויסנשאַפט „טענדענצן פון אנטוויקלונג", וואָס באַגינסטיקן דעם סאָציאַליזם, האָבן אַ גאָר קליינע שייכות מיט די „נאַטור־וויסנשאַפטלעכע" געזעצן, פאר וועלכע מאַרקס האַלט זיי. דאָס זענען נאָר „עמפּירישע געזעצן"... זיי האָבן א גאָר אַן אַנדערע לאָגישע נאַטור, ווי צ. ב. די געזעצן פון דער מעכאַניק"...

מיר האָבן גענומען פּראָפ. בולגאַקאָוו'ס ציטאַטן, ווייל זיי זענען דער כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל פון „אָפּלייקענען" דעם מאַרקסיזם. לאָמיר אַנאַליזירן די דאָזיקע „אָפּלייקונגען". בולגאַקאָוו האַלט, אז די געזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג זענען „עמפּירישע געזעצן". אונטער באַגריף „עמפּירישע געזעצן" פאַרשטייט מען, ווי באַוווסט, אַזעלכע ריכטיקייטן, ווו מ'קען נאָך נישט זאָגן, אַז מיר האָבן אויסגעפונען דעם סיבהדיקן צוזאַמענהאַנג. צ. ב. מ'האָט באַאָבאַכטעט, אַז מיידלעך ווערן געבוירן מער ווי יונגלעך. אָבער מיר ווייסן נישט די סיבה פון דער דאָזיקער דערשיינונג. „געזעצן" פון אַזא כאַראַקטער האָבן ווירקלעך אַן אַנדערע „לאָגישע נאַטור". אָבער די געזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג זענען נישט אַזעלכע. זיי אַנטהאַלטן אין זיך אַ סיבהדיקן צוזאַמענהאַנג. צ. ב., דער געזעץ פון דער צענטראַליזאַציע פון קאַפּיטאַל איז לגמרי נישט אַן „עמפּירישער געזעץ", נאָר אַן אמת „נאַטור-וויסנשאַפטלעכער". ווייל אויב מיר ווייסן וועגן דער גלייכצייטיקער עקזיסטענץ פון די קאָנקורירנדיקע איינצעלנע כוחות, דאַן איז אומפאַרמיידלעך דער נצחון פון די גרויסע. דאָ ווייסן מיר די סיבהדיקע צוזאַמענהאַנגען. און דעריבער קענען מיר אָן טעות פאָרויסזאָגן דעם זיג פון דער גרויסער פּראָדוקציע סיי אין יאַפּאַן, סיי אין צענטראַל־אַפריקע. בולגאַקאָווס ערשטער ציטאט טראָגט דעם כאַראַקטער פון אויבערפלעכלעכער בעלעטריסטיק.

די געשיכטע „ברענגט נייע פאקטן", „די שאפונג פון דער געשיכטע ווערט נישט געמינערט", א. א. וו.! אָבער אויך די אנטוויקלונג פון דער נאטור ברענגט אויך „נייע פאקטן"; די דאָזיקע נייע פאקטן ווערן באקאנט סיי די נאטור-וויסנשאפטן, סיי דער מאטעמאטיק, טראָץ זייער אנדערער „לאָגישער נאטור". ביי בולגאקאָוון איז נאָר ר כטיק דאָס, אז מיר ווייסן קיינמאָל נישט אַלץ. אָבער פון דעם קען מען אָבער נישט קומען צום אויספיר, אז די וויסנשאפט איז נישט גענוגנט.

ס'איז כאראקטעריסטיש, אז אין זיין „פילאָזאָפיע פון ווירטשאפט" רעדט בולגאקאָוו ארום גאנץ ברייט און ערנסט וועגן מלאכים, וועגן קערפער פון דער וועלט, ערשטער עב רה, הייליקער זאָפיע א. א. דאָס האָט אין אמתן אן „א ערע לאָגישע נאטור" און איז דערביי זייער נאָענט צו שארלאטאנישקייט און זנאכארישקייט, קעגן וועלכע דערזעלבער בולגאקאָוו פראָטעסטירט.

די טעאָריע וועגן דעטערמיניזם און וועגן דער מעגלעכקייט פון וויסנשאפטלעכע פאָרויסזאָגן אין דעם געביט פון געזעלשאפטלעכע דערשיינונגען האָט ארויסגערופן א רייע טענות. מיר וועל זיך דאָ אָפשטעלן אויף איין טענה, וואָס ש ט א מלער האָט א ויסגעשטעלט. שטאמלער פרעגט די מארקסיסטן, — וועלכע באהויפטן, אז דער סאָציאליזם דארף אָנקומען מיט אזא אומפארמיידלעכקייט, ווי עס קומט אָן אין דעם באשטימטן מאָמענט די לקוי-חמה, — פארוואָס זיי, די מארקסיסטן, באמיען זיך אזוי צו פארווירקלעכן דעם דאָזיקן סאָציאליזם. איינס פון די ביידע — זאָגט שטאמלער — אָדער דער סאָציאליזם וועט אָנקומען, פונקט ווי די לקוי-חמה — דאן דארף מען זיך גאָר נישט באמיען, נישטאָ צוליב וואָס צו קעמפן, נישטאָ צוליב וואָס צו אָרגאניזירן די פארטיי פון ארבעטער-קלאַס א. א. וו.; קיינעם וועט דאָך נישט איינפאלן צו אָרגאניזירן א פארטיי, וואָס זאָל ארויסהעלפן דער לקוי-לבנה; אָדער איר אָרגאניזירט א פארטיי, קעמפט א. א. וו.; דאָס הייסט, אז דער סאָציאליזם וועט

אַפשר גאָרנישט זיין, נאָר איר ווילט אים און דעריבער, נאַטירלעך, קעמפט איר פאַר אים. דאַן הייסט עס שוין גאָרנישט אומפאַרמיידלעכקייט.

נאָך דעם, וואָס מיר האָבן אויבן געזאָגט, איז נישט שווער צו זען אין וואָס ס'באַשטייט שטאַמלער'ס טעות. די לקוי־לבנה איז נישט דירעקט אָדער אומדירעקט אָפּהענגיק פון די ווילנס פון די מענטשן, זי איז בכלל נישט אָפּהענגיק פון מענטשן. אַלע מענטשן, אָן אונטערשיד פון קלאַס, געשלעכט, נאַציאָנאַליטעט און עלטער וואָלטן געשטאַרבן, און דאָך וואָלט פאַרגעקומען די „לקוי לבנה" אין אַ באַשטימטער צייט. גאָר אַנדערש איז די זאַך ביי די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען. זיי געשעען אַ דאַנק דעם ווילן פון מענטשן. אַ געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג אָן מענטשן, אָן געזעלשאַפט. — דאָס איז דאָס זעלבע, וואָס אַ קיילעכדיקער קוואַדראַט אָדער געבּיראָטען אייז. דער סאָציאַליזם וועט אומפאַרמיידלעך אָנקומען, ווייל די מענטשן, באַשטימטע קלאַסן פון מענטשן, וועלן אומפאַרמיידלעך ווירקן אין דער ריכטונג צו זיין פאַרווירקלעכונג און דערביי אין אַזעלכע באַדינגונגען, אַז זיי וועלן זיגן. דער מאַרקסיזם נעגירט נישט דעם ווילן, נאָר דערקלערט אים. ווען די מאַרקסיסטן אָרגאַניזירן און פירן צום קאַמף די אַרבעטער פּאַרטיי, איז דאָס אויך דער אויסדרוק פון אַ היסטאָרישער נויטווענדיקייט, וועלכע דריקט זיך טאַקי אויס דורך דעם ווילן און טאַטן פון מענטשן.

דער סאָציאַלער (געזעלשאַפטלעכער) דעטערמיניזם, ד. ה. די טעאָריע וועגן דעם, אַז אַלע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען זענען אָפּהענגיק, האָבן זייערע סיבות, פון וועלכע זיי דרינגען אומפאַרמיידלעך אַרויס, דאַרף מען נישט פאַרטוישן מיטן פאַטאַליזם. פאַטאַליזם דאָס איז דער גלויבן אין אַ בלינדן, אומפאַרמיידלעכן מזל, „גורל", וואָס דריקט אויף יעדן איינעם, און וועלכן אַלץ איז אונטערגעוואָרפן. דער ווילן פון מענטש — האָט קיין שום באַטייט. דער מענטש איז

נישט א צאל, וואָס גייט אריין אין דעם סכום פון די סיבות, ער איז פשוט אַ פּאַסיווער מאַטעריאַל. די דאָזיקע טעאָריע נעגירט דעם ווילן פון מענטשן אַלס אַנטוויקלונגס-פאַקטאָר, און דאָס טוט לגמרי נישט דער דעטערמיניזם.

אָפט ווערט דער דאָזיקער „גורל" פאַרקערפּערט אין וועזנס, ענלעכע צו געטער. אַזעלכע זענען, צ. ב., די „מוירעס" ביי די אוראַלטע גריכן, די „פּאַרקן" ביי די רוימער; ביי טייל פעטער פון קירך (צ. ב. ביים הייליקן אויגוסט'ן) האָט אַזאַ ראָל געשפּילט די טעאָריע וועגן דער פאָרויס באַשערטקייט (praedestinatio); דאָס זעלבע, אין אַ מער שאַרפער פאָרם, געפינען מיר ביי קאַלווינען. (פּ. וויפּער: „די קירך און די מלוכה אין זשענעווע אין 16-טן י. ה".) אַ באַזונדערס בולטן אויסדרוק האָט באַקומען די אידיי פון פאַטאַליזם אין דעם איסלאַם. מ'קען אָבער נישט אָפּלייקענען, אַז ביי די סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָט געהערשט אַ נטיה צו פאַטאַליזם. גראָד ביי דעם טייל פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט דער בורזשואַזיע, האָט זיך דער מאַרקסיזם ענטאַרטעט אין אַ פאַטאַליסטישער טעאָריע. אַלס בעסטער ביישפּיל פון אַ „מאַרקסיסט", וואָס איז אַנטאַרטעט געוואָרן אין אַ פאַטאַליסטישער ריכטונג, קען דינען ג. קונאָוו, וועמענס „פילאָזאָפיע" קומט צום אויספיר: „די געשיכטע איז שטענדיק גערעכט", און דעריבער טאָר מען נישט קעמפן קעגן דער וועלט-מלחמה, נישט קעגן אימפּעריאַליזם. יעדער קאָמוניסטישער אויפשטאַנד ווערט באַטראַכט נישט אַלס דערשיינונג פון היסטאָרישער נויטווענדיקייט, נאָר ווי אַ נישט פאַרשטענדלעכער פרווו פון דרויסן צו פאַרוואַלטיקן די געזעצן פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

ליטעראַטור צום צווייטן קאַפּיטל:

ק. מ א ר ק ס: קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. אַרייני־
פיר. פ. ע נ ג ע ל ס: אנטי-דירינג. ד ע ר ז ע ל ב ע ר: ליוד־
וויק פייערבאך. ב ע ל ט אָ ו: צום פּראָבלעם וועגן דער אנט־
וויקלונג פון דער מאָניסטישער אַנשויונג אויף דער געשיכטע.
ד ע ר ז ע ל ב ע ר: קריטיק פון אונזערע קריטיקער. ד ע ר ז ע ל־
ב ע ר: די הויפּט-פּראָבלעמען פון מארקסיזם. נ. ל ע נ י ן:
עמפּיראָקריטיציזם און מאַטעריאליזם. וו. ב א ז א ר א וו. אַווטאָ־
ריטארנע מעטאפיזיק און די אויטאָנאָמע פּערזענלעכקייט (אַר־
טיקלען וועגן דער רעאַליסטישער וועלט-אויפפאַסונג). א. ל ע־
ב ר י אָ ל א: אַרטיקלען.

צווייטער טייל

קאַפּיטל 3

דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם.

§ 19 מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם אין דער פילאָזאָפיע. די פּראָבלעם פון אָביעקטיוו.

ווען מיר האָבן באַטראַכט די פראַגע וועגן מענטשלעכן ווילן, וועגן דעם צי ער איז פריי, אָבער ער ווערט באַשטימט דורך וואָסערע עס איז סיבות, פּונקט ווי אַלע זאַכן אויף דער וועלט, זענען מיר דערבײַ געקומען צום אויספיר, אַז מיר מוזן זיך שטעלן אויפן דעטערמיניסטישן שטאַנדפּונקט. מיר האָבן געזען, אַז דער מענטשלעכער ווילן איז נישט עפּעס אַ געטלעכע זאַך, אַז ער איז אָפּהענגיק פון די סטראַלעכע סיבות, און פון דעם צושטאַנד פון דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם. איצט טרעטן מיר צו צו דער וויכטיקסטער פּראָבלעם, וואָס האָט אין משך פון טויזנטער יאָרן געפּייניקט דעם מענטשלעכן געדאַנק — די פּראָבלעם וועגן דער שייכות צווישן מאַטעריע און גייסט, אין פּשוטן רעדן באַנוצט מען אַ סך די ווערטער „נשמה“ און „גוף“. בכלל מאַכן מיר אַן אונטערשיד צווישן צוויי מינים דערשיינונגען. די ערשטע זענען **צעצויגענע**, פאַרנעמען אַן אָרט אינם שטח, ווערן אויפגענומען דורך אונזערע אויסערלעכע חושים — מ'קען זיי זען, הערן, אָנטאַפּן, פאַרזוכן דעם טעם א. אַ. וו. די דאָזיקע ווערן אָנגערופן **מאַטעריעלע** דערשיינונגען. די אַנדערע פאַרנעמען נישט קיין אָרט אינם שטח, מ'קען זיי נישט אָנרירן אָדער זען. אַזעלכער איז צ. ב., דער מענטשלעכער געדאַנק, ווילן אָדער דאָס דערשפּירן. אַז זיי עקזיסטירן — דאָס ווייסט יעדער איינער זייער גוט פון זיך זעלבסט. איין פילאָזאָף, דעקאַרט, האָט געהאַלטן, אַז טאַקי דער דאָזיקער אומשטאַנד איז אַ באַווײַז, אַז דער מענטש עקזיסטירט. ער האָט געזאָגט: „איך דענק“ — הייסט עס, אַז איך עקזיסטיר.

(„Cogito, erto sum") אָבער פונדעסטוועגן קען מען אין דער זעלבער צייט נישט אָנרירן אָדער שפּירן דעם געדאַנק פון מענטש; ער האָט נישט קיין קאָליר און מען קען אים נישט דירעקט אויסמעסטן נישט מיט קיין ארשין אָדער מיט א מעטער. אַזעלכע דערשיינונגען הייסן פ ס י כ י ש ע, אויפ'ן פראָסטן לשון „גייסטיקע". איצט אַנטשטייט א פראַגע: וואָסערער שייכות האָבן צווישן זיך די דאָזיקע צוויי מינים דערשיינונגען? צי איז דער גייסט דער „אָנהייב פון אַלע זאַכן", אָדער די מאטעריע? וואָס איז דאָס יסודותדיקע? צי ~~באַשאַפט~~ די מאַטעריע דעם גייסט, אָדער דער גייסט — די מאטעריע? אין וואָסערער שייכות געפינען זיי זיך איינער צום צווייטן? אָט אין דעם באַשטייט די הויפּט-פראַגע אין דער פילאָזאָפיע. פון איר ענטפער זענען געווען אָפּהענגיק א סך ענטפערס אויף די פראַגן פון דעם געביט פון די ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל ע כ ע וויסנשאַפטן.

מיר וועלן זיך באַמיען צו אַנאַליזירן די דאָזיקע פראַגע, אויף וויפיל ס'איז מעגלעך, פון אַלע זייטן. קודם כל דאַרפן מיר אין זינען האָבן, אַז דער מ ע נ ט ש איז אַ טייל פון ד ע ר נ אַ ט ו ר. מיר ווייסן נישט אויף געוויס, צי ס'זענען פאַראַן אַנדערע, א סך העכער-אָרגאַניזירטע וועזנס אויף אַנדערע פּלאַנעטן. לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן זענען זיי יאָ פאַראַן ווייל די פּלאַנעטן זענען אומצייליק.

אָבער מיר זענען קלאָר, אַז דאָס דענקנדיקע וועזן, וואָס הייסט מענטש, איז נישט עפּעס א געטלעכע זאַך, אַ פרעמדע פאַר דער וועלט, אַן אויסערלעכע, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון עפּעס אַן אַנדערער, אומבאַקאַנטער און געהיימניספולער וועלט. פאַרקערט, פון די נאַטור-וויסנשאַפטן ווייסן מיר, אַז דער מענטש איז א פּראָדוקט פון דער נאַטור, אַ טייל פון דער נאַטור, אַ טייל, וואָס איז אונטערגעוואָרפן אירע אַלגעמיינע געזעצן. אין פון ביישפּיל פון דער דאָזיקער וועלט, וועלכע מיר קענען, זעען מיר, אַז די פּסיכישע דערשיינונגען, דער אַזוי גערופענער „גייסט" איז אַ נ י ש ט י ק ע ר ט י י ל פון אַלע דערשיינונגען. צווייטנס,

ווייזן מיר, אַז דער מענטש שטאַמט אָפּ פון אַנדערע באַשעפעניש און, אַז סוף כל סוף, האָבן זיך די „לעבעדיקע וועזנס״ באַוויזן אויף דער וועלט ערשט אין משך פון דער צייט.

ווען די ערד איז געווען אַ נאָך=נישט=פאַרלאָשענער פּלאַנעט, גאָר אַן אָנגעגליטער באַלים, אַזוי ווי די היינטיקע זון, האָט אויף איר נישט עקזיסטירט קיין לעבן און ס'זענען נישט געווען קיין דענקנדיקע וועזנס. פון דער „טויטער״ נאַטור האָט זיך אַנטוויקלט די לעבעדיקע; פון דער לעבעדיקער האָט זיך אַנטוויקלט אַזאַ, וועלכע קען דענקען. צום ערשטן איז געווען אַ מאַטעריע, וואָס האָט נישט געקענט דענקען. פון איר האָט זיך געבילדעט אַ דענקנדיקע מאַטעריע, דער מענטש. אויב דאָס איז טאַקע אַזוי (און אַז דאָס איז ריכטיק, איז באַוויזן געוואָרן דורך די נאַטור־וויסנשאַפטן), איז דערפון קלאָר, אַז די מאַטעריע איז די מוטער פון „גייסט״ און נישט דער גייסט איז דער פאָטער פון דער מאַטעריע. ווייל ס'קען אין עיגעץ קיינמאָל נישט געמאָלט זיין, אַז די קינדער זאָלן עלטער זיין פון זייערע עלטערן.

דער „גייסט״ האָט זיך באַוויזן שפּעטער, דעריבער איז ער אַ קינד, און נישט קיין פאָטער, ווי עס ווילן פון אים מאַכן די גאָר אַן אַ מאָס אייפריקע פאַרערער פון אַלץ, „וואָס איז גייסטיק״. דריטנס, דער „גייסט״ באַווייזט זיך דענצמאָל, ווען ס'באַווייזט זיך די אָרגאַניזירטע אויף אַ געוויסן אופן מאַטעריע.

אַ לעבעדיק אָרט דענקט דאָך נישט, אויך נישט דער לאָך פון ציגל, נישט דער „גייסט״ אן וואָסער־עס־איז מאַטעריע. עס דענקט דער מענטשלעכער מוח, אַ טייל פון מענטשלעכן אָרגאַניזם. און דער מענטשלעכער אָרגאַניזם איז אַן אויסערגעוויינלעך קאָמפּליצירט=אָרגאַניזירטע מאַטעריע. פערטנס. פון דעם פריערדיקן איז גאַנץ קלאָר, פאַרוואָס די מאַטעריע קען עקזיסטירן אָן גייסט, אָבער דער „גייסט״ קען נישט עקזיסטירן אָן מאַטעריע. די מאַטעריע האָט עקזיסטירט נאָך פריער, איידער ס'האָט זיך באַוויזן דער דענקנדי-

קער מענטש; די ערד האָט עקזיסטירט אַ סך פריער, איי־דער ס'האָט זיך באַוויזן אויף דער וועלט וואָסער־עס־איז „גייסט". מיט אַנדערע ווערטער: די מאַטעריע עקזיסטירט אָביעקטיוו, אומאָפהענגיק פון דעם „גייסט", פאַרקערט, די פסיכישע דערשיינונגען, דער אַזוי־גערופענער „גייסט", האָט קיינמאָל נישט און אין ערגעץ נישט עקזיסטירט אָן מאַטעריע, אומאָפהענגיק פון איר. די געדאַנקען עקזיסטירן נישט אָן מוח, די פאַרלאַנגען עקזיסטירן נישט אָן דעם אָרגאַניזם פון דעם פאַרלאַנגנדיקן.

דער „גייסט" איז שטענדיק פעסט צוגעבונדן צו דער מאַטעריע (נאָר אין דער ביבל האָט ער זעלבסשטענדיק געשוועבט איבערן תהום). אַנדערש געזאָגט: די פסיכישע דערשיינונגען, די דערשיינונגען פון באַוווסטזיין, זענען גאָרנישט עפּעס אַנדערש ווי אויף אַ געוויסן אופן אַן אייגנשאַפט פון דער אָרגאַניזירטער מאַטעריע, איר „פונקציע". (אַ פונקציע פון וואָסער־עס־איז גרויס, איז אַן אַנדערע גרויס, וואָס איז אָפּהענגיק פון דער ערשטער)

נעמען מיר אַ מענטש, וואָס איז אַ זייער קאָמפּליצירט־אָרגאַ־ניזירטער מעכאַניזם. צעשטערט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, דעז־אָרגאַניזירט זי, צעגלידערט זי אויף אירע באַשטאַנד־טיילן, צע־שניידט זי — און באַלד וועט דער „גייסט" פאַרשווינדן. אויב די מענטשן וואָלטן געהאַט אַ מיטל איפּסניי צונויפצושטעלן די גאַנצע סיסטעם, אַזוי אַז דער מענטשלעכער אָרגאַניזם זאָל ווי־דער אָנהייבן צו אַרבעטן; מיט אַנדערע ווערטער: אויב די מענטשן וואָלטן געהאַט אַ מיטל איפּסניי צונויפצושטעלן, אויפ־סניי אָרגאַניזירן די מאַטעריעלע טיילעכלעך ווי פריער, צונויפ־זאַמלען אויפסניי, אַזוי צו זאָגן, ווי מ'קלויבט צונויף אַ פאַנאַנ־דערגענומענעם זייגער, דאַן וואָלט באַלד צוריקגעקומען דאָס באַ־וווסטזיין: פאַרריכט דעם זייגער, הייבט ער באַלד אָן צו גיין און צו קלאַפּן. שטעל צונויף דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם —

הייבט ער אָן צו דענקען. אמת, די מענטשן האָבן זיך נאָך נישט אויסגעלערנט דאָס צו טון. אָבער מיר האָבן שוין געזען, אַנאַליזירנדיק די פּראָבלעם וועגן דעטערמיניזם, אַז פון צושטאַנד פונם אָרגאַניזם איז אָפּהענגיק דער צושטאַנד פון „גייסט", דע צושטאַנד פון באַוווסטזיין.

פאַרסמט דעם אָרגאַניזם מיט אַלקאָהאָל — ווערט דאָ באַוווסטזיין צעמישט, דער „גייסט" ווערט שכּורלעך. ברענג דעם אָרגאַניזם אין אַ נאָרמאַלן צושטאַנד (קעגן סם-גיט קעגנגיפט) וועט דער „גייסט" ווידער אָנהייבן אַרבעטן נאָרמאַל. מיט דע ווערט קלאָר באַוויזן די אָפּהענגיקייט פון דעם באַוווסטזיין פ דער מאַטעריע, אָדער, מיט אַנדערע ווערטער, די אָפּהענגיק „פון דענקען פון דעם זיין".

מיר האָבן געזאָגט און געזען, אַז פּסיכישע דערשיינונג זענען אין א באַשטימטן אופן אַן אייגנשאַפט פון דער אָרגאַנ זירטער מאַטעריע. אין די דאָזיקע גרעניצן קענען זיין פאַ שידענע שוואַנקונגען, פאַרשידענע פאָרמען פון אָרגאַניזירט מאַטעריע, און דעריבער קענען זיין פאַרשידענע פאָרמען פסיכישן לעבן.

דער מענטש מיט זיין געהירן איז אָרגאַניזירט לויט אי אופן, — אויף דער ערד האָט ער דאָס פולקאָמסטע פּסיכיש לעבן, ער האָט אַן אמת באַוווסטזיין; דער הונט איז אַנדער אָרגאַניזירט, און דעריבער שיידט זיך אונטער די הינטישע פּס כיק פון דער מענטשלעכער; אַ שלענגל איז אָרגאַניזירט אוי אַ גאַנץ אַנדערן אופן, און אַנטשפּרעכנד דעם איז זיין גיי אויסערגעוויינלעך אָרעם, ער קען זיך בשום אופן נישט פאַ גלייכן מיט דעם מענטשלעכן; און א שטיין, צ. ב., איז אַ אָרגאַניזירט, אַז ער געהערט צו דער טויטער מאַטעריע, ער האָט נישט קיין שום פּסיכיש לעבן. ס'איז נויטיק אַ ס ציעלע, קאָמפּליצירטע אָרגאַניזאַציע פון דער מאַטעריע, ס'זאָל זיך באַווייזן די פּסיכיק.

ס'איז נויטיק אַן א ו י ס ע ר ג ע ו ו י י נ ל ע ך קאָמפּליצי אָרגאַניזאַציע פון מאַטעריע, כּדי ס'זאָל זיך באַווייזן אַ קאָ

צירט פסיכיש לעבן, וועלכעס מיר רופן אַן באַוווסטזיין, אויף דער ערד באַווייזט זיך דאָס דאָזיקע באַוווסטזיין ערשט דענצמאָל, ווען ס'באַווייזט זיך מאַטעריע, אַן אָרגאַניזירטע אַלס מענטשלעכער אָרגאַניזם, מיט זיין קאָמפּליצירטן אינסטרומענט — דער געהירן אין קאָפּ. אַלזאָ: *דער גייסט קען נישט עקזיס־טירן אָן מאַטעריע, די מאַטעריע קען זיך גאַנץ רויק עקזיסטירן אָן גייסט; די מאַטעריע איז געווען פריער פאַרן גייסט; „גייסט" איז אַ ספּעציעלע אייגנשאַפט* פון אַ *ספּעציעל אָר־גאַניזירטער מאַטעריע.*

מיט דעם ווערט פאַרענטפערט די פראַגע וועגן דער שייכות צווישן מאַטעריע און גייסט. און מיט דעם ווערט געלייזט דער שטרייט צווישן *מאַטעריאַליזם* און *אידעאַליזם* אין דער פילאָזאָפיע.

דער *מאַטעריאַליזם* האַלט *אַלס אַלערערשטע,* אַלס *יסוד,* די מאַטעריע, דער *אידעאַליזם*—דעם *גייסט.* *ביי די מאַטעריאַליסטן איז דער גייסט אַ פּראָדוקט פון דער מאַטעריע; ביי די אידעאַליסטן פאַרקערט. איז די מאַטעריע אַ פּראָדוקט פון גייסט.*

ס'איז נישט שווער צו זען, אַז דער אידעאַליזם, ד. ה. די טעאָריע, וואָס נעמט אָן אַלס יסוד פון אַלץ וואָס עקזיסטירט דעם „גייסט", איז נישט אַנדערש, נאָר אַ פאַרלייכטערטע פאָרם פון רעליגיעזע פאַרשטעלונגען... דער זין פון די רעליגיעזע פאַרשטעלונגען באַשטייט דאָך אין דעם, וואָס *איבער* דער נאַטור ווערט געשטעלט אַ געטלעכע געהיימע קראַפט, וואָס דאָס מענטשלעכע באַוווסטזיין ווערט באַטראַכט ווי אַ פונק פון דער דאָזיקער געטלעכער קראַפט, און דער מענטש גופא ווערט פאַר־געשטעלט ווי אַן אויסגעוויילט דורך גאָט וועזן. דער אידעאַליסטישער *שטאַנדפונקט* דערפירט אין זיין אַנט־וויקלונג צו א ריי זינלאָזיקייטן, וואָס ווערן אָפט פאַרטיידיקט דורך די פילאָזאָפן פון די הערשנדיקע קלאַסן מיט א גאַר

ערנסטער מינע. באזונדערס זענען מיטן אידעאליזם פארבונדן די אנשויונגען, וואס נעגירן די א ו י ס ע ר ל ע כ ע ו ע ל ט, ד. ה. די אָביעקטיווע אומאָפּהענגיקע פון דעם מענטשלעכן באוווסטזיין, עקזיסטענץ פון זאכן, און טיילמאָל אויך פון אנדערע מענטשן. די עקסטע און קאָנזעקווענטע פארם פון אידעאליזם איז דער אזוי גערופענער סאָליפּסיזם (פון לאטייניש „סאָלוס" אליין, דער איינציקער). דער סאָליפּסיסט דענקט אזוי: וואָס איז מיר דירעקט געגעבן געוואָרן? — מיין באוווסטזיין און מער נישט; דאָס הויז, וואָס איך זע, איז מיין חוש; דער מענטש, מיט וועלכן כ'רעד — ס'זעלבע. מיט איין וואָרט: אויסער מיר עקזיסטירט גאָרנישט, ס'עקזיסטירט נאָר מיין אייגענער „איך", מיין באוווסטזיין, מיין גייסטיק וועזן; ס'איז נישט פאראן קיין שום אומאָפּהענגיקע פון מיר אויסערלעכע וועלט — דאָס אלץ איז געבוירן געוואָרן אין מיין גייסט. ווייל איך קען נאָר מיין אינערלעך לעבן, פון וועלכן איך קען נישט ארויסשפרונגען. אלץ, וואָס איך זע, הער, פּרוּוו מיט דער צונג, אלץ, וועגן וואָס איך קלער און טראַכט, — דאָס איז אלץ מ יי נ ע א יי נ ד ר ו ק ן, מ יי נ ע פארשטעלונגען, מ יי נ ע געדאנקען. די דאָזיקע משוגענע פילאָזאָפיע, וועגן וועלכער ש אָ פּ נ ה ו י ע ר האָט געזאָגט. אז אירע אויפריכטיקע אָנהענגער קען מען געפונען נאָר אין א משוגעים הויז (וואָס דאָס האָט נישט געשטערט דעם זעלבן שאָפּנהויער צו האלטן, אז די וועלט איז אן אויסדרוק פון ווילן און פארשטעלונג ד. ה. צו זיין אן אמת'ער אידעאליסט), ווערט אָפּגעלייקנט אויף יעדן טריט פון דער מענטשלעכער פּ ר א ק ט י ק. ווען מענטשן עסן, פירן א קלאסן-קאַמף, טון אן שטיוול, רייסן בלומען, שרייבן ביכער, האָבן חתונה — קומט קיינעם נישט אין געדאנק אריין צו צווייפלען אין דער עקזיסטענץ פון דער אויסערלעכער וועלט, ד. ה. צווישן אנדערע, אויך וועגן דער עקזיסטענץ פונם שפּייז, וואָס זיי עסן, פון די שטיול, וואָס זיי טון אן, פון די פרויען, מיט וועלכע זיי האָבן חתונה. אָבער פונדעסטוועגן דרינגט ארויס די דאָזיקע טפשות פון די עיקרדיקע באהויפּטונגען פון

אידעאַליזם. און אין אמת'ן, אויב דער „גייסט" איז דער יסוד פון אַלץ, וואָס זאָל מען טון מיט דער צייט, יוען ס'זענען נאָך נישט געווען קיין מענטשן? ס'זענען דאָ צוויי אויסוועגן: ענטוודער מ'דאַרף מודה זיין, אַז ס'האָט עקזיסטירט עפּעס אַ נישט מענטשלעכער, געטלעכער גייסט, אַזעלכער ווי אין די אַלט-העברעאישע לעגענדעס אין דער ביבל; אָדער מ'דאַרף זאָגן, אַז די אַלטע פאַרגאַנגענע צייט — דאָס איז נאָר אַ פּראָדוקט פון מיין פאַנטאַזיע. דער ערשטער וועג פירט צום אַזוי גערופענעם אָבּיעקטיוון עקאידעאַליזם. דער אָביעקטיווער אידעאַליזם אנערקענט די "זיסטעמע פון אַן אויסערלעכער, אומאָפּהענגיקער פון „מיין באַוווסטזיין" וועלט. אָבער דעם מהות פון דער דאָזיקער וועלט זעט ער אין דעם גייסטיקן יסוד, אין גאָט, אָדער אין „העכערן פאַרשטאַנד", וואָס פאַרטרעט דעם גאָט, „וועלטלעכער ווילן" און נאָך אַזעלכע ענלעכע בבא-מעשיות. דער אַנדערער וועג פירט גלייך צום סאָליפּסיזם דורך דעם סוביעקטיוון אידעאַליזם, ביי וועלכן ס'עקזיסטירן נאָר גייסטיקע וועזנס, באַזונדערע דענקנדיקע סוביעקטן. ס'איז נישט שווער צו פאַרשטיין, אַז דער סאָליפּסיזם איז אַ מער קאָנזעקווענטערע פאָרם פון אידעאַליזם. און טאַקע, פון וואָס דרינגט אַרויס, אויף וואָס שטיצט זיך דער אידעאַליזם? פאַרוואָס האַלט ער, אַז דער גייסטיקער יסוד איז דער אַלערערשטער און עיקרדיקער? אין לעצטן סך־הכל דערפאַר, ווייל ער מיינט אַז „מיר" איז דירעקט געגעבן געוואָרן נאָר מיינע איינדרוקן. נאָר אויב ס'איז אַזוי, איז פאַר מיר אין אַ גלייכער מאָס צווייפלהאַפט אי די עקזיסטענץ פון אַ ברעט אויף דעם הויף, אי די עקזיסטענץ פון אַנ'אַנדערן מענטש, אין דעם חשבון אויך די עקזיסטענץ פון מיינע עלטערן. דאָ הרגעט זיך דער סאָליפּסיזם אַליין אפּ, אָבער ער פאַרניכטעט אויך דעם גאַנצן אידעאַליזם אין דער פילאָזאָפיע, ווייל ער, אַנטוויקלנדיק קאָנזעקווענט די אידעאַליסטישע אַנשויונגען, דערפירט צו אַ פולן אַבסורד, צו אַ פולער זינלאָזיקייט, וואָס איז זיכדאויף יעדן טריט סותר דער מענטשלעכער פּראַקטיק.

מ'טאָר נישט פאַרטוישן דעם „פּ ר אַ ק ט י ש ן אי־דעאַליזם" און „מאַטעריאַליזם" מיט דעם ט ע אָ ר ע־ט י ש ן מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם.

דאָס איז אַ ענין, וואָס האָט גאָרנישט קיין געמיינ־זאַמעס מיט די אויבן אנאַליזירטע טעאָריעס. אין פּראַק־טישן זין הייסט אַן אידעאַליסט דער, וואָס איז איבער־געגעבן זיין אידיי און איז גרייט צוליב איר אַלץ צו טון. ס'איז קלאָר, אַז אַזא אידעאַליסט קאָן זיין אַ פאַרביסע־נער קעגנער פון דעם פילאָזאָפישן אידעאַליזם, פון דעם טעאָרעטישן אידעאַליזם. דער מאַרקסיסט, וועלכער איז מקריב זיין לעבן, איז א פּראַקטישער אידעאַליסט און אין דער זעלבער צייט איז ער ביז צום מאַרך פון זיינע ביינער א מאַטעריאַליסט.

דער קליינבירגער, וואָס זיפצט צו גאָט, האָט גע־וויינלעך שטאַרק-אידעאַליסטישע אַנשויונגען, וואָס עס שטערט אים נישט צו זיין א געננוג געמיין, טעמפּ, עגאָ־איסטיש און באַגרענעצט באַשעפעניש.

אַלס פאָטער פון דעם פּ י ל אָ ז אָ פ י ש ן א י־ד ע אַ ל י ז ם ווערט געהאַלטן דער אַלט-גריכישער פילאָזאָף פּ ל אַ ט אָ. לויט זיין מיינונג עקזיסטירן אין אמתן אָביעקטיוו נאָר „אידייען". נישט מענטשן, בארנעס וועגענער, נאָר די אידיי פון מענטש, בארנעס, וועגענער, די אַלע מוסטערהאַפטע און אַל-ערשטע עקזיסטירנדיקע „אידייען" געפינען זיך אין אַ באַזונדער „איבערהימליש" „קלוג אָרט". דאָס, וואָס די מענטשן האַלטן פאַר באַרנעס, וועגענער א. א., זענען נאָר נעבעכדיקע שאָטנס פון די אנטשפּרעכנדיקע „אידייען". איבער אַלע „אידייען", און דעם „איבערהימלישן" אָרט, שוועבט, ווי א געטלעכער גייסט, די העכסטע „אידיי", די אידייע פון גוטס". דעם ערשטן אַוועקבייג אין דער זייט פון כוביעקטיוון אידע־אַליזם האָבן געמאַכט די גריכישע פילאָזאָפן, וואָס זענען באַקאַנט אונטערן נאָמען ס אָ פ י ס ט ן, (פּראָטאגאָר

גאָרגיאַש א. א.), וועלכע האָבן ארויסגעשטעלט א הנחה, אַז „דער מענטש איז די מאָס פון אַלע זאַכן". אין **מיטעלאַלטער** האָט מען אָנגעהויבן אויסצוטייטשן פּלאַטאָס אידייען אַלס מאָדעלן אין בײַשפּילן, לויט וועלכע גאָט באַשאַפט זעבאַרע זאַכן. צ. ב., א זעבאַרע לויז איז באַשאַפן געוואָרן דורך גאָט, לויט דער זעלבער דאָזיקער „לויזיקער אידיי", וואָס האָט איר געזעס אין דער אויסערשכלידיקער וועלט' (טראַנסצענדענטאַלע וועלט). אין דער „נייער צייט" האָט אין ענגלאַנד אַנטוויקלט אמקאָנזעקווענסטן דעם שטאַנדפּונקט פון דעם סוביעקטיוון אידעאַליזם דער עפּיסקאָפּ **בערקלי**, לויט וועלכן ס'עקזיסטירט נאָר גייסט. דאָס איבריקע איז נאָר זיין פאַרשטעלונג. **פיכטע** (אין דייטשלאַנד) האָט געהאַלטן, אַז אָן דעם סוביעקט (וואָס אַנערקענט דעם גייסט) איז נישטאָ קיין אָביעקט (אויסערלעכע וועלט) און די מאַטעריע איז דער אויסדרוק פון דער אידיי. לויט **שעלינג** זענען אידייען — וועזנהייט פון זאַכן, וואָס האָבן זייער יסוד אין דער געטלעכער אייביקייט. לויט **העגעל** איז אַלץ, וואָס עקזיסטירט, נישט אַנדערש, נאָר א דערשיינונג פון דעם אליין זיך אַנטוויקלנדיקן אָביעקטיוון **פאַרשטאַנד**. לויט **שאָפּנהויער** איז די וועלט — ווילן און פאָרשטעלונג. לויט **קאַנטן** עקזיסטירט די אָביעקטיווע וועלט (זאַכן אין זיך), נאָר זי איז נישט דערקענבאַר און זי באַזיצט א נישט מאַטעריעלן כאַראַקטער.

אין דער נייעסטער פילאָזאָפיע האָט זיך דער אידעאַליזם, טיילנדיק זיך אויף א רייע שאַטירונגען, אויסערגעוויינלעך פאַרשטאַרקט צוזאַמען מיט דער נטיה פון דער בורזשואַזיע צום מיסטיציזם און צו אַלץ, וואָס איז געהיימניספול. דאָס איז א סימן פון א טיפער ירידה פון דער בורזשואַזיע, וועלכע איז פול מיט פאַרצווייפלונג און זי זוכט זיך א גייסטיקע טרייסט.

די אורשפּרינגלעכע **מאַטעריאַליסטישע** פי-

לאָזאָפישע שטרעמונגען געפינען מיר ביי די אלט־גריכישע פילאָזאָפן פון דער אַזוי־גערופענער יאָנישער שול, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז די מאַטעריע איז דער יסוד פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט, אָבער אין דער זעלבער צייט האָבן זיי געמיינט, אַז יעדע מאַטעריע איז אין אַ געוויסער מאָס פעיק צו דערפילן.

דעריבער הייסן די דאָזיקע פילאָזאָפן הילאָזאָאיסטן. („וואָס שרייבן צו א נשמה דער מאַטעריע"; אין גריכישן הייסט הילע — מאַטעריע, און זאָע — לעבן) די דאָזיקע ערשטע טריט זענען געווען זייער נישט פולקאָם לויט די רעזולטאַטן. אַזוי, צ. ב., האָט טאַלעס געזוכט אין וואסער דעם יסוד פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט, אַנאַקסימען — אין דער לופטן, העראַקליט — אין פייער, אַנאַקסימאַנדער — אין אַ ספּעציעלער סובסטאַנץ, וואָס איז אומבאַשטימט און נעמט אַלץ אַרום; (ער האָט דאָס אָנגערופן אַפּיראָן" — „אומענדלעכעס" „אומבאַגרעניצטעס"). צו די הילאָזאָאיסטן דאַרף מען צורעכענען אויך די סטאָאיקער, וועלכע האָבן אַרויסגעשטעלט די הנחה, אַז אַלץ, וואָס עס עקזיסטירט — איז מאַטעריעל. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון מאַטעריאַליזם איז פאָרגעקומען ביי די גריכן דעמאָקריט און עפּיקור, און נאָכדעם ביי דעם לאַטיינער לוקרעציקאַרא. דעמאָקריט האָט אויף אַ גענויאַלן אופן געגרינדעט די יסודות פון דער אַטאָמיסטישער טעאָריע. לויט זיין לערע באַשטייט די וועלט פון באַוועגלעכע, פאַלנדיקע מאַטעריעלע קליינטשיקע טיילעכלעך, אַטאָמען, וועמעס קאָמבינאַציעס איז טאקע די זעבאַרע וועלט. אין מיטלאַלטער האָט מען ס'רוב איבערגעקייט דעם אידעאַליזם. די אידייען פון די מאַטעריאַליסטן־הילאָזאָאיסטן האָט אַנטוויקלט ב. שפּינאָזאַ, אַ גלענצנדיקער און טיפער גייסט.

אין ענגלאַנד האָט ט. האָבס (1588–1679)[1]

פאַרטייַדיקט די מאַטעריאַליסטישע פּאָזיציע. די עפּאָכע
פון צוגרייטונג פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע
איז געווען די אויפבלי־עפּאָכע פון מאַטעריאַליזם;
דענצמאָל האָבן זיך באַוויזן אַ ריי ערשט=קלאַסיקע „פילאָ.
זאָפן=מאַטעריאַליסטן” דידראָ, העלוועציאַ, האָלבאַך
הויפּט־ווערק — „די סיסטעם פון דער נאַטור” דערשינען
אין 1870) לאַמעטרי. (מענטש-מאשין 1748)· די דאָזיקע
גרופּע פילאָזאָפן פון דער אין־יענער־צייט רעוואָלוציאָנע-
רער בורזשואַזיע האָט גרויסאַרטיק פאָרמולירט די מאַטער=
יאַליסטישע טעאָריע (זע: נ. בעלטאָוו „ צו דער פּראָ=
בלעם וועגן ד אנטוויקלונג פון דעם מאָניסטישן קוק
אויף דער געשיכטע”; נ. לענין: מאטעריאַליזם און
עמפּיראָקריטיציזם” זייט 26)

דידראָ האָט זייער שאַרפזיניק אויסגעלאַכט די
אידעאַליסטן פון בערקליס חדר: „ס'איז געווען אַ
מאָמענט פון משוגעת, ווען דער פילנדיקער פּאָרטעפּיאַן
האָט זיך פאָרגעשטעלט. אַז ער איז דער איינציקער עק=
זיסטירנדיקער אויף דער וועלט פּאָרטעפּיאַן, און אַז די
גאַנצע האַרמאָניע פון דעם וועלט=אַל קומט פאָר ביי אים”.
אין דייטשלאַנד האָט אין 19=טן י. ה. דעם ענין געגעבן
אַ רוק פאָרווערטס לודוויק פייערבאַך, וואָס האָט
געהאַט אַן איינפלוס אויף מארקסן און ענגעלסן,
וועלכע האָבן געגעבן די פולקאָמסטע טעאָריע פון מאַ=
טעריאַליזם. זיי האָבן פאַרייניקט דעם מאטעריאַליזם מיטן
דיאַלעקטישן מעטאָד (וועגן דעם שפּעטער) און האָבן
פאַרשפּרייט די מאַטעריאַליסטישע טעאָריע אויף די געזעל=
שאַפטלעכע וויסנשאַפטן, אַרויסטרייבנדיק דעם אידעאַליזם
פון זיין לעצטן מקום=מקלט. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך,
אַז די אָפּגעלעבטע בורזשואַזיע, וועלכע, פּונקט ווי אַן
אָנשכלדיקער אַלטער מאן שטאמלט וועגן גאָט, באַציט זיך
מיט שנאה צום מאַטעריאַליזם. און ס'איז אויך פאַרשטענ=
דלעך, וואָס דער מאַטעריאַליזם ווערט אַ רעוואָלוציאָנערע

טעאָריע פון דעם יונגן רעוואָלוציאָנערן קלאַס — דעם פּראָלעטאַריאַט.

§ 20. דער מאַטעריאַליסטישער אוועקשטעל פון דער פראַגע אין די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפסן.

דער שטרייט צווישן מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם קען נישט, ווי יעטוועדער איינער פאַרשטייט עס גאַנץ לייכט, נישט אָפּרופן זיך אויף די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן. און טאַקי, לאָמיר באַטראַכטן די מענטשלעכע געזעלשאַפט. אין איר קומען פאר אַ גאַנצע ריי דערשיינונגען. דאָ האָבן מיר אויך די „הויכע-מאַטעריע" — רעליגיע, פילאָזאָפיע, מאָראַל. אויך פּאָליטיק, און די מלוכה מיט אירע געזעצן; פאַרשידענע נייע אידייען פון מענטשן אין פאַרשידענע געביטן; דער סחורות-אויסטויש אָדער פּראָדוקציע-צעטיילונג; קאַמף פון פאַרשידענע קלאַסן צווישן זיך; אויסאַרבעטונג פון פּראָדוקטן-ווייץ, קאָרן, שיך, מאַשינען, — אָפּהענגיק פון צייט און אָרט. ווי אַזוי דאַרף מען צוטרעטן אויסצופאָרשן די דאָזיקע געזעלשאַפט? ווו אָנצוהייבן? וואָס זאָל מען דאָס אָננעמען אַלס יסוד, פאַר אָן אָנהייב? וואָס — אַ צווייט-ראַנגיקעס, אָפּשטאַמענדיקעס? ס'איז קלאָר, אז דאָס זענען לויטן מהות די זעלבע פּראָבלעמען, וואָס עס שטעלט זיך די פילאָזאָפיע, און וועלכע צעטיילן די פילאָזאָפן אויף צוויי גרויסע לאַגערן — מאַטעריאַליסטן און אידעאַליסטן.

וואָרום, פון איין זייט, איז פאַרשטענדלעך, אַז די מענטשן טרעטן צו צו דער געזעלשאַפט, למשל, אויף אַזאַ אופן: די געזעלשאפט באשטייט פון מענטשן; די מענטשן דענקען, פאַרלאַנגען, ריכטן זיך לויט אידייען, געדאַנקען, „מיינונגען"; הוצא מזה: „מיינונגען רעגירן מיט דער וועלט"; די ענדערונגען פון די מענטשלעכע אנשויונגען איז די הויפט-סיבה פון אַלץ, וואָס קומט פאר אין דער געזעלשאַפט; הייסט עס, אז די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפט דאַרף אויפן ערשטן פּלאַן אויספאָרשן טאקי די דאָזיקע זייט פון דעם ענין — „דעם געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזיין", „דעם גייסט פון דער געזעלשאַפט"

וואָס איז דער א י ד ע אַ ל י ס ט י ש ע ר שטאנדפונקט אין די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן. אָבער אויבן האָבן מיר געזען, אַז דער אידעאַליזם איז געבונדן מיט דער אַנערקענונג פון דער אומאָפּהענגיקייט פון די אידייען פון דעם מאַטעריעלן, און מיט דער אָפּהענגיקייט פון די דאָזיקע אידייען פון כלערליי געטלעכע און געהיימניספולע זאכן, דעריבער איז נישט קיין ווונדער, וואָס דער אידעאַליסטישער שטאַנדפונקט אין די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן איז פאַרבונדן מיט דער מיסטיק, טייוולאנישקייט און, פאָלגלעך, ער דערפירט צו דער פאַרניכטונג פון דער געזעלשאַפטלעכער ל ע ר ע, צו איר פאַרבייט אין אַ ג ל ו י ב ן, אין אַ געטלעכער השגחה אָדער אין עפּעס ענלעכעס צו דעם. אַזוי, צ. ב., האָט דער פראַנצויז ב אָ ס י ו ע ט (אין זיין בוך „באַטראַכטונגען וועגן דער אַלגעמיינער געשיכטע", דערשינען אין 1682) דערקלערט, אַז אין דער געשיכטע אַנטפּלעקט זיך „אַ געטלעכע השגחה איבער דעם מענטשלעכן מין";

דער דייטשער פילאָזאָף-אידעאַליסט ל ע ס י נ ג האָט באַהויפּטעט, אַז געשיכטע, — דאָס איז די „דערציונג פון מענטשלעכן מין דורך גאָט; פ י כ ט ע האָט געזאָגט, אַז אין דער געשיכטע ווירקט דער „שכל"; ש ע ל י נ ג — אַז די געשיכטע — דאָס איז „אַ שטענדיקער בהדרגה זיך אויפעפנדיקע אַנטפּלעקונג פון אַבסאָליוטן", ד. ה. גאָט; ה ע ג ע ל, דער גרעסטער פילאָזאָף פון אידעאַליזם, האָט באַצייכנט די געשיכטע פון דער וועלט אַלס „קלוגע, נויטווענדיקע אנטוויקלונג פון דעם וועלט גייסט".

מ'וואָלט געקענט ברענגען נאָך אַ סך אַזעלכע ביישפּילן, אָבער פון די פריערדיקע איז גאַנץ גענוג צו פאַרשטיין, אויף וויפיל די פילאָזאָפישע אַנשויונגען זענען ענג פאַרבונדן מיט די אנשויונגען אין געביט פון געזעלשאַפטלעכע לערעס. און אַזוי זענען די אידעאַליסטישע געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן און די אידעאַליסטישע סאָציאָלאָגיע אין דער געזעלשאַפט פריער פאַר אַלץ „אידייען" פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט; די געזעל-

ש״פּט גופא האַלטן זיי פאַר עפּעס אַ פּסיכישע, נישט־מאַטעריעלע זאַך; די געזעלשאַפט, לויט זייער מיינונג, דאָס זענען זיך דורכפלעכטנדיקע אין זייער אומענדלעכער פאַרבינדונ=גען פאַרלאַנגען, געפילן, געדאַנקען, ווילנס פון מענטשן; מיט אַנדערע ווערטער: געזעלשאַפטלעכע פּסיכאָלאָגיע און געזעלשאַפטלעך באַוווּסטזיין, „גייסט” פון גע=זעלשאַפט. מ׳קען אָבער צוטרעטן צו דער געזעלשאַפט פון אַ גאָר אַנדערער זייט.

אין אמת׳ן האָבן מיר דאָך געזען, בעתן באַטראַכטן די פּראָבלעם וועגן דעטערמיניזם, אַז דער מענטשלעכער ווילן איז בכלל נישט פריי, אַז ער ווערט באַשטימט דורך אויסערלעכע באַ־דינגונגען פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ. און די געזעל־שאַפט, צו ליגט זי נישט אונטער די זעלבע געזעצן? ווי זאָל מען געפינען אַ דערקלערונג פון דעם געזעלשאַפטלעכן באַוווּסט־זיין? פון וואָס עס איז אָפּהענגיק? באַלד ווי מיר שטעלן נאָר די דאָזיקע פראַגן, שווימט אויף די מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג אין די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן. די מענטש־לעכע געזעלשאַפט. פונקט ווי דער מענטשלעכער מין, איז אַ פּראָדוקט פון דער נאַטור, זי איז אָפּהענגיק פון דער דאָזיקער נאַטור און זי קען עקזיסטירן נאָר דאַן, ווען זי שעפּט פון דער נאַטור גוצלעכע פאַר זיך זאַכן. און זי שעפּט זיי מיט דער הילף פון דער פּראָדוקציע, בכלל טוט זי דאָס נישט שטענדיק באַוווּסטזיניק.

באַוווּסטזיניק קומט דאָס פאַר נאָר אין אַן אָרגאַ־ניזירטער געזעלשאַפט, ווו אַלץ ווערט געטון לויט אַ פּלאַן. אין אַ נישט־אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט קומט דאָס פאַר אומבאַוווּסטזי־ניק; צ. ב., בעת דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַליזם וויל דער פאַבריקאַנט באַקומען מער ריווח און דעריבער פאַרגרע־סערט ער די פּראָדוקציע (און נישט דערפאַר, ווייל ער וויל העלפן דער מענטשלעכער געזעלשאַפט). דער פויער פּראָדו־צירט, ווייל ער וויל זיך אַליין דערנערן, און אַ טייל פאַרקויפט ער, כדי אָפּצוצאָלן די שטייערן; דער בעל-מלאכה פּראָדוצירט, כדי ער זאָל זיך ווי עס איז אַרויספאַרבעטן און קומען צווישן

מענטשן; דער אַרבעטער — כדי ער זאָל נישט שטאַרבן פֿאַר הונגער.

און דער רעזולטאַט איז, אַז די גאַנצע געזעלשאַפֿט, צו־שלעכט צי גוט, עקזיסטירט. ווי־עס־איז.

די מאַטעריעלע פּראָדוקציע און איי־רע מיטלען — (מאַטעריעלע פּראָדוצירנדיקע כוחות)—אָט וואָס איז דער יסוד פֿון דער עקזיסטענץ פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט. אָן איר קען נישט זיין קיין שום „געזעלשאַפֿט־לעכער באַוווסטזיין", קיין שום גייסטיקע קולטור", פּונקט ווי ס'קען נישט זיין קיין געדאַנק אָן מוח. ווייטער וועלן מיר דאָס אויספֿירלעך אַנאַליזירן. איצט וועלן מיר נאָר דערמאָנען פֿאָלגנדיקעס: לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן צוויי מענטשלעכע גע־זעלשאַפֿטן: איינע — אַ געזעלשאַפֿט פֿון ווילדע, די צווייטע — אַ געזעלשאַפֿט ביים סוף פֿון קאַפּיטאַליזם. אין דער ערשטער געזעלשאַפֿט גייט די צייט אַוועק מיטן דירעקטן דערווערבן פֿון שפּייז: געיעג, פֿישעריי, זאַמלען וואָרצלען, פּרימיטיווע גערטנעריי; „אידייען", „גייסטיקע קולטור" א. א. וו. איז דאָ פֿאַראַן זייער ווייניק: מיר האָבן דאָ כמעט האַלב־מאָל־פּעס, אַסטאַדע בהמות.

אין דער צווייטער געזעלשאַפֿט — אַ רייכע „גייסטיקע קולטור", אַ גאַנצער בבלישער טורם פֿון מאָראַל, געזעצגעבונג מיט אומצייליקע געזעצן פֿון אַנטוויקלטע, אומענדלעכע וויסנ־שאַפֿטן, פֿילאָזאָפֿיעס, רעליגיעס, קונסטן, אָנהייבנדיק פֿון אַרכי־טעקטור און ענדיקנדיק ביי דער מאָדע. און דערביי איז דער בבלישער טורם ביי דער הערשנדיקער בורזשואַזיע אַן אַנדערער, און ביי דעם פּראָלעטאַריאַט אַן אַנדערער, ביי די פּויערים אויך אַביסל אַנדערש א. א. וו. מיט איין וואָרט: דאָ, ווי מ'דריקט זיך געוויינלעך אויס, זענען זייער אויסגעוואַקסן די רייכע „גייסטיקע קולטור", דער „גייסט" פֿון דער געזעלשאַפֿט, דער סכום פֿון „אידייען". פֿאַרוואָס זשע האָט דער דאָזיקער גייסט געקאָנט אויסוואַקסן? וואָס איז געווען דער באַדינג פֿון זיין וואוקס?

די אַנטוויקלונג פון דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע, די איבערמאַכט פון מענטש איבער דער נאַטור, דאָס הייבן זיך פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבעט. נאָר דענצמאָל וועט נישט די גאַנצע צייט אַוועקגיין אויף מאַטעריעלער אַרבעט: אַ טייל פון דער צייט וועט פריי ווערן, וואָס עס וועט געבן די מענטשן די מעגלעכקייט צו טראַכטן, קלערן, אַרבעטן גייסטיק, שאַפן אַ „גייסטיקע קולטור". הייסט עס, אַז פּונקט ווי די מאַטעריע איז בכלל די מוטער פון גייסט, און נישט דער גייסט איז דער פאָטער פון דער מאַטעריע, פּונקט דאָס זעלבע איז אין דער געזעלשאַפט: נישט די געזעלשאַפטלעכע „גייסטיקע קולטור" („געזעלשאַפטלעך באַוווסטזיין") שאַפט די געזעלשאַפטלעכע מאַטעריע. ד. ה. פריער פאַר אַלץ די מאַטעריעלע פּראָדוקציע, דאָס שאַפן פון דער נאַטור פאַרשידענערליי נוצלעכע זאַכן, נאָר, פאַרקערט: די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטלעכער מאַטעריע, ד. ה., די אַנטוויקלונג פון דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע איז דער יסוד פון דער אַנטוויקלונג פון דער אַזוי גערופענער „גייסטיקע קולטור". מיט אַנדערע ווערטער: דאָס גייסטיקע לעבן פון דער געזעלשאַפט איז אָפּהענגיק און קען נישט זיין נישט אָפּהענגיק פון דעם צושטאַנד פון דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע, פון דער אַנטוויקלונגס-מדרגה פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. דאָס גייסטיקע לעבן פון דער געזעלשאַפט איז, וויסנשאַפטלעך גערעדט, אַ פונקציע פון די דאָזיקע כוחות. וואָסערע פונקציע, ווי אַזוי דאָס גייסטיקע לעבן פון דער געזעלשאַפט איז אין זיינע פּרטים אָפּהענגיק פון די פּראָדוקטיווע כוחות, — וועגן דעם וועלן מיר רעדן שפּעטער.

איצט דאַרפן מיר באַמערקן, אַז לויט אַזאַ שטאַנדפּונקט וועט די געזעלשאַפט, נאַטירלעך, נישט פאַרשטעלן מיט זיך אַ „פּסיכישן אָרגאַניזם", נישט אַ בשותפות'דיקייט פון כלערליי מיינונגען, ספּעציעל אויף געביט פון „הויכן און שיינעם", „דערהאַבענעם און ריינעם", נאָר פריער פאַר אַלץ אַן אַרבעטנדי-

קע אָרגאַניזאַציע. (מאַרקס האָט זיך טיילמאָל אויסגעדרוקט: „פּראָדוקצירנדיקער אָרגאַניזם“).

אָט דאָס איז דער מאַטעריאַליסטישער שטאַנדפּונקט אויפן געביט פון סאָציאָלאָגיע. ווי מיר ווייסן, לייקנט די מאַטעריאַליסטישער אויפפאַסונג כלל נישט אָפּ דאָס, אַז „אידייען“ ווירקן. מאַרקס האָט אָפן געשריבן וועגן דער הויכער מדרגה פין באַוווסטזיין, וועגן דער וויסנשאַפטלעכער טעאָריע „יעדע טעאָריע ווערט אַ קראַפט, ווען די מאסע באַהערשט זי“. אָבער די מאַטעריאַליסטן קענען זיך נישט באַנוגענען מיט דעם בלויזן פאַררופן זיך אויף דעם, וואָס „מענטשן האָבן געקלערט“. זיי פרעגן: פאַרוואָס האָבן די מענטשן אין אַזאַ אָרט און אַזאַ צייט נעקלערט אַזוי, און אין אַן אַנדער אָרט און צייט — אַנדערש? פארוואָס טראַכטן בכלל אַ סך די מענטשן פון דער „ציוויליזירטער“ געזעלשאפט, שרייבן גאַנצע בערג מיט ביכער א. אַ. וו., אָבער ביי די ווילדע איז דאָס נישט אַזוי? אַ דערקלערונג געפונען מיר אין די מאַטעריעלע באַדינגונגען פונם לעבן פון דער געזעלשאַפט.

דער מאטעריאַליזם איז דעריבער אומשטאַנד צו דערקלערן די דערשיינונגען פונם „גייסטיקן לעבן“ פון דער געזעלשאַפט. דער אידעאַליזם אָבער איז דאָס נישט אומשטאַנד צו טון. לויט אים אנטוויקלען זיך די „אידייען“ פון זיך זעלבסט, אומאָפּהענגיק פון דער „זינדיקער ערד“.

טאַקי דערפאַר קומט אויס די אידעאַליסטן צו שטיצן זיך אויף אַ געטל, ווען זיי ווילן שאַפן כאָטש אַ מין כלומרשטע דערקלערונג. „די דאָזיקע גוטסקייט, — האָט העגעל געשריבן אין זיין „פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע“, — דער פאַרשטאַנד אין זיין קאָנקרעטסטער פאָרשטעלונג, איז גאָט.“ גאָט רעגירט מיט דער וועלט; דער אינהאַלט פון זיין רעגירונג, די אויספירונג פון זיין פלאַן איז די וועלט־געשיכטע.
(„Filosophie der Geschichte“ Verlag Reclam, S. 74)

אַלץ אַרויפלייגן אויף דעם דאָזיקן אומגליקלעכן זקן, וועל־

כער, זייענדיק לויט דער לערע פון זיינע פארערער אפּולקאַמענהייט, דאַרף באַשאַפן, באַגלייך מיט אָדמ׳ען, פליי און פּראָסטיטוטקעס, מערדער און מצורעים, הונגער און אָרימקייט, סיפיליס און בראָנפן, כדי צו באַשטראָפן די בעל עברה׳ניקעס, וואָס ער האָט אַליין באַשאַפן און וואָס זינדיקן לויט זיין ווילן, און ער מוז נאָך אייביק שפּילן די קאָמעדיע פאַר די דערשטוינטע צושויער פון דער וועלט, — ארויפלייגן דאָס אַלץ אויף גאָט — איז דער אומפערמיידלעכער גורל פון דער אידעאַליסטישער טעאָריע. אָבער פון וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט הייסט דאָס דערפירן די דאָזיקע „טעאָריע” ביז צום אַבסורד. און אַזוי אַרום איז אויך אין די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן ריכטיק דער מאַטעריאַליסטישער שטאַנדפּונקט.

מאַרקס און ענגעלס האָבן קאָנזעקווענט אָנגעווענדעט די מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג אין באַצוג צו געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן. אין דעם זעלבן יאָר (1859) ווען ס׳איז דערשינען מאַרקסנס ביכל: „צו דער קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע”, ווו מאַרקס האָט בקיצור אָנגעצייכנט זיין סאָציאָלאָגישע לערע (טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם), איז אויך דערשינען דאָס הויפּטווערק פון דעם גרויסן ענגלישן געלערנטן טשאַרלז דאַרווין („די אַנטשטייונג פון די מינים”), אין וועלכן דאַרווין האָט געוויזן און דערוויזן, אַז די ענדערונגען אין דעם חיות- און געוויקסן-קעניגרייך קומען פאָר אונטער דעם איינפלוס פון די מאַטעריעלע עקזיסטענץ-באַדינגונגען.. אָבער פון דעם דרינגט נישט, אַז מען קאָן גלאַט אַזוי, אָן שום אַנטוויקלונג, אָנווענדן די דאַרוויניסטישע געזעצן אויף דער געזעלשאַפט. די אויפגאַבע באַשטייט אין דעם, אַז מ׳זאָל באַווייזן, אַז אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט אַנטפּלעקן זיך די אַלגעמיינע געזעצן פון די נאַטור־וויסנשאַפטן אין אַ ספּעציעלער, נאָר דער מענטשלעכער צוגעהעריקער, פאָרם. מאַרקס האָט שטאַרק חוזק געמאַכט פון די, וואָס האָבן

דאָס נישט פאַרשטאַנען: אַזוי צ. ב., האָט ער געשריבן וועגן איינעם אַ דייטשן געלערנטן, פ. א. לאַנגע: „ס'גייט אין דעם, וואָס לאַנגע האָט געמאַכט אַ גרויסע אַנטדעקונג. די גאַנצע געשיכטע קאָן מען כלומרשט אַרונטערנעמען אונטער איין איינציקן גרויסן נאַטור-געזעץ. דער דאָזיקער נאַטור-געזעץ באַשטייט אין דער פ ר אַ ז ע struggle for life — קאַמף אום דאזיין. (דארווינס אן אויסדרוק, וואָס ווערט אין דער דאָזיקער באַנוצונג זיינער (לאַנגעס) אַ הוילע פראזע)".

היוצא מזה: אנשטאָט צו אַנאַליזירן דעם דאָזיקן struggle for life אַזוי ווי ער האָט זיך היסטאָריש אַנטפּלעקט אין פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, בלייבט נישט אַנדערש צו טון, נאָר פאַרוואַנדלען יעדן קאָנקרעטן קאַמף אין אַ פ ר אַ ז ע struggle for life „(בריוו צו קוגעלמאַן") (27 יוני 1870) ס'איז זעלבספאַרשטענדלעך, אַז מאַרקס האָט געהאַט פאַרגייערס, באַזונדערס די אַזוי גערופענע סאָציאַליסטן-אוטאָפּיסטן (סען-סימאָן). אָבער ביז מאַרקסן איז דער מאַטעריאַליסטישער שטאַנדפּונקט נישט דערפירט געוואָרן אַזוי קאָנזעקווענט און אין אַזאַ פאָרם, וועלכע ס'האָט נאָר געקאָנט שאַפן די היינטיקע וויסנשאַפטלעכע סאָציאָלאָגיע.

§ 21 דער דינאָמישער שטאַנדפּונקט און דער צוזאַמענהאַנג פון דערשיינונגען.

אַלץ אין דער נאַטור און אין דער געזעלשאַפט קאָן מען באַטראַכטן אויף צוויי אופנים, אויף צוויי פאַרשידענע אופנים. טייל מיינען, אַז אַלץ געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון רו, אומפאַרענדערלעכקייט. „אַזוי איז געווען, אַזוי וועט זיין" קיין נייעס קומט גאָר נישט פאָר.

אַנדערע, פאַרקערט, מיינען, אַז ס'איז גאָרנישט פאַראַן און ס'קען נישט זיין קיין שום נישט פאַרענדערלעכקייט, נישט אין דער נאַטור, נישט אין דער געזעלשאַפט. „דאָס וואָס ס'איז געווען, איז אוועק, און „ס'וועט שוין נישט צוריקקומען". דער צווייטער שטאַנדפּונקט, דער צווייטער אופן פון באַטראַכטן אַלץ וואָס עס עקזיסטירט, הייסט ד י נ א מ י ש ע ר (אין גריכישן הייסט „דינאַמיק", קראַפט באַוועגונג) שטאַנדפּונקט, דער ער־

שטער — סטאַטישער. ווי אַזוי דאַרף מען, אין אמת׳ן, ריכטיק קוקן אויף דער וועלט? צי איז די וועלט אַן אומבאַוועגלעכע און באַשטענדיקע זאַך? אָדער, פאַרקערט, זי טוישט זיך אייביק, באַוועגט זיך אייביק, און היינט איז זי שוין נישט די זעלבע, וואָס נעכטן? אַן אויבערפלעכלעכער בליק אויף דער נאַטור וועט אונז באַלד ווייזן, אז אין איר איז נישט פאַראַן קיין שום אומבאַוועגלעכעס. פריער האָבן די מענטשן געמיינט, אַז אומבאַוועגלעך זענען די לבנה און די שטערן, וועלכע זענען איינגעפאַסט אין הימל, פונקט ווי גאָלדענע נעגעלעך; אַז די ערד איז אומבאַוועגלעך א. א. וו. אָבער איצט ווייסן מיר, אַז אי די שטערן, אי די לבנה, אי אונזער ערד דרייען זיך געוואַלטיק שנעל אינם רוים און זיי מאַכן אַדורך ריזיקע שטרעקעס. נאָך מער. היינט ווייסן מיר, אַז די קלענסטע טיילעכלעך פון מאַטעריע, אַטאָמען, באַשטייען פון נאָך קלענערע טיילעכלעך, עלעקטראָנען, וועלכע דרייען זיך און קרייזן אין דעם אַטאָם, פונקט ווי די הימלישע קערפּער פון דער זון סיסטעם, אַרום דער זון. און פון זיי באַשטייט דאָך די וועלט. ווי זשע קען זיין אין דער דאָזיקער וועלט אַ שטענדיקע זאַך, ווען אַלע אירע באַשטאַנד־טיילעכלעך פליען ווי אַ ווייכער? פריער האָבן די מענטשן אויך געמיינט, אַז ס׳איז פאַראַן אַזויפיל געוויקסן און חיות, וויפיל גאָט האָט באַשאַפן: דער אייזל און דער טכויער, די וואַנץ און די באַקטעריע פון קרעציקייט, די גראַז=לייב און דער העלפאַנט, דער טינטפיש און פּאַקזשיווע — די אַלע עקזיסטירן אַזוי, ווי גאָט האָט זיי באַשאַפן אין די ערשטע טעג פון דער וועלט=באַשאַפונג. אָבער דאָך ווייסן מיר היינט גאַנץ גוט, אַז דאָס איז נישט ריכטיק. ס׳איז נישט בכלל פאַראַן אַזוי פיל מינים חיות און געוויקסן, וויפיל ס׳האָט זיך פאַרגלוסט דעם וועלט=באַשעפער צו באַשאַפן. אי די חיות, אי די געוויקסן, וואָס עקזיסטירן היינט אויף דער ערד, זענען זייער נישט=ענלעך צו די, וואָס האָבן געלעבט פריער; מיר געפונען סקעלעטן אָדער שפורן אין שטיינער און אין אייז - ריזיקע חיות פון געוויקסן פון די פאַרגאַנגענע

יאָרטויזנטער: פליענדיקע ריזיקע יאַשטשערקעס (פטעראָדאַק-
טילן) פאַרנען און שלייפגראַז פון אומגעווינלעכער גרויס. (גאַנ-
צע וועלדער, וואָס זענען דערנאָך פאַרשטיינערט געוואָרן: שטיין
קוילן — דאָס זענען די פרימיטיווע וועלדער פון די אור-צייטן).
אמת'ע שרעקן, ווי: איכטיאָזאַורן, בראָנטאַזאַורן, איגואַנאָדאָ-
נען א. א. — אָט וואָס ס'איז געווען פריער און היינט איז
עס שוין נישטאָ. אָבער דערפאַר איז פריער נישט געווען
נישט קיין יאָדלעס, בזשאָזעס, קי, שעפּסלעך, — מיט איין
וואָרט: „אַלץ אונטער דער זון האָט זיך געענדערט".

און — ליידער! — ס'זענען אַפילו נישט געווען קיין
מענטשן, וועלכע האָבן זיך אנטוויקלט פאַרהעלטניסמעסיק נישט-
לאַנג פון די דאָזיקע האַלב-מאַלפּעס. היינט וווּנדערן מיר זיך
אַפילו נישט, וואָס די פאָרמען פון די חיות און געוויקסן
ענדערן זיך. מיר וווּנדערן זיך נישט ווייניקער, וואָס מיר
אַליין קענען איבערשטייגן גאָט: יעדער גוטער חזירים-האָדע-
ווער קען מיט דער הילף פון אָפּקליב פון שפּייז און צוזאַ-
מענפּאָרונג פון אנטשפּרעכנדיקע „ער'ס" און „זי'ס" בהדרגה
שאַפן נייע מינים; די יאָרקשירער חזירים — וואָס קענען זיך
נישט רירן פון פעטסקייט — זענען דאָס ווערק פון מענטש-
לעכע הענט, פּונקט ווי די קינסטלעכע טרוסקאַווקעס, שוואַרצע
רויזן, פאַרשידענערליי סאָרטן פון היימישע חיות און קול-
טיווירטע געוויקסן. און צי ענדערט זיך נישט דער מענטש כמעט
פאַר אונזערע אויגן? צי, לאָמיר זאָגן, איז דער רוסישער
אַרבעטער פון דער רעוואָלוציע-צייט ענלעך אַפילו מיטן אויס-
זען צו דעם ווילדן סלאַוו, דעם יעגער, פון די אור-אַלטע
צייטן? די ראַסע, די מינים פון די מענטשן טוישן זיך, פּונקט
ווי אַלץ אין דער וועלט.

צו וואָסער אויספיר קען מען פון דעם קומען? ס'איז אַ
קלאָרע זאַך: אין דער וועלט איז נישט פאַראַן קיין שום נישט-
באַוועגלעכעס, פאַרגליווערטעס. אַלץ באַוועגט זיך און ענדערט
זיך. אָדער, ווי מ'דריקט זיך אַנדערש אויס: אין דער אמת'ן זע-
נען נישט פאַראַן קיין פ אַ ר ג ל י וו ע ר ט ע זאַכן, נאָר ס'זע-

נען פאַראַן פ ר אָ צ ע ס ן. דער טיש, אויף וועלכן איך שרייב איצט, איז בכלל נישט קיין אומבאוועגלעכע זאַך: יעדע סעקונדע קען ער זיך טוישן. אמת, ער ענדערט זיך אומבאַמערקבאַר פאַר דעם מענטשלעכן אויג אָדער געהער; אָבער ווען ער וועלט אַסך יאָרן, וועט ער פאַרפוילט ווערן, פאַרוואַנדלען זיך אין שטויב. אין איינמאָל? געוויס, נישט. דאָס וואָלט אָבער געווען אַ פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך פריער.

צי וואָלטן פאַרפאַלן געוואָרן די טיילעכלעך פון טיש? ניין. זיי וואָלטן אָנגענומען אַן אַנדערע פאָרם: זיי וואָלטן אַוועקגעגאַנגען מיטן ווינט, פאַרוואַנדלט זיך אין אַ באַשטאַנד-טייל פון דער ערד, זיי וואָלטן דערנערט געוויקסן און אַזוי אַרום זיך פאַרוואַנדלט אַלס זייער געוועב א. א. וו., — אַן אייביקע ענדערונג, אַן אייביקע רייזע, וואָס אַ מאָל אַלץ נייע און נייע געשטאַלטן, נייע פאָרמען. ב אַ וו ע ג ל ע כ ע מאַטעריע — אָט דאָס איז די וועלט. דעריבער, כּדי צו פאַרשטיין וואָסערע עס איז דערשיינונג, דאַרף מען זי אויספאָרשן אין איר אַנטשטייונג, (ווי אַזוי, פונוואַנען, פאַרוואָס זי איז אַנטשטאַנען) אין איר אַנטוויקלונג, און איר אונטערגאַנג, — מיט איין וואָרט: אין דער ב אַ וו ע ג ו נ ג, און נישט אין דער השערה׳דיקער רו. דער דאָזיקער דינאַמישער שטאַנדפּונקט הייסט אויך דיאַלעקטישער. (די דיאַלעקטיק האָט נאָך סימנים, וועגן וועלכע מיר וועלן באַלד רעדן).

דער אונטערשיד צווישן דעם דינאַמישן און סטאַטישן שטאַנדפּונקט האָט זיך באַמערקט שוין אין דער אַלט-גריכישער פילאָזאָפיע. די שול פ ו ן די אַזוי גערופענע עלעאַטן מיט פ א ר מ ע נ י ד ע ס ן ב ר א ש האָט געלערנט, אַז אַלץ וואָס ס׳עקזיסטירט איז אומבאַוועגלעך. לויט פ א ר מ ע נ י ד ע ס ן איז די וועלט אייביק, שטענדיק, אומפאַרענדערלעך, איינציק, גאַנץ, אומצעטיילבאַר, איינמיניק, אומבאַוועגלעך, ענלעך צו אַ רונדיקן ריכטיקן באַלים. איינער פון די עלעאַטן, ז ע נ אָ ן, האָט, צוזאַמען מיט אַנדערע זייער שאַרפזיניקע באַטראַכ-

טונ־ען, זיך געפּרוווט דערווייזן, אַז באַוועגונג איז בכלל אוממעגלעך. הערַאַקליט, פאַרקערט, האָט געלערנט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שום אומבאַוועגלעכעס. ער האָט באַהויפּטעט, אַז אַלץ ענדער־ט זיך, „אַלץ פליסט" און קיין שום זאַך בלייבט נישט („פּאַנטא רעי"). לויט הערַאַקליטן קען מען נישט צוויי מאָל אַריינגיין אין דעם זעלבן טייכל, ווייל ביים צווייטן מאָל וועט דאָס שוין זיין „פּיעדאָט דאַ ניע טאָט" *): זיין אָנהענגער, קראַטילעס, האָט געזאָגט, אַז אַפילו איין מאָל קען מען נישט זיין אין דעם זעלבן טייך, ווייל ער ענדערט זיך אָן אויפהער. דעמאָקריט האָט אויך גענומען אַלס יסוד די באַוועגונג, נעמלעך, די גלייכלייניקע באַוועגונג פון די אַטאָמען. פון די נייערע פילאָזאָפן האָט מיט אַ באַזונדערער עקשנות באַטאָנט די באַוועגונג און דאָס ווערן (אַנטשטייונג, פאַרוואַנדלונג אין זיין און נישט־זיין) העגעל, מאַרקסנס לערער אָבער ביי העגעלן איז דער יסוד פון דער וועלט געווען די באַוועגונג פון גייסט, און מאַרקס, ווי ער האָט זיך אויסגעדרוקט, האָט אויפסניי געשטעלט אויף די פיס, אַנשטאָט אויפן קאָפּ, העגעלס דיאַלעקטיק, טוישנדיק די באַוועגונג פון גייסט אויף דער באַוועגונג פון דער מאַטעריע. אין די נאַטור־וויסנשאַפטן האָט נאָך אין אָנהייב פון 19־טן י. ה. געהערשט די מיינונג, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך דעם באַרימטן נאַטור־פאָרשער ליננעי: „ס׳זענען פאַראַן אַזויפיל מינים, וויפל ס׳האָט זיי באַוויליקט צו באַשאַפן דאָס העכסטע וועזן", ד. ה. גאָט. (טעאָריע פון דער שטענדיקייט פון די מינים). דער באַדייטנסטער פאָרשטייער פון קעגנזעצלעכע אַנשויונגען איז געווען לאַמאַרק, און נאָך אים האָט, ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, טשאַרלז דאַרווין, ענטגילטיק צעקלאַפּט די אַלטע אַנשויונגען.

פון דעם, וואָס די וועלט געפינט זיך אין אַ שטענדיקער באַוועגונג, דרינגט אַרויס די נויטווענדיקייט צו באַטראַכטן די

1) אַ רוסיש ווערטל. דער טייטש: דערזעלבער, אָבער דאָך נישט דערזעלבער, ווי מ׳זאָגט אין יידישן: „די זעלבע יענטע, אָבער אַנדערש געשלייערט".

דערשײַנונגען אין זײער קעגנזײַטיקן צוזאַמענהאַנג און נישט אין דער אַבסאָלוטער באַזונדערקײט (איזאָלירטקײט). פאַקטיש זענען אַלע טײלן פון דער װעלט פאַרבונדן מיט זיך און זײ װירקן אײנער אויף דעם אַנדערן. די קלענסטע איבער־טראָגונג, די קלענסטע ענדערונג אין אײן אָרט—און פון דעם ענדערט זיך אַלץ. אויף װיפל עס ענדערט זיך—דאָס איז שוין א צװײטע פראַגע, אָבער עס ענדערט זיך. מיר װעלן ברענ־גען אַ בײַשפּיל: מענטשן האָבן אויסגעהאַקט, לאָמיר זאָגן, די װאָלגע־װעלדער. אַדאַנק דעם פאַרקלענערט זיך די פײַכטקײט, דער קלימאַט טרישט זיך ביז אַ געװיסער מאָס. די װאָלגע װערט „פלאַך", די שיפעריי װערט פאַרשװערט, דעריבער מוז מען זיך באַנוצן מיט מאַשינען, װאָס פּאָמפּען אויס דאָס זאַמד, פּראָדוצירן װאָס מער אַזעלכע מאַשינען, מ׳מוז באַשעפטיקן װאָס מער מענטשן, כדי זײ אויסצואַרבעטן. א. א. װ. פון דער צװײטער זײַט, פאַר־שװינדן די חיות, װאָס האָבן געלעבט אין די װעלדער, ס׳באַ־װײַזן זיך נײַע, װאָס זענען פריער נישט געװען, די אַלטע—אָדער זײ שטאַרבן אויס, אָדער זײ לויפן אַװעק אין באַװאַלדעטע געגנטן א. א. װ.; אָדער מיר קאָנען שטעלן נאָך אַנדערע פראַגן: אויב ס׳ענדערט זיך דער קלימאַט, איז קלאָר, אַז בכלל ענדערט זיך דער צושטאַנד פון דעם גאַנצן פּלאַנעט, און אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מדרגה שלאָגט זיך אומעטום אָפּ די ענדערונג פון דעם װאָלגע־קלימאַט. אָבער, פאַקטיש, אויב עס ענדערט זיך — אַפילו אין דער קלענסטער מאָס — דאָס בילד פון דער ערד, הײסט עס, אַז ס׳ענדערט זיך, לאָמיר זאָגן, די באַציִונג פון דער ערד צו דער לבנה אָדער זון א. א. װ. איך שרײַב איצט אויף פּאַפּיר, כ׳פיר מיט די פעדער. דאָס איבט אויס אַ דרוק אויפן טיש, דער טיש דריקט די ערד, װאָס דאָס רופט אַרויס אַ רײַע װײַטערדיקע ענדערונגען. װען איך באַװעג מיט דעם האַלטער, באַװעגט זיך די לופט, און די דאָזיקע באַװעגונגען צעגײען זיך אין קלײנע שטראָמעלעך, װער װײסט װי זײ װערן פאַרלוירן. דאָך זענען זײ דאָ, זײ עקזיס־טירן. אַלץ אין דער װעלט איז פאַרבונדן מיט אומצורײַסבאַר

צוזאַמענהאַנג. ס׳איז נישט פֿאַראַן קיין איין זאַך, וואָס זאָל שטייען באַזונדער, אומאָפּהענגיק פון דעם, וואָס ס׳איז אויסער אים, מיט אנדערע ווערטער: ס׳איי נישט פאַראַן אין דער וועלט קיין שום אַבסאָלוט איזאָלירטע זאך. פאַרשטייט זיך, זייער אָפט קענען מיר נישט לייגן אַכט אויף דעם אַלגעמיינעם צוזאַמענהאַנג פֿון דערשיינונגען: מ׳קען נישט יעדעס מאָל, רעדנדיק צ. ב., וועגן דעם האָדעווען פון הענער, אָנהייבן אַ שמועס וועגן אַלץ און אין איינמאָל — אי וועגן די זון, אי וועגן דער לבנה: דאָס וואָלט געווען נאַריש. ווייל דאָ האָט אונז גאָרנישט געקענט צרויסהעלפן דער אלגעמיינער צוזאַמענהאַנג פון די דערשיינונגען. אָבער מ׳דאַרף דאָס אין זינען האָבן זייער אָפט ביים באַטראַכטן טעאָרעטישע פראַגן, אויך אין דער פראַקטיק דאַרף מען זיך רעכענען מיט דעם.

ווען מ׳זאָגט, אַז דער און דער אָדער די און די זעען נישט „ווייטער פון זייער נאָז", וואָס באַטייט דאָס? דאָס באַטייט טאַקי, אַז זיי באַטראַכטן „זייער סביבה" איזאָלירט, אָן צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס קומט פאָר מחוץ דער סביבה. דער פויער פירט פראָדוקטן אין מאַרק אריין און טראַכט זיך, אַז ער וועט האָבן אַ גוט לייזעכץ, אָבער פּלוצלינג ווייזט זיך אַרויס, אַז די פרייזן זענען אַזעלכע נידעריקע, אַז ער האָט קוים-קוים צוריק באַקומען זיינע הוצאות. וואָס איז די מעשה? די מעשה איז, וואָס דורך דעם מאַרק איז ער פאַרבונדן מיט די אַנדערע פראָדוצירער. ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז תבואה האָט מען פּראָדוצירט און געוואָרפן אויפן מאַרק אַזוי פיל און אַזוי פיל, און די פרייזן זענען געפאַלן. פאַרוואָס-זשע האָט דער פויער געהאַט אַ טעות אין חשבון? ווייל ער האָט נישט געזען (און ער האָט נישט געקענט זען פון זיין פאַרוואָרפן ווינקל אַרויס) דעם צוזאַמענהאַנג מיט דעם וועלט-מאַרק. נאָך דער מלחמה האָט די בורזשואַזיע באַקומען די רעוואָלוציע פון די אַרבעטער, אַנשטאָט רייך צו ווערן. פאַרוואָס? ווייל די מלחמה איז געווען פאַרבונדן מיט אַ רייע אַנדערע זאַכן, וועלכע די בורזשואַזיע האָט נישט געזען. די מענשעוויקעס

און עס־ערן, די סאָציאַל־פּאַטריאָטן פון אַלע לענדער האָבן באַהויפּטעט, אַז די באָלשעוויסטישע מאַכט אין רוסלאַנד וועט זיך האַלטן אַ זייער קורצע צייט. און וואָס איז באַשטאַנען זייער טעות? אין דעם, וואָס זיי האָבן באַטראַכט רוסלאַנד איזאָלירט, אויסער דעם צוזאַמענהאַנג מיט מערב־אייראָפּע, אויסער דעם צוזאַמענהאַנג מיט דער וועלט־רעוואָלוציע, וואָס העלפט דער אַרבעטער־רעגירונג. ווען מען זאָגט אין פּראָסטן לשון, גאַנץ ריכטיק, אַז „מ׳דאַרף אין אַכט נעמען אַלע אומשטענדן“, זאָגט זיך מיט דעם, אַז מ׳דאַרף באַטראַכטן די געגעבענע דערשיינונג אָדער די געגעבענע פראַגע טאַקי אין צוזאַמענהאַנג מיט אַנדערע, אין איר נישט־אָפּגעריסענקייט פון „אַלע אומשטענדן“.

אַלזאָ, דער דיאַלעקטישער מעטאָד דער דיאַלעקטישער אופן פון באַטראַכטן אַלץ וואָס ס׳עקזיסטירט פאָדערט ערשטנס דאָס באַטראַכטן פון אַלע דערשיינונגען אין זייער נישט צערייסבאַרן צוזאַמענהאַנג, צווייטנס, אין זייער באַוועגונג.

§ 22. היסטאָריזם אין די געזעלשאַפטליכע וויסנשאַפטן.

פון דעם, וואָס אַלץ אין דער וועלט באַוועגט זיך און געפינט זיך אין אַ נישט צערייסבאַרן צוזאַמענהאַנג, דרינגען אַרויס באַשטימטע פאָלגן פאַר די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן. לאָמיר אָננעמען, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ מענטשלעכע געזעלשאַפט. צי איז זי שטענדיק געווען געבויט אויף איין אופן? ס׳הייבט זיך גאָרנישט אָן. מיר ווייסן וועגן גאָר פאַרשידנאַרטיקע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין רוסלאַנד, צ. ב., שטייט זינט נאָוועמבער 1917 דער אַרבעטער־קלאַס ביי דער מאַכט, וואָס ווערט געשטיצט דורך אַ טייל פון פּויערנטום. די בורזשואַזיע געפינט זיך אין דער קלעם און אַ טייל (אַן ערך צוויי מיליאָן) איז אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. מיט די פאַבריקן, זאַוואָדן, אייזן־באַנען פאַרוואַלטעט איצט אַן אַרבעטער־מלוכה. פריער, ביזן י. 1917. זענען ביי דער מאַכט געשטאַנען די בורזשואַזיע און די גוטס־באַזיצער, וועלכע האָבן אַלץ באַהערשט,

און די אַרבעטער און פויערים האָבן געאַרבעט פאַר זיי. נאָך פריער, ביז צו דער אַזוי גערופענער פויערים באַפרייונג אין יאָר 1861. איז די בורזשואַזיע הויפּטזעכלעך געווען אַ האַנדעלנדיקע, און פאַבריקן איז געווען ווייניק.

און די גוטס-באַזיצער האָבן געהערשט איבער די פויערים, אַזוי ווי מיט בהמות, זיי האָבן זיי געקענט שמייסן, פאַרקויפן, אויסטוישן. אויב מיר וועלן אַריינבליקן אין די גאָר אַלטע צייטן, וועלן מיר געפינען האַלב-ווילדע וואַנדערנדיקע שבטים. דאָס אַלץ איז אַזוי ווייניק ענלעך איינס צום צווייטן, אַז ווען מיר וואָלטן דורך עפּעס אַ נס מחיה-מתים געווען אַ בייכיקן גוטס-באַזיצער, ליב-אייגנטימער, דעם ליבהאָבער פון שמייסן און כאַרטן, און אים געבראַכט, לאָמיר זאָגן, אויף אַ זיצונג פון די פאַבריק-קאָמיטעטן אָדער פון פאַבריק-סאָוויעט, וואָלט דער דאָזיקער אָרעמער מענטש אוודאי געשטאָרבן פון אַ האַרץ-אַטאַק.

מיר ווייסן אויך וועגן אַנדערע פאָרמען פון דער געזעלשאַפט. אין אַלטן גריכנלאַנד, צ. ב., ווען ס'האָבן פילאָזאָפירט די פלאַטאָ'ס און הераקליט,ס, האָט זיך אַלץ געהאַלטן אויף דער אַרבעט פון די שקלאַפן, וועלכע זענען געווען דאָס אייגנטום פון די גרויסע ע ר ד - ב א ז י צ ע ר ס. אין דער אַלטער אַמעריקאַנער מלוכה פון די אינקן האָט עקזיסטירט אַ רעגולירטע, אָרגאַניזירטע ווירטשאַפט, וואָס האָט זיך געפונען אין די הענט פון אַ פּריציש-כוהנישן קלאַס. אַ מין אינטעליגענץ, וואָס האָט געהערשט איבער אַלץ, רעגירט מיט אַלעמען, און געפירט די מלוכה-ווירטשאַפט, ווי אַ מלוכה-קלאַס, פאַרקנעכטנדיק אַלע. און נאָך אַ סךביישפּילן קען מען ברענגען אַלס באַווייז, אַז די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג האָט זיך שטענדיק געענדערט. אָבער דאָס הייסט כלל נישט, אַז ביי דעם מענטשלעכן מין האָט שטענדיק געהערשט די אַנטוויקלונג, דאָס הייסט, אַז אַלץ איז געגאַנגען אין דער ריכטונג צו פאַרפולקאָמונג.

מיר האָבן שוין אָנגעמערקט, אַז ס'זענען געווען פאַלן פון א ו נ ט ע ר ג אַ נ ג פון זייער הויך-אַנטוויקלטע מענטשלעכע

געזעלשאַפטן. אַזוי איז צווישן אַנדערע, אויך אונטערגאַנגען דאָס לאַנד פון די גריכישע חכמים און שקלאַפן־אייגנטימער. אָבער גריכנלאַנד און רוים האָבן יעדנפאַלס געהאַט אַ געוואַלטיקע ווירקונג אויף דעס נאָכקומענדיקן גאַנג פון די געשעענישן, זיי האָבן געדינט אַלס באַמיסטיקונג פאַר דער געשיכטע. און זענען געווען אויך אַזעלכע פאַלן, וואָס גאַנצע „קולטורן" זענען שפּורלאָז פאַרשוווּנדן פאַר די אַנדערע פעלקער און פאַר די אַנדערע צייטן. צ. ב., אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַנטדעקטע אין פראַנקרייך, מיט דער הילף פון אויסגראָבונגען, שפּורן פון אַן אוראַלטער „קולטור", שרייבט פּראָפ. עדוואַרד מייער „....דאָ האָבן מיר צו טון מיט אַ זיך אַנטוויקלנדיקער... קולטור פון פרימיטיוון מענטש..., וועלכע איז דערנאָך פאַרניכטעט געוואָרן דורך אַ גראַנדיעזער קאַטאַסטראָפע. און זי, די קולטור, האָט נישט געהאַט קיין שום איינפלוס אויף דער נאָכקומענדיקער צייט. צווישן דער פּאַלעאָליטישער קולטור און דעם אָנהייב פון דער נעאָליטישער צייט איז נישטאָ קיין שום היסטאָרישער צוזאַמענהאַנג"... נאָר אויב נישט שטענדיק איז פאַראַן אַנטוויקלונג, איז אָבער שטענדיק פאראַן אַ באַוועגונג און ענדערונג, הגם זי האָט זיך געענדערט מיט אונטערגאַנג אָדער אויפלייזונג.

און אַזאַ באַוועגונג אַנטפּלעקן מיר נישט נאָר אין דעם אומשטאַנד, וואָס עס ענדערט זיך דער געזעלשאַפטלעכער געבוי. ניין, דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן ענדערט זיך אַנטשידן אין אַלע זיינע דערשיינונגען. עס ענדערט זיך די טעכניק פון דער געזעלשאַפט. מ'דאַרף נאָר פאַרגלייכן די שטיינערנע העק און די שפּיצן פון די פיקעס מיט דעם דאַמף־האַמער, דינאַמאָ־מאַשין, דראַטלאָזן טעלעגראַף; ס'ענדערט זיך די מאָראַל און די מנהגים: ס'איז, צ. ב., באַוווּסט, אַז טייל מענטשלעכע מינים עסן מיט פאַרגעניגן אויף זייערע געפאַנגענע, וואָס אויף דעם איז היינט ניעט דירעקט פעיק אפילו דער

פראַנצויזישער אימפּעריאַליסט (מיט די הענט פון קאָלירטע
זעלנער, וואָס ראַטעווען די ציוויליזאַציעס, שניידט ער אָפּ ביי
די טויטע זייערע אויערן); ביי טייל שבטים איז געווען אַ מנהג
צו דערהרגענען די אַלטע אָדער די קינדער פון ווייבלעכן געש=
לעכט, און אַזאַ מנהג איז פאַררעכנט געוואָרן אַלס הויך-מאָראַלישער
און הייליקער. עס ענדערט זיך די פּאָליטישע אָרדענונג; מיט
די אייגענע אויגן האָבן מיר געזען, ווי די דעמאָקראַטישע רע-
פּובליק האָט פאַרנומען ס'אָרט פון דער אַליינהערשאַפט, און
נאָך יענער — די ראַטן-רעפּובליק; ס'ענדערן זיך די וויסנ=
שאַפטלעכע אַנשויונגען, רעליגיעס, דער לעבנס-שטייגער ...ון
די מענטשן, אַלע זייערע באַציונגען איינער צום צווייטן, אַלץ,
וואָס ווייזט זיך אונז אויס אַלס אַ געוויינלעכע זאַך,
איז ווייט נישט שטענדיק זענען געווען: נישט שטענדיק זענען גע=
ווען ציינטונגען, זייף, מלבושים, פּונקט ווי נישט שטענדיק האָט
עקזיסטירט מלוכה, אָדער גלויבן אין גאָט, אָדער קאַפּיטאַל, גע=
ווען. אפילו דער באַגריף וועגן דעם, וואָס איז שיין, נישט=
שיין. — אויך דער דאָזיקער באַגריף ענדערט זיך. ס'זענען
אויך נישט שטענדיק געווען די פאָרמען פון דער פאַמיליע:
מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז ס'עקזיסטירט אי פּיליווייבערײַ, אי
פּילמענערײַ, אי מאָנאָגאַמיע, אי דאָס „כאַאָטישע צוזאַמענלעבן“
מיט איין וואָרט: דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, פּונקט ווי אַלץ
אין דער נאַטור, ליגט אונטער אַן אומאויפהערלעכער ענדערונג.
און אַזוי לעבט איבער די מענטשלעכע געזעלשאַפט פאַרשידענע
שטופן, פאַרשידענע פאָרמען פון איר אַנטוויקלונג אָדער ירידה.
היוצא מזה: ערשטנס, דאַרף מען יעדע פאָרם פון דער
געזעלשאַפט פאַרשטיין און אויספאָרשן
לויט אירע אייגנאַרטיקייטן דאָס הייסט: מ'קען
נישט מעסטן לויט איין מאָס אַלע עפּאָכן, אַלע צייטן, אַלע
געזעלשאַפטלעכע פאָרמען. מ'קען נישט אַלץ אָנלייגן אויף איין
קופּע און נישט מאַכן אַן אונטערשיד צווישן די לייב-
קנעכט, שקלאַפן, פּראָלעטאַריער-אַרבעטער, מ'קען נישט פאַרזען
דעם חילוק צווישן דעם גריכישן שקלאַפן-אייגנטימער, דעם
רוסישן גוטס-באַזיצער — לייב-אייגנטימער, קאַפּיטאַליסטישן פאַב-

ריקאַנט. די שקלאַפן=אָרדענונג — דאָס איז איין זאַך; זי האָט אירע *אייגנאַרטיקע* שטריכן, ספּעציעלע סימנים, אַ באַזונדערע אַנטוויקלונג. די לייב-קנעכטשאַפט — אַן אַנדערע אָרדענונג. דער קאַפּיטאַליזם — אַ דריטע, א. א. ו. און דער קאָמוניזם, דער צוקונפטיקער — איז גאָר אַן *אייגנאַרטיקע* אָרדענונג.

דער איבערגאַנג צו איר — די עפּאָכע פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור — איז אויך אַן *אייגנאַרטיקע* אָרדענונג. אין יעטוועדער איינער פון די דאָזיקע אָרדענונגען זענען פאַראַן אייגנאַרטיקע שטריכן, וועלכע מ'דאַרף טאַקי אויספאָרשן נאָר דאַן וועלן מיר פאַרשטיין דעם פּראָצעס פון *פאָרענדערונג*. וואָרום אויב יעדע פאָרם האָט אירע אייגנאַרטיקע שטריכן, הייסט עס, אַז ס'זענען דאָ אי אייגנאַרטיקע געזעצן פון אַנטוויקלונג. אייגנאַרטיקע געזעצן פון באַוועגונג פון דער דאָזיקער פאָרם. לאָמיר אַ קוק טון אויף דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. אין „קאַפּיטאַל” האָט מאַרקס געשריבן, אַז ער שטעלט זיך פאַר אַ הויפּט=אויפגאַבע צו ,,אַנטדעקן דאָס געזעץ פון באַוועגונג אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט”. צוליב דעם איז מאַרקס'ן אויסגעקומען צו דערקלערן אַלע אייגנאַרטיקייטן פון קאַפּיטאַליזם, אַלע זיינע כאַראַקטעריסטישסטע שטריכן. און טאַקי דערפאַר איז מאַרקסן געלונגען צו אנטדעקן „דאָס געזעץ פון באַוועגונג” און *פאָרויסצוזאָגן* די אומפאַרמיידלעכע איינשלינגונג פון דער קליינער פּראָדוקציע דורך דער גרויסער, דעם וווּקס פון פּראָלעטאַריאַט, זיינע צוזאַמענשטויסן מיט דער בורזשואַזיע און די רעוואָלוציע פון אַרבעטער-קלאַס, און צוזאַמען מיט דעם דעם איבערגאַנג צו דער סיסטעם פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. נישט אַזוי אָבער גוט די מערהייט פון די בורזשואַזע היסטאָריקער. זיי, צ. ב., פאַררעכענען גערן די סוחרים פון אַלטערטום צו די היינטצייטיקע קאַפּיטאַליסטן, און די פּאַראַזיטישע לומפּן-פּראָלעטאַריער פון גריכנלאַנד און רוים צו די היינטצייטיקע פּראָלעטאַריער. דער בורזשואַזיע איז דאָס נויטיק, כדי צו ווייזן

די לעבעדיקייט פון קאפיטאליזם, און כדי צו דערווייזן, אז פונקט ווי אין רוים האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעלאָזט דער אויפשטאַנד פון די קנעכט, אזוי וועט אויך גאָרנישט ווערן פון דעם אויפשטאַנד פון די פראָלעטאַריער. אין דער אמתן אָבער קען מען גאָרנישט פארגלייכן די רוימישע „פראָלעטאַריער" צו די היינטצייטיקע אַרבעטער, און די רוימישע סוחרים האָבן גע-האַט אַ גאָר קליינע ענלעכקייט צו די היינטצייטיקע קאַפיטאַ-ליסטן. די גאַנצע לעבנס-אָרדענונג איז געווען אַ אנדערע. דעריבער איז פארשטענדלעך, אז דער גאַנג פון די ענדערונגען פון דעם דאָזיקן לעבן איז אויך געווען אַ אַנדערער. לויט מארקסן האָט יעדער היסטאָרישער פעריאָד זיינע אייגענע גע-זעצן..., אָבער אזוי ווי נאָר דאָס לעבן האָט אדורכגעמאַכט דעם פעריאָד פון דער געגעבענער אנטוויקלונג, עס איז אַרויס פון דעם געגעבענער סטאַדיע (סטאַדיע־מדרגה) און אַריין אין אַ צווייטער, הייבט עס אָן רעגירט צו ווערן דורך אַנדערע געזעצן. (ק. מארקס. קאפיטאַל, 1 באַנד. ז. 14). אָבער פאַר דער סאָ-ציאָלאָגיע, די אַממייסטן סאָציאַלע וויסנשאַפט, וועלכע פאָרשט נישט די איינצלנע פאָרמען פון דער געזעלשאַפט, נאָר די גע-זעלשאַפט בכלל, איז וויכטיק פעסטצושטעלן די דאָזיקע באַ-הויפטונג. ווי אמין באַפעל פאַר די ספּעציעלע געזעלשאַפטלעכע וויסנשאפטן, פאַר וועלכע די סאָציאָלאָגיע איז, ווי מיר ווייסן, אַ מעטאָד פון פאָרשן.

צווייטנס, מען דאַרף יעדע פאָרם אויספאָרשן בעתן פראָצעס פון איר אינערלעכער פאַר-ענדערונג. די זאַך קומט נישט פאַר אויף אַזאַ אופן, אַז צום ערשט עקזיסטירט איין, פולשטענדיק אומבאַוועגלעכע, פאָרם פון געזעלשאַפטלעכן געבוי, און נאָכדעם ווערט זי פאַר-ביטן דורך אַן אנדערער, אויך אַן אומבאַוועגלעכע. אין דער געזעלשאַפט קומט קיינמאָל נישט פאָר, אַז, לאָמיר זאָגן, ס'עק-זיסטירט דער קאַפיטאַליזם, וועלכער בלייבט אין דער גאַנצער צייט פון זיין עקזיסטענץ אין אַן אומפאַרענדערטער פאָרם, און נאָכדעם קומט אָן דער אומפאַרענדערטער סאָציאַליזם. אין דער

אָמתן ענדערט זיך שטענדיק יעדע פאָרם אפילו אין דער צייט פון איר עקזיסטענץ. לאָמיר נעמען אַלס ביישפּיל טאַקי די זעלבע קאַפּיטאַליסטישע עפּאָכע. צי איז דען דער קאַפּיטאַליזם שטענדיק געווען דער זעלבער? ס'הייבט זיך גאָרנישט אָן מיר וויסן, אַז ער איז אַדורכגעגאַנגען פאַרשידענע „סטאַדיעס" פון זיין אנטוויקלונג; האַנדלס-קאַפּיטאַליזם, אינדוסטריעלער, פינאנציעלער מיט זיין אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק, מלוכהשער קאַפּיטאַליזם אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה. אָבער צי איז דער קאַפּיטאַליזם אין די גרעניצן פון יעדער סטאַדיע פון זיין אַנטוויקלונג געשטאַנען אויף איין אָרט? לחלוטין נישט. אויב ער וואָלט געשטאַנען אויפן זעלבן אָרט, דאן וואָלט איין סטאַדיע נישט געקענט פאַרוואַנדלען זיך אין אַן אַנדערע. פאַקטיש האָט יעדע פריערדיקע סטאַדיע צוגעגרייט אַ נאָכקומענדיקע צ. ב. אין דער צייט פונם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם איז זיך געגאַנגען די צענטראַליזאַציע פון קאַפּיטאַל, אויף זיין יסוד איז נאָכדעם אויסגעוואַקסן דער פינאַנציעלער קאַפּיטאַליזם מיט זיינע בענק און טרעסטן.

דריטנס, מ'דאַרף יעדע פאָרם פון דעם *געזעלשאַפט באַטראַכטן* אין איר אַנטשטייאונג און אין *איר אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג* ד. ה. אין *צוזאַמענהאַנג מיט אַנדערע פאָרמען*. קיין שום געזעלשאַפטלעכע פאָרם פאַלט נישט אַראָפּ פון הימל. זי איז אַ נויטווענדיקער פועל-יוצא פון דעם פריערדיקן צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט; אָפט איז אַפילו שווער גענוי אָנצוווייזן די גרעניצן, ווו ס'הייבט זיך אָן איין געזעלשאַפטלעכע פאָרם און ווו ס'ענדיקט זיך די צווייטע; איין פעריאָד יאָגט אָן דעם צווייטן. בכלל זענען נישט די היסטאָרישע שטופן האַרטע, אומבאַוועגלעכע ככומים, ווי זאַכן צ. ב.; דאָס זענען פּראָצעסן, פליסנדיקע לעבנס-פאָרמען, וואָס ענדערן זיך אָן אויפהער. כדי ווי געהעריק צו פאַרשטיין, וואָסער עס איז פון אַזעלכע פאָרמען, דאַרף מען נאָכפאָרשן אירע יסודות אין דער פאַרגאַנגענער צייט, אויספאָרשן די סיבות פון איר אונטערגאַנג, אַלע באַדינגונגען

פון איר אַנטשטייונג, די טרייבנדיקע כוחות פון איר אַנטוויק־
לונג. און פונקט אַזוי איז נויטיק צו באַטראַכטן די סיבות פון
דעם אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג פון דעם פאָרם, די ריכטונג
פון דער באַוועגונג אָדער, ווי מ'זאָגט, די „אַנטוויקלונגס-טענ־
דענצן" (טענדענץ-שטרעבונג), וועלכע האָבן גורם געווען דעם
אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג פון דער דאָזיקער פאָרם און גרייטן
צו אויף איר אָרט אַ נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג.

אַזוי אַרום איז יעדע שטופע אַ רינגעלע אין דער קייט:
יעדעס רינגעלע איז געקייטלט מיטן צווייטן אי פון איין עק,
אי פון צווייטן עק. אָבער אויב די בורזשואַזע געלערנטע
פאַרשטייען דאָס טיילמאָל, בעת ס'רעדט זיך וועגן עבר, קענען
זיי אָבער בשום אופן נישט מסכים זיין, אַז דאָס הייַנטיקע, דער
קאַפּיטאַליזם, איז פאַרמשפט צום אונטערגאַנג. זיי זענען נאָך
גרייט צו זיין איינשטימיק אין דעם, אַז מ'דאַרף זוכן אויך די
באַדינגונגען, וועלכע דערפירן דעם קאַפּיטאַליזם צו זיין מפּלה.
„אין דעם דאָזיקן פאַרגעסן באַשטייט די גאַנצע חכמה פון די
הייַנטצייטיקע עקאָנאָמיסטן, וועלכע דערווייזן די אייביקייט און די
האַרמאָניע פון די עקזיסטירנדיקע סאָציאַלע באַציונגען": K. Marx
„Einleitung zu einer Kritik der politischen Oekonomie"
S. XVI. — דער קאַפּיטאַליזם איז ארויס פון די פעאָדאַלע
ליב-קנעכטשאַפטלעכע באַציונגען אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פון
דער האַנדלס-ווירטשאַפט.

דער קאַפּיטאַליזם גייט צום סאָציאַליזם דורך דער דיק־
טאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. נאָר דאַן, ווען מיר וועלן נאָכ־
פאָרשן דעם צוזאַמענהאַנג פון קאַפּיטאַליזם מיט דער פריערדי־
קער אָרדענונג און זיין אומפאַרמיידלעכע פאַרוואַנדלונג אין
סאָציאַליזם, וועלן מיר פאַרשטיין די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע
פאָרם. פונקט אַזוי אַרום דאַרפן מיר אויספאָרשן יעדע אַנדערע
געזעלשאַפטלעכע פאָרם. דאָס איז אויך איינע פון די פאָדע־
רונגען פון דיאַלעקטישן מעטאָד. מ'קען זי
אויך אָנרופן היסטאָרישער שטאַנדפונקט, ווייל דאָ ווערט
יעדע געזעלשאַפטלעכע פאָרם באַטראַכט נישט אַלס אַ־

ב י ק ע, נאָר ווי אַ ה י ס ט אָ ר י ש פּאַרבייגייענדיקע (צייט־ווייליקע), וועלכע באַווייזט זיך אין אַ באַשטימטן היסטאָרישן מאָמענט און פאַרשווינדט.

מאַרקסנס היסטאָריזם האָט נישט קיין שום שייכות צו דער אַזוי גערופענער „היסטאָרישער שול" אין דער לערע וועגן רעכט און אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. די דאָזיקע רעאַקציאָנערע שול האָט פאַר איר הויפּט־באַרוף דאָס, וואָס זי וויל באַווייזן די פּאַמעלעכקייט פון אַלע ענדערונגען און פאַרטיידיקן יעדע אַלטע טפּשות נאָר מיט ריקזיכט אויף דעם בכבודיקן „היסטאָרישן עלטער" פון דער דאָזיקער נאַרישקייט. דער דייטשער דיכטער העגריך הייגע האָט וועגן דער דאָזיקער שול פולשטענדיק ריכטיק געשריבן:

„פאָר נישט קיין טולע, פאר נישט, פריינט;
דאָרטן איז די לופט אַ שעדלעכע — אַ שווערע;
היט דיך פאַר זשאַנדאַרמען און פּאָליציי,
און פאר דער „היסטאָרישער שול" (ווינטער־מערכן)

אָפּהיטן די „הייליקע טראַדיציעס" — אָט דאָס איז די באַפעלנדיקע נויטווענדיקייט פאַר דער בורזשואַזיע. פון דאַנען שטאַמט דער אומשטאַנד, דאָס דערשיינונגען, וואָס וואַקסן אויס נאָר אויף אַ באַשטימטער היסטאָרישער שטופע, ווערן גערעכנט אַלס אייביקע, גלייך ווי זיי וואָלטן באַשטימט געוואָרן דורך גאָט און דעריבער זענען זיי אומבאַזיגבאַר. מיר וועלן דאָ ברענגען אַ פאָר ביישפּילן.

ערשטער ביישפּיל. מלוכה.

מיר ווייסן היינט זייער גוט, אַז די מלוכה איז אַ קלאַסן־אָרגאַניזאַציע, אַז אָן קלאַסן קאָן נישט זיין קיין מלוכה, אַז אַן אויסערקלאַסן־מלוכה — איז אַ קיילעכדיקער קוואַדראַט, אַז די מלוכה איז אַנטשטאַנען ערשט אויף א באַשטימטער שטופע פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. אָבער לאָמיר אַ קוק טאָן אויף די בורזשואַזע געלערנטע און דערביי אויף די ב ע ס ט ע ! ע ד. מ יי ע ר

שרייבט: ווי ווייט ס'קען פאַרקומען די אַנטשטייונג פון אָרגאַנישע גרופּן ביי די בעלי־חיים, האָב איך מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק אָפּט באַאָבאַכטעט אויף די גאַסן הינט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל: זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין שאַרף־אָפּגעגרענעצטע קוואַרטאַלן, וווהין מען האָט נישט אַריינגעלאָזט פרעמדע הינט, און יעדן אָוונט האָבן אַלע הינט פון יעדן קוואַרטאַל איינגעאָרדענט אויף אַ ליידיקן פּלאַץ אַ פאַרזאַמלונג, וואָס האָט געדויערט אַן ערך אַ האַלבע שעה און וואָס איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ לעבהאַפטער געבילעריי. דאָ קען מען, אַלזאָ, רעדן וועגן די טעריטאָריאַל אָפּגעגרענעצטע הינטישע מלוכות"

(Ed Meyer: „Geschichte des Alterthums, Elemente der Anthropologie, 17)

ס'איז נישט קיין וואונדער, וואָס נאָכדעם האַלט מייער די מלוכה פאַר אַן אומפאַרענדלעכע אָנגעהעריקייט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט! אויב אַפילו ביי די הינט זענען פאַראַן מלוכות (אַלזאָ, אויך געזעצן, רעכט א. א.) ווי אַזוי קאָנען זיך מענטשן באַגיין אָן דעם!

צווייטער ביישפּיל. אַזוי אויך האַלט. צ.ב., ביי די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן מיטן קאַפּיטאַל. מיר ווייסן אויסגעצייכנט, אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט נישט עקזיס־טירט, און אויך דער קאַפּיטאַל האָט נישט עקזיסטירט שטענדיק. קאַפּיטאַליסטן און אַרבעטער — דאָס איז אַ היסטאָריש אויפגעקומענע דערשיינונג, אָבער נישט קיין אייביקע. פונדעסטוועגן האָבן די בורזשואַזע געלערנ־טע שטענדיק אויסגעטייטשט דעם קאַפּיטאַליזם אַזוי, אַז ס'איז אויסגעקומען, אַז דער קאַפּיטאַל און די קאַפּיטאַ־ליסטישע אָרדענונג האָבן כלומרשט עקזיסטירט אייביק. אָט וואָס עס האָט געשריבן טאָררענס: אין יעדן שטיין, וואָס דער ווילדער וואַרפט אויף דאָס געווילד, אין דעם ערשטן שטעקן, וואָס ער נעמט, כדי אַראָפּצוּוואַרפן

די פירות... זעען מיר דאָס פאַראייגנען איין זאַך, מיטן ציל צו דערווערבן אַ צווייטע, און אַזוי אַרום אַנטפּלעקן מיר דאָ דעם אָנהייב פון קאַפּיטאַליזם". (זע: מאַרקס: „קאַפּי-טאַל, 1 ב., 114 באַמערקונג.) אַזוי אַרום איז די מאַ"פּע, וואָס האַקט אָפּ ניס, אַ קאַפּיטאַליסט! (אמת, אַן אַרבעטער). ביי די נייעסטע בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן האַלט עס נישט בעסער. כדי צו דערווייזן די אייביקייט פון דער מלוכה-מאַכט, קומט זיי נעבעך אויס צו צווינגען די הינט, אַז זיי זאָלן שפּילן די ראָל פון ללאָיד־דזשאָרדזשן, און די מאַלפּע — פון ראָטשילדס.

די יטער ביישפּיל. ביי די בורזשואַזע אויספאָרשער, וואָס פאַרנעמען זיך מיטן פּראָבלעם וועגן אימפּעריאַליזם, זענען נישט זעלטן פאַראַן באַשטימונגען פון אימפּעריאַליזם, ווי אַ שטרעבונג פון יעדער לעבעדיקער פאָרם צו פאַרשפּריי-טונג. מיר ווייסן אויסגעצייכנט, אַז אימפּעריאַליזם — דאָס איז די פּאָליטיק פון פינאַנציעלן קאַפּיטאַל, אַז דער פי-נאַנץ-קאַפּיטאַל גופא איז ערשט אויפגעקומען אין סוף פון 19י. ה., ווי אַ הערשנדיקע ווירטשאַפטלעכע פאָרם. אָבער וואָס אַרט דאָס די בורזשואַזע געלערנטע! כדי צו ווייזן, אַז כלומרשט „איז אַלץ געווען, און אַזוי וועט זיין", מאַכן זיי פון אַ הין, וואָס פּיקט די קערנדלעך, אַן „אימפּעריאַליסט", ווייל זי „אַנעקסירט" דאָך דאָס קערנדל! דער מלוכהשער הונט, די קאַפּיטאַליסטישע מאַלפּע און די אימפּעריאַליסטישע הין — זיי כאַראַקטעריזירן גאַנץ גענוג דעם ניוואָ פון דער היינטצייטיקער בורזשואַזער וויסנשאַפט.

ז. 23. דער שטאַנדפּונקט פון סתירות, און די סתירות-דיקייט פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

אַלזאָ, אין יסוד פון אַלץ הערשט דאָס געזעץ פון פאַ-רענדערונג, דאָס געזעץ פון אומאויפהערלעכער באַוועגונג. צוויי פילאָזאָפן — איינער פון דער אַנטיקער וועלט (העראַקליט), דער אַנדערער פון דער נייערע, (העגעל) האָבן, ווי מיר האָבן אויבן

געזען, באַזונדערס אַרויסגערוקט די באַהויפּטונג וועגן דער פאַר־
רענדערלעכקייט, וועגן דער באַוועגלעכקייט פון אַלץ, וואָס ס'עק-
זיסטירט. אָבער זיי האָבן זיך נישט באַגרענעצט בלויז מיט
דעם. זיי האָבן אויך געשטעלט די פראַגע: ווי אַזוי
קומט פאָר דער דאָזיקער פּראָצעס פון באַוועגונג. און
אויך דאָ האָבן זיי אַנטדעקט אַז די פאַרענדערונגען ווערן
אַרויסגערופן דורך שטענדיקע אינערלעכע סתירות,
דורך אַן אינערלעכן קאַמף. „דער קאַמף", האָט העראַק=
ליט געזאָגט, „איז דער פאָטער פון אַלץ, וואָס ס'קומט פאָר".
„סתירה — דאָס איז דאָס, וואָס באַוועגט פאָרווערטס", האָט
געשריבן העגעל.

די דאָזיקע באַהויפּטונג איז, אָן ספק, ריכטיק.

און אין אמתן, לאָמיר זיך אַ ווייל פאָרשטעלן, אַז אין
דער וועלט וואָלטן נישט פאָרגעקומען קיין צוזאַמענשטויסן פון
וואָסערע עס-איז כוחות, אַז ס'וואָלט נישט פאָרגעקומען קיין שום
קאַמף, אַז קיין שום פאַרשידענע יסודות וואָלטן זיך נישט אַנט=
קעגנגעשטעלט איינער קעגן צווייטן? וואָס וואָלט דאָס באַטייט?
דאָס וואָלט באַטייט, אַז די גאַנצע וועלט געפינט זיך אין א
צושטאַנד פון אומבאַוועגלעכער גלייכגעוויכט, ד. ה.,
אין אַ צושטאַנד פון פולער און אַבסאָלוטער שטאַנדהאַפטיקייט,
אין אַ צושטאַנד פון פולער רו, וואָס שליסט אויס יעדע
באַוועגונג. ווו הערשט רו? רו הערשט דאָרט, ווו אַלע באַש=
טאַנד=טיילעכלעך, אַלע כוחות געפונען זיך אין אַזא שייכות,
איינער צום צווייטן, אַז ס'קומט נישט פאָר קיין שום צוזאַמענ=
שטויס, ווו ס'איז נישט פאַראַן קיין שום קעגנזייטיקע טאַט,
ווו קיין שום זאַך „פאַרטשעפּעט נישט", מיט איין וואָרט: ווו
ס'איז נישטאָ קיין שום סתירה, קיין שום סתירותדיקייט
פון די קעמפנדיקע, ווו די גלייכגעוויכט ווערט קיינ=
מאָל נישט געשטערט, פאַרקערט: ווו ס'הערשט אַבסאָלוטע
שטאַנדהאַפטיקייט. אָבער מיר ווייסן שוין, אַז אין
דערווירקליכקייט באַוועגט זיך אַלץ, „אַלץ פליסט" רו, אַבסאָ=

לוטע שטאַנדהאַפטיקייט הערשט נישט אין דער ווירקלעכקייט. מיט וועלן זיך באַמיען דאָס אויספירלעכער צו דערקלערן.

ס'איז, צ. ב., באַוווּסט, אַז אין דער לערע פון די אָרגאַניזמען אין דער ב י אָ ל אָ ג י ע, רעדט זיך וועגן צ ו פ אַ ס ו נ ג. אונטער דער צופאַסונג פאַרשטייט מען אַזאַ צושטאַנד פון זאַכן, בעת וועלכן דאָס, וואָס פּאַסט זיך צו צו אַ צווייטן, קען צוזאַמען מיט די אַנדערע לאַנג עקזיסטירן. ווען מ'רעדט, למשל, אַז אַ געוויסער מין פון די בעלי־חיים האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער סביבה, הייסט דאָס, אַז ער קען זיך איינלעבן אין דער דאָזיקער סביבה: ער פּאַסט צו איר, זיינע אייגנשאַפטן זענען אַזעלכע, אַז זי העלפן אים צו דערהאַלטן זיך און צו לעבן. דער מוילוואָרף איז „צוגעפּאַסט” צו די באַדינגונגען, וואָס הערשן אונטער דער ערד; דער פיש איז „צוגעפּאַסט” צו די באַדינגונגען, וואָס הערשן אין וואַסער; וואַרפט אָבער אַריין אַ מוילוואָרף אין וואַסער, אָדער באַגראָבט אַ פיש אין דער ערד, – קומען זיי באַלד אום. אַן ענלעכע דערשיינונג באַאָבאַכטען מיר אָבער אויך אין דער אַזוי=גערופענער טויטער נאַטור. די ערד, לאָמיר זאָגן, פאַלט נישט אויף די זון, נאָר לויפט אַרום איר. ווי מ'זאָגט „נישט פאַרטשעפּענדיק זיך”. די גאַנצע זון=סיסטעם האָט אַזאַ באַציונג צו דער אַרומיקער וועלט, אַז זי קען לאַנג עקזיסטירן. א. א. וו.

געוויינלעך רעדט מען דאָ נישט וועגן צוגעפּאַסטקייט. נאָר וועגן דער ג ל ײ כ ג ע װ י כ ט צווישן קערפּער, וועגן גלייכגעוויכט צווישן סיסטעמען פון די דאָזיקע קערפּער. א.א.וו

ענדלעך באַאָבאַכטן מיר אַזאַ ענלעכע דערשיינונג אויך אין דער געזעלשאַפט. די געזעלשאַפט — צי גוט, צי שלעכט — לעבט אין דער נאַטור: זי איז מער=ווייניק „צוגעפּאַסט'' צו איר, אַזוי צי אַזוי געפינט זי זיך אין אַ צושטאַנד פון גלייכגעוויכט לגבי איר. און אויך פאַרשידענע טיילן פון דער געזעלשאַפט, אויף וויפל די געזעלשאַפט עקזיסטירט, זענען אַזוי אָ נ ג ע מ אָ ס ט ן איינער צום צווייטן, אַז ס'איז מעגלעך זייער איינצייטיקע עקזיסטענץ: ווי לאַנג האָט עקזיסטירט דער קאַפּיטאַליזם צוזאַמען מיט די אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן!

פון די אַלע ביישפּילן זעט מען, אַז לויטן מהות פון דעם ענין רעדט זיך דאָ וועגן איין און דער זעלבער זאַך, נעמלעך, וועגן גלייכגעוויכט. אָבער, אויב דאָס איז אַזוי, ווי זשע קומט דאָ אַהער סתירה און קאַמף? גראָד פאַרקערט: קאַמף איז דאָך די שטערונג פון גלייכגעוויכט! וואָס=זשע האָט מען באַדאַרפט אַזוי פיל חקרענען זיך? אָבער די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס די גלייכגעוויכט, וועלכע מיר באַטראַכטן אין דער נאַטור און געזעלשאַפט, איז נישט קיין אַבסאָלוטע, זי איז נישט קיין אומבאַוועגלעכע גלייכגעוויכט, נאָר אַ באַוועגלעכע גלייכגעוויכט. וואָס הייסט דאָס? דאָס הייסט, אַז די גלייכגעוויכט ווערט פעסטגעשטעלט און באַלד ווערט זי געשטערט, ווערט ווידער פעסטגעשטעלט אויף אַ נייעם יסוד, און זי ווערט ווידער געשטערט א. א. וו.

אַט איז אַ מער=ווייניק ריכטיקער באַגריף וועגן דער גלייכגעוויכט: כ'זאָג וועגן אַ וואָסער=עס-איז סיסטעם, אַז זי געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון גלייכגעוויכט, אויב די סיסטעם קאָן נישט פרייוויליק, ד. ה. אָן אַן אויסערלעך אָנגעווענדעטער ענערגיע, ענדערן דעם פאַראַנענעם צושטאַנד”. אויב, לאָמיר זאָגן, אויף אַ באַליביקן קערפּער דריקן צוויי כוחות. וואָס געפינען זיך אין אַ צושטאַנד פון גלייכגעוויכט קעגן איבער זיך, געפינט זיך דער קערפּער אין אַ צושטאַנד פון גלייכגעוויכט; אויב מ'פאַרגרעסערט אָדער מ'פאַרקלענערט איינעם פון די דאָזיקע כוחות, דעמאָלט ווערט די גלייכגעוויכט געשטערט.

אויב די שטערונג פון גלייכגעוויכט הערט אויף שנעל און דער קערפּער ווערט פאַרוואַנדלט אין דעם פריערדיקן צושטאַנד, דאַן הייסט אַזאַ גלייכגעוויכט סטאַבילע, אויב ס'איז נישט אַזוי, הייסט די גלייכגעוויכט נישט=סטאַבילע. אין די נאַטור-וויסנשאַפטן שיידט מען אונטער אַ מעכאַנישע גלייכגעוויכט, אַ כעמישע, ביאָלאָ-

גישע, זע: „Chemisches Gleichgewicht„ פונוואַנען, מיר האָבן גענומען די איבנדערמאָנטע ציטאַטע.

(„Handwörterbuch der Naturwissenschaften II Band, S. S. 470—519)

אַנדערש קען מען דאָס אַזוי אויסדריקן. אין דער וועלט עקזיסטירן אויף אַ פאַרשידענעם אופן טעטיקע, געווענדעטע קעגן זיך, כוחות. נאָר אין אויסנאַם-פאַלן געפינען זיי זיך אין אַ געוויסן מאמענט אין אַ צושטאַנד פון גלייכגעוויכט. דאַן האָבן מיר אַ צושטאַנד פון „רו״ ד.ה., זייער אמתער „קאַמף״ איז פאַרהוילן, אָבער לאָז זיך נאָר איינער פון די כוחות ענדערן, און באַלד אַנטפּלעקט זיך די „אינערלעכע סתירה״. ס'קומט פאָר אַ שטערונג פון גלייכגעוויכט, און אויב ס'ווערט אַ ווייל פעסט־געשטעלט אַ נייע גלייכגעוויכט, ווערט זי פעסטגעשטעלט אויף אַ נ י י ע ם יסוד, ד. ה. ביי אַן א נ ד ע ר ע ר קאָמבינאַציע פון כוחות א. א. וו.

וואָס איז דער היוצא מזה? פ ו ן ד אַ נ ע ן דרינגט, אַז „קאַמף״, „סתירה״, ד. ה., אַז דער אַנטאַגאָניזם פון, אויף אַ פאַרשידענעם אופן, געקרייצטע כוחות, זענען באַדינגונגען פון באַוועגונג.

פון דער צווייטער זייט, זעען מיר אויך דאָ די פ אָ ר ם, פון דעם דאָזיקן פּראָצעס: דאָס איז, ערשטנס, דער צושטאַנד פון גלייכגעוויכט; צווייטנס, די שטערונג פון דער גלייכגעוויכט; דריטנס, דאָס צוריקשטעלן די גלייכגעוויכט אויף אַ נ י י ע ם יסוד. אַזוי חזרט זיך די געשיכטע איבער אויפסניי: די נייע גלייכגעוויכט ווערט אַן אויסגאַנגס־פונקט פאַר איר נייער שטערונג, נאָכדעם פאָלגט אַן אַנדערע גלייכגעוויכט און אַזוי ווייטער, אין דער אומענדלעכקייט אריין. אין גאַנצן האָבן מיר דאָ דעם פּראָצעס פון באַוועגונג, וועמעס יסוד איז די אַנטוויקלונג פון אינערלעכע סתירות.

ה ע ג ע ל האָט באַמערקט דעם דאָזיקן כאַראַקטער פון באַוועגונג און ער האָט אים אויסגעדריקט אין דער פאָלגנדיקער פאָרם: דעם אַלערשטן צושטאַנד פון גלייכגעוויכט האָט ער

אָנגערופן טעזע, די שטערונג פון גלייכגעוויכט — אַנטיטעזע, ד. ה., סתירה, דעם צוריקשטעל פון גלייכגעוויכט אויף אַ נייעם יסוד — סינטעז — אַ פאַרייניקטער צושטאַנד, אין וועלכן ס'גלייכן זיך אויס די סתירות). אַט דעם דאָזיקן כאַראַקטער פון באַוועגונג פון אַלץ, וואָס ס'עקזיסטירט, וואָס אָרדנט זיך איין אין אַ דרייגלידערדיקער פאָרמול („טריאַדע"), האָט ער אָנגערופן ד י אַ ל ע ק ט י ק.

דאָס וואָרט „דיאַלעקטיק" האָט ביי די אַלטע גריכן געהייסן די קונסט צו רעדן, דיסקוטירן. ווי אַזוי קומט פאָר אַ שטרייט, ווען מענטשן לייקענען אָפּ איינער דעם צווייטן? איינער זאָגט אַזוי, דער צווייטער — פאַרקערט (ער „לייקנט" אָפּ דאָס, וואָס דער ערשטער זאָגט) ענדלעך „ווערט פון שטרייט געבוירן דער אמת", וועלכער האָט אין זיך אַ טייל גערעכטיקייט פון איין באַהויפּטונג, אַ טייל פון דער צווייטער („סינטעז"). אַזוי קומט אויך פאָר דער פּראָצעס פון דענקען. אַזוי ווי ביי העגעלן, אַלס אידעאַליסט, שטעלט זיך אַלץ פאָר ווי אַ זעלבסט-אַנטוויקלונג פון ג ײ ס ט, איז פאַרשטענדלעך, אַז ער האָט גאָרנישט געקלערט וועגן וואָסערע עס-איז שטערונגען פון גלייכגעוויכט. די איינגעשאַפטן פון ד ע נ ק ע ן, ווי אַ גייסטיקע זאַך, אַן אַלערערשטע, זענען דעריבער ביי אים די איינגעשאַפן פון "זיין„.

מכוח דעם האָט מאַרקס געשריבן: מיין דיאַלעקטישער מעטאָד איז נישט נאָר אין עצם אַנדערש ווי העגעלס, נאָר ער איז אין גלייכער סתירה צו אים. פאַר העגעלן איז דער פּראָצעס פון דענקען, וועלכן ער פאַרוואַנדלט אפילו, אונטער דעם נאָמען אידיי, אין אַ זעלבסט-שטענדיקן אָביעקט, אַדעמיורג (באַשעפער) פון ווירקלעכקייט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר זיין אויסערלעכן אויסדרוק. פאַר מיר, פאַרקערט, איז דאָס אידעאַלע נישט אַנדערש, נאָר דאָס מאַטעריעלע, וואָס איז איבערגעטראָגן

געוואָרן אין ג. ׳בטשלעכן קאָפּ". בײַ העגעלן שטייט די דיאַלעקטיק אויפן קאָפּ. מ׳דאַרף זי שטעלן אויף די פיס, כּדי אַרויסצובאַקומען דאָס ראַציאָנאַלע קערנדל פון דער מיסטישער (געהיימניספולער) פאַרשלייערונג. (מאַרקס: „קאַפּיטאַל" 1 באַנד, פאָרוואָרט). בײַ מאַרקסן איז די דיאַלעקטיק, די אַנטוויקלונג אין סתירות, פריער פאַר אַלץ אַ געזעץ פון „זיין"- אַ געזעץ פון באַוועגונג מיט דער מאַטעריע, אַ געזעץ פון באַוועגונג אין דער נאַטור און געזעלשאַפט. זיין, דעם געזעצס, אויסדרוק איז דער פּראָצעס פון דענקען. דער דיאַלעקטישער מעטאָד דער דיאַלעקטישער אופן פון דענקען איז דעריבער נויטווענדיק, ווייל מ׳קען דורך אים באַגרייפן די דיאַלעקטיק פון דער נאַטור.

מיר האַלטן פאַר פולשטענדיק מעגלעך איבערצוזעצן די „מיסטישע" שפּראַך פון העגעלס דיאַלעקטיק, ווי מאַרקס האָט זי אָנגערופן, אין דער שפּראַך פון דער היינטצייטיקער מעכאַניק. פאַרהעלטניסמעסיק נישט לאַנג האָט מען אפילו מצד כמעט אַלע מאַרקסיסטן פּראָטעסטירט קעגן באַנוצן די מעכאַנישע טערמינאָלאָגיע. דאָס איז פאָרגעקומען דערפאַר, ווייל די אַלטע פאָרשטעלונג וועגן אַטאָמען האָט זיי באַטראַכט פאַר אָפּגעזונדערטע, נישט געבונדענע מיט אַנדערע, איזאָלירטע טיילעכלעך. היינט, צוזאַמען מיט דער לערע וועגן עלעקטראָנען, אַטאָמען, ווי גאַנצע סיסטעמען, ענלעכע צו דער זון־סיסטעם, איז נישטאָ קיין שום גרונט מורא צו האָבן פאַר דער מעכאַנישער טערמינאָלאָגיע. די פּראָגרעסיווסטע ריכטונגען פון דעם וויסנשאַפטלעכן געדאַנק אויף אַלע געביטן שטעלן טאַקע אַזוי אָוועק די פראַגע. בײַ מאַרקסן זענען פאַראַן קלאָרע רמזים אויף אַזאַ אָוועקשטעל פון דער פראַגע. (די טעאָריע וועגן גלייכגעוויכט צווישן איינצלנע צווייגן פון דער פּראָדוקציע, וואָס באַזירט אויף דער טעאָריע פון אַרבעטס־ווערט).

יעדע זאַך — אַ שטיין אָדער אַ לעבעדיקע זאַך, אָדער אַ מענטשלעכע געזעלשאַפט, אָדער עפּעס אנדערש — קענען מיר באַטראַכטן ווי עפּעס אַ גאַנצעס, וואָס באַשטייט פון צווישן זיך צוזאַמענגעבונדענע חלקים (עלעמענטן); מיט אַנדערע ווערטער, דאָס דאָזיקע גאַנצע קענען מיר באַטראַכטן ווי אַ סיסטעם. אַזאַ יעדע זאַך (סיסטעם) עקזיסטירט נישט אין אַ ליידיקן חלל; עס רינגלען זי אַרום אַנדערע נאַטור עלעמענטן, וועלכע הייסן אין באַצוג צו איר סביבה. פאַר אַ בוים אין וואַלד איז די סביבה די אנדערעביימער, טייכלעך, ערד, טאַטראַק, גראָז, קוסטן און אנדערע, מיט אַלע זייערע אייגנשאַפטן. פאַרן מענטש איז די סביבה פריער פאַר אַלץ די מענטשלעכע געזעלשאַפט, צווישן וועלכער ער לעבט; פאַר דער מענטשלעכער געזעלשאַפט איז די סביבה די אויסערלעכע נאַטור. צווישן דער סביבה און סיסטעם הערשט אַ שטענדיקער צוזאַמענהאַנג; די סביבה ווירקט אויפן „צוזאַמענהאַנג“ די „סיסטעם“ פון איר זייט ווירקט אויף דער „סביבה“. פריער פאַר אַלעם דאַרפן מיר זיך שטעלן איין גרונט-פראַגע: וואָס פאַראַ שייכות'ן הערשן צווישן דער סביבה און סיסטעם;

ווי אַזוי קען מען זיי באַשטימען, וואָס פאַרא פאָרמען האָבן זיי? וואָס פאַרא באַטייט האָבן זיי פאַר דער גאַנצער סיסטעם?

דאָ קענען מיר גלייך אונטערשיידן דריי הויפּט-טיפּן פון די דאָזיקע שייכות'ן.

1. סטאַבילע גלייכגעוויכט.

אַ סטאַבילע גלייכגעוויכט באַקומט זיך אין דעם פאַל, ווען די קעגנזייטיקע ווירקונג צווישן דער סביבה און סיסטעם דריקט זיך אויס אין דער אומפאַרענדערלעכער לאגע פון די זאַכן, אָדער אין אַזאַ שטערונג פון דער פריערדיקער גלייכגעוויכט, וואָס ווערט אויפסניי צוריק געשטעלט אין איר פריערדיקער פאָרם. צ. ב., נעמען מיר אָן, אַז אַ געוויסער מין בעלי־חיים לעבט אין דער סטעפּ. די סביבה גופא ענדערט זיך נישט. דער סכום שפּייז, וואָס איז נויטיק פאַר דער פער-

נערונג פֿון דעם דאָזיקן מין בעלי-חיים, פֿאַרגרעסערט זיך נישט און פֿאַרקלענערט זיך נישט; די צאָל פֿון די רויב-חיות בלייבט די זעלבע; אַלע קראַנקהייטן, וואָס טראָגן פֿאַנאַנדער מיקראָבן (דאָס אַלץ איז דאָך „סביבה"!) בלייבן אין דער זעלבער פּראָפּאָרץ. וואָס באַקומט זיך דאַן? אין אַלגעמיין און אין גאַנצן בלייבט דער סכום פֿון די בעלי־חיים דער זעלבער; טייל וועלן אויסשטאַרבן אָדער אומקומען דורך די רויב-חיות, אַנדערע וועלן געבוירן ווערן, אָבער דער געגעבענער מין וועט אין אַזעלכע שייכות'ן פֿון דער סביבה בלייבן דערזעלבער ווי ער איז געווען.

דאָ האָבן מיר פֿאַר זיך אַ פֿאַל פֿון שטילשטאַנד. פֿאַרוואָס? ווייל דאָ בלייבט אומפֿאַרענדערלעך די שייכות צווישן סיסטעם (געגעבענער מין בעלי-חיים) און סביבה. דאָ איז אַ פֿאַל פֿון סטאַבילער גלייכגעוויכט. סטאַבילע גלייכגעוויכט איז נישט שטענדיק אַ פֿולקאָמע אומבאַוועגלעכקייט. באַוועגונג קען זיין אָבער דאָ פֿאָלגט נאָך דער געשטערטער גלייכגעוויכט איר צוריקשטעלונג אויפֿן פֿריערדיקן יסוד. אין אַזאַ פֿאַל ווערט די סתירה צווישן סביבה און סיסטעם שטענדיק באַנייט אין דער זעלבער קוואַנטיטאַטיווער קעגנזייטיקער שייכות. אַזאַ פֿאַל וועלן מיר האָבן ביי דער געזעלשאַפֿט פֿון אַ סטאַגנירטן טיפּ (אויספֿירלעך וועגן דעם ווייטער). אויב די שייכות צווישן געזעלשאַפֿט און נאַטור בלייבט די זעלבע, ד. ה. אויב די געזעלשאַפֿט זויגט אויס, מיט דער הילף פֿון פּראָדוקציע, פֿון דער נאַטור אַזוי פֿיל ענערגיע, וויפֿיל זי פֿאַרלירט, דאַן ווערט די סתירה צווישן געזעלשאַפֿט און נאַטור אויך באַנייט אין דער פֿריערדיקער פֿאָרם, די געזעלשאַפֿט טאָפּטשעט זיך אויף איין אָרט, און מיר האָבן פֿאַר זיך אַ צושטאַנד פֿון סטאַבילער גלייכגעוויכט.

2. באַוועגלעכע גלייכגעוויכט מיט אַ פּאָזיטיוון סימן (אַנטוויקלונג פֿון סיסטעם)

אָבער אין אמתן איז נישט פֿאַראַן קיין סטאַבילע גלייכגעוויכט. דאָס איז בלויז אַ פֿאָרשטעלנדיקער, אַדענקבאַרער, אָדער, ווי מ'זאָגט, אַן

„אידעאַלער" פאַל. אין אמתן אָבער ווערט די שייכות צווישן סביבה און סיסטעם קיינמאָל נישט באַנייט אין דער זעלבער פראָפּאָרץ. מיט אַנדערע ווערטער: די שטערונג פון גלייכגע־וויכט פירט אין אמתן נישט צו דער צוריקשטעלונג פון דער גלייכגעוויכט פונקט אויף דעם זעלבן יסוד, ווי פריער, נאָר די נייע גלייכגעוויכט ווערט געשאַפן אויף אַ נ יי ע ם יסוד. לאָמיר, למשל, אָננעמען, (מיר נעמען דעם ביישפּיל מיט די בעלי־חיים, וועגן וועלכע מיר האָבן פריער גערעדט), אַז די צאָל רויב־חיות, וואָס האָבן אויפגעפרעסן די בעלי חיים, איז צוליב עפּעס אַ סיבה קלענער געוואָרן, און דער סכום פון שפּייז איז גרע־סער געוואָרן, דאַן וועט בלי ספק זיך פארגרעסערן די צאָל בעלי־חיים. אונזער „סיסטעם" וועט וואַקסן; ס'ווערט פעסטגע־שטעלט אַ נייע גלייכגעוויכט אויף אַ העכערן יסוד. דאָ האָבן מיר באַשיינפערלעך אַנטוויקלונג. מיט אנדערע ווערטער: די סתירה צווישן סביבה און סיסטעם איז לויט זייער כמות געוואָרן אַן אנדערע. אויב מיר ווען אַנשטאָט די בעל־חיים נעמען די מענטשלעכע געזעלשאַפט, און מיר וועלן אָננעמען, אַז די שייכות צווישן איר און דער נאַטור ענדערט זיך אַזוי, אַז מיט דער הילף פון דער פּראָדוקציע זויגט די געזעלשאַפט אויס פון דער נאַטור מער ענערגיע, ווי זי פאַרנוצט, (דער באָדן איז געוואָרן פרוכטבארער, אָדער ס'האָבן זיך באַוויזן נייע מאַשי־נען, דאָס אָדער יענץ) — דאַן וועט די דאָזיקע געזעלשאַפט װאַקסן, און נישט טאָפּטשן זיך אויף איין אָרט. די נייע גלייכגעוויכט וועט יעדעס מאָלווירקלעך זיין א נייע: די סתירה צווישן געזעלשאַפט און נאַטור וועט יעדעס מאָל באַנייט ווערן אויף אַ נייעם „העכערן" יסוד. און דערביי אַזאַ, אַז די סיסטעם וועט זיך פאַרגרעסערן, אַנטוויקלען. דאָ האָבן מיר אַ פאַל פון באַוועגלעכער גלייכגעוויכט מיט, אַזוי צו זאָגן, אַ פּאָזיטיוון סימן.

3. באַוועגלעכע גלייכגעוויכט, מיט אַ נעגאַטיוון סימן (צע־שטעלונג פון סיסטעם)

ס'קען אָבער געמאָלט זיין אַ פאַרקערטער פאַל, נעמלעך,

ווען די נייע גלייכגעוויכט ווערט פעסטגעשטעלט אויף א „נידריקן" יסוד· לאָמיר: למשל, אָננעמען, אַז דער סכום שפּייז פאַר אונזערע בעלי-חיים איז פאַרקלענערט געוואָרן, אָדער ס'האָט זיך צוליב עפּעס אַ סיבה פאַרגרעסערט די צאָל פון די רויב-חיות, דאַן וועט דער מין „אויסשטאַרבן". די גלייכגעוויכט צווישן סביבה און סיסטעם וועט יעדעס מאָל פעסטגעשטעלט ווערן אויף דעם רעכענונג פון אָפּשטאַרבן פון א טייל פון דער דאָזיקער סיסטעם. די סתירה וועט צוריקגעשטעלט ווערן אויף אַ צווייטן יסוד, מיט א נעגאַטיוון סימן. אָדער דער פאַל מיט דער געזעלשאַפט. נעמען מיר אָן, אַז די שייכות צווישן נאַטור און געזעלשאַפט ענדערט זיך אין אַזאַ ריכטונג, אַז די געזעלשאַפט איז געצוווּנגען צו פאַרברייכן וואָס מער און צובאַקומען וואָס ווייניקער (דער באָדן ווערט מאָגער, די טעכניק ווערט פאַרערגערט א. א. וו.), דאַן וועט די נייע גלייכגעוויכט יעדעס מאָל געשטעלט ווערן אויף א נידריקן יסוד, אויפן רעכענונג פון אומקום פון אַ געזעלשאַפטס-טייל. דאָ האָבן מיר אַ באַוועגונג מיט א נעגאַטיוון סימן: די געזעלשאַפט וועט זיין אַן אונטערגייענדיקע, א זיך אויפלייזנדיקע. צו די דאָזיקע דריי ערליי פאַלן געהערן אַלע דענקבאַרע פאַלן. אינם יסוד פון באַוועגונג איז אין אמת'ן פאַראַן, ווי מיר האָבן געזען, אַ סתירה, סביבה און סיסטעם, וואָס ווערן כסדר צוריקגעשטעלט. אָבער די פראַגע האָט נאָך אַ צווייטע זייט. ביז אַהער האָבן מיר גערעדט נאָר וועגן די סתירות צווישן סביבה און סיסטעם, וועגן אויסערלעכע סתירות.

אָבער ס'איז פאַראַן אַן אינערלעכע סתירה, אינערהאַלב דער זעלבער סיסטעם. יעדע סיסטעם באַשטייט פון באַשטאַנד-טיילן (עלעמענטן), וואָס זענען אַזוי צי אַזוי געבונדן צווישן זיך. די מענטשלעכע געזעלשאַפט — פון מענטשן, אַ וואַלד — פון ביימער און קוסטן, אַ קופּע שטיינער — פון די זעלבע שטיינער, אַ סטאַדע בהמות — פון איינצלנע בהמות א. א. וו. און אויך דאָ איז פאַראַן א גאַנצע רייע סתירות, נישט גלאַטקייטן, נישט צוגעפּאַסטקייטן. אויך דאָ איז נישט פאַראַן קיין

אבסאָלוטע גלייכגעוויכט. איבע ס'איז, שטרענג גענאָגט, נישט פאַראַן קיין אַבסאָלוטע גלייכגעוויכט צווישן סביבה און סיסטעם איז נישטאָ אַזא גלייכגעוויכט צווישן די עלעמענטן (טיילן) פון דער זעלבער סיסטעם. אמבעסטן זעט מען דאָס אין דעם בייּשפּיל מיט דער מענטשלעכער געזעלשאפט. צי שטויסן זיך מיר דאָ נישט אָן אויף אַן אומענדלעכער צאָל סתירות? דער קלאסן קאַמף איז דער בולטסטער אויסדרוק פון די „געזעלשאַפטלעכע סתירות” און מיר ווייסן, אַז „דער קאַמף פון קלאַסן באַוועגט מיט דער געשיכטע”. סתירות צווישן קלאַסן, סתירות צווישן גרופּן, צווישן אידעאַלן, סתירות צווישן דעם, ווי אזוי מענטשן אַרבעטן און ווי אַזוי זיי צעטיילן די פּראָדוקטן פון אַרבעט. נישט גלייכהייט אין דער פּראָדוקציע (קאַפּיטאַליסטישע „אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע”) — אַן אומענדלעכע קייט פון סתירות. דאָס זענען אַלץ — סתירות אינעווייניק אין דער סיסטעם, וואָס דרינגען אַרויס פון איר סתירותדיקן געבוי („סטרוקטור=סתירות”)! אָבער פונדעסטוועגן פאַרניכטן נישט די סתירות אַן פאַר זיך די געזעלשאַפט. זיי קענען זי פאַרניכטן (צ. ב., ווען בעת אַ בירגער־קריג קומען אום ביידע קעמפנדיקע קלאַסן), אָבער עס קען אויך זיין, אַז זיי קענען זי נישט פאַרניכטן ביז אַ געוויסער צייט.

אין לעצטן פאַל דאַרף זיך באַקומען אַ באַוועגלעכע גלייכגעוויכט צווישן די עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט. אין וואָס זי באַשטייט — דאָס איז אַ טעמע פון ווייטערדיקער דערקלערונג. איצט איז פאַר אונז וויכטיק צו פאַרשטיין און זאָך. מ'קען נישט אַזוי זינלאָז באַטראַכטן די געזעלשאַפט, ווי דאָס טוט אַ ריינע בורזשואזע געלערנטע, וואָס זעען נישט קיין סתירות אינעווייניק אין דער געזעלשאַפט. פאַרקערט, די וויסנשאַפטלעכע באַטראַכטונג פון געזעלשאַפט נעמט אָן, דאָס מיר באַטראַכטן זי פון שטאַנדפּונקט פון די סתירות, וואָס זענען אין איר פאַראַן. די היסטאָרישע אַנטוויקלונג איז די אַנטוויקלונג פון סתירות.

דאָ מוזן מיר איצט ביּען אונזער אויפמערקזאַמקייט אויף

נאָך איין פאַקט, וועגן וועלכן ס'וועט אונז נאָך נישט איינמאָל אויסקומען צו רעדן אין אונזער בוך. מיר האָבן געזען, אז עס זענען פאַראַן צוויי מינים סתירות: צווישן סביבה און סיסטעם און צווישן די עלעמענטן פון דער זעלבער סיסטעם. צי איז דאָ עפעס אַ צוזאמענהאַנג צווישן די דאָזיקע צוויי דערשיינונגען?

מ'דאַרף נאָר כאָטש א קליין ביסל צו טראכט טון וועגן דער דאָזיקער פראַגע, כדי צו ענטפערן פּאָזיטיוו: יאָ, ס'עקזיסטירט אזאַ צוזאַמענהאַנג.

ווייל ס'איז פולקאָם קלאָר, אז דער אינערלעכער געבוי פון סיסטעם (אינערלעכע גלייכגעוויכט) דאַרף זיך ענדערן אָפּהענגיק פון דער שייכות, וואָס עקזיסטירט צווישן סיסטעם און סביבה. די שייכות צווישן סיסטעם און סביבה איז אַן אַנטשיידענער פאַקטאָר, ווייל די גאַנצע לאגע פון סיסטעם, די גרונט-פאָרמען פון איר באַוועגונג (ירידה, אנטוויקלונג, שטילשטאַנד) ווערן באַשטימט טאַקי דורך דער דאָזיקער שייכות. אין אמתן, לאָמיר שטעלן די פראגע אַזוי: מיר האָבן פריער געזען, אַז דער כאַראַקטער פון גלייכגעוויכט צווישן געזעלשאַפט און נאַטור באַשטימט די גרונט-ליניע פון דער געזעלשאַפט. צי קען דער אינערלעכער געבוי לאַנג אנטוויקלען זיך אין א קעגנזעצלעכער ריכטונג ביי אַזעלכע באַדינגונגען? געוויס נײן. לאָמיר אָננעמען, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ זיך-אַנטוויקלענדיקע געזעלשאַפט. צי קען ביי אַזעלכע באַדינגונגען דער אינערלעכער געבוי פון דער געזעלשאַפט פאַרערגערן זיך די גאַנצע צייט? געוויס, נײן.

אויב לויט איר געבוי פאַרערגערט זי זיך בעת דער אַנטוויקלונג, ד. ה., איר אונטערלעכע נישט קאָארדינירטקייט הייבט אָן צו וואַקסן, באַטייט דאָס, אַז ס'האָט זיך באַוויזן אַ נייע סתירה: סתירה צווישן אויסערלעכער און אינערלעכער גלייכגעוויכט. וואָס קומט דאַן פאָר? דאַן

אויב די געזעלשאפט יועט זיך ווייטער אנטוויקלען, דארף זי
זיך איבערבויען, ד. ה. איר אינערלעכע סטרוקטור דארף זיך
צופאסן צום כאראקטער פון דער אויסערלעכער גלייכגעוויכט.
היוצא מזה: די אינערלעכע (סטרוקטורישע) ג ל ײ כ ג ע װ י כ ט
איז א פאקטאר, וואס איז אפהענגיק פון ד ע ר א ױ ס ע ר ל ע־
כ ע ר ג ל ײ כ ג ע װ י כ ט (איז א „פונקציע" פון דער אויסער־
לכער גלייכגעוויכט).

§ 24. טעאריע פון שפרינגענדיקע ענדערונגען און טע־
אריע פון רעוואליוציאנערע ענדערונגען אין די געזעלשאפטלע־
כע לערעס.

איצט בלייבט אונז נאך איבער צו באטראכטן דעם לעצטן
פונקט פון דעם דיאלעקטישן מעטאד, נעמלעך די טעאריע פון
שפרינגענדיקע ענדערונגען. ס'איז באקאנט, אז ס'הערשט אן
אויסע געוויינלעך פארשפרייטע מיינונג, אז „די נאטור מאכט
כלומרשט נישט קיין שפרונגען" (natura non facit saltus")
דער דאזיקער קלוגער מאמר ווערט געוויינלעך באנוצט
אלס א „סאלידער" באוויז פון דער אוממעגלעכקייט פון רע־
וואלוציע, הגם רעוואלוציעס קומען יא פאר, נישט־קוקנדיק
אויף דער באווליקונג פון די הערן פראפעסארן. אבער, צי איז
טאקי די נאטור אזוי מעסיק און פינקטליך, ווי זיי די פרא־
פעסארן, באהויפטן דאס?

מכוח דעם האט העגעל אזוי געשריבן אין זיין „וויסנ־
שאפט וועגן דער לאגיק" „Wissenschaft der Logik"
(Hegels Werke, 2 Aufl) מ'זאגט, אז ס'איז נישט פארא[ן]
קיין שפרונגען אין דער נאטור — און געוויינלעך מיינט מען, אז
ווען ס'רעדט זיך וועגן אנטשטייונג אדער אונטערגאנג, (Entstehen
oder Vergehen") דאן איז פארשטענדלעך, ווען מ'שטעלט
זיך דאס פאר, ווי א כ ס ד ר ד י ק ע אנטוויקלונג Hervorgehen
אדער אונטערגאנג Verschwinden ס'האט זיך אבער אויסגעוויזן
אז די ענדערונג פון „זיין" (פון דעם וואס עס איז, וואס ס'עק־
זיסטירט des Seins נ. ב.) באשטייט בכלל נישט נאר אין דעם
איבערגאנג פון איין פאקטאר אין א צווייטן, נ א ר א ו י ך
אין דעם איבערגאנג פון אן א י כ ו ת ד י ק ן צום כ מ ו ת ד י ק[ן]

און פאַרקערט. אין דער אַנטשטייונג פון עפּעס אַנדערש אין דעם איבעררייס פון דער בהדרגהדיקייט (ein Abbrechen des Almählichen) לויט דער איכות אַן אנדערע זאַך אין פאַרגלייך מיט דעם פאַרגאַנגענעם, פריערדיקן זיין" (אונזער קורסיוו. נ. ב.) וואָס באַטייט דאָס?

העגעל רעדט וועגן איבערגאַנג פון כמות אין איכות. מיר וועלן דאָס דערקלערן מיט אַ פּשוטן און געוויינלעכן ביישפּיל. נעמען מיר אָן, אַז מיר וואַרעמען אָן וואַסער. די גאַנצע צייט, ביז מיר וואַרעמען עס נישט אָן ביז 100° גראַד (צעלזיוס), זידט עס נישט און ווערט נישט פאַרוואַנדלט אין פּאַרע. זיינע טיילעכלעך פאָרן זיך אַלץ שנעלער, אַלץ געוואַלטיקער, אָבער זיי שפּרונגען נישט אַרויס אויף דער אויבערפלאַך אין געשטאַלט פון פּאַרע. מיר באַמערקן נאָר די בלויזע ענדערונג פון דער כמות: די טיילעכלעך לויפן שנעלער, די טעמפּעראַטור ווערט העכער, אָבער ס'וואַסער בלייבט וואַסער מיט זיינע אַלע וואַסערדיקע אייגנשאַפטן, די כמות ענדערט זיך אומאויפהערלעך, און די איכות בלייבט די זעלבע. אָבער אָט האָבן מיר אָנגעוואַרעמט ס'וואַסער ביז 100°, מיר האָבן עס דערברענגט צום „פּונקט פון זידן", און פּלוצלינג הייבט עס אָן זידן, גלייך ווי די געוואַלטיקע דרייענדיקע טיילעכלעך זענען אַרויס פון די כלים, און זיי זענען אַרויסגעשפּרונגען אויף דער אויבערפלאַך אין געשטאַלט פון בלעזעלעך פּאַרע. דאָס וואַסער הערט אויף צו זיין וואַסער. עס ווערט פּאַרע, גאַז. דאָס איז שוין נישט די פריערדיקע איכות, דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש, מיט אַנדערע אייגנשאַפטן. דאָ זעען מיר צוויי הויפּט אייגנשאַפטן אינעם פּראָצעס פון ענדערונג: ערשטנס, אויף אַ באַשטימטער מדרגה פון באַוועגונג רופן די כמותדיקע ענדערונגען (אָדער, ווי מ'זאָגט קורץ, די כמות גייט איבער אין איכות") ; צווייטנס, דער דאָזיקער איבערגאַנג פון כמות אין איכות קומט פאָר אין געשטאַלט פון אַ שפּרונג, ווען ס'ווערן געשטערט די מדרגה'דיקייט און די אומאויפהערלעכקייט. דאָס וואַסער האָט

זיך נישט פאַרוואַנדלט דורך דער גאַנצער צייט,
נאָר מיט א קלוגער בהדרגהדיקייט, צום ערשט אין אַ „קליי=
נע" פּאַרע, וואָס איז נאָכדעם גרעסער געוואָרן. ביז אַ געווי-
סע צייט האָט עס להלוטין גישט געזידט. אָבער עס האָט
אָנגעהויבן צו זידן, ווי נאָר עס איז געקומען „צום
פּונקט". און דאָס באַטייט שפּרונג.

די פאַרוואַנדלונג פון כמות אין איכות איז איינער פון
די גרונט=געזעצן פון דער באַוועגונג פון דער מאַטעריע, און
מ'קען אים באַמערקן אין דער נאַטור און געזעלשאַפט בוכ=
שטעבלעך אויף יעדן טריט. הענגט אויף אַ שטריק אַ
משא און ביסלעכווייז לייגט=צו צו דער דאָזיקער משא נאָך
אַ צוגאָב-משא, אַפילו אין זייער קליינע פּאָרציעס. ביז אַ באַ=
שטימטער גרענעץ וועט דער שטריק „אויסהאַלטן". אָבער ווי נאָר
איר „גייט" איבער די דאָזיקע גרענעץ, ווערט ער מאָמענטאַל
(„אַ שפּרונג") איבערגעריסן. מאַכט געדיכט די פּאַרע אין דאַמף-
קעסל. ביז אַ געוויסער צייט וועט אַלץ זיין גוט: בלויז דער
ווייזער פון מאַנאָמעטער אַן אינסטרומענט, וואָס ווייזט אָן דעם
דרוק פון דער פּאַרע) וועט ווייזן די כמותדיקע ענדערונג פון
דעם דרוק אויף די ווענטלעך פונם קעסל. נאָר אָט איז דער ווײַ=
זער אריבער אַ באַשטימטע גרענעץ, און דער קעסל פּלאַצט
מיט אַ רעש. דער דרוק פון דער פּאַרע — מעגלעך אויף אַ
קליינינקייט — איז געווען אַביסל גרעסער פון דער ווידערשטאַנד-
קראַפט פון די קעסל=ווענטלעך. ביז דאַן האָבן די כמות'דיקע
שנויים נישט דערגרייכט צו אַ „שפּרונג", צו אַן איכותדיקן
שנוי, אָבער ביי דעם „פּונקט" האָט דער קעסל געפּלאַצט.
עטלעכע מענטשן קאָנען נישט אויפהייבן קיין שטיין. קומט-צו
נאָך איינער — קענען זיי אויך נישט. קומט-צו אַ שוואַכע פּרוי —
און אַלע ביידזאַמען הייבן אויף דעם שטיין. ווייל דאָ האָט זיך
געפאָדערט נאָך אַ קליין ביסעלע כוח, און ווי נאָר ער האָט
זיך באַקומען — האָבן זיי אויפגעהויבן דעם שטיין. אָדער נאָך
אַ ביישפּיל פונם געביט פון די מענטשלעכע געפילן. ביי ל.
טאָלסטאָי איז פאַראַן אַ דערציילונג „דריי בולקעס און איין

בייגל". דער סיפור המעשה איז אזא: א מענטש איז געווען הונגעריק און ער האָט זיך נישט געקענט אָנזעטיקן: ער האָט אויפ־געגעסן איין בולקע: ער איז נאָך אַלץ הונגעריק; א צווייטע — ווייטער הונגעריק; אויפגעגעסן א דריטע — נאָך אלץ הונגעריק; ענדלעך האָט ער אויפגעגעסן א בייגל און פּלוצלונג האָט ער דערפילט, אַז ער איז זאַט. דאַן האָט ער זיך אָנגעהויבן צו מאַכן פאָרווורפן, פאַרוואָס ער האָט נישט באַלד געגעסן די בייגל: ער וואָלט כלומרשט נישט געדאַרפט עסן די בולקעס. ס'איז אָבער קלאָר, אַז ער האָט גערעדט א נאַרישקייט: דאָ איז אויך פאַראַן אן אייכות'דיקער שנוי, דער איבערגאַנג פון געפיל פון הונגער צו דער דערשפּירונג פון זאטקייט איז גע־וואָרן מער-ווייניק „א שפּרונג". (נאָך דער בייגל). אַלזאָ זעען מיר, אַז ס'איז פולקאָם זיגלאָז אָפּצולייקענען די „שפּרונגען" און רעדן נאָר וועגן א קלוגער מדרגההדיקייט. אין אמתן טרעפן זיך די „שפּרונגען" אין דער נאַטור זייער אָפט, און די פראַזע, „די נאַטור מאַכט נישט קיין שפּרונגען" איז נאָר אַן אויסדרוק און מורא פאַר „שפּרונגען" אין דער געזעלשאַפט, ד. ה. אַן אויסדרוק פון מורא פאַר רעוואָלוציעס.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די (עלטערע) טעאָריעס פון דער בורזשואַזיע, וואָס האָבן געהאַט א שייכות צו די פראַגן פון וועלט-באַשאַפונג, זענען געווען טעאָריעס פון קאַטאַסטראָפעס, אמת, זייער נאַיווע און נישט-ריכטיקע. אַזעלכע, למשל, איז קיוויע'ס טעאָריע. נאָכדעם איז אויף איר אָרט געקומען די עוואָלוציאָניס-טישע טעאָריע, וואָס האָט געגעבן א סך נייעס, אָבער איינזייטיק אָפּגעלייקנט די „שפּרונגען". אויפן געביט פון געאָלאָגיע, למשל, די ווערק פון ליעל.

(Lyell: „Principles of Geology")

אָבער נאָך ביים סוף פונם פאַרגאַנגענעם יאָרהונ-דערט איז אויפסניי אַנטשטאַנען די טעאָריע, וואָס אנער-קענט די ריכטיקע באַדייטונג פון „שפּרונגען". אַזעלכע איז, למשל, די טעאָריע פונם באָטאַניק דע-פריזא

(די אזוי גערופענע מוטאציאניסטישע טעאָריע ; „מוטאציע"
— פלוצלינגע ענדערונג), וועלכער האָט באַהויפּטעט, אַז
פון צייט צו צייט קומען פאָר, אויפן יסוד פון פריערדיקע
ענדערונגען, פלוצלינגע ענדערונגען פון פאָרמען, וואָס
ווערן נאָך דעם באַפעסטיקט און ווערן אַ נייער אויסגאנג
פונקט פון אנטוויקלינג. מיט די פריערדיקע אנשויונגען
וואָס לייקענען אָפּ די „שפרונגען", וועט מען אין אונזער
צייט נישט ווייט אָנגיין. די דאָזיקע אנשויונגען (ביי
לייבניצן, למשל, זאָגט זיך : „אַלץ אין דער נאַטור אַנט־
וויקלט זיך בהדרגה און קיין שום זאַך אַנטוויקלט זיך
נישט דורך שפרונגען" („Tout va pa degre's dans
la nature et rien par saut") זענען באַשיינפערלעך
אויסגעוואַקסן אויפן קאָנסערוואַטיוון געזעלשאַפטלעכן
אופן

דאָס נעגירן דעם סתירות'דיקן כאַראַקטער פון דער אנט־
וויקלונג שטיצט זיך ביי די בורזשואזע געלערנטע אויף דער
מורא פארן קלאַסן־קאַמף און אויף דעם פאַרטושן די געזעל־
שאַפטלעכע סתירות. פונקט אַזוי שטיצט זיך די מורא פאַר
„שפרונגען" אויף דער מורא פאַר רעוואָליוציעס. די גאַנצע
חכמה קומט צו אַזאַ אויפפאַסונג : אין דער נאַטור איז נישט
פאַראַן קיין שפרונגען. און ס'איז אין ערגעץ נישטאָ און ס'קען
נישט זיין קיין שפרונגען ; הייסט עס, האָט נישט די העזה,
איר פראָלעטאַריער, צו מאַכן אַ רעוואָלוציע !

אָבער דאָ זעט מען מיט אַן אומגעווייַנלעכער שאַרפקייט,
ווי די בורזשואַזע וויסנשאַפט איז אין סתירה מיט די הויפּט־
פאָדערונגען פון דער וויסנשאַפט. אין אמת'ן ווייסן אַלע, אַז
אין דער געזעלשאַפט זענען פאָרגעקומען אַ רייע רע־
וואָליוציעס. פרווט אָפּלייקענען, אַז ס'איז פאָרגעקומען אַן ענג־
לישע רעוואָליוציע ? אָדער די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָ־
ליוציע ? אָדער פון 1848 ? אָדער פון 1917 ? און אויב אין דער
געזעלשאַפט זענען געווען און ס'זענען פאַראַן
אַזעלכע שפרונגען, דאַרף די וויסנשאַפט זיי נישט „אָפּלייקענען"

(די ז: באַהאַלטן זיך פון דער ווירקלעכקייט, נאָר פאַרשטיין די דאָזיקע שפּרונגען, דערקלערן זיי.

די רעוואָליוציעס אין דער געזעלשאַפט זענען דאָס זעלבע, ווי די שפּרונגען אין דער נאַטור. זיי פאַלן נישט אַראָפּ „פון הימל". זיי ווערן צוגעגרייט דורכן גאַנצן גאַנג פון דער פריערדיקער אַנטוויקלונג, פּונקט אַזוי ווי דאָס זידן פון וואַסער ווערט צוגעגרייט דורך אַ פריערדיק אָנוואַרעמען, אָדער פּונקט ווי אַן אויפרייס פון קעסל ווערט צוגעגרייט דורך דעם אַלץ וואַקסנדיקן דרוק פון פּאַרע אויף זיינע ווענטלעך. רעוואָליוציע אין דער געזעלשאַפט — איז איר איבערבוי, אַ „סטרוקטורישע ענדערונג פון סיסטעם". זי מוז אומפאַרמיידלעך געשען אַלס רעזולטאַט פון סתירה צווישן דעם געבוי פון דער געזעלשאַפט און די נויטווענדיקייטן פון איר אַנטוויקלונג. ווי אַזוי קומט דאָס פאָר — וועגן דעם ווייטער. איצט דאַרף מען וויסן נאָר דאָס: אין דער געזעלשאַפט, ווי אין דער נאַטור, זענען פאַראַן שפּרונגען; אי דאָ, אי דאָרטן ווערן די דאָזיקע שפּרונגען צוגעגרייט דורך דעם פריערדיקן גאַנג פון די געשעענישן, אָדער, מיט אַנדערע ווערטער: אין דער געזעלשאַפט, ווי אין דער נאַטור, דערפירט די עוואָליוציע (בהדרגה'דיקע אַנטוויקלונג) צו רעוואָליוציע (שפּרונג):

די שפּרונגען זענען אַ פּועל־יוצא פון אומאויפהערלעכע ענדערונגען, און אומאויפהערלעכע ענדרונגען דערפירן צו די „שפּרונגען". דאָס זענען צוויי נויטווענדיקע מאָמענטן פון איין און דעם־זעלבן פּראָצעס" (פּלעכאַנאָוו: „קריטיק פון אונזערע פון אונזערע קריטיקער". זייט 401).

די פראַגע וועגן סתירות'דיקייט אין דער אַנטוויקלונג און וועגן שפּרונגען איז די וועזנטלעכסטע טעאָרעטישע פראַגע. אַ גאַנצע רייע פון בורזשואַזע שולן און ריכטונגען קענען שטיין אויף דער זייט פון דעטערמיניזם, קעגן טעלעאָלאָגיע א. א. וו., אָבער יעדעס מאָל גליטשן

זיי זיך אויס ביי די אויבנדערמאָנטע פּראַגעס. מאַרקסנס טעאָריע איז נישט אַן עוואָלוציאָניסטישע. נאָר אַ רעוואָלוציאָנערע טעאָריע, טאַקע דערפאַר איז זי נישט אָננעמבאַר פאַר די בורזשואַזע אידעאָלאָגן. און טאַקע דערפאַר זענען זיי גרייט „צונעמען" פון דער דאָזיקער טעאָריע אַלץ, חוץ די רעוואָלוציאָנערע דיאַלעקטיק. אויף דער זעלבער ליניע גייט געוויינלעך די קריטיק פון מאַרקסיזם. אַזוי בוקט זיך דער דייטשער פּראָפ. ווערנער זאָמבאַרט מיט דרך ארץ פאַר מאַרקסן, כּל זמן ס'רעדט זיך וועגן עוואָלוציע, און גלייך גייט ער איבער צו אַן אַטאַקע אויף מאַרקסן, ווען ער באַמערקט די טעאָרעטיש-רעוואָלוציאָנערע מאָמענטן פון מאַרקסיזם. דאָ ווערן אַפילו באַשאַפן גאַנצע טעאָריעס: אויף וויפל פאַרשטייט איר מיך, מאַרקס איז געווען אַ געלערנטער, אויף אַזויפיל איז ער געווען אַן עוואָלוציאָניסט; אויף וויפל ער איז אויך אין דער טעאָריע רעוואָלוציאָנער, אויף אַזויפיל הערט ער אויף צו זיין אַ געלערנטער און, פאַרלאָזנדיק די וויסנשאַפט, גיט ער זיך אַן מיט רעוואָלוציאָנערע ליידנשאַפטן.

ג. פ. סטרווע, אַ געוועזענער מאַרקסיסט, מחבר פון ערשטן מאַניפעסט פון דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, שפּעטער אַ פּאָגראָם-העצער און קאָנטערעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָג, האָט אָנגעהויבן זיין קריטיק וועגן מאַרקסן פון דער קריטיק פון „שפּרונגען". אין שייכות מיט דעם האָט פּלעכאַנאָוו, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַ רעוואָלוציאָנער, געשריבן. ג. פ. סטרווע האָט זיך אונטערגענומען אונדז אויפווייזן, אַז די נאַטור מאַכט נישט קיין שפּרונגען, און אַז דער אינטעלעקט (שכל) ליידט דאָס ישט. ווי אַזוי איז דאָס? אָדער אפשר מיינט ער גאָר זיין אייגענעם אינטעלעקט, וועלכער, אין אמת'ן, ליידט נישט קיין שפּרונגען, איבער דער פּשוטער סיבה, וואָס ער, ווי מ'דריקט זיך אויס, קען נישט ליידן

עמיצנס אַ דיקטאַטור"- (פּלעכאַנאָוו'ס קורסיוו. „קריטיק פון אונזערע קריטיקער" זייט 99). די אַזוי גערופענע „אָרגאַנישע שול", „פּאָזיטיוויסטן", ספּענסעריאַנער, עוואָלוציאָניסטן א. א. — אַלע זענען קודם כל קעגן שפּרונגען, ווייל זיי אַלע איז זייער נישט אנגענעם „עמיצנס" אַ דיקטאַטור.

ליטעראַטור צום דריטן קאַפּיטל.

די זעלבע ביכער, וואָס פאַר די ערשטע צוויי, חוץ דעם:

דעבאָרין: אַריינפיר אין דער פילאָזאָפיע פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם. ג. פּלעכאַנאָוו (ל. בעלטאוו): קריטיק פון אונזערע קריטיקער. ק. מאַרקס Einleitung zu einer kritik der pol. Ockoonmie. ג. פּלעכאַנאָוו: די הויפּט-פּראָבלעמען פון מארקסיזם. י. א. בערמאַן: די דיאלעקטיק אין ליכט פון דער היינטצייטיקער טעאָריע פון דערקענטניש. (נישט אָרטאָדאָקסאַלער „קריטישער שטאַנדפונקט). אַ. באָגדאנאָוו: אַלגעמיינע אָרגאניזאַציאָנעלע לערע. (אַן אָריגינעלער פּרווו צו באַהערשן די פילאָזאָפיע. 1-טער און 2-טער באַנד. ל. ארטאדאקס: פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונגען. ק. קויטסקי: אַנטי-בערנשטיין. נ. בוכאַרין. פּאָליטישע עקאָנאָמיע פון דאנטיע.

די קריטישע ליטעראַטור, וואָס איז געווענדעט קעגן דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, איז אַ געוואַלטיק גרויסע. פון די רוסישע מחברים איז גאַנץ גענוג צו באַקענען זיך מיט קאַרעיעוון און טוגאַן באַראַנאָווסקי. („טעאָרעטישע יסודות פון מאַרקסיזם")

קאפיטל 4.

געזעלשאפט

§ 25. באַגריף וועגן קיבוץ. לאָגישע און רעאַלע קיבוצים.

מיר באַגעגענען זיך נישט נאָר מיט געוויינלעכע קערפּער, וועלכע שטעלן מיט זיך מיטאַמאָל פאָר אַ גאַנצע איינצעלנע זאַך (למשל, אַ בויגן פּאפּיר, אָדער אַ קי, אָדער ראובן בן יעקוב). אָפט רעדן מיר וועגן צונויפגעלייגטע איינסן, וועגן צונויפגעלייגטע סכומים. אויספאָרשנדיק די באַוועגונג פון דער באַפעלקערונג, זאָגן מיר: די צאָל פון די געבוירענע יונגלעך האָט זיך פאַרגרעסערט אין אַזאַ און אַזאַ באַשטימטער צייט אויף אַזוי פיל און אַזויפיל, און ביי אונז שטעלט זיך פאָר די דאָזיקע „צאָל פון געבוירענע יונגלעך" אַלס א געוויסער צונויפגעלייגטער סכום, וואָס באַשטייט פון באַזונדערע איינסן און וואָס ווערט באַטראַכט ווי עפּעס אַ גאַנצעס (אָדער ווי אַ „סטאַטיסטישער קיבוץ"). מיר רעדן אויך וועגן וואַלד, קלאַס, מענטשלעכער געזעלשאַפט, און באַלד פילן מיר, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ צונויפגעלייגטן סכום: מיר באַטראַכטן דאָס אַלס גאַנצעס; אָבער אין דער זעלבער צייט ווייסן מיר, אַז דאָס דאָזיקע גאַנצעס באַשטייט אין אַ געוויסער מאָס פון זעלבסטשטענדיקע עלעמענטן: דער וואַלד — פון ביימער, קוסטן א. ד. גל.; אַ קלאַס — פון איינצעלנע מענטשן, וואָס

געהערן צו דעם דאָזיקן קלאַס א. אַ. וו. אַזעלכע צונויפגעלייגטע סכומים הייסן ק י ב ו ץ.

דאָך, פון די אויבנגעברענגטע ביישפּילן זעען מיר אָבער, אַז ס'זענען פאַראַן פאַרשידענע קיבוצים: ווען מיר רעדן וועגן די אין 1921 יאָר געבוירענע יונגלעך, און וועגן סאָקאָלניקער וואַלד — פילן מיר גלייך אַ חילוק.

אין וואָס באַשטייט דער דאָזיקער חילוק? דאָס איז נישט שווער צו באַמערקן. אין אמתן, בשעת מיר רעדן וועגן יונגלעך, עקזיסטירן זיי פאַר זיך, אין לעבן, אין דער ווירקלעכקייט, נישט פאַרייניקט: איינער — דאָ, אַ צווייטער — דאָרט. קיינער באַאיינפלוסט נישט דעם צווייטן, איינער לעבט פאַר זיך, דער צווייטער ווידער אויך פאַר זיך. דאָס פאַרייניקן זיי מ י ר, בעת מיר ציילן זיי. מיר שאַפן פון זיי אַ קיבוץ: דאָס איז אַ געדאַנקלעכער, פאַפּירענער קיבוץ, נישט קיין לעבעדיקער, נישט קיין רעאַלער. אַזעלכע קינסטלעכע קיבוצים הייסן געדאַנקלעכע, ל אָ ג י ש ע.

אָבער גאָר עפּעס אַנדערש זעען מיר, בעת מיר רעדן וועגן געזעלשאַפט, אָדער וואַלד, אָדער קלאַס; דאָ איז די פאַרייניקונג פון די באַשטאַנד־עלעמענטן נישט נאָר אַ געדאַנקלעכע (נאָר אַ לאָגישע). אין אמתן. אָט האָבן מיר אַ וואַלד מיט זיינע ביימער, קוסטעס, גראָז א. א. וו. צי איז דאָ דען נישט פאַראַן אַ פאַרייניקונג א י ן ל ע ב ן? געוויס, איז פאַראַן. דער וואַלד איז אפילו נישט אַ געוויינלעכע קופּע פון פאַרשידענע עלעמענטן. ווייל אַלע זיינע טיילעכלעך ווירקן אומאויפהערלעך איינער אויפן צווייטן, אָדער, ווי מען זאָגט, געפינען זיך אין אַן אומאויפהערלעכער קעגנזייטיקייט. פּרוווט אויסהאַקן אַ טייל ביימער, — קען גריילעך זיין, אַז אַ טייל פון די איבערגעבליבענע וועט דערפאַר איינטריקענען, ווייל ס'וועט זיין ווייניקער פייכטקייט, און אויך אַן אנדער אָרט וועט, אפשר, מער וואַקסן ווייל ס'וועט זיין מער זון. דאָ, הייסט עס, האָבן מיר באַשיינפערלעך די ק ע ג נ ז יי ט י ק יי ט פון די טיילעכלעך, פון וועלכע ס'באַשטייט „וואַלד", און דערביי איז די קעגנזייטי-

קייט א פולקאָם רעאַלע, אַ פאַראנענע אין דער ווירקלעכקייט, נישט קיין צוגעטראכטע דורך אונז צוליב די אָדער יענע צוועקן. נאָך מער: די דאָזיקע קעגנזייטיקייט איז אַ לאַנגדויערנדיקע און באַשטענדיקע, וואָס איז פאַראַן אין דער גאַנצער צייט בעת ס'עקזיסטירט דער געגעבענער קיבוץ. אַזעלכע קבוצים הייסן ר ע א ל ע ק ב ו צ י ם.

דאָך דאַרף מען געדענקען, אַז די אַלע חילוקים זענען זייער באַדינגטע. ווייל, שטרענג גענומען, איז נישט פאַראַן קיין פשוטע „איינסן". ראובן בן יעקב איז פאַקטיש אַ גאַנצע קאָלאָניע פון צעלן, ד. ה. אין העכסטן גראַד אַ צונויפגעלייגטער קערפּער. ווי מיר וויסן, צעלייגט זיך אפילו דער אַטאָם. און אזוי ווי ס'זענען נישט פאַראַן קיין גרענעצן פאַר דער צעטיילבאַרקייט, איז, סוף כל סוף, נישט פאַראַן קיין „פשוטקייט". אָבער פונדעסטוועגן גילטן אונזערע אונטערשידן אין געוויסע ג ר ע נ ע צ ן. אן איינצעלנער מענטש איז אַ פשוטער קערפּער, נישט קיין קבוץ, א י ן פ אַ ר ג ל י י ך מיט דער געזעלשאַפט· ער איז אַ צונויפגעלייגטער קערפּער, אַ רעאַלער קבוץ אין פ אַ ר ג ל י י ך מיט דער צעל א. א. וו. ווען מיר רעדן, נישט פאַרגלייכנדיק, באַנוצן מיר דעם נאָמען ס י ס ט ע ם. אין עצם באַטייטן ביי אונז דער טערמין „סיסטעם" און „רעאַלער קיבוץ" איינס און דאָס זעלבע. די באַדינגקייט פון די דאָזיקע אַלע אונטערשידן ווייזט זיך אויס אויך אין דעם אַנדערן. נעמלעך: שטרענג גערעדט, איז די גאַנצע וועלט אַן אומענדלעכער רעאַלער קיבוץ, אין וועלכן אַלע טיילעכלעך געפינען זיך אין אַ פּראָצעס פון אַ כסדר'דיקער און אומאויפהערלעכער קעגנזייטיקייט. אַזוי אַרום עקזיסטירט קעגנזייטיקייט צווישן באַליביקע זאכן און די עלעמענטן פון דער וועלט. דאָך קען די דאָזיקע קעגנזייטיקייט זיין אַ גלייכערע, אַ דירעקטע, אַ מער אומדירעקט. אויף דעם שטיצן זיך די אונטערשידן אין די טערמינען. די דאָזיקע אונטערשידן,

מוזן מיר איבערחזרן, גילטן, ווען מ'פּאַרשטייט זיי ד י אַ-לעקטיש, ד. ה. אין באַשטימטע גרענעצן, מיט אַ תנאי, „אָפּהענגיק פון די אומשטענדן"

§ 26 געזעלשאַפט אַלס אַ רעאַלער קיבוץ, אָדער סיסטעם.

איצט לאָמיר פון דעם שטאַנדפּונקט אַרויס באַטראַכטן די געזעלשאַפט. ס'איז פולקאָם ריכטיק, אַז געזעלשאַפט איז אַ רעאַלער ק י ב ו ץ, ווייל צווישן אירע באַשטאַנד־טיילן קומט פאָר אַן אומאויפהערלעכער און אומאיבערגעריסענער קעגנזייטי-קער פּראָצעס. ר' משה איז געגאַנגען אין מאַרק אריין; דאָרטן האָט ער זיך געדונגען, אַנטייל גענומען אין דעם שאַפן אַ מאַרק-פּרייז, וואָס האָט זיך אויך אָפּגערופן אויפן וועלט-מאַרק. ער האָט געווירקט אין אַ זייער קליינער מאָס, אָבער דאָך האָט ער געווירקט, אויף די וועלט־פּרייזן: יענע ווידער האָבן באַאיינ-פלוסט דעם מאַרק פון לאַנד, וווּ ר' משה וווינט, און אויף דעם מאַרק, וווהין ער גייט; פון דער צווייטער זייט, האָט ער, לאָמיר זאָגן, געקויפט אַ הערינג; דאָס האָט זיך ווי-נישט-איז אָפּגע-רופן אויף זיין בודזשעט, דעריבער דאַרף ער דאָס איבעריקע געלט אויסגעבן אויף אַ באַשטימטן אופן א. א. וו. מ'קאָן דאָ אויס־רעכנען נאָך טויזנטער אַנדערע איינפלוסן.

ר' משה האָט חתונה געהאט. צוליב דעם האָט ער אַ פּריער איינגעקויפט מתנות און געווירקט עקאָנאָמיש אויף אַנדערע מענטשן. ווי אַ גלויביקער ייד, נישט ווי עפּעס אַ באַלשעוויק, האָט ער גערופן אַ רב און מיט דעם האָט ער אונטערגעשטיצט די קהלה-אָרגאַניזאַציע, און דאָס האָט זיך מיט קליינע שטראָמען אָפּגע-רופן אויף דעם איינפלוס פון דער קהלה, און אויף איר גאַנצן געמיט־צושטאַנד און שטימונג. דעם רב האט ער באַצאָלט און מיט דעם געהויבן דעם נאָכפרעג אויף זאַכן, וואָס יענער באַנוצט. די פרוי זיינע האָט אים געבוירן קינדער, וואָס דאָס האָט מיט־געבראַכט מיט זיך טויזנטער אַנדערע פאָלגן. גיט נאָר אַ טראַכט, וויפל מענטשן ס'האָט אָנגערירט משה'ס חתונה! ר' משה איז אריינגעטרעטן אין די ליבעראַלע בירגערלעכע פּאַרטיי, כדי צו דערפילן זיין „בירגערלעכן חוב..." ער האָט אָנגעהויבן צו גיין

אויף פאַרזאַמלונגען און צוזאַמען מיט הונדערטער פון זיינע חברים לעבט ער איבער די זעלבע געפילן פון האַס צו דעם פאַרשאָלטענעם המון, וועלכער קריכט פון דער הויט אַרויס און שטיצט אונטער די אויכדאַמפונג פון געהענים — די באָלשעוויקעס. און זיין איינפלוס אויף פאַרזאַמלונגען האָט אָנגעריירט און אנגעשטעקט, דירעקט אָדער אומדירעקט, אַ סך מענטשן: אמת, ס'איז שווער געווען אונטערצושיידן דעם דאָזיקן איינפלוס: אַזוי קליין איז ער געווען, כמעט אומענדלעך קליין, דאָך איז ער געווען. וואָסער געביטפון משה'ס טאַטן איר זאָלט נישט נעמען, ווען איר שטענדיק זעען, ווי ער האָט באַאיינפלוסט אויף אַנדערע, און אַנדערע — אויף אים. ווייל אין דער געזעלשאַפט איז אַלץ געבונדן מיט מיליאָנען פעדעם.

מיר האָבן אומישנע אָנגעהויבן פון אַן איינצלנעם מענטשן, ווי אַזוי ער ווירקט אויף אַנדערע. און זעט נאָר, ווי ס'ווירקן אויף אים די געזעלשאַפטלעכע געשעענישן. אָט איז אָנגעקומען אַן אויפשוווּנג אין דער אינדוסטרי, און די אונטערנעמונגען, ווו ר' משה איז הויפט=בוכאַלטער, האָט באַקומען אַן הוספהדיקן ריווח: און ר' משה האָט באַקומען אַן הוספה. ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה — ר' משה איז מאָביליזירט געוואָרן, פאַרטיידיקט דאָס פאָטערלאַנד פון זיין ביי-טעלע (ער איז אָבער געווען איבערצייגט, אַז ער פאַרטיידיקט די ציוויליזאַציע) און איז דערהרגעט געוואָרן. אָט אַזאַ איז געווען די קראַפט פון די געזעלשאַפטלעכע באַציונגען.

אויב מיר וועלן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַראַ ריזיקער סכום פון קעגנזייטיקע ווירקונגען ס'עקזיסטירט אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, אַפילו אין אונזער היינטיקער צייט, — אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז אַ גראַנדיעזע בילד. טייל סטיכישע, דורך קיינעם נישט און דורך גאָרנישט נישט רעגולירטע, קעגנווירקונגען פון מענטשן איינער אויף דעם צווייטן האָבן אומצייליקע פאָרמען. אָבער אויך רעגולירטע אָרגאַניזירטע פאָרמען, נהייבנדיק פון דער מלוכה-מאכט און ענדיקנדיק ביי אַ שאך=ארייזל אָדער קלוב פון פליכצוואַטע, זענען אויך פאַראַן ק

איבערגענוג. ווען מיר נעמען אין אַכט, אַז די דאָזיקע אַלע אומצייליקע קעגנווירקונגען קרייצן זיך איינע מיט דער צווייטער, וועלן מיר באַגרייפן וואָס פאַראַ, אין אמת׳ן, גיגאַנטישע בבל־טורם פון ווירקונגען און קעגנזייטיקע ווירקונגען ס׳שטעלט מיט זיך פאָר דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן.

מיר ווייסן, אַז דאָרט, ווו ס׳איז פאַראַן אַ קעגנזייטיקייט פון אַ דויערנדיקן כאַראַקטער, דאָרט איז אויך פאַראַן אַ רעאַלער קיבוץ, אַ „סיסטעם“. דאָ דאַרפן מיר אונטערשטרייכן אָט וואָס: פאַר דעם רעאַלן קיבוץ אָדער סיסטעם איז לגמרי נישט נויטיק דער סימן פון אַ באַוווּסטזיניקער אָרגאַניזאַציע פון די טיילן פון דער דאָזיקער „סיסטעם“. דער דאָזיקער באַגריף געהערט סיי צו אַ לעבעדיקן, סיי צו אַ טויטן, סיי צו די „מעכאַניזמען“, סיי צו „אָרגאַניזמען“. טייל מענטשן פשטלען זיך צו לייקענען אין דער עקזיסטענץ פון געזעלשאַפט, נאָר דערפאַר, ווייל אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט עקזיסטירן אַנדערע, פּריוואַטע „סיסטעמען“, סיסטעמען אינערהאַלב דער געזעלשאַפט (קלאַסן, גרופּן, פּאַרטייען, קרייזלעך, פאַרשידענערליי חברות און ענלעכע פאַראייניקונגען). אָבער באַשיינפּערלעך האָבן מיר דאָך דעם פאַקט פון קעגנזייטיקייט פון די דאָזיקע סיסטעמען און גרופּן (קלאַסן- און פּאַרטיי־קאַמף, מאָמענטן פון זייער צוזאַמענאַרבעט א. א. וו.); חוץ דעם, קענען די זעלבע מענטשן, וואָס גייען אַריין אין די גרופּן, ביי אַנדערע קאָמבינאַציעס גאָר אַנדערש ווירקן אויף די איבעריקע מענטשן (קאַפּיטאַליסט און אַרבעטער, וואָס קויפט ביי דעם זעלבן קאַפּיטאַליסט סחורות פאַר זיין אייגענעם געברויך). ווייטער, די גרופּן אַליין — אין זייער צווישנגרופּישער קעגנזייטיקייט זענען נישט אָרגאַניזירט; דאָ באַקומט זיך אַ סטיכישער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקט, „געזעלשאַפטלעכער רעזולטאַנט“ (זע אויבן קאַפּיטל 2,) וואָס ווערט אויסגעאַרבעט אויף אַ נישט־אָרגאַניזירטן און סטיכישן אופן. (ביז דער צייט פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט עס אַזוי דויערן).

פונדעסטוועגן באקומט זיך דער דאָזיקער געזעלשאפטלעכער „פראָדוקט", דער רעזולטאַנט. ער איז א פאַקט, א פאקט פון דער נישט אָפּלייקבארערווירקלעכקייט. די וועלט פרייזן זענען אזא פאקט, ווי די וועלט=ליטעראַטור, ווי די וועלט-קאָמוניקאַציע=וועגן, אָדער ווי וועלט-מלחמה; שוין די דאָזיקע פאקטן אליין זענען גענוג, כדי צו דערווייזן די פאראַנענקייט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט אין דער היינטיקער צייט, וואָס זי, די געזעלשאַפט גייט, אַרויס איבער די גרעניצן, פון איינצעלנע מלוכות.

בכלל גערעדט, אויף וויפיל ס'איז ביי אונז פאראַן א קרייז פון כסדרדיקע קעגנזייטיקייטן, אויף אזוי פיל איז ביי אונז דאָ א באזונדערער סיסטעם, א באַזונדערער רעאלער קיבוץ. די ברייטסטע סיסטעם פון קעגנזייטיקייט, וואָס נעמט אַרום אלע דויערהאַפטיקע קעגנזייטיקייטן צווישן מענטשן, איז די געזעלשאפט.

מיר באצייכענען געזעלשאַפט אַלס אַ רעאלער קבוץ, אָדער ווי א סיסטעם פון קעגנזייטיקייטן, און לייקענען קאטעגאָריש אָפּ אלע פרווון פון דער אזוי גערופענער „אָרגאנישער שול" צו פארעכענען די געזעלשאפט צו אַן אָרגאַניזם.

דער קריכערישער ציל פון דער „אָרגאַנישער" טעאָריע איז פולשטענדיק קלאָר געקומען צום אויסדרוק אין דער מעשה וועגן מענעני אגריפּאַ, א רוימישער פאטריציער, וואָס האָט איבערגערעדט די צעבונטעוועטע פלעבעיער. זיינע אַרגומענ ן זענען געווען איינגאַנצן „אָרגאַניש". ס'קען נישט געמאָלט זיין, אַז די הענט זאָלן זיך אנטקעגנשטעלן דעם קאָפּ — דאַן קומט אום דער גאַנצער גוף. דער סאָציאלער זין פון דער אָרגאַנישער טאָריע איז אזא: דער הערשנדיקער קלאַס — דאָס איז דער קאָפּ; די אַרבעטער אָדער שקלאַפן — די פיס און הענט; און אזוי ווי אין דער נאַטור איז נישט געהערט

געוואָרן, אז די הענט און פיס זאָלן שטיין אויפן אָרט פון קאָפּ, זיצט־זשע, אַלזאָ, רויק איר, אונטערדריקטע:

אַ דאַנק דער דאָזיקער הכנעהדיקייט, האָט די אָרגאַנישע טעאָריע געהאַט און האָט נאָך היינט א געוואַלדיקן דערפאָלג ביי דער בורזשואַזיע. דער „באַגרינדער“ פון דער סאָציאָלאָגיע, אָ ג י ו ס ט ק אָ נ ט, האָט געהאַלטן די געזעלשאפט פאר אַ קאָלעקטיוון אָרגאניזם („Organisme kollectif“); דער אמייסטן סאָלידער בורזשואַזער סאָציאָלאָג, ה. ס פ ע נ ס ע ר, האָט געמיינט, אַז געזעלשאפט איז עפּעס אַן איבער־אָרגאַנישעס, אז, הגם זי האָט נישט קיין באַוווּסטזיין, האָט זי צָבער אָרגאַנען, געוועב א. א וו. לויט וו אָ ר מ ס׳ן האָט די געזעלשאַפט אַפילו אַ באַוווּסטזיין, ווי אַן איינצלנער מענטש, און ל י ל י ע נ־ פ ע ל ד באהויפּטעט אָן דריידלעך, אַז געזעלשאַפט איז אזא אָרגאַניזם, ווי אַ קראָקאָדיל, אָדער אַזאַ, פאַרשטייט זיך, ווי דער מחבר פון דער דאָזיקער טעאָריע. די געזעלשאַפט האָט עפּעס געמיינזאַמעס מיט אַן אָרגאַניזם. אָבער זי האָט אויך עפּעס געמיינזאַמעס מיט אַ מעכאַניזם. אָבער די דאָזיקע סימנים זענען סימנים פון יעדער רעאַלער ס־ ס ט ע ם. אַזוי ווי מיר דאַרפן זיך לגמרי נישט פאַרנעמען מיט קינדערישע שפּילערייען און אויסגעפינען, וואָס אנטשפּרעכט אין דער געזעלשאַפט אַ לעבער, בלינדע קישקע, אָדער וואָספאַראַ געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג אַנטשפּרעכט רעוומאַטיזם, דעריבער מוזן מיר אָפּוואַרפן אַזעלכע ענלעכע פּרוון. נאָך מער, ווייל די הערן אָנהענגער פון דער אָרגאַנישער טעאָריע זענען גרייט אַריינצופאַלן אין אַן אמתן מיסטיציזם און פאָרשטעלן די געזעלשאפט אין געשטאַלט פון עפּעס אַן „אמת“ ריזיק וועזן, אַ מין לויתן פון די אלטע בבא־מעשיות.

אַלזאָ, די געזעלשאַפט עקזיסטירט, ווי אַ רעאַלער קבוץ, ווי אַ סיסטעם פון קעגנזייטיקע עלעמענטן — מענטשן. אויבן האָבן

מיר געזען, וואָס פאַראַ אומענדלעכער סכום פון די זאַזיקע קעגנזייטיקייטן א ז פאַראַן. אָבער דערפון, וואָס די געזעלשאַפט עקזיסטירט, פאָלגט, אַז די אַלע זיך קרייצנדיקע איינפליסן, די אומצייליקע כוחות, וואָס זענען געווענדעט אויף די פאַרשידנאַרטיקסטע ליניעס, זענען דאָך נישט קיין טאַנץ פון משוגעים, נאָר זיי גייען אַדורך, אַזוי צו זאָגן, געוויסע קאַנאַלן, זיי זענען אונטערגעוואָרפן אַן אינערלעכער געזעצמעסיקייט. אין אמתן, אויב דאָ וואָלט געהערשט אַזאַ צומישנדיקער כאַאָס, וועלכן מ'קען נישט אויפפלאָנטערן, דאַן וואָלט נישט געקענט זיין קיין שום, אפילו אַ באַוועגלעכע, גלייכגעוויכט אינערהאַלב דער געזעלשאַפט, ד. ה. ס'וואָלט נישט עקזיסטירט קיין געזעלשאַפט. פריער האָבן מיר באַטראַכט די פראַגע וועגן געזעצמעסיקייט פון מענטשלעכע טאַטן פון שטאַנדפונקט פון אַן איינצלנער פערזענלעכקייט (זע קאַפיטל 2). איצט גייען מיר צו צו דער פראַגע, אַזוי צו זאָגן, פון דער צווייטער זייט, פון שטאַנדפונקט פון געזעלשאַפט און פון די באַדינגונגען פון איר גלייכגעוויכט. אָבער אויך דאָ קומען מיר צום זעלבן רעזולטאַט: צו דער אנערקענונג פון ג ע ז ע צ מ ע ס י ק יי ט פון דעם געזעלשאַפטלעכן פראָצעס. די דאָזיקע געזעצמעסיקייט פון דעם דאָזיקן געזעלשאַפטלעכן פראָצעס איז לייכטער פון אַלץ צו אנטדעקן, באַטראַכטנדיק די באַדינגונגען פון דער געזעלשאַפטלעכער גלייכגעוויכט.

נאָר פריער, איידער מיר גייען צו צו דער טעמע, מוזן מיר זיך אויספירלעכער אָפּשטעלן אויף דער פראגע, וואָס איז דאָס געזעלשאַפט. ווייל ס'איז ווינציק געזאָגט, אַז דאָס איז אַ סיסטעם פון מענטשן, וואָס ווירקן אייף זיך קעגנזייטיק. ס'איז ווינציק צו זאָגן, אז די דאָזיקע קעגנווירקונגען זענען דויערנדיקע. מ,מוז נאָך דערקלערן זייער כאראַקטער, דאָס וואָס א ו נ ט ע ר ש יי ד ט זיי פון אַן אַנדערער סיסטעם, דאָס, וואָס איז זייער ל ע ב ע ד י ק ע ר י ס ו ד, דאָס, וואָס ס'איז דאָ דער נויטוועגדיקסטער תנאי פון גלייכגעוויכט.

§ 27. דער כאַראַקטער פון געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענהאַנג.

די קעגנזייטיקע ווירקונגען צווישן מענטשן, וואָס שאַפן געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, זענען, ווי מיר האָבן געזען אויבן, זייער פאַר־שידן. אָבער איצט דאַרפן מיר זיך פרעגן: וואָס איז דאָס דער תנאי פון דויערהאַפטיקייט פון די דאָזיקע צוזאַמענהאַנגען? אָדער, מיט אַנדערע ווערטער: ווו געפינט זיך צווישן די אַלע קעגנזייטיטע ווירקונגען דער הויפט תנאי פון דער גלייכגעוויכט פון דער גאַנצער סיסטעם? ווו איז דער גרונט טיף פון דעם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענהאַנג, אַן וועלכן ס'וואָלטן נישט געווען דענקבאַר אַלע איבעריקע?

אויף דער פראַגע ענטפערן מיר: דאָס איז אַן אַרבעט־צוזאַמענהאַנג פון מענטשן, וועלכע דריקט זיך קודם־כל אויס אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, ד. ה. אין אַ באַוווסטזיניקער אָדער אומבאַוווסטזיניקער אַרבעט פון מענטשן איינער פאַרן צווייטן. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? אום דאָס צו דערקלערן, דאַרף מען זיך פאָרשטעלן דאָס פאַרקערטע. לאָמיר אַ ווייל אָננעמען, אַז די אַרבעט־שייכות פון מענטשן איז פאַרניכטעט געוואָרן, אַז פראָדוקטן (אָדער סחורות) ווערן נישט איבערגעוואָרפן פון איין אָרט אויף אַ צווייטן, אַז מענטשן האָבן אויפגעהערט צו אַרבעטן איינער פאַרן צווייטן, אַז די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט פאַרלירט איר געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, וואָס וואָלט דאַן געשעען? די געזעלשאַפט וואָלט דאַן פאַרשווונדן, זיך צופלויגן אויף פיצלעך.

אָדער לאָמיר ברענגען אַן אַנדערן ביישפיל: קריסטלעכע מיסיאָנערן לאָזן זיך צוועק אין אַ טראָפּיש לאַנד כדי צו פרעדיקן דאָרטן וועגן גאָט און טייוול. אויף דעם שטעלן זיך אײַן די אַזוי גערופענע העכערע ייסטיקע שייכותן. לאָמיר זיך זשע־איצט פרעגן: צו קענען די שייכותן צווישן דעם לאַנד, פונוואַנען ס'זײַנען געקומען אונזערע פרעדיקער און „די ווילדע", זײַן פעסטע, ווען די שיפן פאָרן נישט אָפט, ווען ס'איז נישט דאָ קיין סיסטעמאַטישער (נישט אַ צופעליקער)

אויסטויש, ד. ה. ווען ס'זענען נישט איינגעשטעלט פעסטע אַר=
בעטס־צוזאַמענהאַנגען צווישן דעם „ציוויליזירטן” לאַנד און דעם
פּאָטערלאַנד פֿון די „ווילדע” ? געוויס, ניין. הייסט עס, אַז כלער=
ליי צוזאַמענהאַנגען, אין אַלגעמיין און אין גאַנצן, קענען זיין
פעסט נאָר אין אַזאַ מאָס אין וועלכער ס'איז דאָ אַן **אַרבעט**־
צוזאַמענהאַנג. דער אַרבעט=צוזאַמענהאַנג איז אַ גרונט תנאי
פֿון דער מעגלעכקייט פֿון אינערלעכער גלייכגעוויכט פֿון דער
סיסטעם, וואָס הייסט מענטשלעכע געזעלשאַפֿט.

מ'קען אויך צוגיין צו דער פֿראַגע פֿון דער אנדערער
זייט. מיר ווייסן שוין, אַז יעדע סיסטעם און די מענטשלעכע
געזעלשאַפֿט עקזיסטירט אויך נישט אין אַן אַנלופטיקן רוים און
הענגט אפילו נישט אין דער לופטן: זי איז ארומגערינגלט מיט
אַ „סביבה”, און פֿון דער באַציונג, אין וועלכער זי געפינט זיך
צו דער דאָזיקער סביבה, הענגט אָפּ דאָס איבריקע. אויב די
מענטשלעכע געזעלשאַפֿט איז נישט צוגעפּאַסט צו דער סביבה, —
איז זי נישט אַן איינוווינער פֿון דער וועלט: איר גאַנצע קול-
טור וועט אומפֿארמיידלעך פֿאַרוועלקט ווערן, און אַלץ וועט
אויעק מיטן שטויב. דעם דאָזיקן פֿאַקט קען קיינער נישט אָפּ־
לייקענען: ער איז בלי־ספק'דיק. וואָס מ'זאָל נישט זאָגן, ווי
ס'זאָלן זיך נישט חקרענען די אידעאַליסטישע פּראָפֿעסאָרן קען
קיינער פֿון זיי נישט ברענגען אַפילו אַ שאָטן פֿון אַ באַווייז
קעגן אונזער באַהויפּטונג: דאָס **גאַנצע** לעבן פֿון דער
געזעלשאַפֿט, אַפילו די פֿראַגע גופא וועגן מעגלעכקייט פֿון איר
לעבן און טויט, איז אָפּהענגיק און ווערט באַשטימט דורך דער
באַציונג, אין וועלכער ס'געפינט זיך די געזעלשאַפֿט מיט איר
סביבה, ד״ה מיט דער נאַטור. וועגן דעם האָבן מיר שוין גע=
רעדט פֿריער און דאָ דאַרפֿן מיר זיך נישט מער מאריך זיין
דער טעמי. און איצט וועלן מיר זיך פֿרעגן: **אָבער וואָס
פֿאַראַ געזעלשאַפֿטלעכער צוזאַמענהאַנג
צווישן מענטשן וועט נענטער און דירעק-
טער פֿאַר אַלץ אויסדריקן די דאָזיקע באַ־
ציונג צו דער נאַטור?** ס'איז קלאָר, אַז טאַקע דער

אַרבעט־צוזאמענהאַנג. אַרבעט איז אַ פּראָצעס פון צונויפטרעף צווישן געזעלשאַפט און נאַטור. דורך דער פאַרמיטלונג פון אַרבעט ווערט פון דער נאַטור אַריבערגעוואָרפן אין דער געזעלשאַפט אַריין די ענערגיע, אויף וועמעס חשבון די געזעלשאַפט לעבט און אַנטוויקלט זיך (אויב זי אַנטוויקלט זיך): די אַרבעט דריקט טאַקע אויס מיט זיך די אַקטיווע צופּאַסונג צו דער נאַטור. מיט אַנדערע ווערטער. זיער פּראָצעס פון פּראָדוקציע איז דער גרונט לעבנס־פּראָצעס פון דער געזעלשאַפט. און, פאָלגלעך, **דער אַרבעט־צוזאַמענהאַנג איז דער גרונט געזעלשאַפטלעכער צוזאַמענהאַנג.** אָדער, ווי מאַרקס האָט געזאָגט, „די אַנאַטאָמיע פון דער געזעלשאַפט דאַרף מען זוכן אין איר עקאָנאָמיע", ד.ה. דער געבוי פון דער געזעלשאַפט איז איר **אַרבעטס**=געבוי (איר „עקאָנאָמישע סטרוקטור"). היוצא מזה; אונזער באַשטימונג פון „געזעלשאַפט" וועט זיין אַזאַ: **דאָס איז אַן אַממייסטן ברייטע סיסטעם פון קעגנזייטיק ווירקנדיקע מענטשן, וואָס נעמט אַרום אַלע זייערע דויערנדיקע קעגנזייטיקע ווירקונגען און וואָס שטיצט זיך אויף זייער אַרבעטס־צוזאַמענהאַנג.**

מיר זענען אַזוי אַרום צוגעקומען צו אַ פּולקאָם **מאַטעריאַליסטישן** בליק אויף דער געזעלשאַפט· דער יסוד פון איר געבוי איז דער **אַרבעטס-צוזאַמענהאַנג**, פּונקט ווי דער יסוד פון לעבן איז דער **מאַטעריעלער** פּראָצעס **פון פּראָדוקציע.**

אויף דעם קענען אָבער אַנדערע זאָגן — און ס'רוב ווערט דאָס געטון — אַזוי: גאַנץ גוט· זאָל זיין ווי איר זאָגט, אָבער ווי אַזוי ווערן איינגעשטעלט אַרבעטס־צוזאַמענהאַנגען? צי בעתן פּראָצעס פון אַרבעט רעדן נישט די מענטשן, דענקען נישט? צי איז דען דער אַרבעטס-צוזאַמענהאַנג ניט אַ פּסיכישער, אַ גייסטיקער צוזאַמענהאַנג! ווי זשע קומט דאַ אַהער דער מאַטעריאַליזם! צי איז שוין נישט די העכסטע צייט אָפּ-

צוזאָגן זיך פון דעם מאטעריאַליסטישן שטות? וואָס=זשע באַטייט אָבער אַרבעט און אייערע אַרבעטס-צוזאַמענהאנהאַנגען, אויב נישט עפעס פסיכישעס?

לאָמיר די פראַגע אַנאַליזירן אויספירלעכער. זי פאַרדינט, אַז מ'זאָל זי אַנאַליזירן: אין קעגנפאַל אַנטשטייען, אין אמתן, אַ סך מיספארשטייענישן. צוליב קלאָרקייט וועלן מיר צום ערשטן נעמען אַ פשוטן ביישפּיל. שטעלן מיר זיך פאָר, אַז מיר האָבן אַ טעטיקע פאַבריק. אויף דער דאָזיקער פאַבריק אַרבעטן שוואַרצע אַרבעטער, דאַן פאַרשידענע מינים קוואַליפיצירטע אַרבעטער: טייל אַרבעטן אויף אַזעלכע מאשינען, טייל — אויף אנדערע; טייל — איז אזעלכע צעכן, טייל — אין אַנדערע; דאַן זענען פאַראַן מײַסטערס, אינזשיניערן א. א. וו. אָט ווי אַזוי מאַרקס שילדערט דאָס: („קאַפּיטאַל I באַנד, זייט 415, אויסגאַבע פון 1920 י.): „א וועזנטלעכער חילוק באַמערקט זיך צווישן אַרבעטער, וועלכע זענען פאַקטיש באַשעפטיקט ביי די אַרבעטס-מאַשינען (דאָ אַהער געהערן אויך טייל אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט ביים אכטונג געבן אויף דער באַוועגלעכער מאַשין אָדער מיט איר דערנערונג), און צווישן פשוטע שוואַרץ־אַרבעטער אָדער געהילפן (אויסשליסלעך כמעט קינדער) פון די מאַשין=אַרבעטער. צו די שוואַרץ=אַרבעטער געהערן אויך אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס די feeders (וועלכע לייגן אונטער דער מאַשין אַרבעטס־מאַטעריאַל)· אין איין ריי מיט די דאָזיקע הויפּט-קלאַסן טרעט אויף אַ, לויט דעו צאָל, אומבאַדייטנדער פערסאָנאַל· וואָס איז באַשעפטיקט ביים אַכטונג געבן אויף די אַלע מאַשינען און זייער שטענדיקן פאַרריכטן, למשל, אינזשיניערן, מעכאַניקער, סטאָלאַרס א. א.״ אָט האָבן מיר דאָ אַרבעטס-באַציונגען צווישן די מענטשן אויף אַ פ אַ ב ר י ק. אין וואָס דריקן זיי זיך פריער פאַר אַלץ אויס?

אין דעם, וואָס יעדער איינער איז באַשעפטיקט מיט „זיין זאַך״, אָבער די דאָזיקע זאַך איז נאָר א טייל פון אַ ל ג ע מ יי נ ע ם, ד. ה., אַז יעדער אַרבעטער שטייט אויף אַ ב אַ־

שטימטן אָרט, מאַכט באַשטימטע באַוועגונגען, גייט פריין אין מאַטעריעלן באַריר מיט זאכן און אַנדערע ארבעטער, פארנוצט אַ באַשטימטן סכום פון מאַטעריעלער ענערגיע. דאָס זענען אַלץ מאַטעריעלע פיזישע באַציונגען, געוויס, די אַלע פיזישע, מאַטעריעלע באַציונגען ווערן באַגלייט פון זייער „גייסטיקער" זייט: מענטשן טראַכטן, פירן אַ געדאַנקען-אויסטויש, רעדן א. ד. ג. אָבער דאָס ווערט באַשטימט פון דעם, ווי אַזוי זיי זענען צעשטעלט אין דעם פאַבריק-בנין, ביי וואָסערע מאַשינען זיי שטייען א. א. וו. מיט אַנדערע ווערטער: זיי זענען צעשטעלט אין דער פאַבריק, ווי באַשטימטע פיזישע קערפּער; זיי געפינען זיך דערביי אין באַשטימטע פיזישע מאַטעריעלע באַציונגען אין דער צייט און רוים. אָט דאָס איז די מאַטעריעלע אַרבעטס-אָרגאַניזאַציע פון די פאַבריק-אַרבעטער, וועלכע מאַרקס רופט אָן „קיבוצדיקער" אָדער „קאָלעקטיוו-אַרבעטער"; מיר האָבן דאָ אַ מאַטעריעלע מענטשלעכע אַרבעטס-סיסטעם. ווען די דאָזיקע אַרבעטס-סיסטעם איז אין גאַנג, קומט פאָר דער פּראָצעס פון מאַטעריעלער אַרבעט: מענטשן פאַרנוצן ענערגיע, אַרבעטן אויס אַ מאַטעריעלן פּראָדוקט. דאָס איז אויך אַ מאַטעריעלער פּראָצעס, וועלכער האָט אויך זיין „גייסטיקע" זייט.

דאָס זעלבע, וואָס עס געשעט אין אונזער ביישפּיל, ד. ה. אויף דער פאַבריק, קומט פאָר אין אַ קאָמפּליצירטן און אַ געהאַלטיק ברייטערן מאַסשטאַב אין דער גאַנצער געזעלשאַפט: ווייל אויך די גאַנצע געזעלשאַפט שטעלט מיט זיך פאָר אַן אייגנאַרטיקן מענטשלעכן אַרבעטס-אַפּאַראַט, ווו ריזיקע מאַסן מענטשן אָדער אַ גרופּע פאַרנעמט אַ באַשטימט אָרט אין דעם אַרבעטס-פּראָצעס. לאָמיר נעמען די היינטיקע געזעלשאַפט, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע אַזוי גערופענע „קולטורעלע מענטשהייט" און אַפילו אַ ברייטערן קרייז. מיר זעען, אַז ווייץ ווערט קולטיווירט, הויפּט-

זעכלעך, אין געוויסע לענדער, קאַקאַאָ — אין אַנדערע, מעטאַלישע אויסאַרבעטונגען — אין דריטע, א. א. וו. און אין די דאָזיקע לענדער קומט אויך פאָר ס'זעלבע: טייל פאַבריקן אַרבעטן אויס אַזאַ פּראָדוקט, טייל — אַן אַנדערן. די אַרבעטער, פויערים, קאָלאָניאַלע טאָג־אַרבעטער, און אויך אינזשינירן, אויפזעערס, מייסטער, אָרגאַניזאַטאָרן א. א. וו., וועלכע זענען צעוואָרפן איבער פאַרשידענע וועלט־טיילן, — זיי אַרבעטן דאָך פאַקטיש, אפשר אַליין נישט וויסנדיק דאָס, איינער פאַרן צווייטן. און ווען די מאַסן סחורות ווערן איבערגעוואָרפן פון איין לאַנד אין אַ צווייט, פון אַ פאַבריק אויפן מאַרק, פון מאַרק, דורך די סוחרים, צום קאָנסומענט, — וואָס דריקט דאָס אויס? אָט דאָס איז מאַטעריעלע שייכות צווישן די אַלע מענטשן. דאָס הייסט אויך, אַז זיי שטעלן מיט זיך פאָר דער מאַטעריעלער חוט־השדרה, סקעלעט, אַרבעטס־אַפּאַראַט פון איין און איינציקן געזעלשאַפטלעך לעבן. ווען, לאָמיר זאָגן, מ'באַשרייבט דאָס לעבן פון די בינען, וווּנדערט מען זיך גאָר נישט, ווען מ'הייבט אָן ביי דעם, וואָס פאַרא בינען זענען פאַראַן, וואָסער אַרבעט זיי פירן אויס, און וואָס פאַראַ באַציונגען זיי זענען צווישן זיך אין צייט און רוים, — מיט איין וואָרט, באַשרייבן דעם מאַטעריעלן אַרבעטס־אַפּאַראַט פון דער „בינען־מלוכה“, און דערביי פאַלט קיינעם נישט איין צו באַצייכענען די בינען און בינשטאָק אַלס אַ פּסיכישן קיבוץ, אָדער „גייסטיקע מיטפּריינטשאַפט“, הגם מ'רעדט וועגן די אינסטינקטן און פּסיכישן לעבן פון די בינען, וועגן זייערע „מנהגים“ א. א. אָבער דערבאַרעמט אייך, ווי אַזוי קען מען דאָס אַזוי באַליידיקן דעם געטלעכן מענטש!

ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די פּסיכישע קעגנזייטיקע ווירקונג פון דעם פאַרשידנסטן כאַראַקטער ביי אַ מענטשלעכער געזעלשאַפט איז אומפאַרגלייכלעך רייכער, אַפילו ווי ביי די סטאַדעס פון די העכערע מאַלפּעס. דער „גייסט“ פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, ד.ה. די אַלע פּסיכישע קעגנזייטיקע

ווירקונגען, שטייען ביי איר אויף אַזויפיל העכער פאַרן „גייסט" פון אַ מאַלפּישער סטאַדע, אויף וויפיל דער „גייסט" פון אַן איינצעלנעם מענטש שטייט העכער פון „גייסט" פון אַן איינצעלנער מאַלפּע. אָבער די אומענדלעך פאַרשידנאַרטיקע, קאָמפּליצירטע, אומגעוויינלעך רייכע, גלאַנצנדיקע מיט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן גייסטיקע מוסטערן פון די דאָזיקע פּסיכישע קעגנזייטיקע ווירקונגען, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר דעם „גייסט" פון דער היינטצייטיקער געזעלשאַפט, האָבן אויך זייער „קערפּער", און וועלכן זיי קאָנען נישט עקזיסטירן, פּונקט ווי ס'קען נישט עקזיסטירן דער „גייסט" פון אַן איינצלנעם מענטש אָן זיין זינדיקן און צייטלעכן גוף. און מיט דעם דאָזיקן זינדיקן „קערפּער" איז דער אַרבעטס־יסוד, די סיסטעם פון מאַטעריעלע באַציונגען צווישן מענטשן אין אַרבעטס־פּראָצעס, אָדער, ווי מארקס רופט זיי אָן, פּראָדוקציע־באַציונגען.

די תמ'צוועטע פריילינס פון דעם קליינבירגלעכן
קלאַס, וועגן וועלכער מ'זינגט.

וואָס טאַנצסטו, חנה'שי?

אַ טשאַרלסטאָן, אַ טשאַרלסטאָן, טאַטעשי...

דאַכט זיך אויס אַלס „שרעקלעך", ווען, זאָגן מיר, מ'דערקלערט דעם „געטלעכן" דופט פון דער נאַרציז, מיט דער אויפרייצונג פון אַזאַ פּראָזאַאישער זאַך, ווי די שליימיקע הויט פון דער נאָז. אויפן זעלבן ניוואָ פון אונזער חנה'שי, שטייט פונדעסטוועגן די מערהייט פון די בורזשואַזע געלערנטע. די „אָרגאַנישע" טעאָריע וואַגן זיי זיך טיילמאָל אויסצולאַכן. אַזוי שרייבט, למשל, דער איטאַליענישער פּראָפעסאָר א. לאָריא. וועלכער האָט באַגנבעט און שלעכט פאַרדייעט מארקסן (א. לאָריא: „סאָציאָלאָגיע", פּעטערבורג, 1903, ז. 145): דער דייטשער געלערנטער שעפלע איז פּשוט דערגאַנגען צו לעכערלעכקייט, אויסרעכנענדיק די סאָציאַלע אָרגאַנען, דריזן, באַווע=

גונגס=צענטערס. נערוון און נערוון-קניפּ. אָבער אויך די איבעריקע סאָציאָלאָגן פון דער דאָזיקער שול זענען נישט מעסיקער. זיי באַשרייבן סאָציאַלע היפּטן, סאָציאַלן הופּט=סימפּאַטישן נערוו, סאָציאַלע לונגען; די געפעס-סיסטעם פון דער געזעלשאַפט פאַרקערפּערן, לויט זייער מיינונג, די שפּאַר=קאַסעס; איין פּראָפעסאָר פון דער פּאַ=ריזער סארבאָנע האָט אָנגערופן דעם קלער אויסגעפּעצטע פליישׁ-געוועב... אַן אַנדערער סאָציאָלאָג פאַרגלייכט די נערוון־פעדים צו די טעלעגראַפן=דראָטן... אַ דריטער איז פאַרקראָכן אַזוי ווייט, אַז ער אונטערשיידט מאנסבילשע און ווייבערשע מלוכות: די מאנסבילשע... זענען די מלוכות, וואָס וואַרפן אונטער זיך אַנדערע, לויטן רעכט פון דעראָבערונג, און די ווייבערישע... זענען די איינגע-נומענע מלוכות. דאָס אַלץ איז אויסגעצייכנט. אָבער גיט נאָר א קוק, ווי שעמעוודיק ס'ווערן די בורזשואַזע געלערנטע, אַפילו די בעסטע, ווען זיי קומען צו צו דער סאַמע גרעניץ פון מאַטעריאַליזם אין דער סאָציאָלאָגיע! פּראָפּ. דירקהיים למשל, שרייבט אין זיין בוך ,,וועגן דער אַרבעטס־איינטיילונג" נאָך דעם ווי ער האָט אַריינגעבראַכט דעם באַגריף ,,מאָראַלישע געדיכט־קייט" (אונטער דעם נאָמען מיינט ער די אָפּ..קייט און אינטענסיווקייט פון די פּסיכישע קעגנזייטיקע ווירקונגען צווישן מענטשן). ,,די מאָראַלישע געדיכטקייט קען נישט אויפוואַקסן, ווען אין דערזעלבער צייט וואַקסט נישט אויך די מאַטעריעלע געדיכטקייט" ,,La densité morale ne pent donc śaccroitre sans quela densite materielle śaccroisse en mëtemps...") וואָס הייסט דאָס? דאָס הייסט, אַז דער ,,גייסטיקער פאַרקער" צווישן מענטשן האָט זיין יסוד אין זייער ,,מאַ=טעריעלן פאַרקער" ד. ה. די געדיכטקייט און אָפטקייט פון די מאַטעריעלע, פיזישע קעגנזייטיקע ווירקונגען איז אַ ת נ א י פאַר דער אַנטשפּרעכנדיקער געדיכטקייט און

אָפּטקייט פון זייערע גייסטיקע קעגנזייטיקע ווירקונגען. דאָס איז פולקאָם ריכטיק. אָבער, אַרויסזאָגנדיק דעם דאָזיקן מאַטעריאַליסטישן געדאַנק, דערשרעקט זיך ה' דירקהיים און באַהאַלט זיך צווישן די קוסטעס: איבעריגנס, איז נוצלאָז (!!) אויסצופאָרשן וועלכע פון די ביידע דערשיינונגען באַשטימט די אַנדערע, ס'איז גענוג צו קאָנסטאַטירן, אַז זיי זענען נישט-טיילבאַר".

(E. Durkheim: „De la division du travail social" Paris 1893, p. 28?) פאַרוואָס איז דאָס „נוצלאָז"? טאָקע דערפאַר, ווייל אין אַן אָרענטלעכער בורזשואַזער געזעלשאַפט איז אַ „חרפּה" צו זיין אַ מאַטעריאַליסט!

אַ ריזיקע מערהייט פון די הייַנטייטיקע בורזשואַזע סאָציאָלאָגן באַטראַכט די געזעלשאַפט ווי עפּעס אַ פּסיכיש סיסטעם, „פּסיכישער אָרגאַניזם" אָדער עפּעס ענלעכס. דאָס אַנטשפּרעכט פולקאָם דער אידעאַליסטישער וועלט-אַנשויונג. דער הויפּט-חסרון פון די דאָזיקע טעאָריעס באַשטייט אין דעם, וואָס זיי רייסן אָפּ דעם „גייסט" פון דער „מאַטעריע", און דעריבער מאַכן זיי פון דעם „גייסט" אַ נישט דערקלערבאַרע זאַך, ד. ה. גיבן אים צו אַ פאַרגעטערטקייט. און אין אמת'ן לאָמיר אָננעמען, אַז אין איין געזעלשאַפט זענען די פּסיכישע קעגנזייטיקע ווירקונגען איין זאַך, און אין אַן אַנדערער — עפּעס אַנדערש. צ. ב., אין רוסלאַנד פון דער עפּאָכע פון ניקאָלאַי דעם ערשטן האָט געהערשט אַ פּאָליציייִשער „גייסט", דאָס בוקן זיך פאַר דער מאַכט פון צאַר, ליבע צו די אַלטע לעבנס-פאָרמען א. א. וו., און אין ראַטן-רוסלאַנד הערשט גאָר אַן אַנדערער „גייסט" ד. ה. די פּסיכישע קעגנזייטיקע ווירקונגען האָבן זיך פולקאָם געענדערט. פאַרוואָס? אויף דער דאָזיקער פראַגע קענען די פּסיכאָלאָגישע טעאָריעס וועגן געזעלשאַפט נישט געבן קיין איבערצייגנדיקן ענטפער. אויף וויפיל נישט גענוגנט ס'זענען די דאָזיקע טעאָריעס, קען מען זען

פון דעם, וואָס אפילו אַזאַ באַוווסטער אידעאַליסטישער פילאָזאָף ווי וווּנדט פילט בחוש די דאָזיקע נישט-געגוגענטקייט: „...די אָפּהענגיקייט פון דער אַנטוויקלונג פון דער פּסיכיק פון דער ארומיקער נאַטור מאַכט פאַר א נישט אָנגעמבּאַרע פּיקציע (אַ סכום, אַ גרויס, וואָס מ'שטעלט זיך פאַר נ. ב.) ' דאָס דערלאָזן פּסיכאָלאָגישע געזעצן, וואָס גייען פאָרויס יעדע באַציונג צו דער פיזישער אָרגאַניזאַציע. און פאַרוואַנדלען די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע אין אַ מיטל כדי צו דערגרייכן אירע צילן". („פּראָבלעמען פון פעלקער-פּסיכאָלאָגיע, 1912, ז. 20). דער איין און אייניציקער וויסנשאַפטלעכער שטאַנדפּונקט איז אויך דאָ דער מאַטעריאַליסטישער שטאַנד-פּונקט. (מאַרקס האָט געשריבן וועגן א „פּראָדוצירנ-דיקן אָרגאַניזם" קאַפּיטאַל, 3-טער באַנד, 1-טער טייל, ז. 313).

§ 28. געזעלשאַפט און יחיד. פּרימאַט (בכורה) פון דער געזעלשאַפט איבער דעם יחיד.

ס'ליגט נישט אונטער קיין שום ספק, אַז די געזעלשאַפט באַשטייט פון יחידים. ווען ס'וואָלטן נישט געווען קיין איינצלנע מענטשן, וואָלט נישט געווען קיין געזעלשאַפט — דאָס איז פאַרשטענדלעך אָן ווייטערדיקע פּירושים. אָבער מ'דאַרף זיך גוט איינחזרן, אַז די ג'עזעלשאַפט איז לגמרי נישט אַ פּשוטע מאַסע מענטשן, זייער סומע: צונויפ-גערעכנט איינצלנע אברהם'ס און שרה'ס — און ס'באַקומט זיך א געזעלשאַפט. מיר האָבן שוין פריער געזען, אַז געזעל-שאַפט איז אַ רעאַלער קיבוץ, אַ „סיסטעם"; מיר האָבן גע-זען, אַז דאָ איז פאַראַן אַ גאַנצע קאָמפּליצירטע נעץ פון קעגנ-זייטיקע ווירקונגען צווישן איינצעלנע מענטשן, ווירקונ-גען פאַרשידנאַרטיקסטע און פאַרשידנבאַטייטנדע. און וואָס-זשע הייסט דאָס? דאָס הייסט, אַז די געזעלשאַפט, אַלס גאַנ-צעס, איז מער ווי די סומע פון אירע טיילן. זי ווערט לגמרי גאָרנישט פאַררעכנט צו דער דאָזיקער סומע. אַזוי איז

שטענדיק מיט די פאַרשידנאַרטיקסטע סיסטעמען, סיי אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם אָדער אַ טויטער מעכאַניזם; נעמען מיר למשל, וואָסער-עס-איז מאַשין אָדער אַ פּשוטן זייגער. לאָמיר אויסלייגן די דאָזיקע זאַכן אויף זייערע באַשטאַנד-טיילן און צוזאַמענלייגן זיי אין איין קופּקעלע, דאָס וועט זיין זייער סומע. אָבער דאָס וועט נישט זיין קיין מאַשין, און נישט קיין זייגער. פאַרוואָס? ווייל דאָ פעלט יענער באַשטימטער צוזאַמענהאַנג, יענע באַשטימטע קעגנזייטיקע ווירקונג פון די חלקים, וועלכע מאַכט פון די דאָזיקע טיילן אַ באַשטימטן מעכאַניזם. וואָס מאַכט פון זיי אַ טייל פון אַלגעמיינעם? זייער באַשטימטע צעשטעלונג. פונקט דאָס זעלבע באַקומט זיך אויך אין דער געזעלשאַפט. די געזעלשאַפט באַשטייט פון מענטשן, נאָר אויך די דאָזיקע מענטשן וואָלטן אין דעם אַרבעטס-פּראָצעס נישט פאַרנומען אין יעדער צייט אַ באַשטימט אָרט, אויב זיי וואָלטן נישט געווען געבונדן פריער פאַר אַלץ מיט אַן אַרבעטס-צוזאַמענהאַנג, וואָלט גאָרנישט געווען קיין שום געזעלשאַפט.

דאָ דאַרף מען אָנווייזן אויף נאָך איין דערשיינונג, וועלכע מיר באַמערקן אין דער געזעלשאַפט, דהיינו: די געזעלשאַפט שטעלט מיט זיך פאָר נישט נאָר קעגנזייטיק ווירקנדיקע איינצלנע פּערזאָנען, וואָס ווירקן דירעקט אָדער אומדירעקט איינער אויפן צווייטן; זי שטעלט מיט זיך אויך פאָר קעגנזייטיקע ווירקנדיקע גרופּן מענטשן, אַנדערע „רעאַלע קיבוצים", וועלכע שטייען, אַזוי צו זאָגן, צווישן דער געזעלשאַפט און דעם יחיד. אַלס ביישפּיל וועלן מיר נעמען די היינטיקע געזעלשאַפט. זי איז ריזיק. זי נעמט אַרום כמעט די גאַנצע מענטשהייט, ווייל די מענטשן פון די ווייטסטע לענדער זענען פאַרייניקט, און זיי ווערן וואָס אַמאָל מער פאַרייניקט מיט אַן אַרבעטס-צוזאַמענהאַנג; ס'עקזיסטירט און ס'אַנטוויקלט זיך אַ וועלט-ווירטשאַפט. אָבער די דאָזיקע געזעלשאַפט, וואָס באַשטייט פון כמעט אַנדערהאַלבן מיליאַרד קעגנזייטיקע

ווירקנדיקע מענטשן, וואָס זענען פאַרייניקט מיט א ג ר ו נ ט־
צוזאַמענהאַנג, (ארבעטס) און מיט אומצייליקע אַנדערע צוזאַ־
מענהאַנגען, אַנטהאַלט אין זיך טיילווייזע סיסטעמען פון אַזוי צי
אַנדערש פאַרייניקטע מענטשן: קלאַסן, מלוכות, קירכלעכע
אָרגאַניזאַציעס, פּאַרטייען א. ד. ג. מיר וועלן רעדן וועגן דעם
אויספירלעך אין אַנדערע ערטער פון אונזער בוך. איצט איז
פאַר אונז וויכטיק אָנצווייזן אויף דעם: אין דער געזעלשאַפט
איז פאַראַן אַ ריי מענטשלעכע גרופּן; פון זייער זייט
באַשטייען די גרופּן, פאַרשטענדלעך, פון איינצלנע מענטשן;
די קעגנזייטיקע ווירקונגען צווישן די דאָזיקע מענטשן זענען
געוויינלעך עפּטערס און שנעלער „אין זייער קרייז”, ווי די
קעגנזייטיקע ווירקונגען צווישן מענטשן אין אַלגעמיין, (דער
דייטשער פילאָזאָף און סאָציאָלאָג ג. ז י מ מ ע ל באַהויפּטעט
גאַנץ ריכטיק, אז וואָס שמעלער ס'איז דער קרייז פון קעגנ־
זייטיק ווירקנדיקע מענטשן, אלץ, בכלל גערעדט, ענגער איז דער
צוזאַמענהאַנג צווישן זיי); אָבער די דאָזיקע גרופּן קומען אין
באַריר אויך צ ו ו י ש ן זיך. אזוי אַרום ווירקן אָפּט אין דער
געזעלשאַפט איינצעלנע מענטשן איינער אויפן צווייטן דירעקט, און
דורך גרופּעס, דורך טיילווייזע סיסטעמען אינערהאַלב דער אַלגע־
מיינער סיסטעם, וואָס הייסט מענטשלעכע געזעלשאַפט. און טאַ־
קע. לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַן איינצלנעם ארבעטער אין דער
קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. מיט וועמען באַגעגנט ער זיך
עפּטערס, רעדט, באַטראַכט פאַרשידענע פראַגן א. א. וו.? גע־
וויס, עפּטערס קומט דאָס פאָר מיט ארבעטער, אַ סך זעלטענער
מיט בעלי־מלאכות, אָדער פויערים, אָדער מיט בורזשויען. דאָ
זעט מען אַ קלאַסן־פאַראייניקטקייט, א קלאַסן צוזאַמענהאַנג. אויך
מיט אַנדערע קלאַסן קומט דער ארבעטער זייער אָפּט אין באַ־
ריר, נישט פשוט אלס איינצעלנע פערזענלעכקייט, „אינדיווידו־
אום”, נאָר ווי אַ מיטגליד פון אַ קלאַס, און טיילמאָל מיט־
גליד פון א באַוווסטזיניק־אויפגעבויטער אָרגאַניזאַציע־פּאַרטיי,
פּראָפעסיאָנעלן פאַריין א. ד. ג. אַן ענלעכע געשיכטע קומט

פאָר אויך אין באַצוג צו אַנדערע גרופּירונגען, חוץ די קלאַסן; געלערנטע באַגעגנען זיך עפטערס מיט געלערנטע, זשורנאַליסטן — מיט זשורנאַליסטן, גלחים — מיט גלחים א. א. וו.

אין מאַטעריעלן געביט ווייסן מיר, אַז געזעלשאַפט איז נישט אַ קופּקעלע מענטשן, אַז זי איז מער ווי אַ פּשוטע סומע, אַז די פאַרייניקונג פון מענטשן אין זייער באַשטימטער „צעטיילונג" (מאַרקס האָט זיך אויסגעדריקט: זייער „צעטיילונג" „Distribution" אין דעם ארבעטס-פּראָצעס גיט עפּעס אַ נייעס און גרעסערס ווי „סומע" און „קופּע". אָבער דאָס זעלבע קומט אויך פאָר אין געביט פון פּסיכישן (גייסטיקן) לעבן, וואָס שפּילט די גוואַלטיקסטע ראָל. עטלעכע מאָל האָבן מיר געברענגט ביישפּילן, ווי אַזוי ס'שאַפט זיך אַ פּרייז פון אָפּשאַצונג פון איינצעלנע מענטשן. דער פּרייז איז א געזעלשאַפטלעכער „רעזולטאַנט", א פּראָדוקט פון קעגנזייטיקע ווירקונגען פון מענטשן. צי איז דער פּרייז אַ דורכשניטלעכע אָפּשאַצונג? ניין. צי איז דער פּרייז עטוואָס ענלעך צו אַן איינצעלנער אָפּשאַצונג? אויך נישט אינגאַנצן. ווייל די איינצעלנע אָפּשאַצונג איז אַ פּערזענלעכער ענין, דאָס באַרירט נאָר איין מענטש, ער „לעבט אין זיין נשמה", און נאר אין זיין נשמה, אָבער פּרייז איז עפּעס אַזוינס, וואָס דריקט אויך יעדערן; דאָס איז אַזוינס, וואָס איז אומאָפּהענגיק, מיט וועלכן מ'דאַרף זיך רעכענען, עפּעס אָביעקטיוועס, הגם אויך נישט מאַטעריעלעס (זע ס'צווייטע קאַפּיטל); פּרייז איז, מיט אַנדערע ווערטער, עפּעס אַ נייעס און וואָס לעבט מיט זיין אייגן, געזעלשאַפטלעך לעבן, און איז אפילו אומאָפּהענגיק פון איינצלנע מענטשן, הגם ער ווערט „געמאַכט" דורך מענטשן. דאָס זעלבע קומט פאָר מיט די איבריקע דערשיינונגען פון פּסיכישן („גייסטיקן") לעבן. סיי די שפּראַך, סיי די פּאָליטישע אָרדענונג, סיי וויסנשאַפט, סיי קונסט, סיי רעליגיע, סיי פילאָזאָפיע און אַ גאַנצע ריי פון קלענערע דערשיינונגען און פּרטים, ווי מאָדע, מנהגים, כּללים פון העפלעכקייט א. ז. וו. — דאָס אַלץ זענען פּראָדוקטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַ רעזולטאַט פון קעגנזייטיקע

ווירקונגען פון מענטשן, פון זייער אומאויפהערלעכן פאַרקער איינער מיטן צווייטן.

פונקט ווי די געזעלשאַפט איז נישט אַ פשוטע סומע מענטשן, אַזוי אויך איז נישט דאָס גייסטיקע לעבן פון דער געזעלשאַפט א פשוטע סומע פון אידייען און געפילן פון איינ־צעלנע מענטשן, נאָר זי איז א פּראָדוקט פון זייער צוזאַמענלעבן־עפּעס, וואָס איז ביז אַ געוויסער מדרגה, אַ ספּעציעלעס, א נייעס, וואָס קען נישט פאַררעכנט ווערן צו די אַריטמעטישע צולייג־סומען, — אַ נייעס, וואָס אַנטשטייט טאַקע פון אָט די קעגנזייטיקע ווירקונגען פון מענטשן.

אין תוך גערעדט דערקלערט זיך מיט דעם די נויטווענדיקייט פון באַזונדערע געזעלשאַפטלעכע לערעס. וווּנדט באַמערקט גאַנץ ריכטיק, אַז דאס צוזאַמענלעבן פון אַ סך אַלץ איינע, לויט די אָרגאַניזאַציעס, אינדיווידואומס און די פון דעם דאָזיקן צוזאַמענלעבן פאָלגנדיקע קעגנזייטיקע ווירקונגען—דאַרפן, ווי אַן אויפסניי געקומענער תנאי, געבוירן אויך נייע דערשיינונגען מיט אייגנאַרטיקע געזעצן („פּראָבלעמען פון פעלקער פּסיכאָלאָגיע“, ז. 14).

מ'קען נישט טראַכטן וועגן אַן איינצעלנעם מענטש מחוץ דער געזעלשאַפט, אָן געזעלשאַפט, ט ר אָ ץ איר. מען קען נישט בשום אופן זיך פאָרשטעלן די געזעלשאַפט אויף אַזאַ אופן, אַז ס'זענען פאַראַן איינצעלנע מענטשן אין זייער, אַזוי צו זאָגן, „נאַטירלעכן צושטאַנד“, נאָכדעם גייען זיך צונויף די דאָזיקע איזאָלירטע, איינצעלנע מענטשן, פאַרייניקן זיך און גרינדן אַ געזעלשאַפט. די דאָזיקע פאָרשטעלונג איז אַמאָל געווען זייער פאַרשפּרייט, אָבער זי איז פולקאָם נישט ריכטיק פון קיין שום פונקט.

אויב מיר וועלן נאָכפאָרשן ווי אַזוי ס'איז פאָרגעקומען די
אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, וועלן מיר זע-
ען, אַז זי איז אַנטשטאַנען פון אַ סטאַדע, און לגמרי נישט פון
איינצעלנע מענטשנאַרטיקע וועזנס, וואָס האָבן געלעבט אין גאָר
פאַרשידענע ערטער, וואָס האָבן פלוצלינג אין אַ שיינעם העלן
טאָג כלומרשט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז זיי באַקוועמער (וואָס
פאַרא קלוגע ווילדע!) צו לעבן צוזאַמען, און, איבערצייגנדיק
דערפאָלגרייך איינער דעם צווייטן אויף מיטינגען, האָבן זיי זיך
אָנגעהויבן צו פאַראייניקן אין געזעלשאַפטן. „דער אויסגאַנג-פונקט
(פון דער וויסנשאַפט) — האָט ק. מאַרקס געשריבן — זענען די
אינדיווידואומען (אייצעלנע פערזאָנען), וואָס פראָדוצירן אין דער
געזעלשאַפט, און פון דאַנען פאָלגט די געזעלשאַפטלעך באַדינגטע
פראָדוקציע פון די אינדיווידואומען. אַן איינצעלנער און איזאָלירטער
יעגער און פישער... געהערן צו די פאַנטאַזיעלאָזע אויסטראַכטונגען
פון 18-ן י. ה... די פראָדוקציע פון איזאָלירטע איינצעלנע
מענטשן מחוץ דער געזעלשאַפט... איז אַזאַ אומזין Brunding
די אַנטוויקלונג פון שפּראַך אָן צוזאַמען לעבעדיקע און אָן
רעדנדיקע צווישן זיך מענטשן".

(K. Marx: „Einleitung zu einer Kritik der pol. Oekonomie" s. XIII

באַזונדערס בולט האָט זיך אויסגעדרוקט אין זש-
רוסאָ'ס ווערק („דער געזעלשאַפטלעכער אָפמאַך Contrat

social 1762) די טעאָריע וועגן איינצלנעם מענטש, וואָס פאַרייניקט זיך מיט אנדערע. דער מענטש ווערט געבוירן אַ פרייער, אין אַ „נאטירלעכן" צושטאַנד. כדי צו גאַראַנטירן זיין פרייהייט, קומט ער אין באַציונגען מיט אַנדערע, און אויפן יסוד פון „סאָציאַלן אָפמאַך" שאַפט זיך געזעלשאַפט=מלוכה (רוסא שיידט נישט אונטער מלוכה פון געזעלשאַפט). אַ „געזעלשאַפטלעכער אָפמאַך, — שרייבט רוסא (צווייטעס בוך, קאפיטל 5), — האָט פאַר אַ ציל צו שטיצן די, וואָס שליסן אים". רוסא פאַרשט נישט, אין אמת'ן, די אמת'ע אָפשטאמונג פון געזעלשאַפט אָדער מלוכה, נאָר ווי מ'דאַרף פון שטאַנדפונקט פון „שכל", באַטראַכטן די געזעלשאַפט ד. ה., ווי אַזוי מ'דאַרף בויען אַ לייטישע געזעלשאַפט. ווער ס'איז עובר אויף דעם „אָפמאַך", דער באַקומט אַ שטראָף. אויב די מלכים מיסברויכן מיט זייער מאַכט, דאַרף מען זיי אַראָפוואַרפן. דאָס איז געווען דער אויספיר. אָט פאַר וואָס, נישט קוקנדיק אויף דער אבסאָליוטער נישט ריכטיקייט פון רוסא'ס שטאַנדפונקט, האָט זיין טעאָריע געשפילט אַ העכסט וויכטיקע רעוואָלוציאָנערע ראָל אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

די געזעלשאַפטלעכע אייגנשאַפטן פון מענטש האָבן זיך געקענט אַנטוויקלען נאָר אין דער געזעלשאַפט. ס'איז לעבערלעך צו זאָגן, אַז דער מענטש (דערצו אַ ווילדער) האָט דערקענט דעם נוצן פון געזעלשאַפט, נישט זעענדיק קיינמאָל די געזעלשאַפט. דאָס איז פאַקטיש דאָס זעלבע, ווי די אַנטוויקלונג פון שפּראַך ביי נישטרעדנדיקע און צעוואָרפענע איבער פאַרשידענע ערטער מענטשן. אין אמת'ן איז דער מענטש שטענדיק געווען, לויט אַריסטאָטעלעס אויסדרוק, אַ „געזעלשאַפטלעכע חיה, ד. ה. אַ חיה, וואָס האָט געלעבט אין אַ געזעלשאַפט, קיינמאָל נישט אויסער איר. מ'קען זיך נישט פאַרשטעלן די זאַך אַזוי, אַז די מענטשלעכע געזעלשאַפט האָט זיך „געגרינדעט" (דאָס האָט זיך לייכטער פאַר אַלעם געקענט פאַרשטעלן

וואָסער־עס־איז סוחר, וואָס גרינדעט א געזעלשאפט אויף פאַ־צן, און ער מיינט, אַז די מענטשלעכע געזעלשאַפט איז אויך אַנטשטאַנען אויף אַזאַ אופן). אין דער אמת'ן האָט זי עקזיסטירט די גאנצע צייט, וואָס דער מענטש האָט עקזיסטירט, און אויסער דער געזעלשאַפט איז נישט געווען קיין מענטש. דער מענטש איז אַ געזעלשאפטלעכע חיה „לויט דער נאַטור"; זיין „נאַטור" איז אַ געזעלשאַפטלעכע און זי ענדערט זיך צוזאַמען מיט דער געזעלשאַפט; טאַקע, „לויט דער נאַטור", אָבער נישט לויט אַן אָפּמאַך אָדער הסכם לעבן די מענטשן אין דער געזעלשאַפט.

אויב דער מענטש האָט כסדר געלעבט אין דער געזעלשאַפט, ד. ה. אויב ער איז שטענדיק געווען א געזעלשאַפטלעכער מענטש, הייסט דאָס, אַז די איינצעלנע פּערזענלעכקייט האָט שטענדיק געהאַט די געזעלשאפט אַלס איר סביבה.

און קוים איז די געזעלשאַפט שטענדיק געווען די סביבה פון דער איינצעלנער פּערזענלעכקייט, איז נישט שווער צו פאַרשטיין, אז די דאָזיקע סביבה האָט מיט זיך באַשטימט די איינצעלנע פערזענלעכקייט: איין געזעלשאַפט, איין סביבה, און די יחידים וואַקסן אויס די זעלבע; אַן אנדערע געזעלשאַפט, אַן אַנדערע סביבה—און דער יחיד אַנטוויקלט זיך גאָר אַנדערש: „זאָג מיר, ווער דיין חבר איז, וועל איך דיר זאָגן, ווער דו ביסט".

דאָ אַנטשטייט איין פראַגע, וועגן וועלכער ס'זענען פאָרגעקומען און ס'קומען פאָר אומענדלעכע מחלוקות, נעמלעך: די פראַגע וועגן דער ראָל פון יחיד אין דער געשיכטע.

די דאָזיקע פראַגע איז אָבער נישט אַזוי שווער, ווי ס'דאַכט זיך אויס. צי שפּילט דער יחיד עפּעס א ראָל אָדער ער האָט נישט קיין שום באַטייט אין גאַנג פון די געשעענישן? צי איז ער אַן אַבסאָליוטער זעראָ אָדער צי „קען" ער עפּעס טון? ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז אויב די געזעלשאַפט באַשטייט פון יחידים, דאַן ווירקן די טאַטן פון וואָסער־עס־איז יחיד אויף אַ געזעלשאַפטלעכער געשעעניש — הייסט עס, דער יחיד שפּילט

אַ „ראָל״; הייסט עס, אַז די טאַטן, געפילן, פאַרלאַנגען, ליבע פון דעם מענטש גייען אַריין, ווי באַשטאַנד טיילן, אין די געזעלשאפטלעכע דערשיינונג. „מענטשן מאַכן געשיכטע״, און אַזוי ווי „מענטשן״ באַשטייען פון איינצעלנע מענטשן, איז קלאָר, אַז דער יחיד איז כלל נישט אַ זעראָ, נאָר עפּעס אַ כוח. פון דער דורכפלעכטונג, פון קעגנזייטיקע ווירקונגען פון די דאָזיקע כוחות שאַפט זיך, ווי מיר ווייסן, אַ געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג.

ווייטער, אויב אַן איינצעלנער מענטש ווירקט אויף דער געזעלשאַפט, צי קען מען נישט געוויר ווערן, מיט וואָס ס'ווערן באַשטימט די קעגנזייטיקע ווירקונגען פון דעם איינצעלנעם מענטש? מ'קען. מיר ווייסן אויסגעצייכנט, אַז דער מענטשלעכער ווילן איז נישט פריי, אַז ער ווערט באַשטימט דורך אויסערלעכע באַדינגונגען. און אַזוי ווי די אויסערלעכע באַדינגונגען זענען פאַרן איינצעלנעם מענטש — געזעלשאַפטלעכע באַציונגען (באַדינגונגען פון פאַמיליע לעבן, גרופּע, פּראָפעסיע, קלאַס, לאַגע פון דער גאַנצער געזעלשאַפט אין אַ געוויסן מאָמענט). ווערט, פאַלגלעך, זיין ווילן, באַשטימט דורך אויסערלעכע באַדינגונגען: פון זיי שעפּט ער די מאָטיוון פון זיין טעטיקייט. צ. ב., אַ זעלנער פון דער רוסישער אַרמיי אין דער קערענסקי פּאזע האָט געזען, אַז זיין פויערישע ווירטשאַפט ווערט רואינירט, אַז ס'לעבן ווערט שווערער, אַז מ'זעט נישט קיין סוף צו דער מלחמה, אַז די קאַפּיטאַליסטן ווערן רייך, אַז מ'גיט נישט די פויערים קיין ערד. פון דאַנען זענען ביי אים געבוירן געוואָרן מאָטיוון פון טעטיקייט: פאַרענדיקן די מלחמה, פאַרכאַפּן די ערד, און צוליב דעם צוועק אַראָפּוואַרפן די רעגירונג. פאָלגלעך, די געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען באַשטימען די מאָטיוון פון טעטיקייט.

אבער די זעלבע באַדינגונגען שטעלן אַ גרענעץ דער פאַרווירקלעכונג פון די אָדעה

אנדערע ציל ן, וואָס איינצעלנע מענטשן האָבן. אין 1917 האָט מיליוקאָוו געוואָלט פאַרזעסטיקן דעם איינפלוס פון דער בורזשואַזיע און שטיצן זיך אויף דער קאַפּיטאַליציע, אָבער די דאָזיקע קונץ איז אים נישט געלונגען: ס׳האָבן זיך געשאַפן אַזעלכע באַציונגען, אַז ס׳איז אים גאָרנישט געראָטן און ס׳האָט גאָרנישט געקענט געראָטן.

ווייטער, אויב מיר באַטראַכטן אַ יחיד און זיין אַנטוויקלונג, זעען מיר, אַז פּאַקטיש איז ער, ווי די הויט פון וווּרשט, אָנגעזאַפּט מיט די איינפלוסן פון דער סביבה׃ דער מענטש ווערט דערצויגן אין דער פאַמיליע, אויף דער גאַס, אין שול, ער רעדט די שפּראַך, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, דענקט מיט די באַגריפן, וואָס ס׳האָבן געשאַפן אַ רייע פריערדיקע דורות, ער זעט אַרום זיך מענטשן מיט זייער גאַנצן לעבנס־שטייגער; פאַר די אויגן שטייט אים דער גאַנצער סדר פון לעבן, וואָס ווירקט אויף אים יעדע סעקונדע. ער, פּונקט ווי אַ שוואָם, זאַפּט אין זיך איין נייע און נייע איינדרוקן. אויף דעם אַלעם „בילדעט ער״ זיך אויס, אַלס פּערזענלעכקייט. הייסט עס, אין עצם ליגט אין יעדן יחיד אַ געזעלשאַפטלעכער אינהאַלט. אַן איינצעלנע פּערזענלעכקייט — דאָס איז פּונקט ווי אַ קאָנדענסירונג פון קאָנצענטרירטע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, וואָס זענען געבונדן אין אַ קליין קלימיקל.

ענדלעך, דאַרף מען נאָך אָנווייזן אויף איין אומשטאַנד. אָפט איז די ראָל פון אַ יחיד גענוג גרויס צוליב דעם באַזונדערן אָרט און דער באַזונדערער אַרבעט, וואָס ער פירט אויס. לאָמיר, למשל, נעמען די ארמיי און איר גענעראַל שטאַב. דער גענעראַל שטאַב באַשטייט אין גאַנצן פון עטלעכע מענטשן, בעת די אַרמיי ציילט הונדערט טויזנטער, און טיילמאָל מיליאָנען מענטשן. אָבער פונדעסטוועגן פאַרשטייט יעדער, אַז דער באַטייט פון עטלעכע פּערזאָן (גענעראַל־שטאַב), שטייגט אסך מאָל איבער דעם באַטייט פון דער זעלבער צאָל פּערזאָנען פון דער ארמיי (זעלנער אָדער אָפיצערן).

אויב דעם שונא געלונגט צו נעמען אין געפאנגענשאפט דעם גענעראל-שטאב, קען דאָס, ביי געוויסע באדינגונגען, באטייטן א מפלה פאר דער גאנצער ארמיי. אזוי ארום איז דער באטייט פון די דאָזיקע פערזאָנען גענוג גרויס. לאָמיר אָבער גענויער באטראכטן דעם ענין. וואָס פארא באטייט וואָלט געהאט דער גענעראל-שטאב אָן טעלעפאָן-פארבינדונג, אָן ראפּאָרטן, מעלדונגען, מאפּעס, אָן דער מעגלעכקייט צו געבן באפעלן, אָן דער ארמייאישער דיסציפּלין א. א. וו.? כמעט ווי גאָרנישט, די מענטשן פון גענעראל-שטאב וואָלטן געווען די זעלבע, ווי די איבריקע. און וואָס-זשע באשטייט זייער קראפט, זייער באטייט? ווער שאפט דעם דאָזיקן כוח און באטייט? עס שאפט אים יענער באזונדערער געזעלשאפטלעכער צוזאמענהאנג, יענע אָרגאניזאציע, צווישן וועלכער די מענטשן ארבעטן. געוויס, זיי דארפן זיין פעאיק אויסצופירן זייערע פונקציעס (האָבן א גענוגנטע בילדונג אָדער איינגעבוירענע פעאיקייטן, וואָס האָבן זיך אנטוויקלט פון דערפארונג, אזוי ווי דאָס איז געווען דער פאל מיט א סך נאפּאָלעאָנ'ס גענעראלן אָדער מיט די קאָמאנדירן פון דער רויטער ארמיי). אָבער מ'חוץ דעם דאָזיקן באזונדערן צוזאמענהאנג פארלירן זיי זייער מאכט. וואָס זשע באטייט דאָס אלץ אין אונזער ביישפּיל? אז די מעגלעכקייטן פון א שטארקן איינפלוס אויף דער ארמיי מצד דעם גענעראל שטאב ווערט געגעבן דורך דער ארמיי אליין, מיט איר געבוי, אָרדנונג, מיט דעם גאנצן קיבוץ פון קעגנזייטיקע ווירקונגען, וואָס לייגן זיך דאָ צונויף.

ענלעכעס קומט אויך פאָר אין דער געזעלשאפט. נעמט, למשל, די פּאָליטישע אָנפירער. זייער ראָל איז, זעלבסטפארשטענדלעך, אומגעהייער גרעסער ווי די ראָל פון דעם דורכשניטלעכן מענטש פון דעם זעלבן קלאס אָדער פארטיי. געוויס, כדי צו זיין א פּאָליטישער פירער, דארף מען האָבן אנטשפּרעכנדיקע פעאיקייטן, שכל, דערפארונג א. ד. גל. אָבער ס'איז קלאָר, אז

אָן אַנטשפּרעכנדיקע אָרגאַניזאַציעס (פּאַרטייען, פּאַריינען, זייער אייגנאַרטיקער צוגאַנג צו די מאַסן א. א. וו.), וואָלטן די „פּי־רער“ נישט געקענט שפּילן אַזאַ ראָל, דער כּוח פון די ס אָ צ י אַ ל ע צ ו ז א מ ע נ ה אַ נ ג ן גיט אויך כּוח די איינ־צעלנע אויסגעצייכנטע פּערזאָנען. דאָס זעלבע קומט פאָר אין אַנדערע פאַלן, ווען מ׳רעדט וועגן דערפינדער, געלערנטע א. א. וו. טייל קענען זיך „אַנטוויקלען“ נאָר ביי באַשטימטע באַ־דינגונגען. נעמען מיר אָן, אַז אַ טאַלענטירטער דערפינדער־טעכניקער האָט זיך נישט געקענט „אַדורכשלאָגן“. ר׳האָט זיך נישט געלערנט, נישט געלייענט, געצוווּנגען געווען צו באַשעפ־טיקן זיך מיט גאָר אַן אַנדערער זאַך, זאָגן מיר, האַנדלען מיט שמאַטעס. זיין „טאַ־לענט“ וואָלט „פאַרשוויגן“ געוואָרן. קיינער וואָלט אַפילו נישט ג ע וו ו י ר געוואָרן פון אים. און פאַר־קערט, ווען אונזער שמאַטע־קליבער וואָלט געלונגען צו ווערן „אַ מענטש“, ד. ה. שטייען אויף אַ באַשטימט אָרט אין דער סיסטעם פון סאָציאַלע צוזאַמענהאַנגען, וואָלט ער, אפשר, געוואָ־רען עדיסאָן דער צווייטער. אַזעלכע ביישפּילן קען מען ברענ־גען אין די הונדערטער.

ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, דאָס אין די אַלע פאַלן ווירקט די געזעלשאַפט אויך אַזוי, אַז „אַנטוויקלען זיך קען מען נאָר אויף דעם, אין וואָס ס׳פּילט זיך אַ געזעלשאַפטלעכע (קלאַסן, גרופּן, אַלגעמיינע) נויטווענדיקייט. אַלזאָ, די געזעלשאַפטלעכע

צוזאַמענהאַנגען אליין גיבן א כּוח דער איינצעלנער פערזענלעכקייט.

— אָט איז דער אויספיר פון די אויבנגעברענגטע ביישפּילן.

דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט האָט זיך מיט שווערקייט אַדורכגעבראָכן אַ וועג. די סיבות זענען גרויסאַרטיק דער־קלערט געוואָרן דורך ג. מ. פּאָקראָווסקי („אָפּהאַנדלונג וועגן געשיכטע פון דער רוסישער קולטור“, ערשטער טייל, ז. 3). דער היסטאָריקער איז, לויט זיין פּערזענ־לעכער לאַגע, אַ מענטש פון גייסטיקער אַרבעט, אַן איג־

טעליגענט, דאָס איז ערשטנס; און נאָכדעם, אויב מ׳גייט איבער צו מער פּריוואַטע סימנים, איז ער אַ מענטש פון שכלדיקער אַרבעט, אַ ליטעראַט. וואָס האָט געקענט זײַן נאַטירלעכער פאַר אים צו האַלטן, אַז די גייסטיקע אַר־בעט איז אַ הויפּט־זאַך אין דער געשיכטע, און די ליטע־ראַרישע פּראָדוקציע, ל דער, ראָמאַנען, פילאָזאָפישע טראַקטאַטן און וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגען — דאָס זענען די גרונט־קולטורעלע פאַקטן.

אָבער דאָס איז ווייניק: די מענטשן פון גייסטיקער אַרבעט – און דאָס איז אויך געווען גאַנץ נאַטירלעך — זענען באַ־הערשט געוואָרן פון דעם זעלבן שטאַלץ, וואָס האָט דיקטירט די פּרעה׳ס זייערע באַרימערישע אויפשריפטן· זיי האָט זיך געדאַכט, אַז זיי מאַכן געשיכטע. דאָ דאַרף מען צוגעבן בלויז דאָס, אַז אַזאַ פּראָפעסיאָנעלער שטאַנדפּונקט האָט זיך פולקאָם געדעקט מיט דעם קלאַסן־שטאַנדפּונקט פון די הערשנ־דיקע קלאַסן פון דער מינדערהייט, וואָס קאָמאַנדעוועט איבער דער ריזיקער מערהייט. ס׳איז נישט שווער צו פאַרשטיין, אַז דאָס דאָזיקע אויסשטיילן און אויפהייבן די פירער — קודם כל די קיסריים, פירשטן א. א. וו., און נאָכדעם די אַזוי גערופענע גאונים — איז קרובהש צו דעם רעליגיעזן שטאַנדפּונקט, ווייל דאָ זענען זיי נישט דעם סאָציאַלן, ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל ע כ ן כוח, וואָס די געזעלשאַפט גיט דעם יחיד, נאָר אנשטאַט דעם זענען זיי עפּעס אַ נישט דערקלערבאַרעס, ד. ה. אין אמתן אַ „געטלעכע” קראַפט פון דער זעלבער פּערזענלעכקייט· דאָס איז זייער שיין אויסגעדרוקט געוואָרן דורכן רוסישן פילאָזאָף וו. ס. ס א ל א וו י א וו („די באַרעכטיקונג פון גוטס” קאַפּיטל 4). די מענטשן פון דער השגחה, וואָס האָבן פאַר אונז אַנטפּלעקט די העכסטע „רעליגיע” און די מענטשלעכע בילדונג, זענען אורשפּרינגלעך נישט געווען די באַשעפער פון דער דאָזיקער ברכה. דאָס. וואָס זיי האָבן אונז געגעבן, האָבן זיי אַליין צוגענומען ביי די פרי־

ערדיקע אלוועלטלעך-היסטאָרישע גאונים, העלדן און מאַרטירער, וועלכע מיר מוזן אויך געדענקען צום גוטן. מיר דאַרפן אין דער גאַנצער פולקייט צוריק אויפשטעלן די קייט פון אונזערע גייסטיקע פאָרפעטער, — די מענטשן, דורך וועלכע די השגחה האָט געפירט די מענטשהייט צו פולקאָמהייט... אין די דאָזיקע „אויסדערוויילטע געפעסן” ווערט געערמט דאָס, וואָס ער (דער הימלישער פאָטער) האָט אין זיי ארײַנגעלייגט; אין די דאָזיקע אָנזעעוודיקע בילדער פון דער נישט זעבאַרער גאָטהייט דערקענען מיר אים און ליבן אים. מ׳פאַרשפּאָרט צו ענטפערן אויף אַזאַ פלוידעריי. זי רעדט געגוג פאַר זיך.

פון דעם אויבנגעזאָגטן דרינגט, אז דער „יחיד” ווירקט שטענדיק, ווי אַ געזעלשאַפטלעכע פערזענלעכקייט, ווי אַ מיטגליד, באַשטאַנד-טייל פון א גרופע, קלאַס, געזעלשאַפט. „די פערזענלעכקייט” איז שטענדיק אָנגעפילט מיט אַ געזעלשאפטלעכן אינהאלט, און דעריבער, כדי צו פאַרשטיין די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, דאַרף מען אָנהויבן באַטראַכטן די געזעלשאפטלעכע באַדינגונגען און איבערגיין, אויב ס׳איז נויטיק, צו דעם יחיד, און נישט פאַרקערט. פון די געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען — פון דער באטראַכטונג פון די באַדינגונגען פון גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבן. פון לעבן פון אַ קלאַס, פראָפעסיאָנעלער גרופע, פאַמיליע, שול א. א. וו. — קענען מיר דערקלערן מער-ווייניק די אַנטוויקלונג פונם יחיד; אָבער פון דער אנטוויקלונג פונם יחיד קענען מיר לחלוטין נישט דערקלערן די אנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, ווייל יעדע איינצעלנע פערזאָן, וואָס טוט עפּעס, רעכנט זיך קודם כל מיט דעם, וואָס ס׳איז שוין געשאַפן געוואָרן אין דער געזעלשאַפט. צ. ב., אַ קונה גייט אויפן מאַרק קויפן ברויט אָדער שטיוול, ווי אַזוי שאַצט ער זיי אָפּ? ער רעכנט פון פריער אויס, פאסט צו זיין פערזענלעכע אָפּשאַצונג צו דעם פרייז, וואָס איז שוין פאראַן און איז שוין געווען אויפן מאַרק. אַ

דערפינדער טראַכט אויס אַ נייע מאַשין. דאַן גייט ער ארויס פון דעם, וואָס איז שוין דאָ: פון דער שוין פאַראַנענער טעכ־ניק, וויסנשאַפט, פון די פראגן, וואָס די וויסנשאַפט האָט גע־שטעלט, פון די פאָדערונגען, וואָס די פראַקטישע ארבעט רופט ארויס א. א. וו. מיט איין וואָרט, אויב מיר ווילן זיך באַמיען, ווי דאָס טוט אַ טייל בורזשואזע געלערנטע, צו דערקלערן געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען פון פערזענלעכע (אינדיווידועל־פסיכאָלאָגישע), דאַן באַקומען מיר נישט קיין דער־קלערונג, נאָר אַ שפּיל „ציג און וואָלף": אַ געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג (לאָמיר זאָגן, פרייז) ווילן מיר פרווון צו דערקלערן מיט א פערזענלעכער (זאָגן מיר, מיט דער אָפּשאַצונג, וואָס עס גיט דער סחורה אברהם אָדער יצחק), און די דאָזיקע אָפּשאַ־צונג וועט אונז אויסקומען צו דערקלערן מיט דעם פרייז, צו וועלכן אברהם אדער יצחק האָבן זיך צוגעפּאַסט. וואָס זשע באַ־קומט מען פון אזא דערקלערונג? „די ערד שטייט אויף לויתנ'ס. די לויתנ'ס אויפן וואַסער. דאָס וואַסער אויף דער ערד". און דאָס וועט זיך אומבאַדינגט באַקומען יעדעס מאָל, ווען ס'וועט זיך אונז פאַרגלוסטן ארויסצודרינגען אַ געזעלשאַפט פון אַ יחיד און פון זיין אויפפירונג. הייסט עס, אַז מ'דאַרף אָנהייבן פון דער געזעלשאַפט. דאָס איז פאַרשטענדלעך. ווייל, ווי מיר האָבן געזען, שעפט דער יחיד זיינע מאָטיוון פון דער געזעל־שאַפטלעכער סביבה, אין דער געזעלשאַפטלעכער סביבה און אין אירע באַדינגונגען פון איר אַנטוויקלונג האָט ער די גרעניצן פון זיין טעטיקייט. מיט די געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען ווערן באַשטימט זיינע ראָלן א. א. וו. די געזעלשאַפט האָט די בכורה איבערן יחיד, אָדער, ווי מ'דריקט זיך אויס וויסנשאַפט־לעך, ס'עקזיסטירט דער פרימאַט פון דער געזעלשאַפט איבער דעם יחיד.

§ 29. די זיך שאַפנדיקע געזעלשאַפטן.

פון דעם וואס דער מענטש, אויף וויפיל ער איז אַ מענטש,

האָט שטענדיק עקזיסטירט אין דער געזעלשאַפט, דרינגט לגמרי נישט, אַז ס'האָבן זיך נישט געקענט שאַפן נייע געזעלשאַפטן אָדער אַז די אַלטע זאָלן נישט וואַקסן.

נעמען מיר אָן, אַז אין אַ באַשטימטער צייט זיצן אויף דעם ערד-קוגל, אין נעסטן, אין פאַרשידענע ערטער, פאַרשידנאַרטיקע מענטשלעכע פאַרייניקונגען. נעמען מיר ווייטער אָן, אַז די דאָזיקע מענטשלעכע פאַרייניקונגען טרעטן נישט אַריין אין קיין שום באַציונגען צווישן זיך: זיי זענען אָפּגעטיילט דורך בערג, טייכן און ימים, און זיי האָבן נאָך נישט דערגרייכט אַזאַ שטופּע פון „קולטורעלע אַנטוויקלונג", כּדי איבערצוווינדן די דאָזיקע שטערונגען. אויב ס'מאַכט זיך, אַז זיי קומען אין באַריר איינער מיט דעם צווייטן, איז דאָס זייער זעלטן, און ס'קומט פאָר נישט רעגולער: וועגן אַ פעסטן צוזאַמענהאַנג קען מען דאָ נישט רעדן.

צי האָבן מיר אין דעם דאָזיקן פאַל אַן איינהייטלעכע גרויסע געזעלשאַפט, וואָס נעמט אַרום אַלע פאַראַנענע פאַרייניקונגען פון מענטשן? ניין, מיר האָבן נישט. דאָ האָבן מיר באַשיינפערלעך נישט איין געזעלשאַפט, נאָר אַזוי פיל, וויפיל ס'עקזיסטירן פאַרייניקונגען. פאַרוואָס? ווייל דער יסוד פון דער געזעלשאַפט, ~~זיין~~ איר הויפּט-סימן איז אַ פעסטער אַרבעטס-צוזאַמענהאַנג, „פּראָדוקטיווע באַציונגען", וואָס זענען די ביינער, סקעלעט פון דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן קערפּער.

אין דעם געגעבענעם ביישפּיל איז דער צוזאַמענהאַנג צווישן די פאַרייניקונגען נישטאָ; הייסט עס, אַז ס'איז נישטאָ קיין איינהייטלעכע געזעלשאַפט, נאָר ס'זענען דאָ פאַרשידענע געזעלשאַפטן, וואָס יעדע האָט איר אייגענע געשיכטע.

ווען מ'רעדט דאָ וועגן „מענטשן", קען מען זיי פאַרייניקן נישט אין איין געזעלשאַפט, נאָר אַלס מענטשן, אין אונטערשיד צו אַנדערע בעלי-חיים; אָדער, מיט אַנדערע ווערטער: מ'קען זיי באַטראַכטן אַלס עפּעס אַ צאָל („מענטשן") פון דעם ביאָ-

לאָגישן שטאַנדפּונקט ד. ה. ווי איין און דער זעלבער ביאָלאָגישער מין (נישט קיין פליי, נישט זשי־ראַפן, נישט העלפאַנטן, נאָר איין מין מענטשן); אָבער פון שטאַנדפּונקט פון די געזעלשאַפטלעכע לערעס, פון שטאַנדפּונקט פון דער סאָציאָלאָגיע, וועט דאָ נישט זיין קיין איינ־הייטלעכקייט, ס'וועט דאָ נישט זיין קיין איינהייטלעכע געזעל־שאַפט. איין מין בעלי־חיים, און עטלעכע געזעלשאַפטן. פאַר דער ביאָלאָגישער איינהייטלעכקייט איז נויטיק, אַז די פאַראנענע בעלי־חיים זאָלן האָבן דעם זעלבן געבוי, אָרגאַנען א. א. וו. פאַר דער סאָציאָלאָגישער איינהייט איז אָבער נויטיק, אַז די דאָזיקע בעלי־חיים מענטשן זאָלן צוזאַמען ארב:טן אין אַזאַ אָדער אַזאַ פאָרם· נישט פאַראלעל, נישט פשוט איינ־ציטיק, נאָר צוזאַמען·

אמת, אַ סך באַשטרייטן דעם פאַקט פון דער עקזיסטענץ פון אָפּגעשלאָסענע געזעלשאַפטן. פראָפ. וויפער. צ. ב. שרייבט („נייע האָריזאָנטן אין דער היסטאָרישער וויסנשאַפט" סאור. מיר, 1906, נאָוועמבער): אַ פולקאָמע אָפּגעשלאָסנקייט, אַ ריין נאַטירלעכע ווירטשאַפט איז, אפשר, קיינמאָל נישט געווען, זינט די ערשטע טריט פון דער קולטור. פון אַלטע ציטן אָן האָבן עקזיסטירט האַנדלס־באַציונגען, קאָלאָניזאַציע, אין איבערציען זיך, פראַפּאַגאַנדע. בלי ספק איז אויפן אָרט געגאַנגען אויך אַ זעלבסשטענדיקע ארבעט, אַ סך איז דערגרייכט געוואָרן איינ־ציטיק אין פאַרשידענע געאָגראַפישע ראַמען און באַדינגונגען דורך זעלבסשטענדיקע אָנשטרענגונגען, אָבער, ס'קען זיין, נאָך עפטערס איז דער נאָכקומענדיקער שטאַפּל פון דער אַנטוויק־לונג פאָרגעקומען דורך אַ שפרונג, אין דער פאָרם פון אַ פרי־ציטיקער לעקציע, וואָס ווערט מגושמדיק און נישט פולקאָם אנגענומען, נאָר פונדעסטוועגן גענומען פון אַ פרעמדער שטי־מע און נאָכדעם אָן אויסגעלערנטער" אָבער, אויב ס'איז אַפילו קיינמאָל נישט געווען קיין אַבסאָליוטע („פולע") אָפּגעש־לאָסנקייט, דאָך ליגט נישט אונטער קיין שום ספק, אַז דער אויסבויש־צוזאַמענהאַנג צווישן פאַרשידענע מענטשלעכע געזעל·

שאַפטן איז געווען אַ זייער שוואַכער כוח. און וואָס פאַרא פעסטער צוזאַמענהאַנג איז געווען, לאָמיר זאָגן, ביי די אייראָפּעער פאַר קאָלומבוס׳עס אנדעקונג פון אַמעריקע? אויך אפילו צווישן די אייראָפּעאישע פעלקער, לאָמיר זאָגן, אין מיטלאַלטער, איז דער צוזאַמענהאַנג געווען אַ זייער שוואַכער. פאָלגלעך, מ׳קען נישט אין די פאַלן רעדן וועגן אַן איינהייטלעכער מענטשלעכער געזעלשאַפט; די מענטשהייט איז דעמאָלט געווען נישט מער ווי א ביאָלאָגישע צאָל.

לאָמיר איצט אָננעמען, אַז צווישן אונזערע געזעלשאַפטן הייבן זיך צום ערשטן אָן קריגס־באַציונגען, נאָכדעם האַנדלס־באַציונגען. די דאָזיקע האַנדלס־באַציונגען ווערן וואָס אַמאָל פעסטער און פעסטער; ענדלעך קומט אָן אַזאַ צייט, ווען איין געזעלשאַפט קען נישט לעבן אָן אַ צווייטער; איינע פּראָדוצירט הויפּטזעכלעך איין זאַך, די צווייטע — אַן אַנדערע; זיי בייטן זיך מיט די דאָזיקע פּראָדוקטן און אזוי אַרום אַרבעטן זיי איינער פאַרן צווייטן, דערביי טראָגט נישט די דאָזיקע אַרבעט אַ צופעליקן, נאָר אַ רעגולערן, נויטווענדיקן פאַר דער עקזיסטענץ פון ביידע ,געזעלשאַפטן, כאַראַקטער. וואָס איז דאַן? דאַן האָבן מיר שוין אַן איינהייטלעכע געזעלשאַפט פון אַ גרויסן פאַרנעם. זי האָט זיך געשאַפן פון צונויפגיסונג פון פריער צעטיילטע געזעלשאַפטן.

ס׳קען אָבער פאָרקומען א פאַרקערטער פּראָצעס. ביי באַשטימטע באַדינגונגען קען די געזעלשאַפט צעפאַלן זיך אויף עטלעכע געזעלשאַפטן (דאָס געשעט אין באַדינגונגען פון ירידה).

דער היוצא מזה? די געזעלשאַפט איז נישט אַ כאַ־גליי־ווערטע זאַך און עקזיסטירט נישט פון אַלטע צייטן. מיר קענען אויך באַאָבאַכטן דעם פּראָצעס פון ווערן פון דער געזעלשאַפט. אַזאַ פּראָצעס, למשל, האָבן מיר באַאָבאַכטעט אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן און אָנהויב פון 20־טן י. ה. דורך פאַרשידענע וועגן (דורך קאָלאָניאַלע מלחמה, וווּקס פון

סחורות אויסטויש, ארויס=און=אריינפיר פון קאפיטאל, דורך דער
באוועגונג פון דער באפעלקערונג פון אין לאנד איין צווייטן
וכדומה) האט זיך צווישן די לענדער איינגעשטעלט א וואס
מער ענגערע קעגנזייטיקע אפהענגיקייט. אלע לענדער זענע=
פארבונדן געווארן מיט א פעסטן (נישט צופעליקן) ווירט=
שאפטלעכן צוזאמענהאנג, ד. ה. אין ענד-רעכענונג
אן ארבעטס צוזאמענהאנג. ס'איז אויסגעוואקסן א וועלט-
ווירטשאפט, ס'איז אויפגעוואקסן דער וועלט קאפיטאליזם,
וועמענס טיילן האבן קעגנזייטיק געווירקט איינער אויף
דעם צווייטן. און צוזאמען מיט דער צווישנפעלקערלעכער בא־
וועגונג פון די זאכן און מענטשן, סחורות, קאפיטאל, ארבעטער,
סוחרים, אינזשינירן, קאמיוואיאזשארן א. ד. ג. איז אנגעגאנגען
פון איין לאנד אין צווייטן א ריזיקער שטראם פון אידייען —
די וויסנשאפטלעכע, קינסטלעכע, פילאזאפישע, רעליגעזע, פאלי-
טישע, — וואסערע איר ווילט נאר. דער וועלטלעך=מאטער=
יעלער פארקער האט נאך זיך נאכגעשלעפט אויך אן אלוועלטלעך
גייסטיקן פארקער. ס'האט אנגעהויבן צו אנטשטיין אן איינהייטלעכע
מענטשלעכע געזעלשאפט, וואס האט אן איינהייטלעכע היסטאריע.

ליטעראטור צום 4=טן קאפיטל: ק. מארקס: צו
דער קריטיק פון דער פאליטישער עקאנאמיע. דער זעל=
בער: Einleitung zu einer Kritik der pol. Oekonomie. דער זעלבער: קאפיטאל; 1־טער באנד
פ. ענגעלס. אנטי=דירינג. דער זעלבער: ליודוויק פייַ־
ערבאך ה. קונאוו: סאציאלאגיע, עטנאלאגיע און די מאטער-
יאליסטישע אויפפאסונג פון דער געשיכטע 1906 י. דערזעלבער.
Die Marxsche Geschichts-Geselschafts und Staatstheorie. Grundzüge der Marxschen Soziologie, B. I, 1920
פלעכאנאוו: אין 20 יאר ארום. נ. בוכארין: פאליטישע
עקאנאמיע פון ראנטיע.

פון די קענער פון דער מאטעריאליסטישער געשיכטס=

אויספּאַסינג און געגנז איבערצוליינען קאַרעיעוו'ס: אַלטע און נייע שטודיען וועגן עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם. וועגן דער איינשטעלונג פון פּראָדוקציע באַציונגען זע: נ. בוכאַ-רין: וועלט-ווירטשאַפט און אימפּעריאַליזם.

קאפיטל 5

גלייכגעוויכט צווישן געזעלשאפט און נאטור.

30 § די נאטור אלס סביבה פאר דער געזעלשאפט.

אויב מיר באטראכטן די געזעלשאפט ווי א סיסטעם, דאן וועט די „אויסערלעכע נאטור”, ד״ה. אין דער ערשטער ריי אונזער ערד־פלאנעט מיט אלע אירע נאטור־אייגנשאפטן, זיין איר ס ב י ב ה. אויסער דער דאזיקער סביבה איז נישט דענקבאר א מענטשלעכע געזעלשאפט. די נאטור איז אויך די ש פ י י ז נ־ד י ק ע סביבה פאר דער מענטשלעכער געזעלשאפט. מיט דעם ווערט באשטימט איר לעבעדיקער באטייט. אבער ס׳וואלט, פאר־שטייט זיך, געווען נאריש צו באטראכטן די נאטור טעלעאלאגיש: דער מענטש איז, כלומרשט, דער מלך פון דער נאטור, די נאטור איז אנגעגרייט געווארן פאר אים, און אלץ איז צוגעפאסט צו די מענטשלעכע באדערפענישן. אבער אין אמת׳ן גיט זיך די נאטור אזא וואָרף אויפן מענטש, אז דעם „מלך פון דער נאטור” ווערט קאלט און ווארעם, און נאר אין פראצעס פון א לאנגן און הארטן קאמף מיט דער נאטור הייבט דער מענטש אן ארויפצולייגן אויף איר זיין אייזערנע צוים.

דאך זענען זיי, סיי דער מענטש, ווי א בעל־חי, סיי די מענטשלעכע געזעלשאפט, פראדוקטן פון דער נאטור, א טייל פון דעם דאזיקן אומענדלעכן גאנצעס. דער מענטש וועט קיינמאל נישט בכוח זיין ארויסצושפרונגען פון דער נאטור. און אפילו דאן,

ווען דער מענטש באַזיגט די נאַטיר, טוט ער מער נישט אויף נאָר דאָס, וואָס ער נוצט אויס די געזעצן פון דער נאַטור פאַר זיינע צילן.

ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, וואָס פארא ווירקונג די נאַטור דאַרף האָבן אויף דער גאנצער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. פריער, איידער מיר וועלן צוגיין באטראַכטן די באַציונגען, וואָס קומען פאָר צווישן נאַטור און מענטש, און אויך די פ אָ ר מ ע ן, אין וועלכע די נאַטור ווירקט אויף דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, דאַרפן מיר באַאָבאַכטן דורך וועלכע וועגן די נאַטור פאַרטשעפעט, אַזוי צו זאָגן, דעם מענטש מער. מ'דאַרף נאָר געבן אַ קוק אַרום זיך, כדי צו דערזען די אָפּהענגיקייט פון דער געזעלשאַפט פון דער נאַטור: „די ערד (פון עקאָנאָמישן שטאַנדפונקט געהערט דאָ אויך ס'וואַסער), וואָס האָט אורשפּרינגלעך באַזאָרגט דעם מענטש מיט שפּייז, גרייטע עקזיסטענץ-מיטלען, עקזיסטירט אָן שום מיטוויר־קונג פון זיין זייט, ווי אַן אַלגעמיינע זאַך פון מענטשלעכער אַרבעט. אַלע זאַכן, וואָס די ארבעט דאַרף נאָר אַרויסרייסן פון זייער דירעקטער צוזאַמענהאַנג מיט דער ערד, זענען דורך דער נאַטור געגעבענע זאַכן פון אַרבעט. למשל, אַ פיש, וועלכן מ'כאַפּט..., אַ בוים, וואָס מ'האקט אין אַן אור-וואַלד, ארץ, וואָס מ'האַקט אויס פון דער ערד'ס אָדערן... זייענדיק זיין (ד.ה. דעם מענטשס) אורשפּרינגלעכע שפּייז־קאמער, איז די ערד אויך דער אורשפּרינגלעכער אַרסענאַל פון זיינע אַרבעטס־מיטלען. זי שטעלט אים צ. ב., צו אַ שטיין, מיט וועלכן ער באַנוצט זיך צום וואַרפן, רייסן, קוועטשן, שניידן א. ד. ג. (ק. מאַרקס: קאַ־פּיטאַל 1, זייט 155. פאָפּולערע אויסגאַבע 1910). די נאַטור איז ד י ר ע ק ט אַן אַרבעטס־מיטל אין דער דעראָבערנדיקער אינדוסטריע (בערג אַרבייט, געיעג, אַ טייל ערד־אַרבעט א. א. וו.) מיט אַנדערע ווערטער: זי באַשטימט דאָס רוי־מאַטעריאַל, וואָס ווערט אַרויסצגענומען פאַר אַ ווייטערדיקער איבעראַרבעט און אין אַ רייע עקזיסטענץ מיטלען. ביי דעם אַלעם, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, באַנוצט זיך דער מענטש מיט די געזעצן פון

דער נאַטור אין קאַמף קעגן איר. „ער באַנוצט זיך מיט מעכאַנישע, פיזישע, כימישע אייגנשאַפטן פון די קערפּער, כדי אין הסכם מיט זיין ציל זאָל ער זיי בייטן, ווי כוחות, צו ווירקן אויף אַנדערע קערפּער", דער מענטש באַנוצט זיך מיט דער קראַפט פון דאַמף, עלעקטריע א. ד. ג., ציִונגס־קראַפט פון די קערפּער צו דער ערד (געזעץ פון פאַלן פון קערפּער) א. א. א. א. אויב ס׳איז אַזוי, איז פאַרשטענדלעך, אַז דער צושטאַנד פון דער נאַטור אין דעם געגעבענעם אָרט און צייט קען נישט ווירקן אויף דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. דער קלימאַט (דער סכום פון פייכטקייט, ווינט, טעמפּעראַטור א. ד. ג.), דער געבוי פון דער אויבערפלאַך (בערג אָדער טאָלן, איינטיילונג פון וואַסער, כאַראַקטער פון טייכן, פאַראַנענקייט פון מעטאַלן, מינעראַלן, כלערליי בערג), כאַראַקטער פון בערג (אויב דער געגנט איז נעבן ים), די איינטיילונג צווישן יבשה און וואַסער, די פאַראַנענקייט פון באַשטימטע בעלי־חיים און צמחים וכדומה וכ׳ — אָט דאָס זענען די הויפּט־פּונקטן, וואָס ווירקן אויף דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אויף דער יבשה קען מען זיך נישט באַשעפטיקן מיט פיש־ און וואַלפיש־ פאַנג. אויף בערג קען מען זיך נישט באַשעפטיקן, ווי געהעריק, מיט ערד־אַרבעט; אין דער מדבר קען מען נישט פירן אַ וואַלד־ווירטשאַפט: אין קאַלטע לענדער קען מען ווינטערצייט נישט לעבן אין ביידלעך; אין די הייסע דאַרף מען נישט הייצן די שטוב; וווּ ס׳איז נישטאָ קיין מעטאַלן אין דער ערד, פאַלן זיי נישט אַראָפּ פון הימל און מ׳קען זיי נישט אויסזויגן פון פינגער — א. א. וו.

באַטראַכטנדיק אויספירלעכער די ווירקונגען פון דער נאַטור, קומען מיר צו די דאָזיקע רעזולטאַטן:

די איינטיילונג פון יבשה און ים.

בכלל גערעדט איז דער מענטש אַ יבשה־חיה. דער ים ווירקט אויף צווייערליי אופנים. ערשטנס, טיילט ער אָבדעריבער האָט זייער אָפט דער ים געדינט אַלס אַ נאַטירלעכע גרענעץ פון דער צווייטער זייט, אויף אַ

באַשטימטער מדרגה פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון ים, ווערט ער, אַדרבה, דער באַקוועמסטער וועג. **די בערגן** ווירקן, הויפּטזעכלעך, אָפּהענגיק פֿון דעם, אויף וויפֿיל זיי זענען באַקוועם אָדער נישט באַקוועם פֿאַר די האַפֿן. אַפֿילו די מערהייט פֿון די היינצייטיקע האַפֿנס זענען געשטעלט אַזוי, אַז זיי זאָלן זיין אַנווענדבאַר צו די נאַטירלעכע באַקוועמלעכקייטן פֿון ברעג, מיט זייער ווייניק אויסנאַמען (למשל, שערבורג). **די איבערפֿלאַך פֿון דער ערד**, ווירקנדיק דורך דער וועלט פֿון בעלי־חיים און צמחים, ווירקט אויך דירעקט, הגם פֿאַרשידן, אָפּהענגיק פֿון זייער מדרגה פֿון דער קולטורעלער אַנטוויקלונג, הויפּטזעכלעך, צוליב דער ווירקונג אויף די קאָמוניקאַציע וועגן, שטשעזשקעס, שאָסייען, אייזנבאַנען, טונעלן. **שטיינערנער באָדן און מינעראַלן.**

אָפּהענגיק פֿון דעם באָדן בויט מען געביידעס; אין די בערג־געביטן איבערוויגט האַרטער באָדן (גראַניט, פּאָרפֿיר, באַזאַלט, שיפֿער א. ד. ג.); אין די טאָלן — אַ ווייכער באָדן. וואָס אָנבעלאַנגט מינעראַלן און מעטאַלן, איז זייער באַטייט געשטיגן טאַקי אין דער לעצטער צייט (אייזן, קוילן), אַ טייל מינעראַלן זענען געווען אַלס וויכטיקע סיבות פֿון איבערוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע צוגעצויגן די פֿעניקער צו מערב, גאָלד האָט זיי געלאָקט קיין דרום־אַפֿריקע און מזרח־אינדיע, גאָלד און זילבער האָבן צוגעצויגן די שפּאַניער קיין אַמעריקע א. א.). אָפּהענגיק פֿון דעם געבורטס־אָרט פֿון קוילן און אייזן, געפֿינט זיך איצט די גרויסע שווערע אינדוסטרי. די אייגנשאַפֿטן פֿון באָדן באַשטימען קודם־כּל די צמחים־וועלט צוזאַמען מיטן קלימאַט. **די מאַטעריק־וואַסערן.** קודם־כּל האָט דאָס וואַסער אַ באַטייט אַלס טרינק־וואַסער (פֿאַרגלייכט זיין „טייערקייט" אין דער מדבר); נאָכדעם איז גרויס זיין באַטייט פֿאַר דער **דאָרפֿישער** ווירטשאַפֿט (אָפּהענגיק פֿון זיין סכום קומט אויס דעם באָדן

ענטוועדער אויסצוטרוקענען אָדער באַגיסן); ס'איז גע=
ווּסט, וואָס פאַראַ באַטייט ס'האָבן געהאַט פאַר דער
דאָרף-ווירטשאַפט די אויסגוסן פון די גרויסע טייכן (נילוס,
גאַנגעס א. א.) און וואָס פאַראַ ווירקונג דאָס האָט גע=
האַט אויף דער קולטור פון די עגיפטער און אינדיער;
ווייטער, ס'וואַסער האָט אַ גרויסן באַטייט אַלס מעכאַנישע
באַוועגלעכע קראַפט (וואַסער-מילן, — איינע פון די עלט=
סטע דערפינדונגען); פון דאַנען זעען מיר דעם וווּקס פון
שטעט נעבן אַזעלכע ערטער; אין דער נייעסטער צייט
קען אַלס געניגעגסטער ביישפּיל דינען דאָס באַנוצן זיך
מיט וואַסער צו עלעקטריפיקאַציע, די אַזוי גערופענע
„ווייסע קוילן", וואָס ווערן יעצט ברייט פּראַקטיצירט אין
אַמעריקע, דייטשלאַנד, שווייצאַריע, נאָרוועגיע, שוועדן
און איטאַליע); ענדלעך דאַרף מען אָנווייזן אויף דעם
באַטייט פון דער וואַסער־סיסטעם פאַר די קאָמוניקאַציע־
מיטלען (טייל געלערנטע שרייבן=צו דעם פאַקט אַ גוואַל=
טיקן באַטייט). דער ק ל י מ אַ ט ווירקט אויף די מענטשן
הויפּטזעכלעך, דורך זיין ווירקונג אויף דער פּראָדוקציע·
אין געביט פון דאָרף-ווירטשאַפט איז פונם קלימאַט
אָפּהענגיק דער אויסוואַל פון דעם אָדער יענעם סאָרט
צמחים; דער קלימאַט באַשטימט אויך די דויער פון א
דאָרפיש-ווירטשאפטלעכן סעזאָן (למשל, אין רוסלאַנד איז
דער דאָזיקער סעזאָן זייער אַ קורצער, אין דער צייט,
ווען אין טייל ערטער, אין דרום, געדויערט דער דאָזי-
קער סעזאָן כמעט אַ גאַנץ יאָר); דורך דעם ווירקט דער
קלימאַט אויף דער אינדוסטרי, באַפרייענדיק אַרבעטער·
העגט א. ד. גל. פאַרן טראַנספּאָרט שפּילט דער קלימאַט
אויך אַ גרויסע ראָל (דער שליט=וועג — ווינטער; גע־
פרוירענע אָדער נישט־געפרוירענע פּאָרטן, טייכן א.א.וו.)
א קאַלטער קלימאַט פאָדערט אַ סך אַרבעט, כדי צו באַ-
קומען שפּייז, קליידונג, קינסטלעכע באַהייצונג א. א. וו.;
אין צפון פאַרברענגט מען די גרעסטע צייט אין דער היים

אין דרום—אינטערן פרייען הימל· די צ מ ח י ם=וועלט ווירקט
אויף אַ פֿאַרשידענעם אופֿן· אויף די נידריקע קולטור=שטופּעס
זעבען די וועגן געווען אָפּהענגיק פון די װ ע ל ד ע ר („נישט
דורכגאַנגבאַרע וועלדער”) ; דורכן וואלד ווערט באַשטימט
דער כאַראַקטער פון די געביידעס, באַהייצונג א. א.; פון
די אייגנשאַפטן פון די צמחים (פון וואַלד אָדער סטעפּ)
איז אָפּהענגיק דער געיעג, ערד-אַרבעט; דאָס זעלבע מיט
פי־צוכט. די ב ע ל י - ח י י ם - װ ע ל ט איז פֿאַר די
אורפעלקער געווען א גרויסע, פיינטלעכע קראַפט, זי איז
געווען אַ שפּייז-קוועלע, און דעריבער — אַן ענין פון
געיעג און פיש=פאַנג ; שפּעטער איז דורך זיי אַנטשטאַ=
נען דאָס צוימען די בעלי-חיים, — פונדאַנען די ווירקונג
אויף דער פּראָדוקציע און טראַנספּאָרט (שלעפּ-בהמות).
ד ע ר י ם, אַלס טראַנספּאָרט־מיטל, האָט געשפּילט
און שפּילט אַ גרויסע ראָל. דער פֿאַרקער פון איבערפיר
פון משאות איז אַ סך ביליקער דורכן ים ; דער ים איז,
אַ חוץ דעם, אויך אַן אָרט פאַר אַ ריי פּראָדוצירנדיקע
צווייגן (פיש= און וואלפיש-פאַנג, געיעג אויף פּאָקעס א.א.)
(זע A. Hetner: Die Geographischen Bedingungen:
der Menschlichen Wirtschaft אין Grundriss der So=
cial Oekonomik von Gottle Herkner Tübingen,
1924· די ווירקונג פון די קלימאַטישע באַדינגונגען ווערט
אילוסטרירט, ווי עס פאָלגט : שטיצנדיק זיך אויף אַ קאַר·
טע פון יערלעכע דורכשניטלעכע טעמפּעראַטורן (אַזוי גע־
רופענע איזאָטערמישע ליניעס), „קען מען באַמערקן, אַז
די באַדייטנדסטע געדיכטקייט פון באַפעלקערונג אין
דער וועלט איז גרופּירט צווישן צוויי עקסטרעמע
איזאָטערמישע ליניעס 4° און 16° די איזאָטערם (די
לענג פון דורכשניטלעכער יערלעכער טעמפּעראַטור) 10°
באַשטימט מיט אַ געוויסער פּינקטלעכקייט דעם
צענטראַלן אַקס פון דעם דאָזיקן קלימאַטישן און קולטו=
רעלן פּאַס ; אויף איר גרופּירן זיך די רייכסטע און

באַפּעלקערטסטע וועלט=שטעט: טשיקאַגאָ, ניו=יאָרק, פילאַ=
דעלפיע, לאָנדאָן, ווין, אָדעס, פּעקין. אויפן איזאָטערם
16 שטייען: סאַן-לואי, ליסאַבאָן, רוים, קאָנסטאַנטינאָפּאָל,
אָהאַזאַקאַ, קיאָטאַ, טאָקיאָ. אויפן איזאָטערם 4: קוועַ=
בעק, כריסטיאַנאַ, שטאָקהאָלם, פּעטערבורג, מאָסקווע. צו
דרום פון איזאָטערם 16, אַלס אויסנאַם זענען צעוואָרפן
עטלעכע שטעט, מיט אַ באַפעלקערונג מער ווי 100,000.
(מעקסיקע, ניו=אָרלעאַן, קאַיר, אַלעקסאַנדריע, טעהעראַן,
קאַלקוטאַ, באָמבײ, מאַדראַס, קאַנטאָן). די צפון=גרעניץ
אָדער די איזאָטערם 4 טראָגט אַ מער אַבסאָלוטן כאַ=
ראַקטער: צו צפון פון איר איז נישט פאַראַן קיין באַ=
דייטנדע שטאָט חוץ וויניפּעג (קאַנאַדע) און די אַדמיני=
סטראַטיווע צענטערס פון סיביר"... ל. י. מעטשניקאָוו:
„די ציוויליזאַציע און די גרויסע היסטאָרישע טייכן. געאָ=
גראַפישע טעאָריע פון דער אַנטוויקלונג פון די היינטציי=
טיקע געזעלשאַפטן, פּעטערבורג 1898, זייט 39—38).

§ 31 די מיט-באַציִונגען צווישן געזעלשאַפט און נאַטור.
דער פּראָצעס פון פּראָדוקציע און רעפּראָדוקציע. מיר ווייסן
שוין, אַז ווען מען רעדט וועגן סיסטעם, דאַרף מען די סיבה
פון די פאַרענדערונגען פון דער סיסטעם זוכן אין דער
מיט-באַציִונג מיט דער סביבה. אַזוי ווייסן
מיר אויך גענוי, אַז אַפילו די גרונט=ליניעס פון אַנטוויקלונג
(פּראָגרעס, סטאַגנאַציע אָדער פאַרניכטונג פון דער סיסטעם) זע=
נען טאַקע אָפּהענגיק פון דעם, אין וואָסערע מיטבאַציִונגען זי
געפינט זיך מיט איר סביבה. אין דער פאַרענדערונג פון דער
דאָזיקער מיטבאַציִונג דאַרף מען, אַלזאָ, זוכן די אַרויסגערופענע
ענדערונג פון דער זעלבער סיסטעם. ווו זשע דאַרף מען זוכן
די כסדר זיך טוישנדיקע מיטבאַציִונגען צווישן געזעלשאַפט און
נאַטור?

מיר האָבן שוין פריער געזען, אַז די דאָזיקע זיך טוישנ=
דיקע מיטבאַציִונגען שטעקן אין געביט פון געזעלשאַפט=
לעכער אַרבעט. אין אמת'ן, אין וואָס דריקט זיך אויס

דער [illegible]פּאַסונג־פּראָצעס פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט צו דער נאַטור? אָדער, מיט אַנדערע ווערטער, אין וואָס באַשטייט דער צושטאַנד פון באַוועגלעכער גלייכגעוויכט צווישן געזעלשאַפט און נאַטור?

די מענטשלעכע געזעלשאַפט, אויף וויפיל זי עקזיסטירט, דאַרף איבערפּלומפּן מאַטעריעלע ענערגיע פון דער אויסערלעכער נאַטור. אָן דער דאָזיקער איבערפּלומפּונג קאָן זי נישט עקזיס־טירן. וואָס מער ענערגיע זי פּלומפּט איבער פון דער נאַטור, אַלץ בעסער פּאַסט זי זיך צו צו איר; נאָר דאַן, ווען דער דאָזיקער סכום וואַקסט אויף, האָבן מיר די אַנטוויקלונג פון געזעלשאַפט. לאָמיר, למשל, אָננעמען, אַז אין אַ שיינעם העלן טאָג שטעלן זיך אָפּ אַלע אונטערנעמונגען, ס'שטאַרבן אָפּ אַלע אַרבעטן אויף די פאַבריקן, זאַוואָדן, אין די קוילן־שאַכטן, אויף די אייזנבאַנען, אין די וועלדער, אין די פעלדער, אויף דער יבשה און אויפן וואַסער. די געזעלשאַפט וואָלט נישט געקאָנט האַלטן זיך אפילו איין וואָך, ווייל, כּדי אפילו צו עקזיסטירן מיט די אַלטע זאַפּאַסן, איז נויטיק זיי איבערצופירן, אויסצולאַדעווען, איינצוטיילן. „יע־דעס קינד ווייסט, דאָס יעדע נאַציע וואָלט אומגעקומען פאַר הונגער, ווען זי וואָלט אָפּגעשטעלט די אַרבעט, אָפּגערעדט פון אַ יאָר, נאָר אַפילו אויף אַ פּאָר וואָכן". (ק. מאַרקס: „בריף צו קוגעלמאַן". פּעטערבורג, 1907 ז. 43). מענטשן באַ־אַרבעטן די ערד, באַקומען ווייץ, קאָרן, קוקורידזע; זיי האָ־דעווען און פּאַשן בהמות; זיי אַרבעטן אויס באַוועל, קאַנאַפּ־יע און פלאַקס; זיי האַקן אויס וועלדער, פון די שטיינהאַ־קערייען נעמען זיי אַרויס שטיינער, און, אויף אַזאַ אופן, באַפ־רידיקן זיי זייער באַדערפענישן אין שפּייז, מלבושים, וווינונג. פון דער טיפער ערד גראָבן זיי אויס קוילן און אייזן־ערץ, און שטעלן אויף שטאָלענע מאַשינען, מיט וועמעס הילף זיי רייסן זיך אַריין אין דער נאַטור אין פאַרשידענע ריכטונגען, פאַרוואַנדלענדיק די גאַנצע ערד אין אַ גיגאַנטיש וואַרשטאַט, ווו מענטשן קלאַפּן מיט האַמערס, שטייען ביים שפּין ראָד, גראָבן אונטער דער ערד, טוען אַכטונג אויפן פלייסיקן גאַנג פון די

רייזיקע, אויסטערליישע מאשינען, שניידן אדורך בערג מיט דער הילף פון טונעלן, מיט קאלאסאלע שיפן שווימען זיי אריבער די אקעאנען, פירן איבער משאות אויף דער לופט, פארוועבן די ערד מיט א נעץ פון שינעס, אין תהום פון ים פארלייגן זיי קאבעלן — און אנהויבנדיק פון די רוישנדיקע שטעט, און ענדיקנדיק מיט די פארוואָרפנסטע ווינקעלעך פון ערד-קוגל, פארן זיי זיך ווי מילבן, פארדינענדיק אויף „אלטעגלעך ברויט", צופאסנדיק זיך צו דער נאטור און צופאסנדיק די דאזיקע נאטור צו זיך. איין טייל פון דער נאטור — דאס איז די סביבה, דאס וואס מיר רופן דא אן אויסערלעכע נאטור, שטייט קעגן איבער דעם צווייטן טייל — דער מענטשלעכער געזעלשאפט. און די פארם פון באריר פון די ביידע טיילן פון דעם איינהייטלעכן גאנצן איז דער פראצעס פון מענטשלעכער ארבעט. „ארבעט איז קודם כל א פראצעס, וואס קומט פאר צווישן נאטור און מענטש, א פראצעס, אין וועלכן דער מענטש מיט זיין אייגענער טעטיקייט באדינגט, רעגולירט און קאנטראלירט דעם שטאף-וועקסל צווישן מענטש און נאטור. דעם נאטור-שטאף שטייט ער אליין קעגנאיבער, ווי א קראפט פון דער נאטור" (קאפיטאל 1, ז. 153).

דער דירעקטער באריר פון געזעלשאפט מיט נאטור, ד. ה. דאס איבערפלומפן ענערגיע פון דער נאטור, איז א מאטעריעלער פראצעס. „כדי צו צואייגנען זיך א שטאף פון דער נאטור אין א געוויסער פארם, וואס זאל טויגן פאר זיין אייגן לעבן, ברענגט ער (דער מענטש נ. ב.) אין באוועגונג די נאטירלעכע כוחות, וואס געהערן זיין קערפער, הענט און פיס, קאפ און פינגער (דארטן). דער דאזיקער מאטעריעלער פראצעס פון „שטאף וועקסל" צווישן געזעלשאפט און נאטור איז דער גרונט-פארקער צווישן דער סביבה און סיסטעם, צווישן די „אויסערלעכע באדינגונגען" אין דער מענטשלעכער געזעלשאפט

כדי די געזעלשאפט זאל ווייטער עקזיסטירן, איז נויטיק, אז דער פראדוקציע פראצעס זאל זיך שטענדיק באנייען. בע-

מען מיר אָן, אַז ביז צו אַזאַ און אַזאַ צייט איז פּראָדוצירט געוואָרן אַזוי פיל און אַזוי פיל ווייץ, שטיוול, העמדלעך א. ד. ג. און בעת דעם פעריאָד איז אַלץ געוואָרן אויפגעגעסן, אייסגעט־ראָגן, אויסגענוצט. ס'איז קלאָר, אַז די פּראָדוקציע דאַרף אין דער צייט אָנהייבן איר נייעם באַוועגונגס־קרייז. זי דאַרף זיך כסדר איבערחזרן, איין קרייז דאַרף זיך פאַרפלעכטן און נאָכגיין דעם צווייטן. דער פּראָדוקציע־פּראָצעס, באַט־ראַכטנדיק אים פון שטאַנדפּונקט פון איבערחזרן זיך פון די דאָזיקע קרייזן (אָדער, ווי מ'זאָגט, פּראָדוקציע־ציקלען) הייסט **פּראָצעס פון רעפּראָדוקציע.** כדי דער רעפּראָ־דוקציע־פּראָצעס זאָל פאָרקומען, איז נויטיג, אַז ס'זאָלן פאָרקו־מען אַלע זיינע מאַטעריעלע באַדינגונגען, למשל: פאַר דער פּראָדוקציע פון ווייץ זענען היינט נויטיק וועב־שטולן, פאַר די וועב־שטולן איז נויטיק שטאָל, פאַר שטאָל איז נויטיק אייזן־ערץ און קוילן, פאַרן איבערפירן זיי זענען נויטיק אייזנבאַנען, ממילא, שיפעס, לאָקאָמאָטיוון א. אַ. וו., און אויך שאָסייען, שיפן א. ד. ג.; מ'דאַרף סקלאַדן, פאַבריק־געביידעס א. אַ. וו. מיט איין וואָרט: **ס'איז נויטיק אַ גאַנצע לאַנגע ריי פון מאַ־טעריעלע פּראָדוקטן פון פאַרשידנאַרטיקסטער אייגנשאַפט.**

ס'איז נישט שווער צו פאַרשטיין, אַז די דאָזיקע מאַטעריעלע פּראָדוקטן — טייל שנעל, טייל פּאַמעלעכער — ווערן פאַר־שוווּנדן בעת דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס: די שפּייז, וואָס די וועבער באַקומען, ווערט אויפגעגעסן; די וועב־שטולן ווערן אָפּגענוצט; די סקלאַדן ווערן אַלט און מ'דאַרף זיי רעמאָנ־טירן; די לאָקאָמאָטיוון הייבן אָן קאַליע צו ווערן; די שפּאַלן און די שינעס ווערן קאַליע. הייסט עס, אַז דער נויטווענדיקער תנאי פון רעפּראָדוקציע איז דער כסדרדיקער פאַרבייט (מיט דער הילף פון פּראָדוקציע) פון אָפּגעטראָגענע, אויסגענוצטע, פאַרשווּנדענע זאַכן אין זייער גאַנצער מאַטעריעלע פאַרשידנ־אַרטיקייט. אין יעדן מאָמענט נויטיקט זיך די מענטשלעכע געזעלשאַפט פאַרן פאָרזעצן דעם רעפּראָדוקציע פּראָצעס אין אַ

באַשטימטן סכּום שפּייז, געביידעס, פּראָדוקטן, וואָס מ׳באַקומט פון זיי אינדוסטרי, פּראָדוקטן, וואָס באארבעטן די אינדוסטריע, באַשטאנד-טיילן פון טראַנספּאָרט א. א. וו. די אַלע זאַכן דאַרפן פּראָדוציִרט ווערן, אויב די געזעלשאַפט וויל נישט נידריקער מאכן איר לעבנס־ניוואָ, צַגהייבנדיק פון ווייץ און קאָרן, קוילן און שטאל, און ענדיקנדיק מיט מיקראָסקאָפּן אָדער אויסאַרבעט פון קרייד פאר שולן, ביכער איינבונד, אָדער צייטונגס=פּאַפּיר. ווייל די אַלע זאַכן גייען אַריין אינם מאַטעריעל= פּאַרקער פון געזעלשאַפט, זײַנען מאַטערן יעלע באַשטאַנד-טײלן פון דעם אַלגעמיינעם רעפּראָדוקציע פּראָצעס.

און אַזוי אַרום באַטראַכטן מיר דעם „שטאָף-וועקסל” צווישן געזעלשאַפט און נאַטור ווי אַ מאַטעריעלן פּראָצעס. (ער איז אַ מאַטעריעלער פּראָצעס, ווייל ער האָט צו טון מיט מאַטעריעלע זאַכן. די ארבעטס=זאַך, די אַרבעטס־מיטלען און דער פּראָדוקט, וואָס באַקומט זיך אַלס רעזולטאַט, — דאָס זײַנען אַלץ מאַטעריעלע זאכן); פון דער צווייטער זייט, איז דער אַרבעטס=פּראָצעס גופא אַ פּאַרלוסט פון פיזיאָלאָגישער ענערגיע (נערוון, מוסקולן א. א. וו.), וועלכע אנטפּלעקט זיך מאַטעריעל אין די פיזישע באַוועגונגען פון די אַרבעטנדיקע מענטשן. „אויב מ׳באַטראַכט דעם גאַנצן פּראָצעס פון שטאַנדפּונקט פון זיין רעזולטאַט, פּראָדוקט, זענען סיי די אַרבעטס=כּלים, סיי די ארבעטס-זאַכן מיטלען פון פּראָדוקציע, און די אַרבעט גופא — אַ פּראָדוקטיווע ארבעט קאַפּיטל. 1 ז. 157).

דעם מאַטעריעלן כּאַראַקטער פון דער פּראָדוקטיווער אַרבעט אַנערקענען אין אַ שעמעוודיקער פאָרם אויך די בורזשואַזע פּראָפעסאָרן. ווען זיי קומט אויס זיך צו באַשעפטיקן „ספּעציעל”. אַזוי שרייבט, למשל, פּראָפ. הערקנער H. Herkner: Arbeit und Ar= beitsteilung אין Grundriss S. 170 אויב מ׳וויל דער- קלערן דעם וועזן פון אַרבעט, דאַרף מען אין אַכט נעמען צוויי רייען דערשיינונגען... ערשטנס, פיזישע Kör=

perliche אַרבעט אַנטפּלעקט זיך אין באַשטימטע אויסער־
לעכע באַוועגונגען. למשל, דעם שמיד'ס לינקע האַנט
נעמט אָן מיט די צוואַנגען אַן אָנגעגליט שטיק אייזן
און לייגט עס אויף די קאָוואַדלע. אין דער זעלבער צייט,
ווען די רעכטע האַנט פאָרמירט אויס די אַרבעטס-זאַך
מיט די קלעפּ פון האַמער... דאָ קען מען פעסטשטעלן
די צאָל, פאָרם און גרויס פון די אַרבעטס-רעזולטאַטן...
דאָ קען מען באַשרייבן דעם גאַנצן אַרבעטס־פּראָצעס.
דאָס רופט הערקנער אַן אַרבעט אין אָביעק־
טיוון זין". פון דער צווייטער זייט קען מען באַט־
ראַכטן דעם זעלבן פּראָצעס פון שטאַנדפּונקט פון די
געדאַנקען און געפילן, וואָס קומען פאָר ביי אַן אַרבעטנ־
דיקן. דאָס וועט זיין אַ באַטראַכטונג פון „אַרבעט אין
סוביעקטיוון זין." אַזוי ווי מיר זוכן די באַציונג צווישן
געזעלשאַפט און נאַטור, און אַזוי ווי די דאָזיקע באַ־
ציונג דריקט זיך גראָד אויס אין אָביעקטיווער
(מאַטעריעלער) אַרבעט, דעריבער קענען מיר דאָ איבער־
לאָזן אָן שום אַכט די „סוביעקטיווע" זייט פון דעם דאָ־
זיקן פּראָצעס. אַלזאָ, דאָ איז וויכטיק אויסצופאָרשן
די מאַטעריעלע פּראָדוקציע פון אַלע
נויטווענדיקע פאַר פּראָדוקציע=פּראָצעס מאַטעריעלע
עלעמענטן (באַשטאַנד=טיילן פון די זאַכן).

אָבער פון דעם, וואָס, למשל, די מכשירים צום אויס־
מעסטן זענען מאַטעריעלע זאַכן, און זייער פּראָדוקציע
געהערט צו דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע, וואָס איז
נויטיק פאַרן רעפּראָדוקציע־פּראָצעס. דרינגט כלל נישט
דאָס, אַזוי ווי ביי קויטסקס'ן („Neue Zeit", 15
Jahrg., I B., S. 223 און ביי קונאָוו'ן „Pro-
duktionsweise und Produktions verhältnisse nach
Marxscher Auffasung „Neue Zeit" Jahrg. 39,
I B., S., 408. אַז די מאַטעמאַטיק און די
מאַטעמאַטישע באַשעפטיקונגען גופא גע־

הערן צו דער פראָדוקציע אויף דעם סמך, וואָס זיי זענען נויטיק פאַר דער דאָזיקער פראָדוקציע. אָבער, אויב אַלע מענטשן וואָלט אומגעריכט שטום געוואָרן און אַנדערע פאַרקער־מיטלען, חוץ דער פאַרשוואונדענער שפּראַך וואָלטן זיך נישט באַלט באוויזן, איז קלאָר, אַז די פּראָדוקציע וואָלט זיך אויך אָפּגעשטעלט. אזוי אַרום איז אויך די „צונג" נויטיק פאַר דער פּראָדוקציע, פּונקט ווי זייער אַ סך און אַ סך זאַכן אין אַ באַליביקער געזעלשאַפט. אָבער ס'וואָלט געווען לעכערלעך צו פאַררעכענען די צונג צו דער פּראָדוקציע.

דאָ דאַרף אונז אויך אויף אַהאָר נישט אינטערעסירן אַן אַנדערע, כלומרשט „אנגעווייטיקטע" פראַגע, וואָס איז פריער: די הין צי דאָס איי, געזעלשאַפט צי פּראָדוקציע? די דאָזיקע פראַגע איז זינלאָז. די געזעלשאַפט איז אָנדענקבאַר אָן פּראָדוקציע, און פּראָדוקציע איז אנדענקבאַר אָן געזעלשאַפט. וויכטיק איז אָט וואָס: צי איז אמת אָדער נישט, אַז די ענדערונג פון סיסטעם איז אָפּהענגיק פון דער ענדערונג צווישן איר און דער אויסערלעכער סביבה? אויב יאָ, איז די צווייטע פראַגע אזאַ אין וואָס דאַרף מען זוכן די דאָזיקע ענדערונג, ווען ס'רעדט זיך וועגן געזעלשאַפט? דער ענטפער איז — אין דער מאַטעריעלער אַרבעט. ביי אזאַ אוועקשטעל פון דער פראַגע פאַלט אָפּ דער גרעסטער טייל פון די „טיפזיניקע" טענות קעגן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און עס ווערט קלאָר, אַז די „סיבות פון אַלע סיבות" אין דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג דאַרף מען זוכן טאַקי דאָ. וועגן דעם וועלן מיר דאָ באַלט רעדן.

דער „שטאָף־וועקסל" צווישן מענטש און נאַטור באַשטייט, ווי מיר האָבן געזען, אין דער איבערפלימפונג פון מאַטעריעלער ענערגיע פון דער אויסערלעכער נאַטור אין די געזעלשאַפט אריין; דער פאַרלוסט פון מענטשלעכער ענערגיע (פּראָ־

רוקציע) איז דער אַרויסבײַקום פון ענערגיע פון דער נאַטור, — ענערגיע, וועלכע דאַרף צוגעשטעלט ווערן דער געזעלשאַפט (דער אײַנטייל פון פּראָדוקטן צווישן די מיטגלי־דער פון דער געזעלשאַפט) און פאַרײַנגט ווערן דורך איר (אויסנוצן); די דאָזיקע פאַרייניגונג איז דער יסוד פון דעם ווײַטערדיקן פאַרלויסט א. א. וו. און אַזוי אַרום דרייט זיך דאָס ראָד פון רעפּראָדוקציע.

דער רעפּראָדוקציע־פּראָצעס, אינגאַנצן גענומען, שליסט אין זיך אײַן, אַזוי אַרום, פאַרשידענע צדדים, וועלכע בילדן צוזאַמען איין גאַנצעס, איין אינהאַלט. דער יסוד פון וועלכן איז אַלץ דערזעלבער פּראָדוקציע־פּראָצעס. ווײַל יעטוועדער אײַ־נער פאַרשטייט, אַז דירעקטער און נענטער פאַר אַלץ צו דער אויסערלעכער נאַטור קומט דער מענטש אין באַריר נאָר בעת דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס: „רײַבן" זיך אָן דער נאַטור טאַקי מיט דער זייט; דעריבער באַשטימט דער פּראָדוצירנדיקער צד אין דעם רעפּראָדוקציע־פּראָצעס אויך די צעטיילונגס־ און פאַרברויכס־חלקים.

דער פּראָצעס פון געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע איז די צופּאַסונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט צו דער אויסער־לעכער נאַטור. אָבער דאָס איז אַן אַקטיווער פּראָצעס. ווען אַ באַליביקע פאָרם פון בעלי־חיים פּאַסט זיך צו צו דער דאַן ליגט ער אונטער, אַלס מאַטעריאַל, לויטן עצם פון דער זאַך, דער פּסדרדיקער קעגנווירקונג פון דער סביבה. ווען די מענטשלעכער געזעלשאַפט פּאַסט זיך צו, דאַן פּאַסט זי זיך צו צו דער סביבה, צופּאַסנדיק די סביבה צו זיך. זי איז אונטערגעוואָרפן דער קעגנווירקונג פון דער נאַטור, ווי אַמאַטעריאַל. אָבער אין דער זעלבער צײַט פאַרוואַנדלט זי אַלײן די נאַטור אַלס מאַטעריאַל פאַר זיך. למשל, ווען בײַ טייל מינים אינזעקטן אָדער פייגל ווערט די באַפאַר־בונג ענלעך צום קאָליר פון דער סביבה, אין וועלכער זיי לעבן, קומט דאָס לגמרי נישט פאַר אַלס רעזולטאַט פון וואָסע־רע עס איז אָנשטרענגונגען מצד די געגעבענע אָרגאַניזמען,

און לגמרי נישט אַלס רעזולטאַט פון זייער קעגנווירקונג אויף דער אויסערלעכער נאַטור. דאָ באַקומט זיך אַזאַ רעזולטאַט, פאַרן פרייז פון אומקום פון אַן אומצייליקן סכום פון איינצעלנע יחידים, אין משך פון טויזנטער יאָרן, דורכן איינלעבן זיך פון די אַממערסטן צוגעפּאַסטע און זייער כסדרדיק קרייצן זיך.

גאָר אַנדערש איז מיט דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. זי ק ע מ פ ט מיט דער נאַטור. זי בראַנעוועט אדורך די ברוסט פון דער ערד, שניידט אדורך וועגן דורך נישט דורכגאַנגבאַרע וועלדער, צוימט די נאַטור־כּוחות, אויסנוצנדיק זיי פאַר אירע צילן, ע נ ד ע ר ט ד ע ם ע צ ם א ו י ס ז ע ן פ ו ן ד ע ר ע ר ד.

דאָס איז נישט נאָר א פּאַסיווע, נאָר אַן א ק ט י װ ע צופּאַסונג. אין דעם באַשטייט איינער פון די וועזנטלעכסטע אונטערשידן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט פון די איבעריקע פאָרמען פון די בעלי־חיים.

דאָס האָבן שוין אויסגעצייכנט געזען די פיזיאָקראַטן (פראַנצויזישע עקאָנאָמיסטן פון XVIII י״ה). אַזוי זאָגט, למשל, נ. באָדאָ: Nicolas Baudeau „Premiere introduction á la philosophie economique ou analise de etats polices“ 1767 „Collection des Ecomistes et des Reformateurs sociaux de la France“, publie par Dubois, Paris 1910 p)

2) אַלע לעבעדיקע אַרבעטן יעדן טאָג, כדי צו באַקומען פּראָדוקטן, וואָס ווערן פּראָדוצירט דורך דער נאַטור, ד. ה. שפּייז, וואָס די ערד גופא שטעלט זיי צו. טייל מינים... קלויבן און היטן אויף די דאָזיקע ברכות... איין מענטש, וואָס איז פאָרויס־באַשטימט געוואָרן צו דעם (דער געדאַנק איז דאָ אויסגעדריקט אין אַ טעלעאָלאָגישער פאָרם. נ׳ ב.), כדי אויסצולערנען זיך די סודות פון דער נאַטור און איר פרוכטבאַריקייט, (קען ער באַקומען) דורך זיין אַרבעט אַ סך מער ניצלעכע פּראָדוקטן, ווי ער געפינט אויף דער אויבערפלאַך פון דער ווילדער

און נישט באַאַרבעטער inculte ערד. די דאָזיקע טעטיקייט איז, אפשר, איינע פון די איידלסטע און אונטערשיידנדיקסטע שטריכן פונם מענטש אויף דער ערד".

...דער מענטש, — שרייבט דער געאָגראַף לי מעטשניקאָוו (1, ז. 45), — צעטיילנדיק מיט אַלע אָרגאַניזמען די ווערטפולע פעיקייט צוצופּאַסן זיך צו דער סביבה, הערשט איבער אַלע, אַ דאַנק נאָר אים אַליין געהעריקע און נאָכמער טייערע פעיקייט צוצופּאַסן די סביבה צו זיינע נויטן".

שטרענג גערעדט, איז ביי טייל מינים, ביי די אַזוי גערופענע געזעלשאַפטלעכע חיות (ביי די ביבערס, וואָס בויען דאַמבעס; ביי די מרוווקעס, וואָס שטעלן אויף גיגאַנטישע הייזלעך, נוצן אויס צמחים לייז און אַנדערע געוויקסן; ביי די בינען א. א. וו.) פאַראַן דער אָנהייב פון אַקטיווער (אַרבעטנדיקער) צוגעפּאסטקייט; פון דער צווייטער זייט זענען די ערשטע פאָרמען פון דער מענטשלעכער אַרבעט אויך געווען בעלי-חיים-אַרטיקע אינסטינקטיווע אַרבעטס-פאָרמע.

§ 32. פּראָדוצירנדיקע כוחות. פּראָדוצירנדיקע כוחות אַלס ווייזער פון דער מיט-שייכות צווישן נאַטור און געזעלשאַפט.

גלזאָ, דער פּראָצעס פון שטאָף-וועקסלן צווישן געזעלשאַפט און נאַטור איז אַ פּראָצעס פון געזעלשאַפטלעכער רעפּראָדוקציע. בעת דעם דאָזיקן פּראָצעס פאַרלירט די געזעלשאַפט איר אַרבעטנדיקע מענטשלעכע ענערגיע און באַקומט אַ באַשטימטן סכום פון פאַרייגנטער נאַטור-ענערגיע („מאַטעריאַלן פון נאַטור", ווי מאַרקס האָט זיך אויסגעדרוקט). ס'איז פולשטענדיק קלאָר, אַז פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער געזעלשאַפט האָט אַן אנטשיידענעם באַטייט יענער בילאַנס, וואָס באַקומט זיך דאַן. איבערשטייגט דער באַקום דעם פאַרלוסט? אויב יאָ, טאָ אויף וויפל? ס'איז קלאָר, אַז פון דער מדרגה

פון דעם דאָזיקן איבערשטייג וועלן זיין אָפּהענגיק זייער אַ סך זאַכן.

לאָמיר אָננעמען, אַז אַ באַליביקע געזעלשאַפט דאַרף פאַר־לירן איר גאַנצע אַרבעטס=צייט, כדי צו דעקן אירע נויטווענ־דיקסטע באַדערפענישן. ד. ה., אַז לויט דער מאָס פון באַנוצן די באַקומענע פּראָדוקטן, ווערן אויפסנײַ רעפּראָדוצירט אַזויפיל פּראָדוקטן, נישט מער. אין דעם פאַל האָט די געזעלשאַפט נישט קיין צייט, עס סטייעט איר נישט די צייט, כדי צו פּראָדוצירן אַן הוספה'דיקן סכום פּראָדוקטן, פאַרברייטערן אירע באַדערפענישן, פּראָדוצירן וואָסערע־עס=איז נייע פּראָדוקטן: זי קומט קוים־קוים אויס, לעבט פון איין טאָג אויפן צווייטן — וויפיל ס'איז פּראָדוצירט געוואָרן, אַזויפיל איז אויפגעגעסן גע=וואָרן; מ'עסט אויף אַזוי פיל, כדי צו האָבן די מעגליכקייט צו אַרבעטן; די גאַנצע צייט גייט אַוועק מיט אויסאַרבעטן דעם זעלבן סכום פּראָדוקטן. די געזעלשאַפט טאָפּטשעט זיך אויף איין און דער זעלבער בידנער עקזיסטענץ=שטופע. דאָ איז אוממעגלעך אַ וווקס פון באַדערפענישן: „לויט דער־סחורה נייט מען דעם מלבוש"; אָבער דער מלבוש טויג צו גאָרנישט און מען קען אים נישט פאַרבייטן.

איצטער לאָמיר אָננעמען, אַז צוליב באַליביקע סיבות באַקומט זיך דער זעלביקער סכום פון די נויטווענדיקסטע פּראָ־דוקטן, נישט פאַרלירנדיק די גאַנצע אַרבעטס=צייט, נאָר אַ העלפט דערפון (צ. ב., אַן אורזאַלטע האָרדע האָט זיך איבערגעצויגן אין אַן אָרט, וווּ ס'איז פאַראַן צוויי מאָל מערער געווילד און כל=ערלײַ חיות, אָדער די ערד איז טאָפּ״ט פּרוכטבאַרער; אָדער ס'האָבן זיך געענדערט די אופנים פון ערד־באַאַרבעטונג, אָדער ס'זענען אויפגעקומען נייע מכשירים א. א. וו.).

דאַן הערט ביי דער געזעלשאַפט פ ר יי די גאַנצע העלפט פון דער פריערדיקער אַרבעטס־צייט. די דאָזיקע צייט קען זי אויסנוצן אויף פאַרשידענע פּראָדוקציע צווייגן: אויסאַרבעטן נייע כלים, באַקומען נייע רוי־מאַטעריאַלן א. א. וו. און נאָכדעם אויף פאַרשידענע מינים פון ג יי ס ט י ק ע ר אַ ר ב ע ט־

דאָ איז מעגלעך דער וווּקס פון נייע באַדערפעניש. דאָ איז
צום ערשטן מאָל פאַראַן אַ מעגלעכקייט פאַר דער געבורט און
אַנטוויקלונג פון דער אַזוי גערופענער גייסטיקער „קולטור".
קוים איז די באַפרייטע צייט באַנוצט געוואָרן אויף דעם, כּדי
כאָטש טיילווייז פאַרפולקאָמען די פריערדיקע אַרבעטס=פאָרמען,
דאַן וועט מיט דער צוקונפט אוועקגיין נישט קיין העלפט
פון דער גאַנצער אַרבעטס־צייט אויף צו באַפרידיקן די פריער־
דיקע באַדערפעניש, נאָר עפּעס ווייניקער (אין אַרבעטס=
פּראָצעס לאָזן זיך מערקן נייע פאַרפולקאָמונגען), אין דעם
צווייטן קרייז (ציקל) פון דער פּראָדוקציע — נאָך ווייניקער
א. א. וו., און די באַפרייטע צייט וועט וואָס אַמאָל מער אוועק=
גיין אויף דער אויסאַרבעט פון נייע כּלים, אינסטרומענטן, מאַ=
שינען — פון איין זייט, אויף נייע פּראָדוקציע-צווייגן, וואָס
באַפרידיקן די נייע באַדערפעניש — פון דער צווייטער זייט,
און אויף דער „גייסטיקער קולטור", קודם כּל אויף די ערטער
אירע, וואָס זענען אַזוי צי אַזוי פאַרבונדן מיט דעם פּראָדוקציע
פּראָצעס — פון דער דריטער זייט.
לאָמיר איצט אָננעמען, אַז דער סכום פון נויטווענדיקע
באַדערפעניש, אויף וועלכע ס'איז פריער אַוועקגעגאַנגען די
גאַנצע אַרבעטס־צייט, פאָדערט פאַר איר דעקונג נישט צוויי
ווייניקער, נאָר אַ צוויי מאָל גרעסערן סכום צייט (צ. ב., דער
באָדן איז דערשעפּט געוואָרן); דאַן איז קלאָר, אַז אויב ס'איז
נישטאָ קיין איבערגאַנג צו אַנדערע אַרבעטס-אופנים, אָדער
ס'איז נישטאָ וווּהין זיך איבערצוציען, דאַרף די געזעלשאַפט
גיין צוריק, איין טייל פון איר מוז אומפאַרמיידלעך אויסשטאַרבן
ביי אַזעלכע באַדינגונגען. לאָמיר ווייטער אָננעמען, אַז שוין
אַ הויך-אַנטוויקלטע געזעלשאַפט, מיט אַ רייכע „גייסטיקער
קולטור", מיט פאַרשידנאַרטיקע באַדערפעניש, מיט אַן אומענד-
לעכן סכום פון פאַרשידענע פּראָדוקציע-צווייגן, מיט בליענדיקע
„וויסנשאַפטן און קונסטן", באַגעגנט שוועריקייטן ביים דעקן
אירע באַדערפעניש: זאָגן מיר, זי איז נישט בכוח, אונטער
דעם איינפלוס פון באַליביקע סיבות, צו באַהערשן דעם ביי איר

פאַראַרענעם טעכנישן אַפּאַראַט (למשל, ס׳קומט פאָר אַן אומאויפהערלעכע קלאַסן־מלחמה, בעת וועלכער קיין שום קלאַס קען נישט באַהערשן דעם צווייטן, און דער פּראָדוקציע־פּראָצעס מיט דער הויכער טעכניק שטאַרבט אָפּ); דאַן קומט פאָר אַ צוריקקער צו די אַלטע אַרבעטס־פאָרמען, דאַן דאַרף מען פאַרן דעקן די פריערדיקע באַדערפענישן פאַרשווענדן אַ ריזיקן סכום צייט, וועגן וועלכער ס׳קען גאָר קיין רייד נישט זיין; די פּראָדוקציע ווערט קלענער, זי גייט צוריק צו די אַלטע פאָרמען; די באַדערפענישן ווערן קלענער; דער לעבנס־שטייגער פאַלט אַראָפּ; דאָס בלימל פון די „וויסנשאַפטן און קונסטן״ ווערט פאַרוועלקט; דאָס גייסטיקע לעבן ווערט אָפּגעשוואַכט; די געזעלשאַפט, אויב דער דאָזיקער אַראָפּפאַל איז נישט אַרויסגערופן געוואָרן דורך פאָריבערגייענדיקע סיבות, ווערט „פאַרבאַרבאַרישט“, גייט ריקווערטס.

וואָס איז אַממערקווירדיקסטן אין די אַלע נעברענגטע פאַלן? דאָס, וואָס די אַנטוויקלונג פון געזעלשאַפט ווערט באַשטימט דורכ׳ן דערפאָלג, אָדער, אַנדערש געזאָגט, דורך דער פּראָדוקטיווקייט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אונטערן באַגריף אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט מיינט מען די באַציונגען צווישן דעם סכום פון דעם באַקומענעם פּראָדוקט. אין דעם סכום פון דער אויסגענוצטער אַרבעט; אָדער, מיט אַנדערע ווערטער, די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקייט איז דער סכום פון פּראָדוקט אויף אַ באַליביקער צאָל פון אַרבעטס־צייט, למשל, דעד סכום פון פּראָדוקט, וואָס ווערט אויסגעאַרבעט אין אַ טאָג, אָדער אין אַ שעה, אָדער אין אַ יאָר. אויב דער סכום פון פּראָדוקט, וואָס באַקומט זיך נאָך אַ שעה אַרבעט, ווערט אויף צוויי מאָל גרעסער, זאָגט מען, אַז די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקייט איז אויף צוויי מאָל גרעסער געוואָרן; אויב זי פאַרקלענערט זיך אויף צוויי מאָל, זאָגט מען, אַז די פּראָדוקטיווקייט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט איז אויף צוויי מאָל מינער געוואָרן.

ס'איז לײכט צו פֿאַרשטײן אַז די פּראָדוקטיװקײט פֿון געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט דרוקט פֿול־קאָם געטרײַ אױס דעם גאַנצן „בילאַנס" צװישן געזעלשאַפֿט און נאַטור". די פּראָדוקטיװקײט פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט איז טאַקי דער װײַזער פֿון דער דאָזיקער קעגנזײַטיקער באַציִונג צװישן סבֿיבֿה און סיסטעם, װעלכער (דער װײַזער) באַשטימט די לאַגע פֿון דער סיסטעם און דער סבֿיבֿה און װעמענס ענדערונג װײַזן אָן אױף אומפֿאַרמײַדלעכע ענדערונגען אינעם גאַנצן אינערלעכן לעבן פֿון דער געזעלשאַפֿט.

באַטראַכטנדיק די פּראָבלעם װעגן דער פּראָדוקטיװקײט פֿון געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט, דאַרף מען פֿאַררעכענען אױפֿן חשבון פֿון פֿאַרלוסט אױך דעם דאָזיקן היזק פֿון דער מענטש־לעכער אַרבעט, װעלכער איז אַרײַנגעגאַנגען אױפֿן צוגרײטן אַנטשפּרעכנדיקע אַרבעטס־כּלים. אױב, למשל, אַ באַליביקער פּראָדוקט װערט אױסגעאַרבעט מיט די הענט, כּמעט אָן כּלים און שפּעטער האָט מען אים אָנגעהױבן אױסצואַרבעטן, באַנוצנ־דיק זיך מיט זײער־קאָמפּליצירטע מאַשינען, און אױב בײַם באַנוצן זיך מיט די מאַשינען האָט מען אין דער זעלבער צײַט אָנגעהױבן אױסצואַרבעטן צװײ מאָל מער פּראָדוקטן, הײסט דאָס נאָך נישט, אַז די אַרבעטס־פּראָדוקטיװקײט האָט זיך פֿאַרגרע־סערט פֿאַר דער גאַנצער געזעלשאַפֿט:

מיר האָבן דאָ נישט אַרײַנגערעכנט דעם פֿאַרלוסט פֿון מענטשלעכער אַרבעט, װאָס באַקומט זיך בײַ דער אױסאַרבעט פֿון די מאַשינען (ריכטיקער, דער טײל פֿון דער דאָזיקער אַרבעט, װאָס גײט איבער אױפֿן פּראָדוקט בײַם אָפּנוצט װערן פֿון די דאָזיקע מאַשינען). אַזױ אַרום װעט די פֿאַרגרעסערונג פֿון דער אַרבעטס־פּראָדוקטיװקײט דאָ זיך אױסװײַזן װײניקער װי צװײ מאָל.

אױב מ'װיל זיך טשע־ מ'קען.

פּען, פּראָטעסטירן קעגן דעם בלױזן באַגריף „פּראָדוקטיװ־קײט פֿון געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט", װען ער װערט אָנ־

געווענדעט צו דע־ גאנצער געזעלשאפט, ווי דאָס טוט
למשל, פ. פ. מאסלאוו (זע: זיין „קאפיטאל"). און
נעמלעך, מ'קען זאָגן, אַז דעם באַגריף „פּראָדוקטיווקייט
פון אַרבעט" קען מען נאָר באַנוצן ביים אָנווענדן צו
איינצעלנע פּראָדוקציע צווייגן: היי-יאָר האָט מען
אין אַזויפיל און אַזויפיל אַרבעטס-שעהן אויסגעאַרבעט
אַזויפיל און אַזויפיל פּאָר שטיוול; איבער אַ יאָר — אין
משך פון דעם זעלבן סכום צייט — צוויי מאָל מער.
אָבער ווי אַזוי זאָל מען פאַרגלייכן און צונויפלייגן די
אַרבעטס-פּראָדוקטיווקייט אינם געביט פון חזרים-פּראָדוק־
ציע און אינם געביט פון פּאָמעראַנצן פּראָדוקציע? צי
וועט דאָס נישט זיין ענלעך צום פאַרגלייך פון מוזיק,
וועקסל-קורס און צוקער-בוראַקעס, פון וועלכן מאַרקס האָט
אַזוי חוזק געמאַכט? אויף דעם קען מען אָבער אַרויס-
שטעלן צוויי קעגן-טענות: ערשטנס, אַלע נוצלעכע און
פאַרייגנטע דורך דער געזעלשאַפט פּראָדוקטן, זענען
אויסמעסטבאַר, ווי נוצלעכע ענערגיעס; דריקן מיר דאָך
אויס קאָרן, ווייץ, בוראַקעס, קאַרטאָפל אין קאַלאָרן;
אויב מיר זענען נאָך נישט היינט דערגאַנגען, אַז מ'זאָל
אין דער פּראַקטיק אויך אויסדריקן אַנדערע זאַכן, באַ־
ווייזט דאָס נאָך גאָרנישט; אונז איז וויכטיק צו וויסן, אַז
דאָס קען מען טון. צווייטנס, מיר קענען דורך אומדי-
רעקטע און קאָמפּליצירטע מיטלען פאַרגלייכן קופּעס
(קאָמפּלעקסן) פון פאַרשידנאַרטיקע זאַכן. ווי אַזוי מ'זאָל
דאָס מאַכן, איז דאָ אוממעגלעך אויסצורעכענען. מיר וועלן
נאָר ברענגען די געווינלעכסטע פאַלן. אויב, למשל, אין
איין יאָר איז פאַר אַ באַשטימטן סכום אַרבעטס-
שעהן פּראָדוצירט געוואָרן 1000 פּאָר שטיוול, 2000 פּעק-
לעך פּאַפּיראָסן, 20 מאַשינען און אין אַנדערן יאָר, אין
משך פון דער זעלבער צייט — 1000 פּאָר שטיוול, 1999
פּעקלעך פּאַפּיראָסן, 2 מאַשינען, 100 טריקאָט-זשאַקעטן,
דאַן קענען מיר אָן טעות זאָגן, אַז די אַרבעטס-פּראָדוק-

טיווקייט האָט זיך אלס גאנצעס פאַרגרעסערט. מ׳קען אַרויסשטעלן נאָך א טענה, וואָס ווייזט אָן, אַז ס׳ווערן פראָדוצירט נישט נאָר פאַרברויך=פראָדוקטן, נאָר אויך די פראָדוציר=מיטלען. פראַקטיש גערעדט איז דאָ פאַראַן, אין אמתן, אַ זייער גרויסע שוועריקייט. אָבער דאָ קענען מיר טאַקי ווידער דורך גענוג קאָמפּליצירטע מיטלען באַריקזיכטיקן דעם דאָזיקן אומשטאַנד.

אַלזאָ, די באַציונג צווישן נאַטור און געזעלשאַפט ווערט אויסגעדרוקט דורך דער באַציונג צווישן דעם סכום פון דער אויסגעאַרבעטער נוצלעכער ענערגיע, פון איין זייט, און דעם פאַרלוסט פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט — פון דער צווייטער זייט, ד. ה. דורך דער פראָדוקטיווקייט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אָבער דער פ א ר ל ו ס ט פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, ווי מיר האָבן עס אויבן געזען, באַשטייט פון צוויי טיילן. פון דער אַרבעט, וואָס אנטהאלט אין זיך די פראָדוציר-מיטלען, און פון דער אַרבעט פון „לעבעדיקן“, ד. ה. פון דעם פאַרלוסט פון לעבעדיקער אַרבעטס=קראַפט. אויב מ׳וועט באַטראַכטן די גרויס פון פראָדוקטיווער אַרבעט פון שטאַנדפּונקט פון אירע מאַטעריעלע ב אַ ש ט אַ נ ד = ט יי ל ן, דאַן באַקומען מיר דריי „גרויסן“: ערשטנס, די מאַסע (סכום) פון געשאַפענע פראָדוקטן; צווייטנס, די מאַסע פון פראָדוציר=מיטלען; דריטנס, די מאַסע פון ארבעטער-כּוחות, ד. ה. לעבעדיקע ארבעטער. אַלע „גרויסן“ זענען אָפּהענגיק איינע פון דער צווייטער. אין אמתן, ס׳איז קלאָר און באַשיינפּערלעך, אַז אויב מיר ווייסן, וואָסערע זענען די פראָדוציר=מיטלען און די ארבעטער, ווייסן מיר אויך, וויפל זיי פראָדוצירן אין משך פון אַ באַשטימטער צייט. די דאָזיקע צוויי „גרויסן“ באַשטימען די דריטע — דעם געשאַפענעם פראָ=דוקט. די דאָזיקע צוויי „גרויסן“, צוזאַמען גענומען, בילדן דאָס, וואָס מיר רופן אָן מ אַ ט ע ר י ע ל ע פ ר אָ ד ו צ י ר ג ע ד י ק ע כּ ו ח ו ת פון דער ג ע ז ע ל ש אַ פ ט. אויב מיר ווייסן וועגן א באַליביקער געזעלשאַפט, וואָס פאַרא פראָדוציר-מיטלען זי באַזיצט, וויפל זיי זענען פאַראַן, וואָסערע אַרבעטער זי באַ=

זיצט, און ווּיפיל, ווייס מען שוין פון דעם אַליין, ווי ס'זעט אויס די פּראָדוקטיווקייט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אין וואָסער מדרגה די געזעלשאַפט באַהערשט די נאַטור, און וואָס פאַר אַ מאָס די נאַטור וואַרפט זיך אונטער דער געזעלשאַפט א. א. וו. מיט אַנדערע ווערטער: די פּראָדוציר-מיטלען און די אַרבעטס=קרעפטן זענען אַ גענויער מאַטעריעלער ווייזער פון דער מדרגה פון דער געזעלשאַפטלעכער אנטוויקלונג.

מיר קענען, פונדעסטוועגן, אַריינבליקן אין דעם נאָך אביסל טיפער. מיר קענען זאָגן, אַז די פּראָדוציר־מיטלען באַ= שטימען די אַרבעטס=כוחות. אויב, זאָגן מיר, אין דער סיסטעם פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט איז אַריינגעקומען א זאָך= מאַשין, דאַן באַווייזן זיך אויך אַנטשפּרעכנדיקע אויסגעשולטע אַרבעטער. די עלעמענטן, וואָס זענען טעטיק אין דעם אַרבעטס= פּראָצעס, זענען אויך נישט אַ קופּע זאַכן און מענטשן, נאָר אַ סיסטעם, ווו יעטוועדע זאַך און יעטוועדער מענטש איז אַוועקגעשטעלט, אַזוי צו זאָגן, אויף זיין אָרט: איינס איז צוגעפּאַסט צום צווייטן. פאָלגלעך, אויב מיר ווייסן די פּראָדו- ציר=מיטלען, פאַרשטייט זיך פון דעם, אַז ס'זענען פאַראַן די אַנטשפּרעכנדיקע אַרבעטער. ווייטער, צווישן די פּראָדוציר־מיט= לען גופא קען מען אונטערשיידן צוויי גרויסע גרופּן: רוי־ מאַטעריאַל און אַרבעטס=כלים. ס'איז לייכט צו באַמערקן, אַז טאַקי די אַרבעטס-כלים זענען דער אַקטיווער טייל. מיט זיי באַאַרבעט דער מענטש דאָס רוי=מאַטעריאַל. נאָר אויב מ'זאָגט אונז, אַז אין אַ געזעלשאַפט געפינען זיך אַזעלכע און אַזעלכע כלים, איז שוין מיט דעם, פאַרשטייט זיך, געזאָגט, אַז דאָ איז פאַראַן אַנטשפּרעכנדיקער רוי-שטאָף. (מיר אַנאַליזירן פאַלן פון נאָרמאַלן גאַנג פון פּראָדוקציע). אַזוי אַרום קענען מיר פולקאָם ריכטיק זאָגן פאָלגנדיקעס: דער גענויער

מאַטעריעלער ווייזער פון די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן גע- זעלשאַפט און נאַטור איז די סיסטעם פון געזעלשאַפטלעכע

אַרבעטס=כלים, ד.ה. די טעכניק פון דער געזעלשאַפט. אין דער דאָזיקער טעכניק געפונען זייער אויסדרוק די מאַטעריעלע פּראָ=דוציר=מיטלען פון דער געזעלשאַפט און די פּראָדוקטיווקייט, פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. די זעלבע וויכטיקייט, ווי ס'האָט דער געבוי פון די רעשטלעך פון די ביינער פאַר דער אויספאָרשונג פונם געבוי פון די פאַרשווונדענע לעבעדיקע מינים, האָבן די רעשטלעך פון די אַרבעטס=מיטלען פאַר דער אויספאָרשונג פון די פאַרשווונדענע געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישע פאָרמאַציעס (ד. ה. געזעלשאַפטן פון פאַרשידענע טיפּן — נ. ב.).

די עקאָנאָמישע עפּאָכן שיידן זיך אונטער נישט מיט דעם וואָס עס ווערט פּראָדוצירט, נאָר מיט דעם, ווי אַזוי ס'ווערט פּראָדוצירט, „מיט וואָסערע אַרבעטס=מיטלען" (ק. מאַרקס, „קאַפּיטאַל", 1 באַנד, זייט 156, פּאָפּולערע אויסגאַבע).

מ'קען צוגיין צו דער לייזונג פון דער דאָזיקער פראַגע אויך דורך אַן אַנדערן אופן. מיר ווייסן, אַז די בעלי=חיים „פּאַסן זיך צו" צו דער נאַטור. אין וואָס דריקט זיך אויס קודם כל די דאָזיקע צופּאַסונג? אין דער ענדערונג פון פאַר־שידענע אָרגאַנען פון די דאָזיקע בעלי=חיים: פיס, קינ־באַקן, פליספעדערן א. א. וו.

דאָס איז — אַ פּאַסיווע, ביאָלאָגישע צופּאַסונג. די מענטשלעכע געזעלשאַפט אָבער פּאַסט זיך צו אַקטיוו, נישט ביאָלאָגיש, נאָר טעכניש. „די אַרבעטס=מיטלען זענען א זאַך אָדער אַ קאָמפּלעקס (סכום) פון זאַכן, וואָס דער אַר־בעטנדיקער שטעלט צווישן זיך און דער אַרבעטס=זאַך, און וועלכע דינען אים אַלס פירער פון זיינע מיטווירקונגען אויף דער דאָ־זיקער זאַך... אַלזאָ, די זאַך, וואָס איז געגעבן געוואָרן דורך דער נאַטור גופא, ווערט אַן אָרגאַן פון זיין טעטיקייט, — אַן אָרגאַן, וועלכן ער פאַרייניקט צו די אָר־גאַנען פון זיין קערפּער, פאַרלענגערנדיק, אַזוי

אַרום, טראָגט דער ביבל, די נאַטירלעכע גרויס פון דעם לעצטן" (קאַפּיטאַל 1, ז. 1553). אזוי אַרום שאַפט פאַר זיך די מענטשלעכע געזעלשאַפט אין איר טעכניק אַ קינסטלעכע סיסטעם פון אָרגאַנען, וועלכע דריקן מיט זיך אויס אַ דירעקטע, גלייכע און אַקטיווע צופּאַסונג פון דער געזעלשאַפט צו נאַטור (אַגב באַמערקן מיר, אַז מיט דעם ווערט שוין איבעריק די קערפּערלעכע דירעקטע צופּאַסונג פון מענטש צו דער נאַטור: אַפילו אין פאַרגלייך מיט אַ גארילא — איז דער מענטש אַ שוואַך באַשעפעניש; אין קאַמף מיט דער נאַטור שטעלט ער אַרויס נישט זיינע קינבאַקן, נאָר די מאַשין-סיסטעם). באַטראַכטנדיק די פראַגע פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט, קומען מיר צום זעלבן אויספיר: דער גענויער מאַטעריעלער ווייזער פון דער באַציונג צווישן געזעלשאַפט און נאַטור איז די טעכנישע סיסטעם פון דער געזעלשאַפט.

אייף אַן אנדער אָרט פון זיין „קאַפּיטאַל" זאָגט מאַרקס: דאַרווין האָט דערוועקט דעם אינטערעס צו דער געשיכטע פון דער נאַטירלעכער טעכנאָלאָגיע, ד. ה. צו דער געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון די אָרגאַנען פון די צמחים און חיות, וואָס שפּילן אַ ראָל פון פּראָדוציר-כלים כדי אונטערצוהאַלטן זייער עקזיסטענץ. צי פאַרדינט נישט אַזאַ אויפמערקזאַמקייט די געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר אָרגאַנען פון דעם געזעלשאַפטלעכן מענטש, די דאָזיקע מאַטעריעלע באַזן פון יעדער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע?... די טעכנאָלאָגיע אַנטפּלעקט די אַקטיווע באַציונג פון מענטש צו נאַטור, יענעם דירעקטן פּראָדוציר-פּראָצעס, מיט וועלכן ער האַלט אונטער זיין קיום, און צוזאַמען מיט דעם אויך דעם אופן פון פאָרמירן זיך פון זיינע געזעלשאַפטלעכע באַציונגען און די פון זיי אַרויסדרינגנדיקע גייסטיקע פאַרשטעלונגען"... דאָס באַנוצן און שאַפן פון די אַרבעטס-מיטלען, הגם זיי זענען אויך ענלעך און זייער אורשפּרינגלעכער פאָרם, צו טייל מינים פון די בעלי-

חיים, זענען אַ ספּעציפישער (ספּעציעלער נ. ב.) כאַראַק=
טעריסטישער שטריך פון דעם מענטשלעכן אַרבעטס-פּראָ=
צעס, און דעריבער באַצייכנט פ ר א נ ק ל י ן דעם מענטש
אַלס „a tool making animal„ אַ חיה, וואָס מאַכט
כלים. (קאַפּיטאַל, 1, 156). ס'איז אינטערעסאַנט,
אַז די אורשפּרינגלעכע כלים זענען אין אמתן געווען גע-
שאַפן „לויטן געשטאַלט און פאָרם" פון די אָרגאַנען פון
מענטשלעכן קערפּער. „ביים באַנוצן זיך מיט די אונ-
טער דער האַנט פאַראַנענע זאַכן שטעלן די אורשפּרינג-
לעכע כלים Werkzeuge מיט זיך פאָר, ווי אַ פאַרלענגערונג,
אַ פאַרשטאַרקונג און אַ מער שאַרפערער אויסדרוק
Ernst פון די קערפּערלעכע אָרגאַנען" Verschärfend
Kapp: „Grundlinien einer Philosophie der
פונקט Technik" Braunshcweig 1877, S. 42
ווי די טעמפּע זייט (אין די כלים) זעט אויס ווי א
פויסט, אַזוי איז די שאַרפע זייט פון די כלים — די
נעגל פון די פינגער און די ציין־שניידער. אַ האמער
מיט אַ שארפער זייט פאַרוואַנדלט זיך אין אַ האַק און
אַ שטאַם-אייזן; אַן אויפגעהויבענער ווייז־פינגער מיט זיין
שאַרפן נאָגל ווערט פאַרוואַנדלט, אין זיין טעכנישער אָפּ=
שפּיגלונג, אין אַ בויערער, אַ גלייכע שורה ציין — אין
אַ פייל און זעג, בעת די אָננעמענדיקע האַנט (די דלאַ-
ניע) און ביידע קינבאַקן — אין קלעשטשעס און צוואַנ-
גען. דער האַמער, האַק, מעסער, דאָלאָטע, בוימער, זעג,
קלעשטשעס זענען די אורשפּרינגלעכע כלים"... (דאָרטן,
ז. 44—43). דער פאַרקרומטער פינגער ווערט אַ האַק,
די האַנט, וואָס איז צונויפגעלייגט אין אַ פויסט, ווערט
אַ בעכער, אַ גלעזל (die Hohle Hand); אין דער
שווערד, פּיקע, רודער, רידעל, גראַביע, גאָפּלען האָבן
מיר טיילן, טענדענצן פון דער האַנט, האַנט-ביינדל, די
פינגער... אַ. א. וו. (דאָרטן, ז. 45). ווי אַזוי ס'גייט
פון פּשוטע כלים צו מער קאָמפּליצירטע, איז לייכט צו

זען פון די פרימיטיווע כלים: „דער שטעקן אנטוויקלט זיך אויף פאַרשידענערליי אופנים (mehrfältig) ווייטער׳ כדי ער זאָל שווער אראָפּפאַלן אויפן שונא, אין אַ שטעקן, וואָס זאָל גראָבן די ערד באַרבעטנדיק זי, כדי צו דערהרגענען דאָס געווילד, ווארפנדיק דעם שטעקן, — אין אַ פּיקעא. א. וו. (Gottl Ottlilienfeld Wirtschaft und Technik אין Grundriss der Sosialoekonomik IIAbt, S. 228) דער צוזאַמענהאַנג צווישן ט ע כ נ י ק און דער אַזוי גערופענער „רייכקייט פון דער קולטור״ וואַרפט זיך אין די אויגן. מ׳דאַרף נאָר, למשל, פאַרגלייכן דאָס הײנטצייטיקע כינע און יאַפּאַן. אין כינע, אַ דאַנק אַ גאַנצער ריי באַדינגונגען — אַנטוויקלט זיך זייער פּאַמעלעך די פּראָדוקטיוויקייט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און געזעלשאַפטלעכער טעכניק, און כינע שטעלט מיט זיך דערווייל פאָר אַ כמעט סטאַגנירטע קולטור. אַ רעוואָליוציאָניזירנדיקע ווירקונג איבן דאָ אויס די שפּראָצונגען פון דער נייער קאַפּיטאַליסטישער טעכניק.

אָבער אין יאַפּאַן איז אין די לעצטע צענטליקע יאָרן געמאַכט געוואָרן אַזאַ קאָלאָסאַלער שריט פאָרווערטס אויף דעם געביט פון טעכניק, אַז אַנטשפּרעכנד צו דעם האָט זיך שנעל אָנגעהויבן צו רוקן פאָרווערטס די יאַפּאַנישע קולטור: ס׳איז גענוג צו דערמאָנען די יאַפּאַנישע וויסנשאַפט.

אין דער ערשטער העלפט פון מיטלאַלטער, וואָס איז אין אַלגעמיינעם=קולטורעלן הינזיכט געשטאַנען אַ סך נידריקער פון דער אַזוי גערופענער „אַנטיקער וועלט״, — האָט די טעכניק געמאַכט אַ ריזיקן שריט ריקווערטס אין פאַרגלייך מיטן אַלטערטום. און אַ סך אָנווענדונגען און דערפינדונגען פון דער אַנטיקער וועלט זענען פולשטענדיק פאַרגעסן געוואָרן... און אויסנאַם זענען נאָר געווען די מיליטערישע טעכניק און די מיט איר פאַר=

בונדעבע מעטאַלורגיע פון אייזן. (וו. ק. אַגאַפאָנאָוו: „די היינטצייטיקע טעכניק“, „די סך־הכלן פון דער וויסנשאַפט“, ב. ז. 16). ס׳איז פולקאָם קלאָר, אַז אויף אַזאַ טעכנישן יסוד איז נישט געווען דענקבאַר אַ „גייסטיק רייכטום“: די געזעלשאַפט האָט געהאַט צו ווייניק לעבנס־זאַפט, אַז עס זאָל קענען לעבן מיט אַזאַ „רייך לעבן“. דער שנעלער וווקס פון אייראָפע פאַלט אויס נישט מיט קיין אַנדערער זאַך, ווי מיט דעם וווקס פון דער קאַפּיטאַליסטישער מאַשין־טעכניק (אין משך פון 1750 און 1850, איז פאָרגעקומען אַן איבערקער אין דער טעכניק: דאַמף־מאַשין, דאַמף־טראַנספּאָרט, קוילן, מעכאַניזירונג פון אייזן־אַרבעט, א. א. וו.) און נאָכדעם גייט די אָנווענדונג פון עלעקטריע, טורבינען־טעכניק, דיזעלס מעטאָדן, אויטאָ, לופט־פליערײ. דער טעכנישער יסוד פון דער געזעלשאַפט און אירע פּראָדוציר־כוחות הייבן זיך אויף אויף אַן נישט־געוועזענער הויך. ס׳איז נישט קיין ווּנדער, וואָס ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז די געזעלשאַפט געווען בכוח צו אַנטוויקלען אַן אויסערסט קאָמפּליצירט און פאַרשידנאַרטיק „גייסטיק לעבן“. ווארום, אויב מיר זאָלן אַפילו נעמען דעם אויפבלי פון די אַלטע קולטורן מיט זייער פאַרהעלטניסמעסיק קאָמפּליציר. גייסטיק לעבן, זעט מען באַלד די גאַנצע אָפּגעשטאַנענקייט אַפילו פון דער דאָזיקער טעכניק אין פאַרגלייך מיט דער קאַפּיטאַליסטישער טעכניק פון דעם נייעם אייראָפּא און אַמעריקע. די הויפּט־אָנווענדונג פון מער־ווייניק קאָמפּליצירטע כלים האָט זיך באַשרענקט מיט בוי־אַרבעט, וואַסער־פאַרזאָרגונג און בערג־אַרבעט. אַפילו די גרעסטע פּראָדוקציע האָט זיך געשטיצט נישט אויף דער פאַרפולקאָמונג פון די כלים, נאָר אויף דער אָנווענדונג פון אַ קאָלאָסאַלער צאָל פון לעבעדיקע כוחות. העראָדאָט דערציילט ווי 108 מויזנט מענטשן האָבן אין משך פון דריי חדשים געשלעפט שטיינער פאַר כע־

אָפּס'עס פּיראַמידע (2800 י. פ. ק.) און ווי מ'האָט פריער געדאַרפט צען יאָר גראָבן ערד, כדי צו פאַרלייגן אַ וועג פון דעם אָרט, ווי ס'האָבן זיך געפונען די שטיינער, ביז צום נילוס (אַגאַפאָנאָוו, ז׳ 5) אויף וויפל די טעכניק איז פאַרהעלטניסמעסיק געווען אָרעם, זעט מען פון דעם, ווי אַן אינזשינער פון אַלטן רוים, וויטרובי, האָט באַשריבן אַ „מאַשין״: „אַ מאַשין איז אַ הילצערנע צופּאַסונג, וואָס גיט די גרעסטע דינסטן ביים אויפהייבן משאות״. די דאָזיקע הילצערנע מאַשינען האָבן, הויפּטזעכלעך, געדינט צו „אויפהייבן משאות״, און דאַן האָבן זיי אָבער געפאָדערט אַ באַדייטנדן סכום פון מענטשלעכער קראַפט אָדער פון בעלי־חיים.

§ 33 גלייכגעוויכט צווישן נאַטור און געזעלשאַפט, איר שטערונג און צוריקשטעל.

אויב מיר וועלן איצט באַטראַכטן דעם גאַנצן פּראָצעס אַלס גאַנצעס, וועלן מיר זען, אַז דער פּראָדוקציע־פּראָצעס איז אַ פּראָצעס פון שטענדיקער צערשטערונג און צוריקשטעל צווישן געזעלשאַפט און נאַטור.

מאַרקס שיידט אונטער אַ פּשוטע רעפּראָדוקציע און אַ פאַרברייטערטע.

ווען האָבן מיר אַ פּשוטע רעפּראָדוקציע?

ווי מיר ווייסן, ווערן אין דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס פאַרלוירן די פּראָדוקציע מיטלען (ס'ווערט איבערגעאַרבעט דאָס רוי־מאַטעריאַל, מ'דאַרף האָבן כלערליי הילפס־מאַטעריאַלן, ווי מאַשין־אייל, שמאַטעס א. א. וו.; די מאַשינען גופא ווערן אָפּגענוצט, דאָס זעלבע — די געביידעס, ווו מ'אַרבעט אויס די פאַרשידענע אינסטרומענטן און זייערע טיילן); פון דער צווייטער זייט, ווערט פאַרשווענדט די אַרבעטס־קראַפט (ווען מענטשן אַרבעטן, ווערן זיי אויך דערשעפּט, זייער אַרבעטס־קראַפט ווערט אָפּגענוצט, און ס'זענען נויטיק באַשטימטע בייעזפּאַסן, כדי ס'זאָל צוריק אויפגעשטעלט ווערן די דאָזיקע אַרבעטס־קראַפט).

כדי ס'זאָל ווייטער גיין דער פראָדוקציע־פראָצעס, איז נויטיק, אַז אין אים אַליין און דורך אים זאָל אויסגעאַרבעט ווערן דאָס, וואָס ס'ווערט אין אים פאַרשווינדן. צ. ב. אין דער טעקסטיל־פראָדוקציע באַנוצט מען, אַלס בוי־מאַטעריאַל, ביינוול, ס'ווערן אָפּגענוצט די וועב־שטולן. כדי די פראָדוקציע זאָל ווייטער גיין, איז נויטיק, אַז אין דער זעלבער צייט זאָל אויסגעאַרבעט ווערן אי ביינוול, אי וועב־שטולן. אין איין אָרט ווערט פאַרשוווּנדן ביינוול און ער ווערט פאַרוואַנדלט אין וועב. אין אַ צווייטן אָרט ווערט פאַרשוווּנדן דער וועב (ביי די אַרבעטער ווערט ער אָפּגענוצט א. א. וו.) און ס'באַווייזט זיך ביינוול. אין איין אָרט ווערן פאַרשוווּנדן די וועב־שטולן, און אין אַנדערן באַווייזן זיי זיך. מיט אַנדערע ווערטער, די נויטווענדיקע פראָדוקציע עלעמענטן, וואָס ווערן אויסגענוצט אין איין אָרט, דאַרפן פראָדוצירט ווערן אין אַן אַנדער; ס'דאַרף פאָרקומען אַ שטענדיקע פאַרטרעטונג פון אַלץ, וואָס איז נויטיק פאַר דער פראָדוקציע. אויב די דאָזיקע פאַרטרעטונג קומט פאָר אין דער זעלבער מדרגה, ווי דאָס פאַרשוווּנדן, דאַן איז עס אַ פשוטע רעפּראָדוקציע. דער דאָזיקער פאַל אַנטשפּרעכט דאָס, וואָס די פראָדוקטיוויטעט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט בלייבט די זעלבע, די פראָדוציר כוחות רירן זיך נישט נישט פאָרווערטס, נישט ריקווערטס, דאָס, ס'איז נישט שווער צו פאַרשטיין, וועט זיין אַ פאַל פון אַ פאַרגליווערטער גלייכגעוויכט צווישן געזעלשאַפט און נאַטור.

דאָ קומט שטענדיק פאָר אַ צערשטערונג פון גלייכגעוויכט (די געשאַפענע פראָדוקטן פאַרשווינדן) און ס'קומט כסדר פאָר איר צוריקשטעל (זיי באַווייזן זיך אויפסניי); אָבער דער דאָזיקער צוריקשטעל קומט פאָר אויף דעם זעלבן יסוד: וויפל ס'איז אויסגענוצט געוואָרן, אַזוי פיל איז פראָדוצירט געוואָרן; מ'האָט אויפסניי אַזוי פיל אויסגענוצט און ווידער איז פראָדוצירט געוואָרן פונקט אַזוי פיל. די רעפּראָדוקציע טאַנצט נאָך אַלץ דעם זעלבן טאַנץ.

דאָס צווייטע קומט פאָר ביי דעם וווּקס פון די פראָדוציר־כוחות; דען, ווי מיר האָבן געזען אויבן, ווערט אַ טייל פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט באַפרייט און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פאַרברייטערונג פון דער געזעלשאַפטלעכער פראָדוקציע (אַנדערע, נייע צווייגן; די פאַרברייטערונג פון אַלטע). דאָס הייסט, אַז נישט נאָר זענען פאַרטרעטן געוואָרן יענע פראָדוציר עלעמענטן, וואָס זענען שוין פריער געווען, נאָר אין דעם נייעם קרייז פון דער פראָדוקציע וואַרפן זיך אַריין נאָך נייע עלעמענטן. די פראָדוקציע חזרט דאָ נישט איבער דעם זעלבן וועג, נאָר מאַכט דעם זעלבן קרייז, און נעמט אַרום ברייטער.

אָט דאָס איז די פאַרברייטערונג פון דער רעפּראָדוקציע. ס'איז לייכט צו זען, אַז דאָ ווערט די גלייכגעוויכט צוריקגעשטעלט אויף אַן אַנדערן אופן, מ'האָט אויסגענוצט אַזוי פיל און אַזוי פיל, מ'האָט פּראָדוצירט מער: מ'האָט אויסגענוצט מער, מ'האָט פּראָדוצירט נאָך מער. די גלייכגעוויכט ווערט יעדעס מאָל פעסטגעשטעלט אויף אַ נייעם, ברייטערן יסוד. אָט דאָס איז טאַקי באַוועגלעכע גלייכגעוויכט מיט אַ פּאָזיטיוון סימן.

ענדלעך, אַ דריטע פאַל בעת דער ירידה פון די פּראָדוציר כחות. אין דעם דאָזיקן פאַל גייט דער רעפּראָדוקציע פּראָצעס ריקווערטס: ס'ווערט רעפּראָדוצירט וואָס אַלץ ווייניקער און ווייניקער.

מ'האָט אויסגענוצט אַזויפיל — מ'האָט אויפסניי פּראָדוצירט ווייניקער; מ'האָט אויסגענוצט ווייניק, מ'האָט פּראָדוצירט נאָך ווייניקער, אַ. אַ. וו. אויך דאָ חזרט נישט די רעפּראָדוקציע איבער דעם זעלבן קרייז. אָבער יעדעס מאָל נעמט זי אַרום שוין נישט מער אַ ברייטן קרייז, נאָר, פאַרקערט, נעמט אַרום אַן אַלץ מער שמעלערן און שמעלערן. דער לעבנס־יסוד פון דער געזעלשאַפט ווערט אַלע מאָל ענגער. די גלייכגעוויכט צווישן געזעלשאַפט און נאַטור ווערט צוריקגעשטעלט אויף אַ נייעם יסוד, אָבער דער דאָזיקער יסוד ווערט וואָס אַ מאָל קלענער.

צוזאַמען מיט דעם פאַקט זיך די געזעלשאַפט גופא צו צו דעם וואָס אַמאָל שמעלערן לעבנס-יסוד, נאָר מיט דער הילף פון אַ טיילווייזער צעשטערונג אירער. דאָס איז אַ באַוועגלעכע גלייכגעוויכט מיט אַ נעגאַטיוון סימן. די רעפּראָדוקציע קען מען אין דעם געגעבענעם פאַל אָנרופן נעגאַטיווע פאַרברייטערטע רעפּראָדוקציע, אָדער אַ פאַרברייטערטע נישט דער-פּראָדוצירונג.

מיר האָבן, אַזוי צו זאָגן, באַטראַכט די פראַגע פון פאַרשידענע זייטן. און אומעטום און שטענדיק האָט זיך אויסגעוויזן דאָס זעלבע. דער ענין פאָלגלעך, ווערט צוגעפירט צום כאַראַקטער פון גלייכגעוויכט צווישן געזעלשאַפט און נאַטור. און אַזוי ווי די פּראָדוצירנדיקע כוחות דינען אַלס גענויע אָפּשפיגלונג פון דער גלייכגעוויכט, דעריבער קענען מיר לויט דעם אורטיילן אויך וועגן דעם דאָזיקן כאַראַקטער. צוזאַמען מיט דעם איז קלאָר, אַז דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגן וועגן דער טעכניק פון דער געזעלשאַפט.

§ 34. די פּראָדוצירנדיקע כוחות אַלס אַן אויסגאַנגס-פּונקט פון דעם סאָציאָלאָגישן אַנאַליז. פון דעם אויבן געזאָגט פאָלגט אומפאַרמיידלעך דער דאָזיקער וויסנשאַפטלעכער כלל: ביים באַטראַכטן די געזעלשאַפט, די באַדינגונגען פון איר אַנטוויקלונג, אירע פאָרמען, איר אינהאַלט א. א. וו.

דאַרף מען דאָס דאָזיקע באַטראַכטן אָנהייבן פונם אַנאַליז פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות, אָדער פון דעם טעכנישן יסוד פון דער געזעלשאַפט.

אין אמתן, לאָמיר אַנאַליזירן אַ טייל טענות, וואָס ווערן אַרויסגעשטעלט, — אָדער קענען אַרויסגעשטעלט ווערן — קעגן דער דאָזיקער אַנשויונג.

קודם כל — טייל טענות, וואָס קומען אַרויס פון דער סביבה פון געלערנטע, וואָס אַנערקענען בכלל און אינגאַנצן די מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג. אַזוי זאָגט, צ. ב. ג. קונאָוו: („Neue Zeit", 39 Jahrg. II 13, S. 53 ff), אַז די טעכניק

איז „אין דער העכסטער מאָס געבונדן מיט די נאַטור-באַדינגונגען. די פֿאַראַנענקייט פֿון באַשטימטע רוי-מאַטעריאַלן (Das Vorkommen bestimter Rohmaterialien) אַנטשיידט, למשל, די באַשטימטע פֿאָרמען פֿון דער טעכניק, צי קענען זיי בכלל זיך בילדן און אין וואָס פֿאַראַ ריכטונג זיי וועלן זיך אַנטוויקלען.

ווו ס'איז, למשל, נישט פֿאַראַן קיין באַשטימטע מינים פֿון שטיינער, אָדער ביימער, אָדער אַרץ, אָדער פֿעדים, אָדער מושלען. — דאָרטן, פֿאַרשטייט זיך, קענען נישט די איינגעבוירענע פֿון די דאָזיקע געביטן זעלבסשטענדיק זיך אויסלערנען איבערצואַרבעטן די דאָזיקע נאַטור-מאַטעריאַלן און מאַכן פֿון זיי כלים און געווער". אין אָנהייב פֿון דעם דאָזיקן קאַפּיטל האָבן מיר געבראַכט ציטאַטן וועגן דער ווירקונג פֿון די נאַטור-באַדינגונגען. פֿאַרוואָס-זשע זאָל מען נישט אָנהייבן פֿון זיי? פֿאַרוואָס זאָל זיך דער מעטאָדאָלאָגישער אויסגאַנגס-פּונקט נישט געפֿינען טאַקי אין דער נאַטור? זי, די נאַטור, ווירקט פֿאַרהעלטניסמעסיק, בלי ספק, אויף דער טעכניק אין דעם זינען, ווי עס זאָגט קונאָוו. פֿון דער צווייטער זייט, איז פֿאַר יעדן קלאָר, אַז די נאַטור האָט עקזיסטירט פֿריער פֿאַר דער געזעלשאַפֿט. צי זינדיקן מיר נישט קעגן „אמתן" מאַטעריאַליזם, ווען מיר נעמען אַלס יסוד פֿון אַנאַליז דעם מאַטעריעלן טעכנישן אַפּאַראַט פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט?

מ'דאַרף זיך אָבער אויפֿמערקזאַם צוקוקן צו דער פּראָבלעם, כדי צו זען אויף וויפֿיל ס'זענען נישט ריכטיק אַזעלכע ראיות, ווי קונאָוו'ס. אין די קוילן-שאַכטן וועט מען, געוויס, נישט אויסגראָבן קוילן פֿון דער ערד. אָבער, ליידער, מיט אַ פֿינגער וועט מען זיי אויך נישט אַרויסקראַצן. און באַזונדערס איז שווערלעך זיי צו באַקומען, אויב די מענטשן ווייסן אַפֿילו נישט וועגן זייערע נוצלעכע אייגנשאַפֿטן. „רוי-מאַטעריאַלן" „געפֿינען" זיך לגמרי נישט, ווי קונאָוו זאָגט, אין דער נאַטור. לויט מ אַ ר ק ס'ן זענען „רוי-מאַטעריאַלן" — פּראָדוקטן פֿון אַ ר ב ע ט, און זיי קענען זיך אַזוי ווייניק „געפֿינען" אין

דער שייך פון דער נאַטור, פונקט ווי ראַפאַעל'ס אַ בילד, אָדער ה. קונאָוו'ס אַ וועסטל. קונאָוו פלאַנטערט דאָ „רויע מאַטעריאַלן" מיט אַ מעגלעכער „זאַך פון אַרבעט 1)") קונאָוו פאַרגעסט אינגאַנצן, אַז כדי ביימער, ערד, פעדעם א. א. וו. זאָלן קענען שפּילן אַ ראָל פון רוי-מאַטעריאַלן, דאַרף זיין אַן אַנטשפּרעכנדיקע טעכניק. קוילן ווערן אַ רוי-מאַטעריאַל ערשט דאַן, ווען די טעכניק אַנטוויקלט זיך אויף אַזוי-פיל, אַז ערי בשניידנדיק זיך אין די שויס פון דער ערד, שלעפּט זי אַרויס דאָס רוי-מאַטעריאַל פון דער פינצטערער מלוכה אויף דער ליכטיקער וועלט. די ווירקונג פון דער נאַטור אין זין פון צושטעלן מאַטעריאַלן א. א. איז אַליין אַ פּראָדוקט פון דער אַנטוויקלונג פון דער טעכניק. ווייל, כל זמן די טעכניק האָט נישט באַהערשט די קוילן, קענען די קוילן אויף אַ האָר נישט „ווירקן". כל זמן די טעכניק האָט זיך נישט גענומען מיט איר אָסקאַרדע צו דעם אייזן-ערץ, האָט דער אייזן-ערץ זיך געקאָנט שלאָפן ווי אַ טויטער, און די ווירקונג אויף דעם מענטש איז געווען גלייך זעראָ.

די מענטשלעכע געזעלשאַפט אַרבעט אין דער נאַטור און איבער דער נאַטור, ווי אַ זאַך פון אַרבעט. דאָס ליגט נישט אונטער קיין שום ספק. אָבער די עלעמענטן, וואָס זענען פאַראַן אין דער נאַטור, זענען דאָ מער-ווייניק פאַראַן באַשטענדיק. דעריבער קענען זיי נישט דערקלערן די ענדערונגען. ס'ענדערט זיך אָבער די געזעלשאַפטלעכע טעכניק, וועלכע, פאַרשטייט זיך, פּאַסט זיך צו צו דעם, וואָס ס'איז דאָ אין דער נאַטור (צו אַ ליידיקייט קען נישט מעגלעך זיין אַ צופּאַסונג. און פון אַ לאָך

1) „...אויב די זאַך גופא פון דער אַרבעט איז שוין געווען, אַזוי צו זאָגן, אַדורכגעפילטערט דורך אַ פריערגעוועזענער אַרבעט, רופן מיר דאָס אַן רוי-מאַטעריאַל. יעדער רוי-מאַטעריאַל איז אַ זאַך פון אַרבעט, אָבער נישט יעדע זאַך פון אַרבעט איז אַ רוי-מאַטעריאַל („קאַפּיטאַל", 1, 155).

קען מען נישט מאַכן אַ הארמאט). קוים איז דער פ ע ר ע נ־
ד ע ר ו נ ג סלום די טעכניק, רופט טאקי אָטאָ די דאָזיקע
באַוועגונג פון דער טעכניק אַרויס די ענדערונג פון באַציונג
צווישן געזעלשאפט און נאַטור, איז קלאָר, אַז דאָ דארף ליגן
דער אויסגאנגס=פונקט פון דעם אַנאַליז פון געזעלשאַפטלעכער ענדערונג

ל. מ ע ט ש נ י ק אָ ו דריקט דאָס אַזוי אויס, הגם
אין אַ נאַרישער פאָרם: „כ'בין ווייט פון איינצושטי־
מען צו דער טעאָריע פון געאָגראַפישן פאטאַליזם, די
טעאָריע, וועלכע מען ווארפט אָפּט פאָר, אַז זי פרעדיקט
דעם פרינציפּ פון אַן אַלבאַשטימנדיקער ווירקונג פון דער
סביבה (ד. ה. נאַטור. נ. ב.) אין דער געשיכטע. לויט
מיין מיינונג... דאַרף מען די ענדערונגען זוכן נישט אין
דער סביבה גופא, נאָר אין די מיטבאַציונגען, וואָס אַנט=
שטייען צווישן דער סביבה און די נאַטור=אייגנשאַפטן
פון אירע באַווינער צו דעם אנטייל אין קאָאָפעראַציע
און סאָלידאַרישער געזעלשאפטלעכער אַרבעט (מיין קורסיוו
נ. ב.) אזוי אַרום קאָן און דאַרף זיך טוישן די היסטאָ=
רישע ווערט פון דער אָדער יענער געאָגראפישער סביבה
— אָננעמענדיק אַפילו, אז אין פיזישער הינזיכט איז, זי
ביי אַלע אומשטענדן אומבאַוועגלעך — לויט דער מדרגה
פון די פעאיקייטן פון די באַווינער צו אַ פרייוויליקער
סאָלידארער אַ ר ב ע ט· op. cit 27-8 אָבער דאָס שטערט
נישט. איבריקנס, דעם זעלבן מעטשניקאָוו'ן „איבערשאַצן"
די „געאַגראפיע". זע פ ל ע כ אַ נ אָ ו'ס רעצענזיע אין
(זאַמלבוך „קריטיק פון אונזערע קריטיקער".) דער פ אַ ס י־
ו ע ר כאַראַקטער פון דער נאַטור=ווירקונג ווערט איצט
אַנערקענט דורך כמעט יעדן געאָגראַף, הגם דער דאָזי־
קער מין פון די בורזשואַזע געלערנטע ווייסט, פאַרשטייט
זיך, גאָרנישט וועגן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, צ. ב.
מ אַ ק פ ע ר ל ע ן (John Macfarlane : „Economie
geography“ London, Isaak Pitman and sons)

2) די טעותים, וואָס ה' קונאָוו מאַכט, שטערן אים נישט אַרויס־
צושטעלן ריכטיקע טענות קעגן גאָרטערן. מ. באַכט,ן אַ. א. וועלכע פלאָנ־
טערן דעם אופן פון פראדוקציע מיט דער טעכניק. וועגן דעם וועט דאָ
באַלט גערעדט ווערן.

שרייבט וועגן „די נאטור־באדינגונגען פון דער עקאָנאָמישער טעטיקייט" (קאפיטל 1): „די דאָזיקע פיזישע פאקטאָרן באשטימען נישט אין אבסאָליוטן זיין (פולקאָם absolutely) דעם כאראקטער פון דעם ווירטשאפטלעכן לעבן, נאָר האָט אויף אים א ווירקונג, וועלכע, בלי ספק, איז מער באמערקבאר אין די פריערדיקע סטאדיעס פון דער מענטשלעכער געשיכטע, נאָר וועלכע איז פונדעסטוועגן רעאל אין די פאָרגעשריטענע ציוויליזאציעס, ווען דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט צוצופאסן זיך צו זיין סביבה (enviroment) און באקומען פון איר א פארגרעסערטן סכום טובות (an increased benefit„ ס'איז באקאנט, וואָס פ׳ רא ראָל ס'שפּילן קוילן און אויף וויפל ס'איז פון זיי אָפּהענגיק די גאנצע אינדוסטריע. אָבער, צוזאמען מיט דער ענדערונג פון דער טעכניק און דערווערבן און איבערארבעטן פון טאָרף, קען דער באטייט פון קוילן שטארק פארקלענערט ווערן, און דאָס וועט מיט זיך ברענגען א פולע איבערגרופּירונג פון די אינדוסטריעלע צענטערס. צוזאמען מיט דער עלעקטריפיקאציע באקומט א באזונדערן באטייט אלומיניום, וואָס האָט פריער געשפּילט זייער א קליינע ראָל. וואסער האָט אמאָל, ווי א קראפט־קוואל, געהאט א גרויסן באטייט (דער פּרינציפּ פון די מיל־רעדער), שפּעטער פארלוירן, און איצט דערווערבט זי צוריק (טורבינען „,ווייסע קוילן") די שטרעקע באציונגען אין דער נאטור בלייבן די זעלבע, און די פארקער־מיטלען פארקירצן זיי פארן מענטש; מיט דער אנטוויקלונג פון לופט־פליערייי וועט זיך דאָס בילד נאָך מער פארענדערן.

די דאָזיקע ווירקונג פון טראנספּאָרט (א סכום׳ וואָס איז אין העכסטן גראד פארענדערלעך, אָפּהענגיק פון דער טעכניק) האָט אן אנטשיידענעם באטייט אפילו פאר דער געאגראפישער לאגע פון דער אינדוסטריע (בנוגע דעם ענין זעען אין דער העכסטער מאָס אינטע-

רעסאַנט די באַטראַכטונגען אין א. וועבערס טעאָריע
וועגן „דער אָרט-לאַגע פון דער אינדוסטריי״; זע:
A. Weber: „Industriele Standortslehre" אין
„Grundriss" S. 58-59. און אין דעם 6=טן קאַפּיטל,
ווי אויך דאָס בוך: „Ueber den Standort der
Industrien" 1 Teil. „Reine Theorie des Standortes'
אַלס פּאַטעטישער אויסדרוק פון וווקס פון דער מענטשלע-
כער מאכט איבער דער נאַטור, פון זיין אַקטיווער
מאַכט, קען דינען געטע׳ס „פּראָמעטיי״

פאַרדעק, זעוועס, דיין הימל
מיט די וואָלקן,
און שפּיל דיך ווי אַ יינגל,
וואָס פּליקט אַראָפּ די קעפּלעך
ביי די דערנער,
מאַך אַ תל פון אייזן און בערג שפּיצן,
מיין ערד בלייבט פעסט מיט מיר
און דאָס הײַזל,
וואָס איך האָב געשאַפן, נישט דו,
און מיין פײַער,
וועמעס גליענדיקער פלאַם
דערוועקט אין דיר קנאה.

אַזוי אַרום איז קלאָר, אַז די אונטערשידן פון די
נאַטור=באַדינגונגען קענען דערקלערן דעם אונטער-
שיד אין דער אַנטוויקלונג פון פאַרשידענע
פעלקער, אָבער זיי קענען נישט דערקלערן די אַנטוויק-
לונג פון איין און דערזעלבער געזעלשאַפט. די נאַטור-
אונטערשידן ווערן דעריבער, ביים פאַרגלייכן די פעלקער
אין איין געזעלשאַפט, די באַזע פאַר אַ געזעלשאַפט-
לעכער אַרבעטס-איינטיילונג. „נישט די אַבסאָלוטע פרוכט-
באַרקייט פון דעם באָדן, נאָר איר דיפערענצירונג, די
פאַרשידנאַרטיקייט פון אירע נאַטירלעכע פּראָדוקטן זענען
דער נאַטירלעכער יסוד פון דער געזעלשאַפטלעכער אַר=

בעטס־איינטיילונג, און צווינגען דעם מענטש, מיטן כוח פון דער פאַרשידנאַרטיקייט פון די אים אַרומרינגלדיקע נאַטירלעכע באַדינגונגען, צו מאַכן פאַרשידנאַרטיק זיינע אייגענע באַדערפעניש, פעיקייטן, מיטלען און אופנים פון דער פּראָדוקציע" קאַפּיטאַל[1])

אַ צווייטע גרופּע טענות קעגן דער אויבן דערקלערטער אויפפאַסונג פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג זענען די טענות, וואָס ווייזן אָן אויף דעם אַנטשיידענעם און גרונטלעכן באַטייט **פון וווּקס פון דער באַפעלקערונג.** די שטרעבונג צום פאַרמערן זיך ליגט דאָך נישט אויסראָטבאַר אין דער מענטשלעכער נאַטור. זי איז אונז געגעבן געוואָרן נאָך פאַר דער מענטשלעכער געשיכטע. דאָס איז — אַ נאַטירלעכער, חיה'שער, ביאָלאָגישער פּראָצעס, וואָס איז געווען נאָך פאַר דער געזעלשאַפטלעכער ווירטשאַפט. צי ליגט נישט אין יסוד פון דער גאַנצער אַנטוויקלונג טאַקי דער דאָזיקער פּראָצעס? צי באַשטימט נישט די וואַקסנדיקע געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג דעם גאַנג פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג?

דאָך איז נישט שווער צו זען, אַז די רעגלמעסיקייט איז דאָ די רעגלמעסיקייט פון אַ פאַרקערטער אָרדענונג, און נעמלעך: **פון דער מדרגה פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות, אָדער, וואָס ס'איז דאָס זעלבע, פון דער מדרגה פון דער טעכנישער אַנטוויקלונג איז אָפּהענגיק אפילו די בלויזע מעגלעכקייט פון אַ צאָליקן וווּקס פון דער באַפעלקערונג.** די פאַרגרעסערונג פון דער צאָל מענטשן (אַ מער־ווייניק דויערנדיקע פאַרגרעסערונג) איז דאָך נישט מער ווי אַ פאַרברייטערונג און וווּקס פון דער געזעלשאַפטלעכער סיסטעם. און דער דאָזיקער וווּקס איז מעגלעך ערשט דאַן, ווען עס ענדערט זיך אין אַ גינסטיקער זייט די באַציונגען צווישן געזעלשאַפט און נאַטור.

א גרויסע צאָל מענטשן קען נישט לעבן אָן אַ פאַרברייטערונג פון לעבנס־יסוד פון דער געזעלשאַפט. פאַרקערט, די פאַרשמעלערונג פון דעם דאָזיקן לעבנס־יסוד דאַרף אומפאַרמיידלעך זיך אָפּשלאָגן אויף דער פאַרקלענערונג פון דער צאָל מענטשן. ס'איז אן אַנדערע פראַגע, אויף וואָס פאַר אופנים דאָס וועט פאָרקומען: צי דורך דער פאַרקלענערונג פון געבורטן, צי דורך דער קינסטלעכער רעגולירונג פון די געבורטן צי דורך אויסשטאַרבן, צי דורך דער פאַרגרעסערונג פון פּראָצענט פון שטערבלעכקייט צוליב קראַנקהייטן, צי דורך דעם פּריצייטיקן אָפּנוצן זיך פון די אָרגאַניזמען און דער פאַרקירצונג פון דער דורכשניטלעכער דויער פון לעבן — אַלץ איינס די דאָזיקע יסודותדיקע באַציונג צווישן דעם לעבנס־יסוד פון דער געזעלשאַפט און דעם סכום פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט טרעט זיך אויס אַ וועג אויף פאַרשידענע אופנים.

חוץ דעם איז פולשטענדיק נישט ריכטיק פאָרצושטעלן זיך דעם וווקס פון באַפעלקערונג ווי אַ ריין ביאָלאָגישער „נאַטירלעכער" פאַרמערונג־פּראָצעס. דער דאָזיקער פּראָצעס איז אָפּהענגיק פון די מעגלעכסטע סאָציאַלע, געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען: פון דער איינטיילונג אויף קלאַסן, פון דער לאַגע פון די דאָזיקע קלאַסן, און, פאָלגלעך, פון דער פאָרם פון געזעלשאַפטלעכער ווירטשאַפט. אָבער די פאָרם פון דער געזעלשאַפט, איר געבוי, ווי מיר וועלן עס ווייטער ווייזן, איז אָפּהענגיק פונ'ם אַנטוויקלונגס־ניוואָ פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות. דאָ, ווי יעדער איינער זעט, איז דער צוזאַמענהאַנג צווישן דער אַנטוויקלונג פון דער טעכניק און דער באַוועגונג פון באַפעלקערונג, ד. ה. די פאַרענדערונג פון איר כמות, כלל נישט קיין געוויינלעכער. באַר נאַיווע מענטשן קענען זיך טראַכטן, אַז היינטיקע צייטן איז דער ענין פון פאַרמערונג ביי מענטשן אַזוי פּראָסט און פּרימיטיוו ווי ביי די חיות. למשל, כדי עס זאָל זיך פאַרגרעסערן די באַפעלקערונג פון דער געזעלשאַפט, איז שטענדיק נויטיק, אַז ס'זאָלן זיך אויך פאַרגרעסערן די פּראָדוצירנדיקע כוחות. אין קעגנטייל, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, וועט דער יתרון פון

דער באַפעלקערונג נישט האָבן וואָס צו עסן. פון דער צוויי=
טער זייט אָבער, רופט דער וווקס פון מאַטעריעלן יוילשטאַנד
נישט שטענדיק אַרויס און נישט פאַר אַלע קלאַסן אַ פאַר־
שטאַרקטע פאַרמערונג: אין דער צייט, ווען די פּראָלעטאַרי=
שע משפחה קען קינסטלעך פאַרקלענערן די צאָל קינדער צו־
ליב די שווערע אַרבעטס-באַדינגונגען פונם לעבן, זאָגט זיך די
גרויס=וועלטישע דאַמע אָפּ פון מוטערשאַפט, כדי זיך נישט
קאַליע מאַכן די טאַליע, און דער פראַנצויזישער פויער וויל
נישט האָבן מער ווי צוויי קינדער, כדי ער זאָל נישט דאַרפן צעב־
רעקלען די ירושה. אַזוי אַרום, אָפּהענגנדיק פון אַ ריי געזעל=
זעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, אָפּהענגיק פון דער פאָרם פון גע-
זעלשאַפט און דער לאַגע פון אירע באַזונדערע גרופן און קלאַסן,
ווייזט זיך אויך אויס די באַוועגונג פון באַפעלקערונג.

אַלס פועל=יוצא קענען מיר אין באַצוג צו באַפעלקערונג
זאָגן, ווי ס'פאָלגט: ס,איז בלי ספק, אַז די פאַרגרעסערונג פון באַ=
פעלקערונג פאָדערט די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע
כוחות פון דער געזעלשאַפט, דאָס איז, ערשטנס; צווייטנס,
יעדע עפּאָכע, יעדע געזעלשאַפטלעכע פאָרם, די פאַרשידנאַרטי־
קע לאַגע פון די קלאַסן רופן אַרויס באַזונדערע געזעצן פון
דער באַפעלקערונג. „דאָס אַבסטראַקטע (אַלגעמיינע, אומאָפּ=
הענגיק פון דער געגעבענער פאָרם. נ. ב.) געזעץ פון פאַרמע-
רונג עקזיסטירט נאָר פאַר געוויקסן און חיות, כל זמן אין דעם
געביט מישט זיך נישט אַריין דער מענטש אַלס היסטאָרישער
פאַקטאָר"; „...יעדער באַזונדערער היסטאָרישער אופן פון פּראָ=
דוקציע האָט זיינע אייגענע, וואָס האָבן אַ היסטאָרישן באַטייט,
פאַרמערונגס=געזעצן", (ק. מ אַ ר ק ס „קאַפּיטאַל", 1. 679).
און דער היסטאָרישער אופן פון פּראָ-
דוקציע ד. ה. די פאָרם פון דער געזעלשאַפט ווערט באַש-
טימט דורך דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות,

ד. ה. דורך דער *אַנטוויקלונג פון דער טעכניק*. אַזוי אַרום ווייזט זיך אויס, אַז די נישט גלײַכמעסיקײט פון דער פאַרמערונג פון דער באַפעלקערונג איז אַן אַנטשיידענער סכום, און די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות און די גלײַכמעסיקײט פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג (אָדער ירידה) באַשטימט מיט זיך די באַוועגונג פון באַפעלקערונג.

די בורזשואַזיע האָט זיך נישט איינמאָל באַמיט צו שטעלן אויפן אָרט פון די געזעלשאַפטלעכע געזעצן, „געזעצן" פון אַזאַ אָרדענונג, וועלכע זאָלן דערווייזן די אומפאַרמײַדלעכקייט פון דער אָנגעצייכנטער דורך גאָט אָרעמקייט פון די מאַסן און די אומאָפּהענגיקייט פון אַזאַ צושטאַנד פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. אויף דעם באַזירט זיך די געאָגראַפישע איבערשעצונג פון דער וויסנשאַפט וועגן סביבה א. א., ווען מ'שלעפּט אַרויס נאַטור־דערשײַנונגען, כדי צו דערקלערן היסטאָרישע געשעענישן. (אַזוי, למשל, האָט *ערנסט מילארד* „דערוויזן" די אָפּהענגיקייט פון דעם גאַנג פון דער געשיכטע פון דעם ערדמאַגנעטיזם, *דזשעוואָן* האָט „דערקלערט" די אינדוסטריעלע קריזיסן מיט פלעקן אויף דער זון א.אַ.וו.). צו די זעלבע פּרוּוון געהערט די באַרימטע טעאָריע פון ענגלישן פּאַסטאָר און עקאָנאָמיסט *ראָבערט מאַלטוס*, וועלכער איז געקומען צום אויספיר, אַז די נויט פון אַרבעטער־קלאַס שטאַמט פון דער זינדיקער שטרעבונג פון מענטשן צו פאַרמערן זיך. זײַן „אַבסטראַקט געזעץ פון פאַרמערונג" איז באַשטאַנען אין דער באַהויפּטונג, אַז די באַפעלקערונג וואַקסט שנעלער ווי די עקזיסטענץ־מיטלען, עקזיסטענץ־מיטלען — אין אַריטמעטישער פּראָגרעסיע, ד"ה. ווי 1:2:3:4:5 א. א. וו., דאַן ווען די באַפעלקערונג וואַקסט אין אַ געאָמעטרישער, ד. ה. 1:2:4:8:16 א. אַ. וו.). אין דער נײַעסטער וויסנשאַפט הייבן זיך שטאַרק אָן צו ענדערן די אַנשויונגען פון די בורזשואַזע געלערנטע, און

מאלטוסעס טעאָריע האָט פאַרלוירן איר ווערט. דאָס קומט פאָר דערפאַר, ווייל אין אַ טייל לענדער (פראַנקרייך און נאָך איר אנדערע) גייט דער וווקס פון דער באַפעלקערונג אַזוי לאַנגזאַם, אַז פאַר דער בורזשואַזיע סטייעט נישט קיין פולווערטיקע זעלנער, האַרמאַטן פלייש, און זי באַמיט זיך מיט אַלע אופנים צוצוגעבן חשק דעם אַרבעטער-קלאַס און דעם פויערנטום צו א פארשטארקטער קינדער-געבורט.

די אָפּהענגיקייט פון וווקס פון באַפעלקערונג פון דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות, איז נאָך באַוווסט געווען די פיזיאָקראַטן. אַזוי, צ. ב. לייענען מיר ביי מערסיע דע לאַ רעוויער Le Mersier de la Riviere: L'ordre naturel et essentiel de so-cietes politiques“, 1767, (s. 5-6). ווען די מענטשן וואָלטן זיך דערנערט נאָר מיט די פּראָדוקטן, וואָס די ערד גיט אַליין אַרויס... אָן שום פריערדיקע אַרבעטן, וואָלטן נויטיק געווען ריזיקע שטרעקעס ערד פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ זייער נישט גרויסן סכום מענטשן; אָבער פון דער אייגענער פּראַקטיק ווייסן מיר, אַז צוליב אונזער נאַטירלי-כער איינאָרדענונג (l'ordre phisique de notre con-stitution) האָבן מיר אַ טענדענץ צו א זייער באַדייטנ-דער פאַרמערונג. די דאָזיקע נאַטירלעכע אייגנשאַפט וואָלט געווען א סתירה, אן אונאָרדענונג אין דער נאַטור... ווען *די נאַטירלעכע אָרדענונג פון דער רעפּראָדוקציע פון די עקזיסטענץ-מיטלען וואָלט זיי נישט דערלויבט זיך צו פאַרמירן אין דער מאָס, אין וועלכער מיר אַליין פאַרמירן זיי.* (מיין קורסיוו נ. ב.) און ווייטער: כ'שרעק זיך גאָרנישט פאַר דעם, וואָס מ'וועט זוכן ארגומענטן, אָנווייזנדיק אויף טייל פעלקער פון אמעריקא, כדי מיר דערווייזן, אַז דער נאַטירלעכער פאַרלויף פון געבורטן פאָדערט נישט קיין

קולטור. כ'ווייס, אַז ס'עקזיסטירן אזעלכע פעלקער, וועלכע
פירן כמעט אָדער גאָרנישט קיין באַלעבאַטישקייט
(nec ultive point on presque point) אָבער, נישט
קוקנדיק אויף דעם, וואָס זייער ערד און קלימאַט זענען
אין אַ גלייכער מאָס גינסטיק פאַר זיי, פאַרניכטן זיי די
קינדער, דערשטיקן די אַלטע לייט, נעמען זיך צו מעדי-
צינישע מיטלען, כדי צו שטערן דעם נאַטירלעכן געבורטס=
פראָצעס״. ע. גראָסע E. Grosse: Formen der
Familie und Formen der menschlichen Gesel-
schaft“ 1896, S. 36) זאָגט צווישן אַנדערן: די בוש-
מענער און אויסטראַליער האָבן אַ געוווינהייט צו טראָגן
אַ „הונגער=פּאַסיק“ צוליב זייער באַגרינדעטע סיבות. די
איינוווינער פון פייער-לאַנד ליידן שטענדיק נויט.
און אויך אין די דערציילונגען פון די עסקימאָסן שפּילט
דער הונגער אַ גרויסע ראָל... די באַפעלקערונג, וואָס איז
באַגרענעצט מיט אַזאַ נישט=פולקאָמער פּראָדוקציע, קאָן,
פאַרשטייט זיך, נישט אויפוואַקסן צו אַ צאָלרייכיק פאָלק..,
צוליב דעם באַמיען זיך די פרימיטיווע יעגער גופא, אַז
זייער צאָל זאָל זיין אין אַ ריכטיקער פּראָפּאָרץ צו די
פאַראַנענע שפּייז-מיטלען. און בעמלעך, אין אויסטראַליע
באַנוצט מען זיך אָפט צוליב דעם צוועק מיט קינדער=דערמאָר=
דונג״. אַ גרויסע קינדער-שטערבליכקייט פאַרענדיקט שוין ס'אי=
בעריקע. „וועגן די שבטים פון די פּאָלינעזישע אינזלען,
ווייסן מיר, אַז ביי זיי זענען פאַראַן פאָרשריפטן, לויט
וועלכע יעדער פאַמיליע ווערט דערלויבט צו האָבן די
קלענסטע צאָל קינדער, אין קעגנפאַל מוז זי צאָלן שטראָף״
P, Mombert: „Wirtschaft und Befölkerung“
אין Grundriss d. soc. Oek. Abt. ll, S 62) מאָמ־
בערט ציטירט אזעלכע פאַקטן. נאָכן באַשרייבן דעם
ווירטשאַפטלעכן וווקס בעת דער עפּאָכע פון די קאַראָלינגען
(דער איבערגאַנג צו דרייפעלד א. א. וו.) שרייבט ער:
אַלס פּועל=יוצא (im Gefolge) פון דער דאָזיקער

שטאַרקער פאַרברייטונג פון דער פּראָדוקציע פון שפּייז פּראָדוקטן, באַמערקן מיר אין דער דאָזיקער צייט אַן אומגעוויינלעכן צוּוואוּקס פון דער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד (64). אין 19־טן י. ה. ווייזט אייראָפּע אַרויס אַ ריזיקן פאָרשריט אין געביט פון דאָרפישער פּראָדוקציע. „און אייגנצייטיק הייבט די באַפעלקערונג פון אייראָפּע אָן צו וואַקסן אין אַזאַ מאָס, וואָס מאַכט הינטערשטעליק די צוּוואוּקסן פונם עבר (דאָרטן). נאָכדעם הייבט זיך אָן אַ פּעריאָד, ווען אויף דעם יסוד הייבט אָן דער וואוּקס פון באַפעלקערונג איבערצוּיאָגן דעם וואוּקס פון עקזיסטענץ־מיטלען. וואָס קומט דאַן פאָר? *די עמיגראַציע קיין אַמעריקע. אין רוסלאַנד* איז די יסודותדיקע געזעצמעסיקייט די זעלבע (זע פּאָקראָווקי'ס אָפּהאַנדלונג וועגן דעם ענין.)

צום סוף דאַרף מען נאָך אָנווייזן אויף איין גרופּע טענות קעגן דער טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. נעמלעך, די טעאָריעס, וואָס זענען באַקאַנט אונטער נאָמען ראַסן־טעאָריעס". זיי קומען אָט צו אַזעלכע אויספירן: די געזעלשאַפט באַשטייט פון מענטשן. אָבער אין דער געשיכטע זענען מענטשן געקומען נישט אַלס איינע, נאָר אַלס פאַרשידנאַרטיקע: מיט פאַרשידענע שאַרבנס, פאַרשידענע געהירן, פאַרשידענע הויט און האָר, פאַרשידענע פיזישע געביען, און פאָלגלעך, מיט פאַרשידענע פעיקייטן, און פון דאַנען איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז אויף דער סעודה פון דער געשיכטע קומען אַ סך געסט, אָבער ווייניק אויסגעוויילטע. טייל פעלקער זענען „היסטאָריש", ווייל אַזוי זענען זיי שוין, די פעלקער: זייער שם קלינגט איבער דער גאַנצער וועלט, מיט זיי באַשעפטיקן זיך די פּראָפעסאָרן פון אַלע אוניווערסיטעטן; אַנדערע „נידריקע ראַסעס", לויט דער נאַטור קענען זיי נישט און האָבן נישט געקענט אויפטאָן עפּעס באַדייטנדיקעס און, פאַקטיש, זענען זיי אַ מין היסטאָרישער זעראָ. די דאָזיקע פעלקער פאַרדינען נישט דעם נאָמען „היסטאָרישע פעלקער": זיי זענען — אין בעסטן פאַל, — באַמיס.

סיקונג פאר דעם היסטאָריקער, ווי די קאָלאָניאַל-פעלקער און פאַרשידענע „ווילדע", וואָס באארבעטן דעם גרונט פאַר דער אייראָפּעישער בורזשואַזער ציוויליזאַציע. אין דעם דאָזיקן אונטערשיד פון די ראַסן ליגט די סיבה פון דער פארשידענער אַנטוויקלונג פון געזעלשאַפטן. ראַסע – אָט פון וואָסער שטאַנדפונקט מ'דאַרף אַרויסגיין ביים באַטראַכטן די דאָזיקע אַנטוויקלונג. דאָס איז, אין אַלגעמיינע שטריכן די ראַסן-טעאָריע.

איבער דער טעאָריע האָט ג. פּלעכאַנאָוו פולשטענדיק ריכטיק געשריבן פאָלגנדיקעס: ווען ס'ווערט געשטעלט אַ פראַגע וועגן דער סיבה פון אַ געוויסער היסטאָרישער געשעעניש. קומט אָפט פאָר, אַז נישט קיין גאַרישע און ערנסטע מענטשן באַנוגענען זיך מיט אַזעלכע תשובות, וואָס באַשיידן לגמרי גאָרנישט. פאָרשטעלנדיק מיט זיך נאָר א בלויזע איבערחזרונג פון דער פראַגע אין בייע אויסדריקן. נעמען מיר אָן, אַז איר וועט שטעלן אַ „געלערנטן" איינע פון די אויבנגעבערענגטע פראַגעס. איר פרעגט זיך, — פאַרוואָס אַנטוויקלען זיך טייל פעלקער מיט אַזאַ וונדערבאַרער פאַמעלעכקייט, בעת אַנדערע גייען שנעל אויפן וועג פון ציוויליזאַציע? דער „געלערנטער" ענטפערט אייך, נישט קרעקנדיק זיך, אַז דאָס דערקלערט זיך מיט די אייגנשאַפטן פון דער ראַסע. צי פאַרשטייט איר דעם זין פון אַזאַ תשובה? טייל פעלקער אַנטוויקלען זיך פאַמעלעך דערפאַר, ווייל אַזוי איז שוין די אייגנשאַפט פון זייערע ראַסע, אַז זיי זאָלן זיך אַנטוויקלען פאַמעלעך; אַנדערע ווידער ציוויליזירן זיך זייער שנעל, ווייל די הויפּט-אייגנשאַפט פון זייער ראַסע באַשטייט אין דעם, וואָס זיי קענען זיך שנעל אַנטוויקלען („קריטיק פון אונזערע קריטיקער", פּעטערבורג 1906, ז. 283).

די ראַסן טעאָריע איז קודם-כל סותר די פאַקטן. אַלס „נידעריקע" ראַסע, וואָס איז כלומרשט נישט פעיק לויט איר נאַטור צו וואָסער-עס-איז אַנטוויקלונג, ווערט גערעכנט די שוואַרצע ראַסע. אָבער אין דער זעלבער צייט איז דערוויזן געוואָרן, אַז די אור-אַלטע פאָרשטייער פון דער דאָזיקער שוואַר=

צער ראַסע, די אַזוי גערופענע קושיטן, האָבן געשאַפן אַן אוי-
סערגעוויינלעך הויכע ציוויליזאַציע אין אינדיע (פאַר די
„אינדיער”) און אין מצרים ; די געלע ראַסע, וואָס איז אויך
ניט אין גנאָד, האָט אין דער פּערזאָן פון די כינעזער גע-
שאַפן אַזאַ קולטור, וואָס איז אומענדלעך געשטאַנען העכער
פאר דער קולטור פון די דאַן לעבעדיקע ווייסע : די ווייסע
זענען דאַן געווען יינגלעך אין פאַרגלייך מיט די געלע. איצט
ווייסן מיר זייער גוט, ווי פיל די אַנטיקע גריכן האָבן איבער-
גענומען פון די אַשורים=בבלים און מצרים. שוין די פאַקטן
אַליין זענען גענוג אום צו זאָגן, אַז די „ראַסן” דערקלערונג
איז קיין דערקלערונג. מ'קען אָבער אָפּענטפערן : איר, קען
זיין, זענט גערעכט ; אָבער צי באַשטעטיקט איר אַנטשיידן, אַז
אַ מיטלמעסיקער נעגער שטייט לויט זיינע אייגנשאַפטן אויפן
זעלבן ניוואָ פון א מיטלמעסיקן אייראָפּעער : אויף דער דאָ=
זיקער שאלה קען מען בשום אופן נישט ענטפערן מ'ט אַ גוט=
מוטיקן ארויסדריי, ווי ס'טון טייל מאָל געוויסע ליבעראַלע פראָ=
פעסאָרן : אַלע מענטשן זענען גלייך ; לויט קאַנט'ן איז די
מענטשלעכע פערזענלעכקייט — אַליינציל ; קריסטוס האָט גע-
לערנט, אַז ס'איז נישטאָ נישט קיין גרעק, נישט קיין ייד א. א. וו.
(פאַרגלייך, למשל, ביי כ ו אָ ס ט אָ ו ' ן : ס'איז זייער גלויב-
לעך, אַז... דער אמת איז אויף דער זייט פון די פאַרטיידיקער
פון דער גלייכהייט פון מענטשן”... „טעאָריע פון היסטאָרישן
פּראָצעס. ז. 247). ווארום שטרעבן צו דער גלייכהייט פון
מענטשן, דאָס הייסט נישט — דאָס אנערקענען די איינהייט-
לעכקייט פון זייערע אייגנשאַפט'ן, מ'שטרעבט דאָך צו דעם,
וואָס ס'איז נישטאָ. אַז נישט וואָלט עס געהייסן אַריינרייסן
זיך אין אַן אָפענע טיר. איצטער אינטערעסירט אונז גאָרנישט
די פראַגע: צוליב וואָס דאַרף מען שטרעבן ? אונז אינטע=
רעסירט די פראַגע : צ י א י ז ד אָ אַן אונטערשיד צווישן
דעם קולטורעלן און יעדן אַנדערן ניוואָ פון ווייסע און
שוואַרצע: אין אַלגעמיין, אין גאַנצן, אין אַ גרויסן מאַסשטאַב ?
ס ' א י ז ד אָ. בלי ספק, הײַנט שטייען די „ווייסע” הע=
כער. אָבער וואָס ווייזט דאָס ? ד אָ ס ו אָ ס א י צ ט ע ר

האָבן זיך די אַזוי גערופענע ראַסעס געביטן מ י ט ז יי ע ר ע ע ר ט ע ר.

און דאָס איז די אָ פּ ל יי ק ע נ ו נ ג פון דער ראַסן־טעאָריע! אין אמת'ן קומט זי אין אַלעמען צום אויספיר וועגן די ראַסן־אייגנשאַפטן, צו זייער אייביקער „נאַטור". אויב ס'וואָלט אַזוי געווען, דאַן וואָלט די דאָזיקע „נאַטור" זיך געלאָזט פילן אין אַ ל ע פּעריאָדן פון דער געשיכטע. וואָס־זשע דרינגט פון דעם? עס דרינגט פון דעם, אַז די זעלבע „נאַטור" טוישט זיך כסדר אָפּהענגיק פון די עקזיסטענץ באַדינגונגען פון דער געגעבענער „ראַסע".

און די דאָזיקע באַדינגונגען ווערן באַשטימט נישט מיט קיין אַנדערער זאַך, ווי מיט דער באַציונג פון געזעלשאַפט צו דער סביבה, ד. ה. דער צושטאַנד פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות. אַזוי אַרום דערקלערט נישט די ראַסן־טעאָריע אַפילו אין דער קלענסטער מאָס די באַדינגונגען פון דער געזעלשאַפט־לעכער אַנטוויקלונג. אויך דאָ ווייזט זיך אויס, אַז דעם אַנאַליז דאַרף מען אָנהייבן פון דער באַוועגונג פון די פּראָדוצירנ־דיקע כוחות.

וואָס אַנבאַלאַנגט אָבער דעם עצם באַגריף „ראַסע" און ראַסן־איינטיילונג הערשן צווישן די געלערנטע גרויסע חילוקי־דעות. אַזוי, למשל, באַמערקט ט אָ פּ י נ אַ ר (ציטירט ביי מעטשניקאָוון, 54): מיטן טערמין „ראַסע" באַנוצט מען זיך פאַר פולשטענדיק זייטיקע צוועקן. מ'רעדט צ. ב. וועגן אינדאָ־גערמאַנישער, לאַטיינישער, דייטשער, סלאַווישער, ענגלישער ראַסע, הגם די דאָזיקע טערמינען דינען נאָר צום באַצייכענען פאַרשידענע אַג־רעגאַטן (בילדונגען) פון די פאַרשידנסטע אַנטראָפּאָלאָגישע עלעמענטן. אין אַזעלכע זענען די פעלקער אַזוי פיל און אַזוי פיל מאָל ראַדיקאַל אויסגעמישט געוואָרן, אַז די סאַמע כאַראַקטעריסטישסטע פאַר איר ראַסע געפינט זיך, אפשר, ערגעץ אונטערן שטילן אָקעאַן אָדער לעבן פּאָלאַר־גאַרטל. אין אַפריקע האָט זיך דער זעלבער פּראָצעס

איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. אין אַמעריקע, ווו עטוואָס עגלעכעס איז פאָרגעקומען שוין אין די היסטאָרישע צייטן, באַגעגנט מען נישט אוראַלטע ראַסעס, נאָר די רעזולטאַט פון אומענדלעכע אויסמישונגען און קרייצונגען. זייער איבערצייגנדיק באַמערקט ע. מ ייע ר: „וואָס שייך... ראַסע, דאָ, פאַרשטייט זיך, איז מעגלעך, אַז דער מענטש־לעכער מין איז פון סאַמע אנהייב אן אַרויסגעטרעטן אויף דער סצענע אין פאַרשידענע וואַריאַציעס (מינים), אָדער ער איז גאָר פרי צעטיילט געוואָרן אויף אַזעלכע; ווי מיר דאַכט זיך איז וועגן דער פראַגע נישט פאַראַן אַ באַגרינדעטער אורטייל (steht nir kein urteil zu). פאַרקערט, ס'איז פולקאָם גלויבלעך, אַז אַלע מענטשלעכע ראַסעס האָבן זיך כסדר אויסגעמישט...", אַז אַ שאַרפע פאַנאַנדערגרענצונג צווישן זיי איז נישט געלונגען און איז בכלל אַבסאָלוט נישט מעגלעך — אַ טיפּישער בייַשפּיל זענען די שבטים פון נילוס־טאָל —, און אַז אַן אַזוי גערופענער ריינער ראַסן־טיפּ איז פאראן נאָר דאָרטן, ווו די שבטים האָבן זיך געפונען, אַ דאַנק אויסערלעכע באַדינגונגען, אין אַ קינסטלעכער איזאָלירונג ווי, למשל, אין ביי גווינעיע, אין אויסטראַליע. פונדעסטוועגן פאַר־ענטפערט עס גאָרנישט די השערה, אַז מיר האָבן אין דעם פאל א נאַ־ירלעכן, אוראַלטן און אורשפּרינגלעכן צושטאַנד פון מענטשלעכן מין; ס'איז מער ריכטיקער, אַז די דאָזיקע איינמיניקייט איז, פאַרקערט, גאָר אַ רעזולטאַט פון איזאָלירונג" (I, 73). פּראָפ. ר. מיכעלס R, Mjchels: „Virtschaft und Rasse „Grundriss'. ss, 78, ff) ברענגט אַ רייע אינטערסאַנטע ביישפּילן, וואָס ווייזן די גאַנצע פאַרענדערלעכקייט פון די אַזוי גע־רופענע ראַסן־אייגנשאַפטן אין געביט פון אַרבעט. צ. ב. „ס'איז זייער גרויס די אויסהאַלטעוודיקייט פון די כינע־זישע אַרבעטער, און דאָס מאַכט זיי טויגלעך צום טראָגן שווערע משאות. פונדאנען שטאַמט די פאַרשפּרייטע אָנ־

ווענדונג פון די כינעזישע קוליס״. ס׳איז אָבער קלאָר, אַז די „שווערקייטן״, וואָס ווערן אַרויפגעלייגט אויפן קולי, זענען אויך אַ באַדינג פון דער האַלב-קאָלאָניאַלער קנעכטשאַפט. די נעגער האַלט מען פאַר שלעכטע אַרבעטער. פונדעסטוועגן האָט זיך אויפגעהיטן אַ פראַנצויזיש שפּריכוואָרט „כ׳האָב געאַרבעט ווי אַ נעגער״. Jai travaillé comme un negre). ווייל די נעגערס זענען זעלטן געוואָרן באַלעבאַטים. די ווייסע האָבן זיי באַיקאָטירט. נאָך אינטערעסאַנטע ביישפּילן פון געביט פון „נאַציאָנאַלע אונטערשידן״: ״ווען מ׳האָט אין דייטשלאַנד איינגעפירט די ערשטע אייזנבאַנען, האָט איין דייטשער מחבר, וואַרנדיק, געזאָגט, אַז די אייזנבאַנען האָבן נישט קיין שום ווערט פאַר דעם דייטשן פאָלקס-כאַראַקטער, ווייל, א דאַנק גאָט, דער דאָזיקער כאַראַקטער איז געבויט אויף festina lente („איילנדיק פאַמעלעך״ — א לאַטייניש ווערטל. נ. ב.) צום באַנוצן זיך מיט די אייזנבאַנען איז כלומרשט נויטיק אַן אַנדער פאָלק, אַן אַנדער לעבן, אַן אַנדער דענקונגס-אופן. קאַנט האָט פאָרגעוואָרפן די איטאַליענער זייערע ענגע פּראַקטישע אייגנשאַפטן און דעם בליענדיקן צושטאַנד פון די בענק. איצט דאַרף מען ערגעץ אַנדערש זוכן די בכורה פון דער דאָזיקער דערשיינונג א. א. וו. מ י כ ע ל ס קומט צו אַזא ריכטיקן שלוס: די מדרגה פון ווירטשאַפטלעכער טויגלעכקייט פון אַ פאָלק אַנטשפּרעכט דער מדרגה פון טעכנישער און מאָראַל-אינטעלעקטועלער (גייסטיקער און מאָראַלישער) ציוויליזאַציע; אַ מדרגה, צו וועלכער מען האָט דערגרייכט אין דעם מאָמענט, ווען מ׳אורטיילט וועגן אים״. (101).

די גרעסטע צאָל אַבסורדן האָבן אָנגעפלוידערט די אָנהענגער פון ראַסן-טעאָריע בשעת דער מלחמה. וועלכע זיי האָבן זיך אויך געשטרעבט צו דערקלערן מיט ראַסן-קאַמף, הגם די פולע אַבסורדקייט איז זעעוודיק געווען פאַר יעדן מענטשן, וואָס איז נישט צראָב פון זינען.

(די סערבן האָבן מלחמה געהאַלטן מיט די בולגאַרן. מיט
יאַפּאַנער אַלס פאַרבונדעטע: די ענגלענדער מיט רוסן
קעגן דייטשן). אַלס דער אמיינסטן טאַלענטפולער פאָר־
שטייער פון דער ראַסן־טעאָריע אין דער סאָציאָלאָגיע
ווערט גערעכנט גומפּלאָוויטש.

ליטעראַטור צום V קקאַפּיטל.

הוץ די אויסגערעכנטע אין די פריערדיקע: ל.
מעטשניקאָוו: "ציוויליזאַציע און גרויסע היס=
טאָרישע טייכן", פּעטערבורג. 1898. פּ. מאַסלאָוו:
"טעאָריע פון אַנטוויקלונג פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט".
דער זעלבער: "די אַגראַר-פראַגע" 1 ב. דער
זעלבער: "קאַפּיטאַליזם". נ. בוכארין: "עקאָ=
נאָמיק פון איבערגאַנגס-פּעריאָד". קאַפּיטל 4
Kunow: „Die Stellung der Technik in der Marxschen Wirtschaft auffasung“ ‚Neue Zeit“, 37 Jahrg. 2 Band, Nr. 15
ראָזאַ לוקסעמבורג: „אַנ=
זאַמל פון קאַפּיטאַל" (וועגן רעפּראָדוקציע־פּראָצעס)
קויטסקי: „אַנטוויקלונג און פאַרמערונג אין נאַטור
און אין געזעלשאַפט".

דער זעלבער; „Rasse und Judentum“.

קאַפּיטל 6

גלייכגעוויכט צווישן די עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט.

§ 35. דער צוזאַמענהאַנג צווישן פאַרשידענע געזעל־שאַפטלעכע דערשיינונגען. דער אָוועקשטעל פון דער פּראָב־לעם.

אויבן האָבן מיר אַנאַליזירט די פּראָבלעם וועגן גלייכגעוויכט צווישן געזעלשאַפט און נאַטור. מיר האָבן געזען, אַז די דאָ־זיקע גלייכגעוויכט וואַקלט זיך כסדר און ווערט כסדר צוריקגעש־טעלט, אַז ס'איז באַשטײַנפּערלעך דאָ אַ סתירה, וואָס ווערט כסדר באַהערשט און אנטשטייט ווידער, ווערט ווידער באַהערשט, און אַז אין דעם ליגט די הויפּט־סיבה פון דער געזעלשאַפט־לעכער אַנטוויקלונג אָדער געזעלשאַפטלעכער ירידה. איצט דאַרפן מיר באַטראַכטן, אַזוי צו זאָגן, דאָס „אינערלעכע לעבן" פון דער געזעלשאַפט.

ווען מ'פרעגט זיך וועגן דער מדרגה פון דער געזעל־שאַפטלעכער אַנטוויקלונג, הערן מיר זייער אָפט אזעלכע תשובות: „די הויך פון דער קולטורעלער אַנטוויקלונג ווערט באַשטימט דורך דעם סכום אייסגעגעצטן זייף"; אַנדערע מעסטן די דאָ־זיקע הויך מיט דער פאַרשפּרייטונג פון לייענען און שרייבן, אַנדערע ווידער—מיט דער צאָל צייטונגען, טייל — מיט דער אַנטוויק־לונג פון וויסנשאַפט א. א. וו. איין דייטשער פּראָפעסאָר (שולצע־געי־ווערניץ; זע זיין בוך וועגן דער גרויסער טעקסטיל אינדוסטריע)

אין רוסלאַנד) האָט אַפילו אַרויסגערוקט אַ באַהויפּטונג, אַז די מדרגה פון קולטורעלקייט ווערט געמאָסטן מיטן כאַראַקטער פון איינאָרדנונג פון די בית-הכסאות. אַזוי אַרום, פון די לעצטע אוש ביז די סאַמע דערהאַבנסטע ווערק פונם מענטשלעכן גייסט, — האָט זיך אַלץ אַרויסגערוקט ווי עפּעס אַ גראַד-ווייזער, מיט וועלכן מ'קען אויסמעסטן די הויך פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג.

אויב מ'זאָל זיך צוקוקן צו די אויבן געבראַכטע תשובות, דאַן קען מען זיך לייכט איבערצייגן, אַז יעדע פון די דאָזיקע תשובות איז מער-ווייניק געווען ריכטיק. צי וואַקסט נישט די באַדערפעניש פון זייף צוזאַמען מיטן וווקס פון „קולטור און ציוויליזאַציע"? און צי וואַקסט נישט די צאָל פון צייטונגען? אָדער די געזעלשאַפטלעכע טעכניק? אָדער די וויסנשאַפט? פאַרשטייט זיך, יאָ. וואָס פאַרא שלוס קען מען דאָ ציען? אַז אין יעדער צייט זענען די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען געבונדן איינע מיט דער צווייטער. ווי אַזוי — דאָס איז אַן אַנדערע פראַגע, און מיר וועלן דאָס באַלט אַנאַליזירן. אָבער זייער צוזאַמענהאַנג ליגט נישט אונטער קיין שום ספק. און טאַקע דערפאַר איז יעדע פון די תשובות וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט, געווען ריכטיק. אַלץ איינס, אַזוי ווי מ'קען בקירוב באַשטימען דעם וווקס פון מענטש אָדער לויטן צוזאַמענשטעל און שטאַרקייט פון די ביינער, אָדער לויטן פּנים (קאָליר, קנייטשן, האָר א. אַ. וו.) אָדער לויטן כאַראַקטער פון דענקען, אָדער לויט דער שפּראַך, — פונקט אַזוי קען מען אורטיילן וועגן דער מדרגה פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג אויף דעם יסוד פון פאַרשידענע סימנים, ווייל איינס איז פאַרבונדן מיטן צווייטן, מיטן דריטן א. א. וו. אויב מ'וואָלט אונדז געוויזן שיינע קונסט-ווערק אָדער קאָמפּליצירטע וויסנשאַפטלעכע סיסטעמען, וואָלטן מיר געקענט זאָגן, אַז אי דאָס ערשטע, אי דאָס צווייטע האָבן געקענט אַנטשטיין נאָר אין אַן אַנטוויקלטער געזעלשאַפט. דאָס זעלבע וואָלטן מיר געזאָגט ווען מיר וואָלטן אַנטדעקט אַ רייכע און קאָמפּליצירטע טעכניק, און אין ביידע פאַלן וואָלטן מיר, פאַרשטייט זיך, געווען גערעכט.

דער דאָזיקער צוזאַמענהאַנג, די קעגנזייטיקע באַדינגטקייט פון די סאַמע פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, וואַרפט זיך אין די אויגן. מ'דאַרף זיך נאָר שטעלן אַריי פֿראַגן, כדי זיך איבערצייגן אין דעם. צי איז, למשל, מעגלעך, אַז מיט הונדערט יאָר צוריק האָט געקענט עקזיסטירן די פוטוריסטישע פּאָעזיע? פאַרשטייט זיך, ניין. אָדער, אַז די עסקימאָסן אין די אייזלענדער זאָלן דערפינדן דראָטלאָזן טעלעגראַף? אָדער, אַז אין מיטלאַלטער זאָל זיך באַווייזן דער מאַרקסיזם? דאָס אַלץ איז, פאַרשטייט זיך, אוממעגלעך געווען. דער פוטוריזם האָט זיך נישט געקענט באַווייזן מיט הונדערט יאָר צוריק, ווייל דאַן איז ס'לעבן געגאַנגען געלאַסן און שטיל.

און דער פוטוריזם האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אויף די שטאָטישע טראָטואַרן, צוזאַמען מיטן גערויש, קלאַפּעריי, גערודער, צווישן דעם מיליטערישן קלינגעריי און צעפאַל פון דער בורזשואַזער קולטור. דאָס איז די פּאָעזיע פון דער אַלגעמיינער „טאַראַ־ראַ־בומביי", וועלכע וואָלט נישט געקאָנט אויפוואַקסן מיט הונדערט יאָר צוריק, אַזוי ווי ס'וואָלט נישט געקאָנט אויסוואַקסן רעפּן אייל — אויף אַ פריש געמאָלטן דאַך. די עסקימאָסן אין די אייז־געגנטן וואָלטן נישט געקענט דערפינדן אַ דראָטלאָזן טעלעגראַף, ווייל זיי קענען זיך נישט אומגיין אפילו מיט אַ פּשוטן טעלעגראַף. די היינטצייטיקע וויסנשאַפט וועט זיך נישט גיין פאַרנעמען מיט אַזעלכע נאַרישקייטן, ווי פּאָרויסזאָגן לויט די שטערן, ווייל די הויך פון דער וויסנשאַפט לייקנט אָפּ אַזעלכע זאַכן. אין מיטלאַלטער האָט זיך נישט געקענט באַווייזן דער מאַרקסיזם, ווייל ס'איז נישט געווען קיין פּראָלעטאַריאַט, ס'איז נישט געווען פונוואַנען ס'זאָל אויסוואַקסן אַ מאַרקסיסטישע טעאָריע. און אָט, למשל, אַ הויכע טעכניק, אַ פּראָלעטאַריאַט, אַ ריזיקע צאָל צייטונגען, רעקלאַמע פון אַ ריזיקן מאַסשטאַב, טרעסטן, פוטוריזם, עראָפּלאַנען, טעאָריע פון עלעקטראָנען, ראָקפעלער'ס דיווידענדן, קוילן־סטרייקן, קאָמוניסטישע פאַרטייען, פעלקער־ליגע, דריטער אינטערנאַציאָנאַל, עלעקטריפיקאַציע, מיליאָניקע אַרמייען, לאָיד־דזשאָרדזש, לענין א. א. וו. — דאָס זענען באַשיינפּערלעך דערשיינונגען פון איין צייט.

פ ו ן א י י ן ע פ אָ כ ע — פונקט ווי אַלס דערשיינונגען פון איין צייט (פון מיטלאַלטער) זענען, לאָמיר זאָגן, די ממשלה פון רוימישן פויפסט, די פאַרהעלטניסמעסיק אָרימע טעכניק, לייב-קנעכטשאַפט פון די פויערים, די גלחשע וויסנשאַפט (סכאָלאַס-טיק), דאָס זוכן דעם פילאָזאָפישן שטיין (מיט וועלכן מ'קען פון גאָרנישט באַשאַפן גאָלד א. א.), אינקוויזיציע, שלעכטע וועגן, די עם-הארצות אַפילו פון די קעניגן, די דאָרפישע גמינע, מכשפות, צעכן פון בעלי-מלאכות, די שלעכטע לאַטיינישע שפראַך, (די געלערנטע האָבן גערעדט און געשריבן אויף איר), דער ריטערלעכער באַנדיטיום א. א. ס'איז אוממעגלעך איבערצוזעצן לעבינ'ען, לאיד דזשאָרדזש'ן, קרופן אין מיטלאַלטער, און, פאַר-קערט, אויפן רויטן פלאַץ (אין מאָסקווע) איז אוממעגלעך איצט צו זען טורנירן, ריטער, וואָס שלאָגן זיך צוליב אַ דאַמען-שמייכל. „נייע צייטן — נייע פייגל. נייע פייגל — נייע לידער".

אַלזאָ, ס'ליגט נישט אונטער קיין שום ספק דער צוזאַ-מענהאַנג פון די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, די „צוגע-פּאַסטקייט" פון איין טייל געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען צו אַ צווייטן. מיט אַנדערע ווערטער, אַ געוויסע גלייכגעוויכט אין דער געזעלשאַפט צווישן אירע עלעמענטן, צווישן אירע באַשטאַנד-טיילן, צווישן פאַרשידענע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכע דער-שיינונגען.

שוין ביי אָ. ק אָ נ ט איז באַמערקט געוואָרן, אַז פאַר-שידענע זייטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אין יעדער צייט זענען איינשטימיק איינע מיט דער צווייטער. דער אַזוי גערופענער (conensus) מיט א גרויסער שאַרפ-קייט ווערט דער דאָזיקער אומשטאַנד אונטערגעשטראָכן דורך מ י ל ל ע ר - ל י ע ר s. 334 Die Phasen der Kultur) אַלס מאַסטשטאַב פון דער קולטור- הויך קען מען פּאַקטיש נעמען אַ באַליביקע סאָציאָלאָגישע פונקציע, א באַליביקע קולטור-דערשיינונג: למשל, קונסט, וויסנשאַפט, מאָראַל,ווירטשאַפט, מלוכה'שע אָרגאַניזאַציע, פרייהייט פון יחיד, פילאָזאָפ ע, סאָציאַלע לאַגע פון דער

פרוי, אַ. אַ. וו. ביז צום באַנוצן זייך א. א. און ס׳וואָלט
אַפילו אַלץ איינס געווען, וואָס פאַראַ מאַסשטאַב אויסצוק-
קלויבן, ווען אַלע קולטור-דערשיינונגען וואָלטן זיך אַנט=
וויקלט שטרענג פאַראַלעל און מיט אן אבסאָליוטער פּראָ־
פּאָרציאָנעלקייט אין באַצוג צו אַנדערע". איינער פון די
נייעסטע שרייבער, דערדריקט פון דעם גאַנג פון די גע=
שעגישן ביי דער דייטשער בורזשואַזיע, אָ. שפּענגלער
O. Spengler: „Der Untergang des Abendlandes, I
Band S. 8) שרייבט: ווער ווייסט, אַז צווישן דער די=
פערענציעלער אויסרעכנונג (אַ באַזונדער געביט אין דער
הויכער מאַטעמאַטיק, נ. ב.) און דעם דינאסטיש־מלוכה׳שען
פּרינציפּ פון לידוויק XIV ציטן, צווישן דער אַנטי-
קער מלוכה=פאָרם פון פּאָליס (פּאָליס — אַ מלוכה=
שטאָט אין אַלטן גריכנלאַנד — נ. ב.) און עוקליד׳ס גע-
אָמעטריע, צווישן דער פּערספּעקטיוו אין דער מערב-איי=
ראָפּעאישער מאַלעריי מיט אייל פארבן און דאָס באַזיגן
דעם שטח מיט אייזנבאַנען, טעלעפאָן און ווייט-שלאָגנ=
דיק געווער, צווישן די קאָנטראַ-פּונקטן פון דער אינסט-
רומענטאלער מוזיק און דער ווירטשאַפטלעכער קרעדיט־
סיסטעם, עקזיסטירט אַ טיפער צוזאַמענהאַנג פון דער פאָרם?"
מ׳קען האָבן טענות קעגן אַזאַ צוזאַמענשטעל ווי שפּענג=
לער טוט דאָס, אָבער מ׳קען נישט האָבן טענות צו
דעם געדאַנק גופא, אַז די פאַרשידנאַרטיקסטע געזעל-
שאַפטלעכע דערשיינונגען זענען אַלע געבונדן צווישן
זיך.

§ 36. זאַכן, מענטשן, אידייען.

אויבן האָבן מיר באַצייכנט די געזעלשאַפט אַלס קבוץ
פון מענטשן. אָבער אין אַ מער ברייטערן זין גייען אין דער
געזעלשאַפט אריין זאַכן. נעמט, למשל, די היינטיקע געזעלשאַפט:
די אַלע שטיינערנע קופּעס שטעט, די גיגאַנטישע געביידעס,
אייזנבאַנען, פאָרטן, מאַשינען, הייזער א. א. וו. — זיי זענען
דאָך אַלע מאַטעריעל-טעכנישע „אָרגאַנען" פון דער געזעל־

שאַפט. אַ באַליביקע מאַשין מחוץ דער מענטשלעכער געזעלשאַפט פאַרלירט איר באַטייט אַלס מאַשין: זי ווערט פשוט פאַרוואַנדלט אין אַ שטיק אויסערלעכע נאַטור, אַ קאָמבינאַציע פון שטיקער שטאָל, האָלץ א. א. וו. — מער נישט. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז ס'איז אונטערגעגאַנגען אַ גיגאַנטישע שיף, דער דאָזיקער לעבעדיקער ריז מיט אַ מעכטיקן באַוועגער, וואָס טרייסלט דעם דאָזיקן אומגעהויערן שטאָלענעם גוף פון דעם שווימענדיקן הויז, מיט כלערליי מעגלעכע צופּאַסונגען, אָנהויבנדיק פון קיך־שמאַטעס און ענדיקנדיק מיט אַ ראַדיאָ־סטאַציע.

ווען זי, די שיף, ליגט ווי אַ טויטע משא אויפן דעק פון ים, פאַרלירט איר גאַנצע קאָנסטרוקציע דעם געזעלשאַפטלעכן באַטייט. אויפן רוקן וועלן זיך צוקלעפּן מושלען, די הילצערנע טיילן וועלן באַוואַקסן ווערן מיט וואַסער־צמחים. אין די קאַיוטעס וועלן זיין — ראַקעס א. א. וו., אָבער די שיף הערט אויף צו זיין שיף, ווייל זי האָט שוין פאַרלוירן איר געזעלשאַפטלעכע עקזיסטענץ, זי איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער געזעלשאַפט, זי האָט אויפגעהערט צו זיין איר באַשטאַנד־טייל, זי האָט אויפגעהערט צו טון איר געזעלשאַפטלעכע דינסט. פון אַ געזעלשאַפטלעכער זאַך איז זי פשוט געוואָרן אַ זאַך, ווי יעדע זאַך פון דער אויסערלעכער נאַטור, וואָס קומט נישט אין קאָנטאַקט מיט דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. טעכניק — דאָס איז נישט פשוט שטיקלעך פון אויסערלעכער נאַטור: דאָס זענען די פאַרלענגערטע אָרגאַנען פון דער געזעלשאַפט, דאָס איז אַ געזעלשאַפטלעכע טעכניק. דעריבער קענען מיר ערשט רעדן וועגן געזעלשאַפט אין אַ מער ברייטערן זין ווי פריער. דאַן גייען אין איר אַריין אויך זאַכן אין זייער „געזעלשאַפטלעכער עקזיסטענץ", ד. ה. פריער פאַר אַלץ די טעכנישע סיסטעם פון דער געזעלשאַפט. דאָס איז אַ מאַטעריעל־זאַכלעכער טייל פון דער געזעלשאַפט, איר זאַכלעכער אַרבעטס־אַפּאַראַט. שטרענג גערעדט, זאַכן ווערן לגמרי נישט אויסגעשעפּט דורך די פּראָדוציר־מיטלען און זיי קענען אפילו האָבן אַ זייער ווייטע שייכות צו דער פּראָדוקציע (אויב מ'רעכנט נישט דאָס,

וואָס זיי גופא זענען צייטנווייז פּראָדוקטן פון מאַטעריעלער פּראָדוקציע): דאָ אַהער געהערן, למשל, ביכער, מאַפּעס, דיאַגראַ-מעס, מוזייען, בילדער-גאַלעריעס, ביבליאָטעקן, אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַטאָריעס, מעטעאָראָלאָגישע סטאַנציעס (אומעטום רעדט זיך וועגן דעם מאַטעריעל-זאַכלעכן טייל זייערן), לאַבאָראַ-טאָריעס, אויסמעסט-מכשירים, כלערליי טעלעסקאָפּן און מיקראָ-סקאָפּן, קאָלבעס, רעטאָרטן א. אַ. וו. די אַלע זאַכן געהערן נישט דירעקט צום פּראָצעס פון מאַטעריעלער פּראָדוקציע און, פאָלגלעך, גייען זיי נישט אריין אין די געזעלשאַפטלעכע טעכ-ניק, זיי געהערן נישט צו דעם באַשטאַנד פון די מאַטעריעלע פּראָדוצירנדיקע כוחות. פונדעסטוועגן איז פאַר יעדן איינעם פאַר-שטענדלעך זייער ראָל; זיי זענען אויך נישט פּשוטע שטיקער פון דער אויסערלעכער נאַטור; זיי האָבן אויך א „געזעלשאַפט-לעכע עקזיסטענץ"; זיי, פאָלגלעך, גייען אויך אריין אין דעם באַגריף געזעלשאַפט אין איר ברייטערן באַטייט, וועגן וועלכן מיר האָבן גערעדט.

פון פערטן קאַפּיטל ווייסן מיר, אַז די געזעלשאַפט באַ-שטייט פון אַ סיסטעם פון פאַראייניקטע מ ע נ ט ש ן. איצט זעען מיר, אַז דאָ אַהער זענען אויך אריינגעשטופּט געוואָרן זאַכן. אָבער אין א מער ענגערן זין פון וואָרט פאַרשטייט מען אונטערן וואָרט געזעלשאַפט נאָר מענטשן, און דערביי נישט קיין פּשוטע קופּע, נאָר אַ צוזאַמענגעבונדענע סיסטעם. מיר האָבן אין ערשטן פאַל באַטראַכט די מענטשן ווי ארבעטנ-דיקע מאַטעריעלע קערפּער. אַזוי אַרום האָבן מיר דערקלערט, אַז געזעלשאַפט איז קודם כל אַן ארבעטס-אָרגאַניזאַציע, אַן אַר-בעטס-סיסטעם, אַ מ ע נ ט ש ל ע כ ע ר אַרבעטס-אַפּאַראַט. אָבער מיר ווייסן אויסגעצייכנט, אַז מענטשן — דאָס זענען נישט פּשוטע פיזישע קערפּער: זיי דענקען, פילן, פאַרלאַנגען, שטעלן זיך צילן און טוישן זיך כסדר מיט זייערע געדאַנקען און פאַרלאַנגען. די באַציונגען צווישן מענטשן דאָס זענען נישט נאָר מאַטעריעלע ארבעטס-באַציונגען, — דאָס זענען אויך פּסיכישע „גייסטיקע" באַציונגען; אויך די געזעלשאַפט פּראָדו-

צירט נישט נאָר מאַטעריעלע זאַכן: זי פּראָדוצירט אויך אַזוי געראָפענע „גייסטיקע ווערטן“: וויסנשאַפט, קונסט א. א. וו., מיט אַנדערע ווערטער, זי פּראָדוצירט נישט נאָר זאַכן, נאָר אויך אידייען. און קוים ווערן די דאָזיקע אידייען פּראָדוצירט, לייגן זיי זיך צונויף אין גאַנצע סיסטעמען פון אידייען.

אַזוי אַרום געפינען מיר אַ דרייפאַליק מין פון עלעמענטן אין דער געזעלשאַפט: זאַכן, מענטשן, אידייען. פאַרשטייט זיך, ס'איז נאַריש צו דענקן, אַז דאָס זענען עפּעס פולקאָם זעלבסטשטענדיקע עלעמענטן: יעדער פאַרשטייט, אַז ווען ס'וואָלטן נישט געווען קיין מענטשן, — וואָלטן נישט געווען קיין אידייען, אַז אידייען לעבן נאָר אין מענטשן, זיי שווימען נישט אין רוים, ווי בוימאייל אויפן וואַסער. אָבער פון דעם פאָלגט נישט, אַז מיר קענען זיי נישט אונטערשיידן. און ס'איז פונקט אַזוי אויך קלאָר, אַז צווישן די אַלע עלעמענטן דאַרף זיין אַ געוויסע גלייכגעוויכט. מגושמדיק, בקירוב גערעדט: די געזעלשאַפט וואָלט נישט געקענט עקזיסטירן, ווען די אָרדענונג פון זאַכן, פון מענטשן, און פון אידייען וואָלט נישט געווען אַנטשפּרעכנד איינער צום צווייטן. אָבער דאָס דאַרף מען, פאַרשטייט זיך, דערווייזן אויספירלעכער. דאַן וועלן מיר פאַרשטיין אויך דעם צוזאַמענהאַנג פון דערשיינונגען, וועלכע וואַרפן זיך יעדן אין די אויגן און וועגן וועלכן מיר האָבן גערעדט אין פריערדיקן פּאַראַגראַף.

§ 37. געזעלשאַפטלעכע טעכניק און די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט. אין פריערדיקן פּאַראַגראַף האָבן מיר שוין דערוויזן, אַז ביים באַטראַכטן געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען דאַרף מען אַרויסגיין פון געזעלשאַפטלעכע מאַטעריעל-פּראָדוצירנדיקע כוחות, פון דער געזעלשאַפטלעכער טעכניק, פון דער סיסטעם פון די אַרבעטס-מכשירים. מיר דאַרפן איצט צוגעבן געוויסע דערגענצונגען צו דעם, וואָס איז שוין פריער געזאָגט געוואָרן. ווען מיר האָבן גערעדט וועגן

דער געזעלשאַפטלעכער טעכניק, דאַרף מען אונטער דעם פאַרשטיין נישט עפּעס איין כּלי און נישט אַ קופּע פון פאַרשידענע כּלים, נאָר אַ סיסטעם פון די כּלים, זייער קבוץ אין דער גאַנצער געזעלשאַפט. מ'דאַרף זיך פאָרשטעלן, אַז אין דער געגעבענער געזעלשאַפט, אין פאַרשידענע ערטער, נאָר אין אַ באַשטימטער אָרדענונג. זענען צעוואָרפן וועב-שטילן און באָרעגער, אינסטרומענטן און אַפּאַראַטן, פּשוטע און קאָמפּליצירטע מכשירים. אין טייל ערטער געפינען זיי זיך אין ריזיקע נעסטן (למשל, אין די צענטערס פון דער גרויס-אינדוסטריע), אין אַנדערע ערטער זענען צעוואָרפן אַנדערע מכשירים. אָבער אין יעדן געגעבענעם מאָמענט, קוים זענען די מענטשן צוזאַמענגעבונדן מיט אַן אַרבעטס-באַנד, קוים איז ביי אונז פאַראַן געזעלשאַפט, זענען לויטן עצם פון דער זאַך צווישן זיך צוזאַמענגעבונדן אויך די אַרבעטס-מכשירים, קליינע און גרויסע, פּשוטע און קאָמפּליצירטע, הענט- און מעכאַנישע, מיט איין וואָרט, די אַלע, וואָס זענען פאַראַן אין אַ געגעבענער געזעלשאַפט אין אַ געגעבענער צייט. (ס'פאַרשטייט זיך, אַז שטענדיק הערשט עפּעס אַ טיפּ מכשירים: היינטיקע צייט — מאַשינען און אַפּאַראַטן, פריער — האַנט-מכשירים, שפּעטער ווערט גרעסער דער באַטייט פון די אַפּאַראַטן און פון די אויטאָמאַטיש ווירקנדיקע מאַשינען). מיט אַנדערע ווערטער: מיר קענען באַטראַכטן די געזעלשאַפטלעכע טעכניק ווי עפּעס אַ גאַנצעס, ווו יעדער פון די טיילן איז אין געגעבענעם מאָמענט געזעלשאַפטלעך-נויטווענדיק. און וואָס דריקט זיך אויס דער דאָזיקער פאַקט? פאַרוואָס קענען מיר, אין אמתן, באַטראַכטן די געזעלשאַפטלעכע טעכניק אַלס גאַנצעס? און וואָס ווייזט זיך אויס די אײנהייט פון אַלע טיילן פון דער טעכנישער סיסטעם פון דער געזעלשאַפט?

כּדי מ'זאָל, ווי מעגלעכער, דאָס זיך קלאָר פאָרשטעלן, לאָמיר אָננעמען, אַז אין איין שיינעם טאָג זענען אין היינטיקן דייטשלאַנד אַלע מאַשינען, וואָס דינען צום באַקומען קוילן, אַרויפגענומען געוואָרן דורך אַ נס אין הימל אַריין. וואָס וואָלט

עשעען? יעדער פאַרשטייט: דאָס וואָלט באַטייט דער אָפּשטעל פון דער כמעט גאַנצער אינדוסטריע. מ'וואָלט נישט געהאט מיט וואָס צו הייצן די פאַבריקן און זאַוואָדן; אַלע מאַשינען און אינסטרומענטן אויף די פאַבריקן וואָלטן זיך אָפּגעשטעלט, ד. ה. זיי וואָלטן אַרויס פון פּראָדוצירנדיקן פּראָצעס.

די טעכניק פון איין געביט וואָלט, אַזוי אַרום, געהאַט אַן איינפלוס אויף דער טעכניק פון כמעט **אַלע אַנדערע געביטן**. און דאָס הייסט אויך, אַז אין אמתן נישט נאָר אין אונזער דענקען, נאָר אָביעקטיוו, רעאַל, בילדן אַלע טעכניקס כון די באַזונדערע פּראָדוצירנדיקע צווייגן עפּעס אַ גאַנצעס, **אַן איינהייטלעכע געזעלשאַפטלעכע טעכניק**.

די געזעלשאַפטלעכע טעכניק איז נישט, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, אַ קופּע פון איינצעלנע אַרבעטס-מכשירים, נאָר זייער געבונדענער צוזאַמענהאַנג. ד. ה. אַז פון דעם טייל פון דער דאָזיקער סיסטעם איז אָפּהענגיק די איבריקע, ד. ה. אויך, אַז אין יעדן געגעבענעם מאָמענט זענען די פאַרשידענע טיילן פון דער דאָזיקער טעכניק געבונדן מיט אַ באַשטימטער פּראָפּאָרץ, מיט אַ באַשטימטער שייכות. אויב אויף אַן איינצעלנער פאַבריק איז אויף אַזוי פיל און אַזוי פיל וועב-שטולן נויטיק אַזוי פיל שפּין-רעדער אַזוי פיל און אַזוי פיל אַרבעטער א. א. וו., דאַן קומט אויס אין דער גאַנצער געזעלשאַפט. ביי אַ מער-ווייניק נאָרמאַלן גאַנג פון דער געזעלשאַפטלעכער רעפּראָדוקציע אויף אַ באַשטימטן סכום שטוב אויוונס. אַ באַשטימטע צאָל מאַשינען און מעכאַנישע מכשירים, א באַשטימטער סכום פון פּראָדוקציע מיטלען אי אין דער מעטאַלורגישער, אי אין דער טעקסטילער, אי אין דער כעמישער, אי אין אנדערע אינדוסטריעס. אמת, דאָ איז נישט פאַראַן אַזאַ **גענויע** באַשטימטקייט, ווי אין אַן איינצעלנער פאַבריק, נאָר דאָך עקזיסטירט צווישן די „טעכנישע סיסטעמען" פון די באַזונדערע פּראָדוקציע-געביטן אַ געוויסע באַשטימטע שייכות, — וואָס ווערט סטיכיש פעסטגעשטעלט אין אַ נישט-אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט, און אין אַן אָרגאַניזירטער-באַוווסטזיניק, — אָבער דאָך עקזיסטירט זי. ס'איז, למשל, נישט צו

דענקען, אַז אין אַ פֿאַבריק זאָל זײַן צען מאָל אַזוי פֿיל שפּינ־רעד־לעך, ווי פֿיל מען דאַרף. נאָר ס'איז אויך נישט צו דענקען, אַז די קוילן פּראָדוקציע זאָל זײַן צען מאָל מער, וויפֿיל מען דאַרף, און אַז ס'זאָלן זײַן צען מאָל מער מאַשינען און מכשירים, וואָס באַקומען אַרויס די קוילן, ווי ס'איז נויטיק פֿאַרן באַדינען אַנדערע פּראָדוקציע־געביטן. פּונקט אַזוי ווי צווישן די פּראָ־דוקציע צווייגן איז פֿאַראַן אַ באַשטימטע פּראָפּאָרץ, אַזוי איז אויך אין דער געזעלשאַפֿטלעכער טעכניק פֿאַראַן אַ באַשטים־טער צוזאַמענהאַנג און באַשטימטע פּראָפּאָרץ צווישן אירע טיילן. דער דאָזיקער אומשטאַנד טאַקי מאַכט פֿון דער פּשוטער *סומע* מכשירים, מאַשינען, אינסטרומענטן א. א. *אַ סיסטעם* פֿון געזעלשאַפֿטלעכער טעכניק.

אויב דאָס איז אַזוי, דאַן איז אויך פֿאַרשטענדלעך דאָס פֿאָלגנדיקע: *יעדע געגעבענע סיסטעם פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער טעכניק באַשטימט מיט זיך אויך די סיסטעם פֿון די אַרבעטס־באַציונגען צווישן מענטש.*

און טאַקי, צי קען זײַן אַזוי, אַז די טעכנישע סיסטעם פֿון דער געזעלשאַפֿט, דער געבוי פֿון אירע מכשירים איז איין זאַך, און דער געבוי פֿון די מענטשלעכע באַציונגען — גאָר אַ צווייטע זאַך? צי קען, למשל, זײַן אַזוי, אַז די טעכנישע סיסטעם פֿון דער געזעלשאַפֿט — דאָס איז אַ *מאַשין* — טעכניק, און די פּראָדוצירנדיקע אַרבעטס־באַציונגען — זענען באַציונגען פֿון בעלי־מלאכות, וואָס אַרבעטן האַנט־אַרבעט? ס'איז קלאָר, אַז אַזוי קען נישט זײַן. אויב די געזעלשאַפֿט עקזיס־טירט, דאַרף זײַן אַ באַשטימטע גלייכגעוויכט צווישן איר טעכ־ניק און איר עקאָנאָמיק, ד. ה. צווישן דעם קבוץ פֿון אירע אַרבעטס־מכשירים און איר אַרבעטס־אָרגאַניזאַציע, צווישן איר פּראָדוצירנדיקן *זאַכלעכן* אַפּאַראַט און איר פּראָדוצירנ־דיקן *מענטשלעכן* אַפּאַראַט.

אום דאָס צו דערקלערן, וועלן מיר ברענגען אַ בײַשפּיל: לאָמיר נעמען און פֿאַרגלייכן די אַזוי גערופֿענע „אַנטיקע גע־

זעלשאַפט" מיט דער היינטצייטיקער קאַפּיטאַליסטישער. לאָמיר אָנהייבן פון דער טעכניק. א. נ ײ ב ו ר ג ע ר (Albert Neiburger: „Die Technik des Altertums" Voigt länders Verl, Leipzig 1919) וועלכער איז גיכער נוטה מגזם צו זיין, ווי צו פאַרקלענערן דעם באַטייט פון דער אַנטיקער טעכניק, שרייבט: אין זיינע „פּראָבלעמען פון דער מעכאַניק" גיט אונז אַ ר י ס ט אָ ט ע ל ע ס אַ חשבון פון די באַנוצטע אין אַלטערטום הילפס-(טעכנישע) מיטלען. אַזעלכע רופט ער אָן אַ שלעפּ־מאַשין מיט אַ קעגנוואָג ביי אַ ברונים (Ziehbrunnen — גלייכאָרמדיקע וואָג, שנעלוואָג Gleicharmige Wage Schnelwage צוואַנגען, קליין, האַק, ראָד, וואַלעק, אַ וואָגן־ראָד, צווקע, בלאָק, פּראָצע, רודער, ווי אויך די דרייענדיקע רעדער פון קופּער אָדער אייזן מיט פאַרשידענע ריכטונגען, אונטער וועלכע מ׳דאַרף, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, פאַרשטיין ציין רעדער" (ז. 205).

דאָס זענען די זעלבע עלעמענטאַרע טעכנישע מכשירים, וואָס הייסן אַנדערש „פּשוטע מאַשינען" (שלעפּ-מאַשין, איינגעבויגענע קליין, צווקע). ס׳איז קלאָר, אַז מיט דעם וועט מען ווייט נישט דערגיין. דאָס געפינט זיין אויסדרוק אויך אין דער איבעראַרבעט פון מ ע ט א ל ן. ס׳איז פולקאָם פאַרשטענדלעך, אַז נאָר דער מעטאַלישער חוט השדרה פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות שאַפט ערשט אַ פעסטן יסוד פאַר זייער אַנטוויקלונג. דאָך אַרבעט מען צום ערשטן אויס ג אָ ל ד; דער גרעסטער טייל פון מעטאַל גייט בכלל אוועק אויפן צוגרייטן זאַכן פון נישט-פּראָדוקטיווער באַדערפעניש. אַן אויסנאַם איז נאָר שמידעריי, וווּ ס׳זענען פּראָדוצירט געוואָרן גענוג פּרימיטיווע מכשירים מיט דער הילף פון האַמער, קאָוואַדלע, צוואַנגען, קלעשטשעס, פייל און אַנדערע נישט קאָמפּליצירטע אינסטרומענטן (ס׳זענען אויסגעפּערטיקט געוואָרן הויפּטזעכלעך העק, העמערלעך, מאָטיקעס, פּאָדקאָוועס, נעגל, קייטעלעך, ווידלעס, לאָפּאַטעס, לעפל א. א.); גוס איז געגאַנגען, הויפּטזעכלעך, צוצוגרייטן סטאַטועס און אַנדערע נישט פּראָדוקטיווע זאַכן. נישט אומזיסט האָט וו י ט-

ר ו ו י, ווי מיר ווייסן עס שוין, באַצייכנט די מאַשין, ווי א הילצערנע כלי".

„הונדערטער יאָרן איז די טעכניק געשטאַנען אויף איין שטאַנד", זאָגט סאָלוויאָלי — (Solvioli: Der Kapitalismus im Altertum, S. 101) מיר פאַרשטייען אונטער דעם נישט אן אַבסאָלוטע סטאַגנאַציע, נאָר אַ פאַרהעלטניסמעסיק פּאַמעלעכע אַנטוויקלונג פון דער אַנטיקער טעכניק.

אַזאַ טעכניק באַשטימט מיט זיך אויך דעם ט י פּ א ר ב ע ט ע ר, זיין אַרבעטס=קוואַליפיקאַציע, ווי אויך די אַרבעטס-באַציונגען, ד י פּ ר אָ ד ו ק צ י ע ב א צ י ו נ ג ע ן

דער אַרבעטער-טיפּ האָט אויפן יסוד פון אַזאַ טעכניק געקענט זיין נאָר איינער: אַ טיפּ פון אַ האַנט=אַרבעטער, אַ בעל-מלאכה.

שמידן, טשעסלער, שטיינהאַקער, וועבער, גאָלדשמידן, קוילינגרעבער, ברונים־מאַכער, רימער, זאָטלמאַכער, טאָקער, זילבערער, טעפּער. מאַלער, גאַרבער, גלעזער, שלאָסער א. א. ווי. — אָט איז דער טיפּ פון פּראָדוצירנדיקן אַרבעטער (זע: Gustave Glotz: Le travail dans la Grece anciensie, Felix Alcan 1920 p.. p. 265-276 Paul Lauis: Le travail dans le monde romain 1912 p. p. 234-44) אַזוי אַרום האָט די געזעלשאַפטלעכע טעכניק באַדינגט די א יי נ ש אַ פ ט פון דער לעבעדיקער אַרבעטס=מאַשין, ד. ה. דעם אַרבעטס=טיפּ, זיין אַרבעטס=קוואַליפיקאַציע". אָבער די זעלבע טעכניק האָט באַדינגט אויך די ב אַ צ י ו נ ג ע ן צווישן די אַרבעטנדיקע מענטשן.

און טאַקי. שוין פון דעם, וואָס מיר זעען דאָ באַשטימטע מינים אַרבעטער, איז קלאָר, אַז מיר האָבן פאַר זיך דאָס צעפאַלן פון דער פּראָדוקציע אויף א ריי צווייגן, פון וועלכע אין יעדן פּראָדוצירט זיך נאָר איין מין אַרבעט. אָט דאָס איז ד י אַ ר ב ע ט ס ־ א יי נ ט יי ל ו נ ג.

מיט וואָס באַדינגט זיך די אַרבעטס-איינטיילונג? ס'איז קלאָר: מיט דער פאַראַנענקייט פון אַ נ ט ש פּ ר ע כ נ ד ע אַ ר ב ע ט ס = מ כ ש י ר י ם. נאָר אַפילו די פאָרם פון דער דאָזיקער איינטיילונג איז אויך געווען אַ באַשטימטע: „די

אַרבעטס־איינטיילונג דערלויבט דאָ נישט צו ברענגען צו אַזעל־
כע פאַלגן, ווי אין די היינטצייטיקע געזעלשאַפטן, ווייל דאָ איז
זי נישט קיין פונקציע פון מ אַ ש י נ י ז ם. זי באַצייכנט דאָ
נישט דעם רעזשים פון ריזיקע פאַבריקן (de grandes usines)
נאָר די קליינע און מיטעלע אינדוסטריע: (Glotz 1 c, 275)
„דער אַלטער וועלט איז פרעמד געווען די גרויסע פּראָדוקציע,
זי איז קיינמאָל נישט אַרויס פון די גרענעצן פון מלאכה"
(Salvioli), 1 c, 131) אָט האָט איר נאָך אַן אַנדערע פאָרם פון
אַרבעטס־פּראָדוקציע באַציונגען, וואָס. אויך זי, ווי מיר זעען,
שטיצט זיך אויף דער טעכניק. אַפילו ווען מ'רעדט וועגן אַ קאָ־
לאָסאַלער געביידע, ווערט זי אָפט פאַרווירקלעכט דורך בעלי־
מלאכות. אַזוי, למשל, ביים אויפבויען אַ וואַסער־ליַיטונג אין
רוים, האָט די רעגירונג געשלאָסן אַ קאָנטראַקט מיט דריי
טויזנט (!) מייסטער שטיינהאַקער; זיי גופא האָבן געאַרבעט
מיט זייערע שקלאַפן (ibidem, 139). דאָרטן אָבער, ווו די
פּראָדוקציע איז געווען פאַרהעלטניסמעסיק גרויס, האָט זי גע־
קאָנט עקזיסטירן ביי אַזאַ טעכניק, נאָר מיטן באַנוצן זיך מיט
אויסערקאָנאָמיש ע כוחות: אַזוי איז געווען מיט דער שקלאַפן־
אַרבעט, ווען מ'האָט אַריינגעברענגט גאַנצע אַרמייען קנעכט נאָך
די זיגרייכע מלחמות, זיי זענען פאַרקויפט געוואָרן, אָנגעפילט די
גיטער און שקלאַפישע וואַרשטאַטן (ergastuli). ביי אַן אַ נ ד ע־
ר ע ר טעכניק וואָלט די שקלאַפן־אַרבעט געווען אוממעגלעך:
די שקלאַפן מאַכן קאַליע די קאָמפּליצירטע מאַשינען, און די
שקלאַפן אַרבעט לוינט זיך נישט. הייסט עס, אַז אַפילו אַזאַ
דערשיינונג, ווי די אַרבעט פון אַריינגעפירטע שקלאַפן, דער־
קלערט זיך, אין די געגעבענע היסטאָרישע באַדינגונגען, מיט
די מכשירים פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אָדער לאָ־
מיר נעמען אַזאַ ביישפּיל. ס'איז באַוווסט, אַז, נישט קוקנדיק
אויף דער גענוג באַדייטנדיקער אַנטוויקלונג פון די ה אַ נ ד ל ס־
קאַפּיטאַליסטישע באַציונגען, איז די ווירטשאַפט פון דער אַל־
טער וועלט אין אַלגעמיין און אין גאַנצן געווען אַ נאַטירלעכע
ווירטשאַפט. מענטשן זענען נישט געשטאַנען אין אַ ן ע נ ג ן

עקאָנאָמישן קאָנטאַקט: דער אויסטויש איז געווען אַ סך ווייניקער אַנטוויקלט, ווי אין אונזערע צייטן; אַ סך איז פּראָדוצירט געוואָרן אין גרויסע גיטער (לאַטיפונדיעס) און אין זייערע קאַטאַרזשנע ווארשטאַטן פאַר דעם אייגענעם געברויך: דאָס איז דאָך אויך אַ באַשטימטע אָרדענונג פון אַרבעט, אויך אַ פאָרם פון פּראָדוקציע באַציונגען. און ווידער אמאָל איז קלאָר מיט וואָס דאָס דערקלערט זיך: דאָס דערקלערט זיך מיט דער שוואַכער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות, מיט דער שוואַכקייט פון דער טעכניק. די פּראָדוקציע ביי אַזאַ טעכניק האָט נישט געקענט אויסאַרבעטן א סך לוקסוס-זאַכן. מיט איין וואָרט, מיר זעען, אַז די באַציונגען צווישן מענטשן אין אַרבעטס-פּראָצעס באַשטימען די הויך פון דער טעכנישער אַנטוויקלונג: די אַנטיקע עקאָנאָמיק איז, אַזוי צו זאָגן, צוגעפּאַסט צו דער אנטיקער טעכניק.

איצט וועלן מיר פאַרגלייכן מיט דעם די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט. קודם כל די טעכניק. כדי צו וואַרפן אַן אַלגעמיינעם בליק אויף איר, איז גענוג אַדורכצוקוקן אַ רעיעסטער פון טייל פּראָדוקציע צווייגן. מיר וועלן נאָר נעמען צוויי גרופּעס; מאַשינען-בוי אינסטרומענטן און אפּאַראַטן — איז איינס, עלעקטראָטעכנישע אינדוסטריע — איז צוויי. באַקומען מיר אַזאַ בילד:

1. פּראָדוקציע פון מאַשינען, אינסטרומענטן און אַפּאַראַטן.

א) קראַפט-מאַשינען.

1. לאָקאָמאָטיוון.
2. לאָ אָמאָבילן.
3. אַנדערע קראַפט מאַשינען.

ב) אַנדערע מאַשינען בכלל.

1. מאַשינען צום באַאַרבעטן מעטאַלן, האָלץ, שטיינער און אַנדערע מאַטעריאַלן.
2. פּלוגן:
3. אויפהייב־קראַנען און טראַנספּאָרט מאַשינען.
4. אַנדערע מאַשינען.

ג) אַרבעטס-מאַשינען אין באַזונדערע צווייגן.
1. וועב-מאַשינען.
2. אַגראַר-מאַשינען.
3. ספּעציעלע מאַשינען צום באַקומען רוי-מאַטעריאַלן
4. ספּעציעלע מאַשינען פאַר דער געווער- און אַמוניציע אינדוסטריע.
5. ספּעציעלע מאַשינען אויסצואַרבעטן איידעלע פאַבריקאַטן.
6. פּראָדוקציע פון פאַרשידענע מאַשינען.

ד) וואַרשטאַטן צו פאַרריכטן מאַשינען.

ה) קעסלען, אַפּאַראַטן און אינווענטאַר.
1. דאַמף-קעסלען.
2. קעסלען, אַפּאַראַטן און אינווענטאַר פאַר ספּעציעלע צווייגן (חוץ אַרבעטס-מאַשינען).

ו) אינסטרומענטן פאַר מאַשינען און מאַשינען-טיילן.
1. אינסטרומענטן פאַר מאַשינען.
2. מאַשין-טיילן.

ז) בוי פון מילן.

ח) שיף-בוי און בוי פון שיף-מאַשינען.

ט) בוי פון לופט-שיפן און פלי-אַפּאַראַטן און זייערע טיילן

י) גאַז-מאַסקעס.

כ) די פּראָדוקציע פון פאַרקער-מיטלען.
1. ראָווערן און זייערע טיילן.
2. מאָטאָרן.
3. בוי פון אייזנבאַנען.
4. בוי פון וועגן און קאַרעטעס.
5. פּראָדוקציע פון אַנדערע פאַרקער-מיטלען, חוץ וואַסער-און לופט-מיטלען

ל) פּראָדוקציע פון זייגערס און זייערע טיילן.

מ) פּראָדוקציע פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטן.

ג) אָפּטישע און איידעלע מעכאַנישע אויסאַרבעטונגען, און אויך די צוגרייטונג פון זאָאָלאָגישע און מיקראָס-קאָפּישע אפּאַראַטן.

1. די צוגרייטונג פון אָפּטישע און איידעלע מע-כאַנישע אינסטרומענטן, ווי אויך פאָטאָגראַפישע אפּאַראטן.

2. די צוגרייטונג פון כירורגישע אינסטרומענטן און אַפּאַראַטן.

3. די צוגרייטונג פון זאָאָלאָגישע און מיקראָסקאָ-פישע אַפּאַראַטן.

ס) די צוגרייטונג פון שײַנען און לאָמפּן (חוץ די וואָס געהערן צו דער עלע טראָטעכניק).

2. עלע־ראָטעכנישע אינדוסטרי.

א) פּראָדוקציע פון דינאמאָמאַשינען און עלעקטראמאטאָרן

ב) פּראָדוקציע פון אקומולאַטאָרן און עלעמענטן.

ג) „ „ קאַבעלן און איזאָלירטע דראָטן.

ד) „ „ עלעקטרישע אויסמעסט-מכשירים, ציי-לער און זייגער.

ה) פּראָדוקציע פון עלעקטרישע אַפּאַראַטן און פעסטגע-שטעלטן אינווענטאר.

ו) פּראָדוקציע פון לאָמפּן און פּראָזשעקטאָרן.

ז) „ „ מעדיצינישע מיטלען.

ח) „ „ן אַפּאַראַטן פון שוואַכן שטראָם.

ט) „ „ עלעקטרישע איזאָלירונג מכשירים.

י) „ „ אויסאַרבעטונגען פון גרויסע פירמען.

כ) „ „ פאַרריכט־וואַרשטאַטן פאַר עלעקטראָטעכ-נישע אויסאַרבעטונגען פון כל רליי מינים.

(Rudolf Meerwarth: „Eileitung in die Wirtschaftsstatistik“, Jena, Gustav Fischer, 1920, S. 43-44).

מ׳דאַרף נאָר פאַרגלייכן דעם דאָזיקן צעטל מיט די „מאַ-שינען“, וועגן וועלכע ס׳דערמאָנט אריסטאָטעלעס אָדער וויטרוווי כדי צו פאַרשטיין דעם קאָלאָסאַלן אונטערשיד

צווישן דער טעכניק פון דער אַנטיקער געזעלשאַפט און דער טעכניק פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. נאָר פּונקט אַזוי ווי די אַנטיקע טעכניק האָט מיט זיך באַשטימט די אַנטיקע עקאָנאָמיק, אזוי אויך באשטימט מיט זיך די קאַפּיטאַליסטישע טעכניק די הײַנטצײַטיקע עקאָנאָמיק. אויב מ'וואָלט געקאָנט איבערציילן די באַפעלקערונג, לאָמיר זאָגן, פון אַלטן רוים און פון דעם היינטצייטיקן בערלין אָדער לאָנדאָן, און איינטיילן די באַפעלקערונג לויט דער פּראָפעסיע, לויטן מין באַשעפטיקונג, דאַן וואָלט קלאָר געוואָרן דער טיפער תהום, וואָס טיילט אונז אָפּ פון אַלטערטום". היינט האָבן מיר אַזעלכע אַרבעטער (אָפּהענגיק פון דער מאַשין — טעכניק), וואָס זענען דאַן נישט געווען בנמצא. אַנשטאָט בעלי־מלאכות (עפּיס (fabri jerrari)1) געפינען זיך ביי אונז עלעקטראָטעכניקער, מאָנטירן, אינסטאַלאַטאָרן, מעכאַניקער, קעסלער, מעטאַל־טאָקער, פרעזערן, אָפּטיקער, זעצער, ליטאָגראַפן, אייזנבאַנער, מאַשיניסטן. שאָפערן, האמערקלאַפּער ביי אַ דאַמף־האַמער, אַרבעטער ביי שנייד־מאַשינען, היי־מאַשינען, סנאָפּ־מאַשינען, ביי דאַמף־אַקער־אייזן, אינזשענירן־עלעקטראָטעכנישע כעמיקער, ספּעציאַליסטן צו דאַמף־קעסלען, זעצער אויף אַ זעץ־מאַשין א. א. וו. א. א. וו. אַזעלכע מינים אַרבעטער זענען אַפילו לויטן נאָמען נישט געווען, ווייל ס'זענען אַפילו נישט געווען, אַנטשפּרעכנדיקע פּראָדוקציע צווייגן און ס'זענען נישט געווען אַנטשפּרעכנדיקע אַרבעטס־מכשירים. נאָר אויב מיר וועלן איבערגיין צו אַזאַ מין אַרבעטער, וואָס האָבן אויך דעמזעלבן נאָמען און זיי אַרבעטן אין דעם צווייג, וואָס האָט עקזיסטירט אויך פריער, וועט ביי אונז זיין אַלץ נישט דער זעלבער. און טאַקי. וואָס פאַראַ געמיינזאַמעס איז פאַראַ, צווישן דעם היינטצייטיקן וועבער, וואָס אַרבעט אין א גרויסער טעקסטיל־פאַבריק, און דעם בעל־מלאכה אָדער קנעכט פון אַנטיקן גריכנלאַנד אָדער רוים? דאָס איז געווען אַ גאָר אַנדערער מענטש, וואָס וואָלט

1) אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט מיט אייזן.

זיך אזוי באַקוועם געפילט אין דער הײַנטצײַטיקער וועב-פאַב-
ריק, ווי יוליוס צעזאַר אין אַ וואגאָן פון דער ניו־יאָרקער אונ-
טערערדישער באַן. מיר האָבן אנדערע אַרבעטער=כוחות פון אַן אַנ-
דערער ארבעטס־קוואַליפיקאַציע. אונזערע אַרבעט-כוחות זענען פּראָ-
דוקטן פון אַן אַנדערער טעכניק, צו וועלכע זיי זענען צוגעפּאַסט-

אויבן האבן מיר באַמערקט, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַן אומצײַ=
טיקע מענגע פּראָדוקציע צווייגן, וואָס זענען פריער נישט געווען.
דאָס הייסט, קודם כל, אַז אין דער קאפּיטאַליסטישער געזעל=
שאַפט עקזיסטירט אַגאָר אַנדערע איינטיילונג פון דער געזעל-
שאַפטלעכער ארבעט. אָבער די איינטיילונג פון דער געזעל-
שאפטלעכער ארבעט איז איינע פון די הויפּט פּראָדוקציע באַ-
ציִונגען. אויף וואָס באזירט די הײַנטצײַטיקע אַרבעט=
איינטיילונג? ס׳איז נישט שווער צו זען, אַז זי ווערט באשטימט
דורך די הײַנטצײַטיקע אַרבעטס-מכשירים, כאַראַקטער, מין,
קאָמבינאַציע פון מאַשינען און מכשירים ד.ה. די טעכנישעסיסטעם פון
דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. לאָמיר אַקוק טון אויף דער
פאָרם פון דער הײַנטצײַטיקער אונטערנעמונג. דאָס איז אַ גרויסע
פאַבריק. דאָס איז נישט די קליינע פּראָדוצירנדיקע איינס, נישט
דיווירטשאַפט פון א בעל-מלאכה, אפילו נישט די היימישע
ווירטשאַפט פון אַ לאַטיפונדיע=אייגנטימער. דאָס איז אַ ריזיקע
אָרגאַניזאַציע, וואָס שליסט איין אין איר געבוי טויזנטער מענ-
טשן, וואָס זענען צעשטעלט אין אַ באַשטימטער אָרדענונג, אויף
באַשטימטע ערטער, וואָס פילן אויס א שטרענג באשטימטע ארבעט.
אויב מיר וועלן נעמען, אזוי צו זאָגן, א מוסטער פון אקאַפּי-
טאַליסטישער אונטערנעמונג, למשל., פאָרדס אויטאָמאָביל-פאַבריק
אין דעטראָיט (דרום=אַמעריקאַ), ווארפט זיך אונז באַלד אין
די אויגן איר ספּעציפישע (בעזונדערע) הײַנטצײַטיקע פאָרם.
די גענויע אַרבעט=איינטיילונג, איר מאַשין-כאַראַקטער, דער אוי-
טאָמאַטישער כאַראקטער פון די מאַשינען און די קאָנטראָל מצד
די ארבעטער, די שטרענגע קאָנזעקווענטקייט פון די אָפּעראַציעס
ו. א.וו. אויף באַוועגלעכע פּלאַטפאָרמען ליגן טיילן פון א פּראָ=
דוקט. די שטייענדיקע ביי זייערע מאַשינען און מכשירים אר-

יעטער פון פאַרשידענע סאָרטען און פאַרשידענע קוואַליפיקאַציעס פירן אויס צו דער ריכטיקער צייט זייער אָפּעראַציע איבער דעם „דורכפאָרנדיקן" אויף דער פּלאַטפאָרם האַלב=פאַבריקאַט. דער גאַנצער אַרבעטס-גאַנג איז אויסגערעכנט אויף סעקונדעס. ס'איז אויסגערעכנט יעדע איבערשטעלונג פון, אַרבעטער, יעדע באַוועגונג פון זיינע הענט און יעדער בויג פון זיין קערפּער. דער „פּערסאָנאַל" טוט אַלטונג אויפ'ן אַלגעמיינעם גאַנג פון דער אַרבעט. אַלץ איז געבויט אויפ'ן זייגער, אויפ'ן כראָנאָמעטער. דאָס איז די אַרבעטס איינטיילונג און איר „וויסענשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע" לויט טיילאָרס סיסטעם. אַזאַ פאַבריק איז אויך, אויב מיר בעטראַכטען איר מענטשלעכן געבוי ד. ה. די באַציונגען צווישן מענטשן, אַ פּראָדוקציע באַציונג. און ווידער מאָל. מיט וואָס ווערט בעשטימט די צעשטעלונג פון די מענטשן? מיט וואָס ווערט באַשטימט זייערע באַציונגען איינער צום צווייטן? דורך דער טעכניק, דורך דער סיסטעם פון די מאַשינען, דורך דער אָרגאַניזאַציע פון זאַכלעכן פאַבריק אַפּאַראַט.

אַלס דעם אַנטשיידנסטן פאַקטאָר פון דער אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט דאַרף מען אָנערקענען די היינטציי־טיקע אַנטוויקלונג פון דער טעכניק...

אויף דעם זאַוואָד איז די מאַשין נישט אַ בת יחידה. די מאַשינען זענען צעטיילט אויף גרופּן. זיי זענען פאַרבונדן מיט דער קרובה'שאַפט אָדער מיט דער קאָנזעקווענטקייט פון די אָפּעראַציעס. דער איבערגאַנג פון אַרבעט פון איין וועב-שטול אויף אַ צווייטער, דער זאַוואָד=טראַנספּאָרט... דאָס זענען אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר די טעכנישע אָנפירער, ווי אַ סכום, וואָס ליגט אונטער אויסרעכנונג און אָרגאַניזאַציע. דער פּלאַן פון די צעכן, דאָס אויספּלאַנירן די וועב שטולן און אַלע אַרבעטס=ערטער, דער הויפּט און אַלטעגלעכער טראַנס=פּאָרט ווערן פּונקט אַזוי רעגלאַמענטירט, אויטאָמאַטיזירט

נאָרמאַליזירט... און שטופנווייז ווערט דאָס פאַרוואַנדלט
אין אן איידל, אויסגערעכנט דורך פירונגס-מאַשינען, אונ=
טערנעמונג. אין דער אַלגעמיינער סיסטעם
פון דער דאָזיקער באַוועגונג פון זאכן איז דאָס א יי
בעררוקן זיך פון אַמענטש און זיין צו-
ריקווירקונג אויף אַנדערע... אָפט א באַשטימטוועגדי=
קע אָאַזע. ס'האָט זיך באַוויזן אַ סיסטעם פון דער וויס=
שאַפטלעכער אדמיניסטראַציע". א. גאסטעוו: "אונ-
זערע אויפגאבן". "אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט". חודש-בוך
פון אַרבעטס-אינסטיטוט, № 1 מאָסקווע 1921, זייט
13—11). כדי מ'זאָל באַקומען אַ באַגריף וועגן די סימנים
פון די גרויסע מעטאַלישע זאַוואָדן, וועלן מיר א יסרע-
כענען די סימנים פון די רוסישע זאוואָדן: מעכאַנישע,
עלעקטרישע, שמידישע, קעסלישע, גיסער'שע, שטאָל-
גיסער'שע, טשוגון-גיסער'שע, אייזן-שטאָל-וואַלקעריי, טער-
מישע באַאַרבעטונג פון מעטאַלן, מאַרטענס הויז-אויוונס,
סימענס אויוונס, טיגל, לאויועט-בוי, האָלץ-איבע אַרבעט,
בוי, — הילפס. אויפן פוטילאָווער זאַוואָד זענען אין
1914-16 געווען פאָלגנדיקע קאַטעגאָריעס אַרבעטער: שלאָ=
סער, טאָקער, פרעזירער, אַרומטעסער, אַרבעטער ביי בוי=
ער מאַשינען, אַרומקלאַפער, גיסער, מאָנטערן, שמידן
אַרבעטער ביי מעכאַנישע האַמער, פרעסער, וואַלצעווער,
קעסל=הייצער, עלטסטע ביים אויוון, מאַשיניסטן, אויוון
באַדינער, פאָרמירער, רימער, טאַפעצירער, טישלער, טשעש-
לער, מאַלער, קעסלער, בלעכער אַרבעטער, מענער-שוואַרצ-
אַרבעטער, פרויען=שוואַרצע אַרבעטער. זע "ידיעות-ברענ-
גער פון מעטאַל-אַרבעטער". פעטערבורג 1917, ז. 13)
שוין אַ סך נעמען באַווייזן, אַז דער געגעבענער מין
אַרבעט איז פאַרבונדן מיט באַשטימטע מכשירים, מעטאַלן,
אינסטרומענטן. ביי אַ באַשטימטע קאָמבינאַציע פון די
דאָזיקע אַרבעטס-מכשירים, פון זייער אַוועקשטעל

איז אויף דער אונטערנעמונג: אויך פאַראַן אַזאַ באַשטימטע אויספּלאַנירונג פון מענטשן. דאָס צווייטע ווערט באַשטימט דורכן ערשטן.

אַזוי אַרום ווערן די פּראָדוקציע־באַציונגען פון דער גרויסער *פּראָדוקציע* באַשטימט דורך דער טעכניק. און פּונקט אַזוי, ווי פון דער טעכניק פון אַנטיקן גריכנלאַנד און רוים האָבן אַרויסגעשפּראָצט פּראָדוקציע־באַציונגען, וואָס זענען טיפּיש פאַר דער קליינער און מיטלער פּראָדוקציע, פּונקט אַזוי שטאַמען אַרויס באַציונגען פון דער גרויסער פּראָדוקציע. צווישן דער געזעלשאַפטלעכער טעכניק און דער געזעלשאַפטלעכער עקאָנאָמיק איז פאַראַן אי דאָ, אי דאָרט, אַ בקירבדיקע גלייכגעוויכט.

ענדלעך, האָבן מיר געזען, אַז די שוואַכקייט פון דער טעכניק פון דער אַנטיקער וועלט האָט געברענגט צו דער שוואַכקייט פון אויסטויש, — צו דעם, וואָס די ווירטשאַפט האָט געטראָגן הויפּטזעכלעך אַ *נאַטירלעכן* כאַראַקטער: די צוזאַמענהאַנגען צווישן די ווירטשאַפטן זענען געווען זייער נישט פעסטע: דאָס זענען אויך באַשטימטע פּראָדוקציע־באַציונגען. פאַרקערט, די היינטצייטיקע קאַפּיטאַליסטישע טעכניק דערלויבט זיך אַרויסצווואַרפן ריזיקע מאַסן פּראָדוקטן. און אפילו די אַרבעט־איינטיילונג ברענגט צו דעם, וואָס די גאַנצע פּראָדוקציע איז אויסגערעכנט אויפן מאַרק: דער פאַבריקאַנט גופא טראָגט דאָך נישט די שעלקעס, די מיליאָנען שעלקעס, וואָס זיין פאַבריק וואַרפט אַרויס! אַזוי אַרום זענען די פּראָדוקציע־באַציונגען פון דער סחורה־ווירטשאַפט א פּועל־יוצא פון דער אַנטשפּרעכנדיקער טעכניק.

מיר זענען צוגעגאַנגען צו דער פראַגע פון פאַרשידענע זייטן: ערשטנס, וואָס פאַרא אַרבעטער כּוחות זענען פאַראַן, צווייטנס, וואָס פאַרא אַרבעטס־איינטיילונג איז פאַראַן צווישן זיי; דריטנס, וואָס פאַרא פאַרנעם פון פּראָדוקציע, ד. ה. אין וואָסער

מאָס און אין וואָסער מאַסשטאַב זענען אָרגאַניזירט די מענטשן אין איינצעלנע ווירטשאַפטן; פּערטנס, וואָס פאַרא באַציונגען עקזיס־טירן צווישן איינצעלנע ווירטשאַפטן, און אומעטום, לויטן ביי־שפּיל פון די צוויי פאַרשידענע געזעלשאַפטן (אַנטיקע און היינט־צייטיקע), זענען מיר געקומען צום אויספיר, אַז די קאָמבינאַציעס פון אַרבעטס־מכשירים, די געזעלשאַפטלעכע טעכניק באַשטימט מיט זיך די קאָמבינאַציעס און באַציונגען פון מענטשן, ד. ה. די געזעלשאַפטלעכע עקאָנאָמיק.

דאָך איז עס אָבער נאָר איין זייט, איין טייל פון די פּראָדוקציע־באַציונגען. איצטער דאַרפן מיר זיך אָפּשטעלן אויף אַ צווייטער אויסערגעוויינלעך וויכטיקער און אויסערגעוויינלעך וועזנטלעכער פראַגע, נעמלעך, אויף דער פראַגע וועגן די געזעלשאַפטלעכע קלאַסן. אויספירלעך וועט אונז אויס־קומען צו רעדן וועגן דעם שפּעטער. דאָ אָבער דאַרף מען זי באַטראַכטן פון שטאַנדפּונקט פון פּראָדוקציע־באַציונגען.

בעת מיר האָבן באַטראַכט די באַציונגען פון מענטשן אין דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס, האָבן מיר כמעט אומעטום (חוץ בעת דעם אַזוי גערופענעם פּרימיטיוון קאָמוניזם) געזען, אַז מענטשן פון גרופּן אָרדנען זיך אין אַזוי, אַז איין גרופּע שטייט נישט גלייך נאָר איבער דער צווייטער. לאָמיר נעמען די באַציונגען בעת דער „לייב־קנעכטשאַפט". אויבן פּריצים — אונטער זיי אַ פאַר־וואַלטער, בורגערמייסטער, אָנגעשטעלטע, — און אונטער זיי, לויט דער ריי, פּויערים. לאָמיר נעמען קאַפּיטאַליסטישע פּראָ־דוקציע־באַציונגען און אויך דאָ וועלן מיר דערזען, אַז אין דעם אַרבעטס־פּראָצעס טיילן זיך מענטשן נישט נאָר אויף גיסער, מאָנ־טערן, אייזנבאַנער, טאַבאַק־אַרבעטער א. א. וו., וועלכע, נישט קוקנדיק אויף דער פאַרשידנאַרטיקייט פון זייער באַשעפטיקונג, דאָך אַרבעטן זיי לויט איין טיפּ, שטייען „מיט איין פוס" אין דער פּראָדוקציע. דאָ ווען מיר אויך זען, אַז איין גרופּע מענטשן שטייט אין אַרבעטס־פּראָצעס איבער דער אַנדערער;

איבער אַרבעטער-משרתים (דורכשניטלעכער טעכנישער פּערסאָ=
נאַל: מייסטערס, אינזשינירן, טעכניקער, אַגראָנאָמען א. אַ. וו.);
איבער די משרתים — העכערע (פּאַרוואַלטער, דירעקטאָר);
איבער זיי — אַזוי גערופענע אייגנטימער פון אונטערנעמונגען,
קאַפּיטאַליסטן, העכערע קאָמאַנדירן און אויבערשטע אָנפירער
מיטן גורל פון דעם פּראָדוקציע-פּראָצעס. לאָמיר ווייטער נעמען
די לאַטיפונדיע פון דעם רוימישן פריץ=גביר: דאָ איז אויך פאַראַן אַ
גאַנצע לייטער פון מענטשן: אויפן נידריקן שטאַפּל — שקלאַפן
(„רעדנדיקע מכשירים“ — „instrumenta vocalia“) ווי די
רוימער האָבן זיי אָנגערופן, אין אונטערשיד פון די „האַלברעדנ=
דיקע מכשירים“, ד. ה. פון דער ברימענדיקער פיך, און פון די
„שטומע מכשירים“, ד. ה. זאַכן); נאָך די שקלאַפן גייען זיי=
ערע אָנטרייבער, אויפזעער א. א. וו.; ווייטער — פאַרוואַלטער;
צום סוף — דער באַלעבאָס פון דער לאַטיפונדיע און זיין געערטע
פאַמיליע (די פרוי איז געוויינלעך געשטאַנען בראָש פון אַ טייל
הויז-אַרבעטן). אפילו אַ בלינדער זעט, אַז ס'איז פאַראַן
פאַרשידענע טיפּן באַציונגען צווישן די אַרבעטנדיקע מענטשן.
אַלע אויסגערעכנטע פּערזאָנען נעמען אַזאָ אָדער אַן אַנדערן אנטייל
אינם אַרבעטס-פּראָצעס און זיי געפינען זיך דעריבער אין געוויסע
באַציונגען איינער צום צווייטן. דעריבער דאַרף מען זיי אַלע
צעטיילן אויף פאַרשידענע מינים גרופּעס. מ'קען זיי איינטיילן
לויט דער ספּעציאַליטעט, לויט דער פּראָפעסיע, לויט קלאַסן.
ווען מיר צעטיילן זיי לויט דער פּראָפעסיע אָדער ספּעציאַליטעט,
באַקומען מיר שמידן, שלאָסער, טאָקער א. א.; ווייטער — אינ=
זשיניערן-כעמיקער, אינזשיניערן-מעכאַניקער, אינזשיניערן-ספּעציאַ-
ליסטן צו דאַמף קעסלען, אָדער צו אויסאַרבעטונג פון מאַטער=
יאַלן אָדער לאָקאָמאָטיוון א. א. אָבער מ'זעט קלאָר, אַז אַ
שלאָסער, טאָקער, מאַשיניסט און לאָדעווער — דאָס איז איין
זאַך; אַן אינזשיניער, אַגראָנאָם א. א. וו. — שוין גאָר עפּעס
אַנדערש; און אַ קאַפּיטאַליסט, וואָס באַפעלט מיט דעם אַלע-
מען, — דאָס איז שוין לגמרי אַן אַנדערע זאַך. מ'קען נישט
אַריינשטעלן די אַלע מענטשן אין איין ראַם. יעדער וועט באַ-

מערקן, אז ביי דעם גאַנצן אונטערשיד פון אַרבעט ביים שלאָ-סער, טאָקער, זעצער — האָבן זיי דאָך צו זיך אַ שייכות אין אַרבעטס־פּראָצעס פון אַלגעמיינער אַרבעט. דער שלאָסער איז אינזשעניר לויט איין אופן, דער שלאָסער און דער קאַפּיטאַליסט לויט אַ גאַנץ אַבסאָלוט אַנדערן. נאָך מער, ס'איז קלאָר צו באַמערקן אַט וואָס: דער שלאָסער, טאָקער, זעצער, אַלע צוזאַ-מען און באַזונדער, געפינען זיך אין די זעלבע באַציונגען, נאָך ווייטערע באַציונגען צו אַלע אינזשעניערן און אין די זעלבע, נאָך ווייטערע באַציונגען, צו אַלע איבערשטע באַ-פעלער, פּראָדוקציע-קאָמאַנדירן און „אינדוסטריעלע קאַפּיטאַנען", קאַפּיטאַליסטן. דאָ זענען פאַראַן די גרעסטע אונטערשידן אין דער פּראָדוקציע-ראָל, אין דעם פּראָדוקציע-באַדייטונג, אין טיפּ, אין כאַראַקטער פון די באַציונגען צווישן מענטשן: דער קאַפּי-טאַליסט אין דער פאַבריק צעשטעלט און אָרדנט איין די אַר-בעטער אַזוי, ווי ער צעשטעלט די זאַכן-מכשירים; די אַרבעטער אָבער „צעשטעלן" נישט די קאַפּיטאַליסטן (דערוויל רעדט זיך, פאַרשטייט זיך, וועגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג): זיי „ווערן צעשטעלט" דורך די דאָזיקע קאַפּיטאַליסטן. דאָ איז פאַ-ראַן די באַציונג פון הערשאַפט — אונטערטעניקייט, ווי קאַרל מאַרקס זאָגט Herschafts- und Knechtschafts-verhältnis קאָמאַנדע פון קאַפּיטאַל („Komando des Kapitals"). אָט די פולשטענדיק־פאַרשידענע ראָל אין דעם פּראָדוקציע פּראָצעס איז דער יסוד פון דער איינטיילונג פון מענטשן אויף פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן.

דאָ דאַרפן מיר לייגן אַכט אויף איין זייער וויכטיקן פאַקט. פון דעם פריער געזאָגטען ווייסן מיר שוין, אז אין פּראָצעס פון געזעלשאַפטלעכער רעפּראָדוקציע גייט אויך אַריין דער איינטיילונגס פּראָצעס. דער איינטיילונגס-פּראָ-צעס איז, אַזוי צו זאָגן, די פאַרקערטע זייט פון דעם פּראָצעס פון דער געזעלשאַפטלעכער רעפּראָדוקציע. וואָס-זשע איז דאָס דער איינטיילונגס פּראָצעס, אויב מ'זאָל אים אייבערלעכער בע-

טראַכטן? און ווי אַזוי איז ער צוזאַמענגעבונדען מיט דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס?

מאַרקס שרייבט וועגן דעם פאָלגנדיקס: (Einleitungen einer kritik der Politischen Oekonomie) די איינטיילונג (Distribution) אין וולגאַרען (פּשוטן) באַגריף שטעלט זיך פאָר ווי די איינטיילונג פון פּראָדוקטן; נאָך מער ווי עפּעס אַן אָפּגעטיילטעס אין דער פּראָדוקציע און ווי אַ זעלבסטשטענדיקע אין באַצוג צו איר. נאָר פריער, איידער די איינטיילונג ווערט אַן איינטיילונג פון די פּראָדוקטן, איז זי, ערשטענס, אַן אנטיילונג פון די פּראָדוקציע מכשירים (der Produkcions instrumente) און צווייטנס, — וואָס איז אַ ווייטערדיקע באַשטימונג פון דערזעלבער שייכות, — די איינטיילונג פון די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט צווישן פאַרשידענע פּראָדוקציע פאָרמען (דאָס אונטערוואַרפן זיך פון די אינדיווידואומען אונטער באַשטימטע פּראָדוקציע באַציונגען) די פּראָדוקטען—איינטיילונג איז, בעשיינפעלעך, אַ רעזולטאַט פון דער דאָזיקער איינטיילונג, וואָס שליסט זיך גופאָ איין אין דעם פּראָדוקציע-פּראָצעס die inerhalb des Produktions proze-sses selbst einbegriffen ist און וועלכע באַשטימט די צערגלידערונג פון דער דאָזיקער פּראָדוקציע. באַטראַכטן די פּראָדוקציע, אַחעקקוקנדיק פון דער איינגעשלאָסענער אין איר איינטיילונג — איז אַ הוילע אַבסטראַקציע; פאַרקערט, צוזאַמען מיט דער דאָזיקער איינטיילונג, וואָס בילדעט אַ מאָמענט (אין זין עלעמענט נ.ב.) פון דער פּראָדוקציע, איז די איינטיילונג פון ר א ד ו ק ט ן געגעבן מיט זיך אליין (אומעטום אונזער קורסיוו, נ. ב.) די דאָזיקע באַהויפּטונג מאַרקסנס דאַרף מען אַנאַליזירן.

פריער פאַר אַלץ זעען מיר, אַז דער פּראָדוקציע-פּראָצעס פון די פּראָדוקטן באַשטימט מיט זיך דעם איינטיילונג פּראָצעס פון די פּראָדוקטן. אויב, למשל, די פּראָדוקציע ווערט געפירט אין אומאָפּהענגיקע, איינצעלנע ווירטשאַפטן (אין איינצעלנע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען, אָדער דורך איינצעל,

נע בעלי־מלאכות), ווערט אין דער דאָזיקער צייט אין יעדער ווירטשאַפט פּראָדוצירט נישט אַלץ, וואָס איז פאַר איר נויטיק, נאָר עפּעס אַ ספּעציעלער פּראָדוקט (אין טייל ווירטשאַפטן־זייגערס, אין אַנדערע — ברויט, און אַנדערע — אייזערנע שלעסער, האַמער, צוואַנגען א. א. וו.), דאַן איז קלאָר, אַז די פּראָדוקציע אײַנטיילונג וועט גיין דורך דער פאַרמיטלונג פון אויסטויש. די מענטשן, וואָס אַרבעטן אויס שלעסער, קענען זיך נישט אָנטון מיט די זעלבע שלעסער אָדער עסן זיי בעתן מיטאָג. און די מענטשן, וואָס פּראָדוצירן ברוט קענען נישט פאַר זייערשפּייכלער מיט ברויט, מיט מעל, זיי דאַרפן שליסן אַ שלאָס און שליסלען. הייסט עס זיי וועלן אומפאַרמײַדלעך טוישן, האַנדלען. הייסט עס, דאָ וועט די פּראָדוקציע־אײַנטיילונג פון די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקטן גייען דורך דער פאַרמיטלונג פון אויסטויש. פון דעם, ווי אַזוי מ׳פּראָדוצירט, פאָלגט אויך דאָס, ווי אַזוי מ׳טיילט איין דעם פּראָדוקט. די אײַנטיילונג פון פּראָדוקט איז בכלל נישט אומאָפּהענגיק פון דער פּראָדוקציע פון דעם דאָזיקן פּראָדוקט. פאַרקערט: זי ווערט דורך איר באַשטימט און צוזאַמען מיט איר איז זי אַ טייל פון דער מאַטעריעלער געזעלשאַפטלעכער רעפּראָדוקציע.

אָבער די פּראָדוקציע גופא שליסט אין זיך איין צוויי אַנדערע „אײַנטיילונגען״: ערשטנס, די אײַנטיילונג פון מענטשן, זייער אײַנאָרדנונג פון פּראָדוקציע־פּראָצעס, אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער פאַרשידענער ראָל אין דעם פּראָדוצירנדיקן פּראָצעס (וועגן דעם האָבן מיר הויפּטזעכלעך גערעדט אין איצטיקן פאַראַגראַף); צווייטנס, די אײַנטיילונג פון די פּראָדוקציע מכשירים צווישן די מענטשן. די דאָזיקע צוויי „אײַנטיילונגען״ גייען אַרײַן אין סכום פון די באַשטאַנד־טיילן פון דער זעלבער פּראָדוקציע, אָדער, ווי מאַרקס האָט געזאָגט, זיי זענען „אײַנגעשלאָסן״ אין איר. און טאַקע, לאָמיר נעמען אונזערע פריערדיקע בײַשפּילן כאָטש דעם בײַשפּיל מיט דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט

מיר האָבן אין איר געזען די „איינטיילונג פון מענטשן". די דאָזיקע „איינטיילונג", ה. ה. די אויף אַ באַשטימטן אופן צעשטעלטע אין דער פּראָדוקציע מענטשן, טיילן זיך, ווי מ'ר האָבן געזען, אויף קלאַסן. דערביי איז דער יסוד פון דער דאָזיקער דערשיינונג די פאַרשידענע ראָל אין דעם פּראָדוקציע-פּראָצעס. אָבער זעט נאָר! צוזאַמען מיט דער דאָזיקער פאַרשידענער „איינטיילונג פון מענטשן", צוזאַמען מיט דער פאַרשידענער ראָל פון די מענטשן אין דער פּראָדוקציע איז צונויפגעבונדן די איינטיילונג פון די אַרבעטס-מיטלען: אַ קאַפּיטאַליסט, אַן אייגנטימער פון אַ לאַטיפונדיע, אַ גוט-באַזיצער, האָבן צו זייער דיספּאָזיציע די דאָזיקע אַרבעטס-מיטלען (פאַבריק און מאַשינען, גוט- און קאַטאָרגע-וואַרשטאַטן, ערד און געביידעס), אין דער זעלבער צייט, ווען דער אַרבעטער האָט נישט קיין שום פּראָדוקציע-מיטלען, חוץ זיין אַרבעט-קראַפט, דער שקלאַף קען אפילו נישט שאַפן מיט זיין אייגענעם גוף, און דער לייב-קנעכט איז אויך נישט ווייט אַוועק אין דער הינזיכט. אַזוי אַרום זעען מיר, אַז די פאַרשידענע ראָל פון די קלאַסן אין דער פּראָדוקציע באַזירט זיך אויף דער איינטיילונג צווישן די פּראָדוקציע-מיטלען. אין דער לאָנדאָנער צייטונג „פאָלק" (אין די נומערן פון 6-טן און 20-טן אויגוסט 1859) האָט ענגעלס, אָפּרופנדיק זיך וועגן מאַרקסנס „צו דער קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע", געשריבן: „די פּאָליטישע עקאָנאָמיע רעדט נישט וועגן זאַכן, נאָר וועגן באַציִונגען צווישן מענטשן, אין דער לעצטער אינסטאַנץ וועגן דער באַציִונג צווישן קלאַסן. די זעלבע באַציִונגען זענען שטענדיק צוזאַמענגעבונדן מיט די זאַכן און שטעלן זיך פאָר ווי זאַכן. וואָס הייסט דאָס? מיר וועלן דאָס ווידעראַמאָל דערקלערן מיט אַ משל. לאָמיר נעמען די סאַמע געוויינלעכסטע קלאַסן-באַציִונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, די באַציִונגען צווישן די קאַפּיטאַליסטן און די אַרבעטער. מיט וואָסער „זאַך" זענען זיי צוזאַמענגעבונדן? טאַקי מיט דעם

וואָס די קאַפּיטאַליסטן פאַרמאָגן, מיט די פּראָדוקציע־מיטלען, וואָס זיי האָבן צו זייער דיספּאָזיציע און וועלכע זענען אַבסאָ־לוט נישט פאַראַן ביי די אַרבעטער. די דאָזיקע פּראָדוקציע־מיטלען דינען פאַר די קאַפּיטאַליסטן אַלס געווער אַרויסצושלעפּן פאַרדינסטן, א מיטל פון עקספּלואַטאַציע פון אַרבעטער־קלאַס. דאָס זענען נישט פּשוט זאַכן, נאָר זאַכן מיט א באַזונדערער געזעלשאַפטלעכער באַדייטונג. אין וועלכער? אין דעם, וואָס זיי דאָ דינען נישט נאָר אַלס פּראָדוקציע מיטל, נאָר אַלס עקספּלואַ־טאַציע פון געדונגענעם אַרבעטער. מיט אַנדערע ווערטער, אין דער „זאַך" איז אויסגעדרוקט די באַציונג צווישן קלאַסן, אָדער, ווי ענגעלס זאָגט, די באַציונגען צווישן קלאַסן זענען צוגעבונדן צו זאַכן. אין דעם דאָזיקן ביישפּיל איז דאָס דער קאַפּי־טאַל.

אַלזאָ, די באַזונדערע פאָרם פון די פּראָדוקציע באַציונגען, וועלכע באַשטימט אין באַציונגען צווישן קלאַסן, ווערט באַשטימט דורך דער פאַרשידענער ראָל פון די דאָזיקע גרופּן מענטשן אין דעם פּראָדוקציע פּראָצעס און פון דער איינטיילונג צווישן זיי די פּראָדוקציע מיטלען. די איינטיילונג פון די פּראָ־דוקטן איז אינגאַנצען מיט זיי געגעבן.

פאַרוואָס באַקומט דער קאַפּיטאַליסט ריוח? דערפאַר, ווייל ער האָט די פּראָדוקציע־מיטלען; דערפאַר ווייל ער איז א קאַפּיטאַליסט.

די קלאַסן־פּראָדוקציע־באַציונגען, ד. ה. די באַציונגען, וואָס זענען צוזאַמענגעבונדן מיט דער פאַרשידענער איינטיילונג פון די פּראָדוקציע־מיטלען האָבן א באַזונדערס וויכטיקע באַדייטונג אין דער געזעלשאַפט. טאַקע זיי באַשטימען מיט זיך, אין דער ער־שטער ריי, די פאָרם פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט, איר בוי אָדער, ווי מאַרקס האָט דאָס אָנגערופן, איר עקאָנאָמישע סטרוקטור.

די פּראָדוקציע־באַציונגען, ווי יעדער זעט, זענען אויסערגע־וויינלעך פאַרשידן און פילפאַכיק. אויב מ'זאָל נאָך דערמאָנען, אַז מיר באַטראַכטן די פּראָדוקציע־איינטיילונג, ווי א טייל פון

דער רעפּראָדוקציע. דאַן וועט זיין זעלבסט=פאַרשטענדלעך, אז
אין די פּראָדוקציע באַציונגען גייען ארײַן אויך די באַציונגען
צווישן מענטשן אין אײַנטײַלונגס פּראָצעס. די דאָזיקע באַציונגען
זענען אויך אין א קאָמפּליצירטער געזעלשאַפט פאַראַן אין אַ
זייער גרויסער מענגע. די באַציונגען צווישן סוחרים, באַנקירן
האַנדלס = אָנגעשטעלטע, געלט =טוישער, אײַנצל = פאַרקויפער,
אַרבעטער, קאָנסומענטן, פאַרקויפער, קאָמיוואָיאַזשערן, טרעגער.
פאַבריקאַנטן, שיף=אייגנטימער, מאטראָזן. אינזשינירן, מייסטער
א. א. וו. א, א. וו.— דאָס אַלץ זענען פּראָדוקציע באַציונגען. זיי
זענען אין ווירקלעכן לעבן פאַרפּלאָכטן איינער מיט'ן צווייטן
אין פאַרשידנאַרטיקע קאָמבּינאַציעס, אין סאַמע אויסטערלישע קאָמ-
בינאַציעס, אין סאַמע מאָרנע פאָרמען. אָבער צווישן די אַלע
מוסטערן האָט אַ באַזונדערן באַטייט דאָס הויפּט בילד: די באַ-
ציונגען צווישן די גרויסע גרופּן מענטשן, וואָס הייסן (די גרוי=
פּעס) — געזעלשאַפטלעכע קלאַסן. פון דעם, וואָ=
טערע קלאַסן עס עקזיסטירן אין דער געזעלשאַפט, ווי די דאָזיקע
קלאַסן זענען צעשטעלט איינער אין באַצוג צום צווייטן, וואָסער
ראָל זיי שפּילן אין דעם פּראָדוקציע פּראָצעס, ווי אַזוי ס'זענען
צעטיילט די אַרבעטס=מכשירים — פון דעם אַלעמען איז אָפּ
■ענגיק אויך דאָס, וואָס פּ:רא געזעלשאַפט מיר האָבען פאַר
זיך. פון אויבן — קאַפּיטאַליסט, אונטן — לוין אַרבעטער —
דאָס איז אַ קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט; אויבן דער גוט-אייגנ-
טימער, וואָס שאַפט מיט די אַלע זאַכן און מיט די אַלע מענ-
טשן פון הויט און האָר,— דאָס איז אַ שקלאַפן-אָרדענונג; פון
אויבן אַרבעטער, וואָס שאַפן מיט אַלץ; דאָס איז די אָרדענונג
פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, א. א. וו.

פאַרשטייט זיך, ווען ס'זענען בכלל נישטאָ קיין קלאַסן,
הייסט דאָס נישט, אַז די געזעלשאַפט איז פאַרשווינדן. דאָס
הייסט, אז ס'איז נישטאָ קיין קלאסן געזעלשאַפט. אזא
איז, צ. ב., די פּרימיטיווע קאָמוניסטישע געזעלשאַפט, אזא
וועט אויך זיין די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט פון דער צוקונפט.

איצט האבן מיר אזא פראבלעם. מיר האבן פריער געזען, אז די פראדוקציע=באַציונגען טוישן זיך צוזאמען מיט דער געזעלשאפטלעכער טעכניק. צי גילט די דאזיקע באהויפּטונג פאר די פראדוקציע באציונגען, וועלכע זענען אויך אין דער זעלבער צייט באַציונגען צווישן קלאַסן? מ׳דארף נאר אקוק טון אויף דעם אמתן גאנג פון דער אנטוויקלונג פון אב־ליביקער געזעלשאפט, כדי מ׳זאל זיך באלט איבערצייגן אין דעם, אז די דאזיקע באהויפּטונג איז ריכטיק. פאר די אויגען פון דעם איצטיקן דור, למשל, איז פאָרגעקומען אקאָלאסאלע ענדערונג ביי די קלאסן. ערשט אינגאנצן מיט עטלעכע צענדליקער יארן צוריק איז נאך געווען א באטייטנדיקער קלאס פון זעלבסשטענדיקע בעלי=מלאכות. און ער האט שנעל אנגעהויבן זיך צערפאלן. פארוואס? ס׳איז אויפגעוואקסן די מאשין=טעכניק, צוזאמען מיט איר די גרויסע פראדוקציע, די פאבריק=סיסטעם. צוזאמען מיט דעם איז פון זיין זייט געוואקסן דער פראלעטאריאט, געוואקסן די אינדוסטריעלע גרויסע בורשואזיע און ס׳איז פארשווינדן די מלאכה. די קלאַסן־גרופּירונג איז געווען אן אנדערע. אנדערש, פארשטייט זיך, קען גארנישט זיין. ווארום, ווען עס ענדערט זיך די טעכניק, ענדערט זיך אויך די ארבעט=איינטיילונג אין דער געזעלשאפט, ס׳פארשווינדן אדער ס׳ווערן ווייניקער וויכטיק טייל פונקציעס אין דער פראדוקציע, ס׳באווייזן זיך נייע א. א. וו. צוזאמען מיט דעם טוישט זיך אויך די קלאסן=גרופּירונג. ווען די פראָדוקציע כוחות פון דער געזעלשאפט זענען שוואך אנטוויקלט, דאן זענען אין איר אויך שוואך אנטוויקלט די אינדוסטרי און די געזעלשאפטלעכע ווירטשאפט טראָגט אן אגראר ווירטשאפטלעכן כאראקטער.

ס׳איז נישט קיין חכמה צו פארשטיין, אַז אין אזא געזעלשאַפט הערשן די דאָרפישע קלאַסן און בראש פון דער גאַנצער געזעלשאַפט שטייט אַ קלאַס פון גרויסע גוט־באַזיצער, ערד=באזיצער. פאַרקערט, ווען די פראָדוצירנדיקע כוחות אין דער געזעלשאפט זענען שוין א הויך אנטוויקלטע זאך דאַן איז פאַראַן אַ מעכטיקע אינדוסטרי, שטעט, פאַבריק=שטעטלך א. א. וו. אָבער מיט דעם אַליין באַקומען אַ ריזיקן באַטייט טאַקי

די שטאָטישע קלאַסן: דער גוט־באַזיצער גייט אַוועק אויפן
אונטערשטן פּלאַן פאַר דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע אָדער
פאַר אַנדערע טיילן פון דער בורזשואַזיע. דער פּראָלעטאַר־
יאַט ווערט אַ מעכטיקע קראַפט. ס'איז אַן פאַר זיך באַשייני־
פערלעך, אַז די שטענדיקע איבערגרופּירונג פון די קלאַסן קען
פולשטענדיק ענדערן די פאָרם פון דער געזעלשאַפט. דאָס וועט
זיין דאַן, ווען אַ קלאַס, וואָס איז געווען אונטן, וועט שטיין
אויבן. ווי אזוי דאָס געשעט — וועגן דעם וועלן מיר רעדן
אין דעם נאָ־נטסטן קאפּיטל. דערווייל איז פאַר אונז גענוג,
אַז די קלאַסן־באַציונגען — דער ווי‍כטיקסטער טייל פון די
פּראָדוקציע באַציונגען — ענדערן זיך פּונקט אַזוי אין צוזאַ־
מענהאַנג מיט דער ענדערונג פון די
פּראָדוקציע כוחות. „אָפּהענגיק פון כאַראַקטער פון
די פּראָדוקציע מיטלען טוישן זיך אויך די געזעלשאַפטלעכע
באַציונגען ביי די פּראָדוצירער איינער צום צווייטן, ס'ענדערן
זיך די באַציונגען פון זייער געמיינזאַמער טעטיקייט און זייער
אַנטייל אין דעם גאַנצן פּראָדוקציע־גאַנג. צוזאַמען מיט דער
דערפינדונג פון אַ ניי מלחמה־געווער — אַ פייער־שיסנדיק
געווער — האָט זיך נויטווענדיקערווייז געענדערט די גאַנצע
אינערלעכע אָרגאַניזאַציע פון דער אַרמיי, פּונקט ווי די זעל־
בע קעגנזייטיקע באַציונגען, אין וועלכע ס'גייען אַריין אין דעם
אַרמיי־באַשטאַנד פּערזענלעכקייטן, און אַ דאַנק וועלכע זי
שטעלט מיט זיך פאַר אַן אָרגאַניזירט גאַנצעס. צום סוף האָבן
זיך געענדערט אויך די קעגנזייטיקע באַציונגען פון גאַנצע אַר־
מייען. די געזעלשאַפטלעכע שייכותן פון די פּראָדוצירער, די
געזעלשאַפטלעכע באַציונגען פון דער פּראָדוקציע ענדערן זיך,
פאַלגלעך, צוזאַמען מיט דער ענדערונג און אַנטוויקלונג פון די
מאַטעריעלע פּראָדוקציע־מיטלען, ד. ה. די פּראָדוקציע־כוחות"
ק. מאַרקס: „לוין אַרבעט און קאַפּיטאַל" (Lohnarbeit und
Kapital) מיט אַנדערע ווערטער: די אָרגאַניזאַציע פון יעדער

געגעבענער געזעלשאַפט ווערט באַשטימט מיט דעם צושטאַנד פון אירע פּראָדוקציע-כּוחות. צוזאַמען מיט דער ענדערונג פון דעם דאָזיקן צושטאַנד דאַרף זיך אומבאַדינגט ענדערן, פריער אָדער שפּעטער, אויך די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע. פאָלגלעך געפינט זי זיך אין אַ נישט סטאַבילער גלייכגעוויכט *) אומעטום,

ווו ס'וואַקסן (אָדער פאַלן. נ. ב) די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוצירנדיקע כּוחות". (ג. פּלעכאַנאָוו: וועגן דעם מאַטעריאַליסטישן וועלט פאַרשטיין „קריטיק פון אונזערע קריטיקער", ז. 324).

דער קבוץ פון די פּראָדוקציע־באַציונגען איז אויך די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט. אַנדערש גערעדט — דער פּראָדוקציע-אופן, דאָס איז דער מענטשלעכער אַרבעטס-אַפּאַראַט פון דער געזעלשאַפט איר „רעאַלער יסוד".

באַטראַכטנדיק די פּראָדוקציע באַציונגען, דערפירן מיר דאָ צו דער צעשטעלונג פון מענטשן אין רוים. אין וואָס דריקט זיך אויס די שייכות? אין דעם, וואָס יעדער מענטש האָט, ווי מיר האָבן שוין געשריבן, זיין אָרט, פונקט ווי אַ שרייפל אין א זייגער מעכאַניזם. אט די באַשטימטקייט פון דער סיטואַציע אין רוים, „אויף דעם אַרבעטס־פעלד", מאַכט פון דער דאָזיקער צעשטעלונג", „איינטיילונג", אַ געזעלשאַפטלעכע אַרבעטס=באַציונג. יעדע זאַך, פאַרשטייט זיך, געפינט זיך אין רוים און באַוועגט זיך אין אים, נאָר דאָ זענען מענטשן געבונדן טאַקי מיט דער באַשטימטקייט פון זייערע, אַזוי צו זאָגן, אַרבעטס-פּאָזיציעס, דאָס איז די מאַטעריעלע באַציונג, די זעלבע, ווי די באַציונג פון די טיילן פון אַ זייגער=מעכאַניזם. מ'דאַרף נעמען אין באַטראַכט, אַז די קריטיקער פון היסטאָרישן

מיר מאַכן אויפמערקזאַם יענע לייענער, וואָס וועלן נישט זיין צופרידן מיט דער טעאָריע פון גלייכגעוויכט", אויף דער דאָזיקער טערמינאָלאָגיע.

מאַטעריאַליזם פּלאָנטערן שטענדיק די באַגריפן, אויסנוצנ־דיק דאָס, וואָס דאָס וואָרט „מאַטעריעלער" האָט עטלעכע טייטשן. אזוי צ. ב. „דערפירן" זיי דעם היסטאָרישן פּראָצעס צו די מאַטעריעלע באַדערפענישן אָדער „אינטערעסן", און נאָכדעם טריומפירן זיי מיט אַ לייכטן נצחון איבער דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, באַווייזנדיק ריכטיק, אַז „אינטערעס איז גאָרנישט קיין מאַטעריעלעס אין פילאָזאָפישן זין פון וואָרט, נאר אויף אַ זעעוודיקן אופן עפּעס פּסיכישעס. און אין אמתן, אינטערעס — דאָס איז לגמרי נישט מאטעריע. אָבער די צרה איז, וואָס טייל „אָנהענגער" פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם (וואָס פאַררעכענען, הויפּטזעכלעך, מאַרקסן צו וועמען עס איז פון די בורזשואַזע פילאָזאָפן און זיי זענען נישט איינשטימיק מיט דעם פילאָזאָפישן מאַטעריאַליזם) זענען אויך נישט ווייט פון פּלאָנטערן. אזוי, למשל, זעט מאַקס אַדלער, וואָס פאַרגלייכט מאַרקסן מיט קאַנטן, אין דער געזעלשאַפט אַ קבוץ פון פּסיכישע קעגנווירקונגען: ביי אים איז אַלץ פּסיכיש (ס'זעלבע ביי באָגדאַנאָוון. זע „פון דער פּסיכאָלאָגיע פון דער געזעלשאַפט").

אט איז א מוסטער פון ענלעכע חקירות. „אבער די באציונג איז דאך בשום אופן נישט מאטעריע אין זין פון פילאזאפישן מאטעריאליזם — וואס פארגלייכט די מאַטעריע צו אנישט־לעבעדיקער זאך. בכלל איז שווער צו שטעלן די עקאנאמישע סטרוקטור, „די מאטעריעלע באזע" פון היסטארישן מאטעריאליזם אין וואסער־עס־איז באציונג צו דער מאטעריע" פון פילאזאפישן מאטעריאליזם, ווי אזוי מ'זאל אים נישט פארשטיין... און דאס געהערט זישט נאר צו דעם, וואס שאפט אווירקונג, נאר אויך צו דעם, וואס ווערט געשאַפן דורך דער דאָזיקע ווירקונג. די פּראָדוקציע־מיטלען... זענען גיכער פּראָדוקטן פון מענטשלעכן גייסט מאקס צעטערבוים: „צו דער מאטעריאַליסטישער געשיכטס־באַנעמונג". מאסקווע זאמלבוך „היסטאָרישער מאַטעריאַליזם"

1919, ז. 218). צעטערבוימען ערגערט, וואס די מאשינען ווערן געמאכט נישט דורך אָנ=נשמה'דיקע מענשן. באר אזוי ווי די מענטשן גופא ווערן אויך נישט באשאפן דורך מתים, הייסט עס, אז אלץ אין דער געזעלשאפט איז א פראדוקט פון גייסט, וואס האט נישט קיין קערפער, ד. ה׳ זייער אגנעדיקער גייסט. הייסט עס, אז די מאשין איז עפעס אפסיכישעס. הייסט עס, אז די געזעלשאפט האט נישט קיין שום מאטעריע". אבער ס'איז באשיינפערלעך, אז אזוי איז עס נישט: ווייל אויך דער נישטזינדיקער גייסט וואלט נישט געשאפן נישט קיין מענטשן, נישט קיין מאשינען אָן דעם זינדיקן קערפער. נאך מער: נישט האבנדיק דעם דאזיקן חומר, וואלט ער זיך נישט באגייס= טערט פון פארלאנג צו פארנעמען זיך מיט אזעלכע זאכן. נאר וואס־זשע וועט זיין מיט דער „שייכות"? מיר וועלן דעם ה' צעטערבוימען נאך אמאל דערקלערן און מיר האפן, אז ה' צעטערבוים וועט נישט פראטעסטירן, אויב מיר וועלן רעדן וועגן דער זון=סיסטעם, ווי וועגן אמאטעריעלער סיסטעם. אָבער וואָס איז דאָס די דאָזיקע סיסטעם און פארוואָס איז זי א סיסטעם? טאקי דערפאר, ווייל אירע באשטאנד־ טיילן (זון, ערד, אלע אנדערע פלאנעטן) געפונען זיך אין א באשטימטער שייכות איינער צום צווייטן, ווייל אין יעדן געגעבענעם מאָמענט פערנעמען זיי א באשטימט אָרט אינם רוים, פונקט אזוי ווי דער קבוץ פון פלאנעטן, וואָס געפינען זיך אין באשטימטע באציונגען, בילדן א זון־סיסטעם, אזוי אויך דער קבוץ פון מענטשען, וואָס געפונען זיך אין פראָדוקציע=באציונגען, בילדן אן עקאָנאָ־ מישע סטרוקטור פון דער געזעלשאפט, איר מ א ט ע ר י ע ל ע ב א ז ע אין מענטשלעכן אפאראט. ביי קויטסקי, וועלכער פלאָנטערט טייל מאָל אומברח:נות'דיק די טעכניק און די עקאָנאָמיק, זענען פאראן זייער ספק'דיקע ערטער (צ. ב. אויף זייט 104 פון אָנגעוויזענעם זאמל=בוך) די דאזיקע באהויפּטונגען קענען מיר אקעגנשטעלן

פאַלגנדיקע שטעלע פון דעם אַרצי-בורזשואזן ווי זאָמבאַרט. אַט וואָס עס זאָגט דער ווייט נישט מאַטעריאַליסטיש-געשטימטער פּראָפעסאָר: אויב מ׳זאָל רעדן בילדלעך, קען מען רעדן וועגן ווירטשאַפטלעכן לעבן, ווי וועגן אַן אָרגאַניזם, און אַרויסשטעלן אַ באַהויפּטונג, אַז דער לעצטער באַשטייט פון אַ קערפּער און אַ נשמה. דער קערפּער בילדעט די אויסערלעכע פאָרמען, אין וועלכע ס׳שפּילט זיך אָפּ ס׳ווירטשאַפטלעכע לעבן: די ווירטשאַפטלעכע און פּראָדוצירנדיקע פאָרמען (Die Wirtschafts und Betriebsformen) פון אָרגאַניזאַציעס פון פיל פאַרשידנאַרטיקן מין, אין קרייז פון וועלכע און מיט דער הילף פון וועלכע ס׳ווערט באַלעבאַטעוועט א. א. וו. ס׳איז קלאָר, אַז אונטער דער רובריק ווירטשאַפטלעכע פאָרם און אָרגאַניזאַציע, קען מען און דאַרף מען אין דער ערשטער ריי, אַרונטערפירן די גאַנצע עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט. זי איז טאַקי „בילדלעך אויסגעדרוקט״, דער גוף פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט (זע: Werner Sombart: Der Burgeois" Verl. Duncker und Humblot. Mundchen und Leipzig 1913, S: 2).

§ 38 צוגעבוי און זיין סטרוקטור.

איצטער מוזן מיר צוטרעטן צום באַטראַכטן די אַנדערע זייטן פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָ באַווייזן זיך פאַר אונז אַזעלכע רייען פון געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען: די סאָציאַל-פּאָליטישע אָרדענונג פון דער געזעלשאַפט (די איינאָרדענונג פון איר מלוכה מאַכט, אָרגאַניזאַציע פון קלאַסן, פּאַרטייען א. א. וו.) מנהגים, רעכט און מאָראַל (געזעלשאַפטלעכע נאָרמען, ד. ה. כּללים פון אויפפירונג פון מענטשן), וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע, רעליגיע און קונסט און, צום סוף, שפּראַך — דער מיטל פון מענטשלעכן פאַרקער. געוויינלעך הייסן די אַלע דערשיינונגען, חוץ די סאָציאַל פּאָליטישע אָרדענונג פון דער געזעלשאַפט, גייסטיקע קולטור״.

דאָס וואָרט „קולטור" באַטייט אין לאַטיין „באַאַרבעטונג". אונטער קולטור פאַרשטייט מען, אַלזאָ, דאָס אַלץ וואָס איז „אַן אַרבעט פון מענטשלעכע הענט" אין ברייטן זין פון וואָרט, ד. ה. אַלץ, וואָס ווערט אַזוי צו אַנדערש פּראָדוצירט דורכן געזעלשאַפטלעכן מענטש. די „גייסטיקע קולטור„ איז פונקט אַזאַ פּראָדוקט פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן, גייט אַריין אין אַלגעמיינעם לעבנס-פּראָצעס פון דער געזעלשאַפט. דעריבער, כדי זי צו פאַרשטיין, דאַרף מען זי פאַרשטעלן טאַקי ווי א טייל פון דעם דאָזיקן געמיינזאַמען לעבנס-פּראָצעס. דערווייל ווילן טייל בורזשואַזע געלערנטע פאַר יעדן פּרייז אָ פּ ר י ס ן די דאָזיקע „גייסטיקע קולטור" פון דעם לעבנס-פּראָצעס פון דער געזעלשאַפט, ד. ה. לויטן מהות פון ענין זי פ אַ ר ג ע ט ל ע כ ן, מאַכן פון איר אַ באַזונדער וועזן, אומאָפּהענגיק פון גוף און אָנזינדיקן גייסט.

אַזוי, למשל, שרייבט אַ ל פ ר ע ד װ ע ב ע ר (A l f r e d W e b e r: „Der Soziologische Kulturbegriff". Verhandlunden des II Deutschen Soziologentages. Tübingen Verl. Mahr. 1913) אָנרופנדיק דעם וווקס פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן, זיין קאָמפּליצירטקייט און רייכקייט-פּראָצעס פון א ו י ס ע ר ל ע כ ע ר ציוויליזאַציע: „אָבער מיר פילן (!) היינט, אַז די קולטור שטייט איבער דעם אַלעם, אַז אונטער קולטורעלער אַנטוויקלונג פאַרשטייען מיר עפּעס אַנדערש... נאָר דאַן, ווען... ס'לעבן ווערט עפּעס אַזוינס, וואָס ס'שטייט איבער זיינע נויטווענדיקייטן און נוצלעכקייטן, נאָר ד אַ ן איז פאַראַן קולטור", ז. 10-11 (דעם מחברס קורסיוו) מיט אַנדערע ווערטער, קולטור איז אַ טייל פון לעבן, אָבער זי ווערט נישט באַשטימט דורך „נויטווענדיקייטן און נוצלעכקייטן פון לעבן", ד. ה. זי שפּרינגט אַרויס פון דער געזעלשאַפט, נישט ווערנדיק באַשטימט דורך איר. ס'איז קלאָר, אַז אַזאַ שטאַנדפּונקט דערפירט צום אָפּזאָג פון

דער וויסנשאַפט און איר פאַרוואַנדלונג אין אַ גלויבן. נישט בחנם איז וואָס עראשט פאַרגעלייגט באַווייזט הויפּט־באַוויייז דאָס פאַררופן זיך אויף דעם, אַז מיר „פילן".

כדי איבערצוגיין צו דער דאָזיקער „גייסטיקער קולטור", וועט אונז דערווייל באַקוועמער זיין צו באַטראַכטן אין אַלגעמיינע שטריכן דעם סאָציאַל־פּאָליטישן בוי פון דער געזעלשאַפט, ווייל זי ווערט דירעקט באַשטימט, ווי מיר וועלן דאָס באַלד זען, דורך איר עקאָנאָמישן בוי.

דער בולטסטער אויסדרוק פון דעם סאָציאַל=פּאָליטישן בוי פון דער געזעלשאַפט איז די מלוכה-מאַכט. וואָס איז דאָס מלוכה=מאַכט? כדי צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע, דאַרף מען זיך פרעגן, ווי אַזוי איז עס מעגלעך די עקזיסטענץ פון דער קלאַסן=געזעלשאַפט? ס'איז דאָך קלאָר. אַז אויב די געזעלשאַפט באַשטייט פון פאַרשידענע קלאַסן, זענען ביי די קלאַסן פאַראַן פאַרשידענע אינטערעסן. איינע באַהערשן אַלץ, די אַנדערע — כמעט גאָרנישט. איינע באַפעלן, שאַפן, אייגענען זיך צו פּראָדוקטן פון פרעמדער אַרבעט, אַנדערע וואַרפן זיך אונטער. דערפילן פרעמדע באַפעלן, גיבן אַוועק דאָס, וואָס זיי פּראָדוצירן מיט זייערע הענט. די לאַגע פון די קלאַסן אין דער פּראָדוקציע און אין דער אייגנטיילונג ד. ה. די באַדינגונגען פון זייער עקזיסטענץ, זייער ראָל אין דער געזעלשאַפט, זייער „געזעלשאַפטלעך זיין", רופט אַרויס אַ באַשטימט באַוווסטזיין. מיר ווייסן דאָך גאַנץ גוט, אַז אַלץ אין דער וועלט איז דעטערמינירט, אַז ס'איז נישטאָ קיין שום אָנסיבה'דיקעס. ס'איז נישט קיין וווּנדער, וואָס די פאַרשידענע לאַגע פון די קלאַסן באַשטימט די פאַרשידנקייט פון זייערע אינטערעסן- זייערע פאַרלאַנגען, קאַמף, טיילמאָל אַ קאַמף נישט אויף לעבן, נאָר אויף טויט. ווי אַזוי ווערט ביי אַזעלכע באַדינגונגען דערגרייכט אַ גלייכגעוויכט אין דעם בוי פון דער קלאַסן געזעלשאַפט? ווי אַזוי ווערט זי נישט צעפאַלן אין יעדן געגעבענעם מאָמענט? ווי אַזוי איז מעגלעך

דער בלויזער קיום פון אַזאַ געזעלשאַפט, ווו ווי ס'האָט גע=
זאָגט אַן ענגלישער פּאָליטיקער, אין איין נאַציע עקזיסטירן
אין אמת'ן צוויי „נאַציעס" (ד. ה. צוויי קלאַסן)?

מיר ווייסן אָבער, אַז די קלאַסן=געזעלשאַפטן עקזיסטירן,
הייסט עס, דאַרף זיין א צוגאָב־תנאי פון גלייכגעוויכט. ס'דאַרף
זיין עפּעס, וואָס שפּילט אַ ראָל פון אַ רייף, וואָס נעמט אַרום
די קלאַסן, וואָס לאָזט נישט דער געזעלשאַפט צערפאַלן זיך,
אינגאַנצן צעשפּאַלטן זיך. אַזאַ רייף איז די מ ל ו כ ה. דאָס איז
אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס וועבט אַרום מיט אומציילקע פעדעם די
גאַנצע געזעלשאַפט און האַלט זי אין נעץ פון זיירע קלאַס=
רען. אָבער וואָס איז דאָס פאַראַ אָרגאַניזאַציע? פונוואַנען
נעמט זי זיך? ס'איז קלאָר: פון הימל אַראָב קען זי נישט
אַראָפּפאַלן. זי קען אויך נישט זיין א נישט-קלאַסנדיקע, און
דערביי צוליב א זייער פשוטער סיבה: אין אַ קלאַסן-געזעל=
שאַפט איז נישטאָ קיין נישט־קלאַסן מענטשן. ס'איז, פאָלגלעך,
נישטאָ קיין מאַטעריאַל פאַר דעם, אַז מ'זאָל אויפבויען אַ
נישט-קלאַסן אָדער אַן „איבערקלאַסן" אָרגאַניזאַציע, וואָס ס'זאָלן
נישט אונטערזיינגען די נאַכטיגאַלן=גזלנים, די בורזשואַזע=גע=
לערנטע... די מלוכה-מאַכט איז אינגאַנצן און אַן אַרעסט אַן
אָרגאַניזאַציע פון דעם „הערשנדיקן קלאַס"

זעצטער לאָמיר זיך שטעלן אַזאַ פראַגע: וועלכער-זשע קלאַס
„הערשט"? פון וואָסער געזעלשאַפטלעכן קלאַס איז די מלוכה=
מאַכט אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האַלט אין אונטערטעניקייט די
אַנדערע קלאַסן, מיט איר מאַכט, געוואַלטאַט, מיט אירע אידייאישע
און גייסטיקע נעצן, מיט איר פאַרצווייגטן, ריזיקן אַפּאַראַט? און
ווידער אַמאָל וועט אויף דער דאָזיקער פראַגע נישט זיין שווער
צו געפינען, אויב מיר וועלן נאָר געדענקען אַלץ, וואָס מיר האָבן
פריער גערעדט. און טאַקע. שטעלן מיר זיך פאָר אַ קאַפּיטאַ=
ליסטישע געזעלשאַפט. אין דער פּראָדוקציע הערשט דאָ דער
קאַפּיטאַליסטישער קלאַס. צי קען מעגליך זיין, אַז אין אַזאַ
מלוכה זאָל דווקא הערשן, לאָמיר זאָגן, דער פּראָלעטאַריאַט?
ס'איז קלאָר, אַז ניין. ווייל דאַן וואָלט נישט געווען קיין איינ=

ער פון די גרונט באַדינגינגען פון גלייכגעוויכט, און ס׳וואָלט
געדאַרפט פאָרקומען איינס פון די ביידע: אָדער דער פּראָלעטאַר-
יאַט וואָלט גענומען אין זיינע הענט די ממשלה איבער דער
פּראָדוקציע, אָדער די בורזשואזיע וואָלט גענומען אין אירע
הענט די מלוכה-מאַכט. הייסט עס, אייף וויפיל די געזעלשאַפט
מיט אַ באַשטימטער עקאָנאָמישער סטרוקטור עקזיסטירט,
אויף אַזוי פיל דאַרף איר מלוכה׳שע אָרגאַניזאַציע זיין צוגע-
פּאַסט צו איר עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע; מיט אנדערע ווערטער:
די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט באַשטימט
מיט זיך אויך איר מלוכה׳ש פּאָליטישע סטרוקטור.
מיר ווילן לענקן אונזער אויפמערקזאַמקייט אָט אויף וואָס.
מלוכה — דאָס איז אַ ריזיקע אָרגאַניזאַציע, וואָס נעמט אַרום אַ
גאַנץ לאַנד, וואָס הערשט איבער אַ סך מיליאָנען מענטשען. זי
פאַדערט אַ גאַנצע אַרמיי פון משרתים, באַאַמטע, זעלנער, אָפי-
צירן, געזעצגעבער, יוריסטן, מיניסטאָרן, ריכטער, ארמיי-אָנפירער
און א. וו.. א. א. וו.. זי האָט אויך אין זיך גופא גאַנצע שיכטן
מענטשן, וואָס ליגן איינער אונטערן צווייטן. און אין איר דאָ-
זיקן בוי שפּיגלט זי אָפּ, ווי אין אַ שפּיגל, דאָס וואָס ס׳איז
פאַראַן אין דער פּראָדוקציע. אין אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט
למשל, איז אין דער פּראָדוקציע דער הויפּט-קאָמאַנדיר די בור-
זשואַזיע; אין דער מלוכה איז אויך אַזוי; דירעקט נאָכן פאַבּרי-
קאַנט שטייט דער פאַבּריקס-דירעקטאָר, אָפּט אויך אַליין אַ קאַ-
פּיטאַליסט; דאָס זעלבע קומט פאָר מיט די מיניסטאָרן אין דער
קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, מיט די סאַמע הויכע טוער פון
דער בורזשואַזער מלוכה; פון דעם זעלבן קרייז זענען אין דער
אַרמיי די גענעראַלן; אין דער פּראָדוקציע פאַרנעמט דאָס מי-
טעלע אָרט דער טעכניקער און אינזשיניר, די טעכנישע אינטע-
ליגענץ זיצט אַלס מיטעלער באַאַמטער אין דעם מלוכה-אַפּאַראַט
און פון דאַנען ווערבירט זיך אָפּט דאָס אָפיצירנטום. און דעם
אַרבעטער קלאַס אַנטשפּרעכן די נידריקע באַאַמטע, זעלנער
א. א. וו. פאַרשטייט זיך, ס׳זענען פאַראַן וועלכע עס-איז אונ-
טערשידן. אָבער אין אַלגעמיין אַנטשפּרעכט דער בוי פון דער

מלוכה=מאַכט דעם בוי פון דער געזעלשאַפט. ווייל, לאָמיר דערווייל אָננעמען, אַז דורך א נס זענען די נידריקע באַמטע העכער געוואָרן פון די העכסטע. דאָס וואָלט געהייסן, אַז דער פריערדיקער קלאַס האָט אַרויס-געלאָזט פון זיינע הענט די מלוכה-מאַכט. און דאָס איז מעגלעך נאָר אין דעם פאַל, ווען די גאַנצע געזעלשאַפט גייט אַרויס פון גלייכגעוויכט, ד. ה. ווען ס'קומט פאָר א רעוואָלוציע. אָבער די דאָזיקע רעוואָלוציע קען ווידער אַמאָל נישט פאָרקומען אָן דעם, אַז אויך אין דער פראָ-דוקציע זאָלן נישט פאָרקומען אַנטשפּרעכנדיקע ענדערונגען. אַזוי אַרום זעען מיר דאָ, אַז דער בוי פון דעם אַפּאַראַט גופא פון דער מלוכה=מאַכט שפּיגלט אָפּ דעם עקאָנאָמישן בוי ד. ה איינע און די זעלבע קלאַסן שטייען אויף איינע אין די זעלבע ערטער.

מיר וועלן ברענגען עטלעכע ביישפּילן פון פאַרשי-דענע עפּאָכן און געביטן. אין אַלטן מצרים, למשל, האָט די פאַרוואַלטונג מיט דער פּראָדוקציע כמעט ווי צוזאַ-מענגעגאָסן זיך מיט דער פאַרוואַלטונג איבער דער מלוכה, דער-ביי זענען בראש אי פון דער פּראָדוקציע, אי פון דער מלוכה געשטאַנען גרויסע ערד באַזיצער. א ריזיקער טייל פון דער פּראָדוקציע איז געווען די פּראָדוקציע פון א גרויס-ערד באַזיצערישער מלוכה. די ראָל פון די געזעל-שאַפטלעכע גרופּן אין דער פּראָדוקציע האָט זיך געדעקט מיט זייער לאַגע אלס הויכע, מיטעלע, אָדער נידריקע באַאמטע פון דער דאָזיקער מלוכה און אירע שקלאַפן.
(O. Neurath „Antike Wirtschaftsgeschichte Verl,
Teubner, 1909, S: 8:) די משפחות פון די בכבודיקע
(der „grossen“) זענען, אמת, ערד-באַזיצערישע משפחות
אין דערזעלבער צייט אָבער און פריער פאַר אַלץ זענען
(Dienstadel) Max Weber- זיי אויך דער „דינסט=אדעל“.
„Agrargeschichte“ Handw. der Staatswisenshaf-
ten) טיילמאָל האָט דער צוזאַמענהאַנג פון דער מלוכה

מאַכט און דער קאָמאַנדאָ=מאַכט אין דער פּראָדוקציע דערגרייכט א שטויגענדן אויסדרוק. אין 15 י. ה. האָט אין דער איטאַליעניש האַנדלס-קאַפּיטאַליסטישער רעפּובּליק פון פלאָרענץ געהערשט דאָס באַנקירשע הויז פון די מעדיטשיס; די מעדיטשיס באַנק און די פלאָרענטינישע מלוכה קאַסע האָבן זיך פולשטענדיג געדעקט, און דער באַנקראָט פונם האנדלס-הויז מעדיטשי האט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיטן פאַלן פון דער פלאָרענטינער רעפּובליק; (מ. פּאָקראָווסקי „דער עקאָנאָמישער מאטעריאַליזם, מאָסקווע, 1906, ז' 27). אין דער צווייטער העלפט פון 11 י. ה. האָבן אין רוסלאַנד געהערשט אין דער פּראָדוקציע די פּריצים, וואָס זענען געזעסן אויף די לייב-קנעכט; אין דער מלוכה האָבן דעריבער אויך געהערשט די פּריצים, וואָס זענען איפלו געווען ספּעציעל=אָרגאַנירזיט אין אַ פּריווילעגירטן „איידלן". פּריצישן שטאַנד. און ווען די „פּויערים" האָבן אויפגעהויבן דעם אַזוי גערופענעם „פּוגאַטשעווער בונט", האָט די פּריצישע קייסערין יעקאַטערינא די צווייטע אויס= געדריקט דעם אמתן מהות פון דער דעמאָלטיקער מלוכה מאַכט נעמענדיק, אלס „קאַזאַנער גוטס-באַזיצערין", אַנטייל אין בילדן אַ רייטער-פּולק כדי איינצושטילן דעם „המון", וואָס דאָס האָט אַרויסגערופן ביי די קאַזאַנער גוטס-באַזיצער אַן ענטוזיאַזם פון געטריי-אונטערטעניקע געפילן. די לעבהאַפטע באַציונגען מיט די פראַנצויזישע פרייהייטס-ליבהאָבנדיקע פילאָזאָפן האָבן נישט געשטערט יעקאַטערינאַ'ן איינצושטעלן, למשל, לייב-קנעכטשאַפט אין אוקראַינאַ. אַ. טלאָסטאָי האָט נישט שלעכט געשילדערט דעם צוזאַמענהאַנג פון די דאָזיקע אומשטענדן:

„דעם גרויסן פאָלק,
וועמעס מוטער איר זענט,
דאַרפט איר געבן פרייהייט.
זי האָט זיי געענטפערט:
מיינע הערן, כ'האָב אייך געהערט.

און באַלד האָט זי צוגעבונדן
די אוקראַינע צו דער ערד.״

אין דעם היינטיקן אַמעריקע (פֿאַראייניקטע=שטאַטן) קאָמאַנדעוועט און דער פּראָדוקציע דער פֿינאַנץ-קאַפּיטאַל. באַנקירן-קליקע אין די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון טרעסטן. די מלוכה=מאַכט געהערט טאַקי זיי, און דערביי אויף אַזוי ווייט, אַז די באַשלוסן פֿונם פּאַרלאַמענט ווערן פֿאָרויס אַ סך גרונטלעכער באַשלאָסן אונטער די קוליסן פֿון דעם פֿאַראייניקטן קאַפּיטאַל.

אָבער דער סאָציאַל-פּאָליטישער בוי פֿון דער געזעלשאַפֿט שעפּט זיך כּלל נישט אויס מיט דער בלויזער מלוכה=מאַכט. סיי ביי דעם הערשנדיקן קלאַס, סיי ביי די אונטערדריקטע קלאַסן זענען פֿאַראַן פֿאַרשידענערליי אָרגאַניזאַציעס און פֿאַרשידנאַרטיקסטע פֿאָרמען פֿון פֿאַראייניקונג; יעדער קלאַס האָט געוויינלעך זיין אַוואַנגאַרד פֿון די אַממייסטן „באַוווסטזיניקע״ מיטגלידער, וואָס בילדן פּאָליטישע פּ אַ ר ט ײ ע ן, וואָס קעמפֿן פֿאַר דער הערשאַפֿט אין דער געזעלשאַפֿט. דער הערשנדיקער קלאַס האָט געוויינלעך זיין פּאַרטיי, דער אונטערדריקטער — זיין די „מיטעלע קלאַסן״ — אויך זייער פּאַרטיי. און אַזוי ווי אין דער סביבה פֿון דער קלאַס זענען נאָך פֿאַראַן איינטיילונגען, איז נישט שווער צו פֿאַרשטיין, אַז אין אַ קלאַס זענען דאָ עטלעכע פּאַרטייען, הגם די דויערהאַפֿטיקסטע אינטערעסן, די פֿעסטסטע און די עיקר׳דיקסטע, דריקט אויס נאָר איין פּאַרטיי. חוץ די פּאָרמירטע פּאַרטייען איז פֿאַראַן אַ ריי פֿון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. למשל, ביי די היינטיקע אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן זענען פֿאַראַן קאַמפּס פֿאַראיינען קעגן די אַרבעטער, און ספּעציעלע אָרגאַניזאַציעס פֿאַר וואַל=פֿעלשונגען, די אַזוי גערופֿענע „טעמעני-האָל״ (Tammanyhall) און אָרגאַניזאַציעס צו ווערבירן שטרייק=ברעכער, און אָרגאַניזאַציעס פֿון שפּיאָנען=פּראָוואָקאַטאָרן (די פּריוואַטע דעטעקטיוו=ביוראָ פֿון פּינקערטאָן), און די גאַנצער וועלט און שטרענג קאָנספּיראַטיווע גרופּן פֿון די אַממייסטן איינפֿלוסרייכע קאַפּיטאַליסטישע פֿירמעס און אַממייסטן איינפֿלוס=

רייכע פּאָליטישע מאַכער, גרופּן, וועמעס באַשלוסן ווערן נאָכ=
דעם אַדורכגעפירט דורך די אָפיציעלע מלוכה־אָרגאַנען, אין רוס=
לאַנד איז די הילפס־אָרגאַניזאַציע פון דער גוט=באַזיצערישער
מלוכה געווען די האלב קרימינעלע „שוואַרצע מאות", וואָס איז
אפילו געשטאַנען אין באַציונגען מיטן צאַרישן הויז פון די ראָמאַנאָוו'ס
אין איטאַליע האָבן אַזאַ ראָל געשפּילט אין 1921 י. די „פאַשיסטן",
אין דייטשלאַנד—דער אזויגערופענער „אָרגעש". ביי די אונ=
טערדריקטע קלאַסן איז אויך, חוץ די פּאַרטייען, פאַראַן פאַרשי-
דענע מינים „עקאָנאָמישע" פאַריינען (צ. ב. די פּראָפעסיאָנעלע
פאַריינען), קאמפּס=אָרגאַניזאַציעס, קלובן; דאָ אהער געהערן אויך
אַזעלכע דערשיינונגען ווי די „באַנדעס" פון סטענקא ראזין
אָדער פּוגאַטשאָוו. מיט איין וואָרט, אָרגאַניזאַציעס, וואָס פירן א
קלאסן=קאַמף; אָנהייבנדיק פון דער „גאָלדענער יוגנט", די דיי-
טשע סטודענטישע "קאָרפּאָראַציעס" און ענדיקנדיק מיט דער
מלוכה — פון איין זייט, אָנהייבנדיק פון די פּאַרטייען און ענ=
דיקנדיק מיטן קלוב, פון דער צווייטער זייט, זיי אלע גייען אריין
אין דעם סאָציאַל־פּאָליטישן בוי פון דער געזעלשאַפט. מ'דארף
נישט ספּעציעל אָנשטרענגען דעם מוח, כדי צו פאַרשטיין, מיט
וואָס ס'ווערט באַשטימט זייער עקזיסטענץ — דאָס איז די אָפּ־
שפּיגלונג און אויסדרוק פון די קלאַסן. פאָלגלעך, אַז אויך
דאָ באַשטימט מיט זיך די „עקאָנאָמיק די פּאָליטיק.

אָבער אין אונזער באַטראַכטונג פון דעם דאָזיקן פּאָליטישן
צוגעבוי פון דער געזעלשאַפט דארפן און קענען מיר לענקן אויפ-
מערקזאַמקייט אויף אַזא פאַקט. וואָרום פון די שוין געברענגטע
ביישפּילן דרינגט, אַז דער דאָזיקער פּאָליטישער צוגעבוי באַ-
גרענעצט זיך נישט נאָר מיט א בלויזן מענטשלעכן אפּאַ-
ראט. ער, פונקט ווי די גאַנצע געזעלשאַפט, באַשטייט פון זיין
זייט פון קאָמבינאַציעס. קאָמפּליקאַציעס, זאַכן, מענטשן, אידייען.
לאָמיר כאָטש נעמען דעם מלוכה־אַפּאַראַט. דאָ האָבן מיר זיין
זאכלעכן טייל, זיין היערארכיע (א לייטער. וואָס איז אויסגע=
שטעלט געוואָרן דורך דער אָרגאַניזאַציע פון מענטשן), זיינע
סיסטעמאַטיזירטע אידייען (נאָרמען, געזעצן, באַפעלן א. א. וו.)

אָדער די ארמיי. זי איז אַ *טייל* פון דער מלוכה. אָבער אין איר איז דאָ אויך איר „טעכניק" (האַרמאַטן, ביקסן, קוילנוואַרפער, ווירטשאַפטלעכער טייל), און די אָרדענונג פון מענטשן, לויט אַ באַשטימטן מוסטער „איינגעטיילטע", און אירע „אידייען" מיט וועלכע ס'ווערן סוגעסטיאָגירט אַלע מיטגלידער פון דער אַרמיי (אידייען פון געהאָרכזאַמקייט, דיסציפלין א. א.) מיט דער הילף פון אַ קאָמפּליצירטער מיליטערישער אויסשולונג און אַ ספּעציעלער באַרבעטונג פון מענטשן. אויב מיר ווילן פון דער דאָזיקער זייט צו גיין צו דער באַטראַכטונג פון דער אַרמיי, וועלן מיר אָן שוועריקייט צוקומען צו פאָלגנדיקע רעזולטאַטן: די *טעכניק* פון דער אַרמיי ווערט באַשטימט דורך דער געמיינזאַמער טעכניק פון דער פּראָדוצירנדיקער אַ בעט אין דער געגעבענער געזעלשאַפט. מ'קען נישט מאַכן קיין האַרמאַטן, אויב מ'קען נישט גיסן שטאָל, ד. ה. אויב ס'זענען נישטאָ קיין אנטשפּרעכנדיקע פּראָדוקציע מיטלען. *די צעשטעלונג פון מענטשן*, די אָרדענונג פון דער אַרמיי, איז אָפּהענגיק פון דער מיליטערישער טעכניק און אין דער זעלבער צייט פון דער קלאַסן=צעגלידערונג פון דער געזעלשאַפט. פון דעם, וואָסער געווער ס'איז פאַראַן און פון וואָסער מין ס'געווער איז, איז אָפּהענגיק די איינטיילונג פון דער אַרמיי אויף אַרטילעריע, פּיעכאָטע, סאַפּערן, קאַוואַלעריע, אינזשיניערן-קאָרפּוס א. א.; פון דעם איז אָפּהענגיק, וואָסערע מינים זעלנער, אָנפירער, מענטשן מיט ספּעציעלע פונקציעס (למשל, טעלעפאָניסטן) ס'זענען פאַראַן.

פון דער אַנדערער זייט איז פון דעם קלאַסן-צוזאַמענשטעל פון דער געזעלשאַפט אָפּהענגיק פון *וואָסער שיכט* ס'אָרגאַניזירט זיך, למשל, דער אָפיצערן־קאָרפּוס, די פאָרשטייער פון וועלכן *קלאַס* שאַפן מיט אַלע טאַטן פון דער אַרמיי א. א. וו. ענדלעך, *די ספּעציעלע אידייען*, מיט וועלכע די אַרמיי איז אָנגעזאַפּט, ווערן באַשטימט, פון איין זייט. מיט ־ער אָרדענונג פון דער אַרמיי (דאָס איינוואָרצלען פון די געזעצן, געפיל פון דיסציפלין א. א.), און פון דער אַנדערער זייט, מיטן קלאַסן־בוי פון דער געזעלשאַפט (אין דער צאַרישער אַרמיי האָט מען

געזאָגט: זיי אונטערטעניק דעם צאַר, היט אָפּ דעם „גלויבן, צאַר און פאָטערלאַנד"; אין דער רויטער אַרמיי זאָגט מען: היט די דיסציפּלין, כדי צו שיצן די ארבעטנדיקע פון די אימ-פּעריאַליסטן). די דאָזיקע ביישפּילן וועלן זיין גענוג, כדי צו זען פאָלגנדיקעס: **דער סאָציאַל-פּאָליטישער צוגעבוי איז אַ קאָמפּליצירטע זאַך, וואָס באַשטייט פון פאַרשידענע צווישן זיך צוזאַמענגעבונדענע זאַכן. אין אַלגעמיין ווערט ער באַשטימט דורך דעם קלאַסן-בוי פון דער געזעלשאַפט, — אַ בוי, וואָס איז אַליין זייט אָפּהענגיק פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות, ד. ה. פון דער געזעלשאַפטלעכער טעכניק. טייל עלעמענטן אָבער זענען דירעקט אָפּהענגיק פון דער טעכניק („מיליטערישע טעכניק") אַנדערע – סיי פון קלאַסן-כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפט (איר עקאָנאָמיק), סיי פון דער „טעכניק" פון דעם צוגעבוי גופא („אָרדענונג פון דער אַרמיי"). אַזוי אַרום זענען אַלע זיינע עלעמענטן, דירעקט אָדער אומדירעקט, אָפּהענגיק פון דער אַנט-וויקלונג פון די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוצירנדיקע כוחות.**

צווישן די מענטשלעכע אָרגאַניזאַציעס פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט די אָרגאַניזאַציע פון דער משפּחה ד. ה דער קבוץ פון מענער, פרויען און קינדער. די דאָזיקע געשלעכטלעכע אָרגאַניזאַציע, שטענדיק אַ זיך-טוישנדיקע, האָט געהאַט אַלס איר יסוד באַשטימטע **עקאָנאָמישע** באַציונגען. אויך די משפּחה איז נישט נאָר אַ סאָציאַלע, נאָר אויך (און פריער פאַר אַלץ) אַווירטשאַפטלעכע אָרגאַ-ניזאַציע, וואָס שטיצט זיך אויף דער אַרבעט-איינטיילונג צווישן מאַן און פרוי, אויף דער „געשלעכטלעכער דיפע-רענצירונג"... די פּרימיטיווע חתונה איז נישט עפּעס אַן

דערש, ווי אַן אויסדרוק פון דער דאָזיקער עקאָנאָמישער פאַרייניקונג. (מ י ל ל ע ר - ל י ע ר 1. ז. 150. פאַרגלייך מ אַ ר ק ס; „קאַפּיטאַל„ 1. ז. 342. פּאָפּולערע רוסישע אויס-גאַבע; „אין די גרעניצן פון משפחה... אַנטשטייט די נאַטירליכע אַרבעט־איינטיילונג צוליב די געשלעכטלעכע און עלטער אונטערשידן...”). דערביי איז די זעלבע משפחה, ווי עפּעס אַ פעסטע זאַך, — א רעזולטאַט פון ווירטשאַפט-לעכע ענדערונגען פון דער ש ב ט י ש ע ר אָרדענונג מיט איר פרימיטיוו־קאָמוניסטישן כאַראַקטער. די ערשטע פאָרמען פון געשלעכט־באַציונגען זענען געווען די פאָרמען פון דעם אַזוי גערופענעם „אָרדענונגלאָזן געשלעכט-פאַרקער”, ד, ה. פרייען און נישט-פעסטן צוזאַמענקום פון מענער און פרויען. אָט ווי אַזוי מ. מ. פּאָקראָווסקי כאַראַקטעריזירט אַזאַ מין פרימיטיווע משפחה פון די סלאַוון („גרויסע משפחה” „הויף”, „אויוון„, סערבישע, „גרויסע קופּע„): „די מיט-גלידער פון אַזאַ משפחה, אַרבעטער אין איין באַלאַבאַטי-שאַפט, זעלנער פון איין אָפּטיילונג, ענדלעך, פאַרערער פון די אייגע און זעלבע געטער — אַנטיילנעמער פון אַ געמיינזאמען קולט”. („רוסישע געשיכטע”, 1 ב. פאַרלאַג ,,מיר” 1920, ז. 18־17). דער עקאָנאָמישער יסוד פון אַזאַ משפחה ווערט נאָך שאַרפער באַטאָנט מיטן פאָלגנדיקן פאַקט: ,,מיר וואָלטן געהאַט א גרויסן טעות — זאָגט מ. מ. פּאָקראָווסקי, — אויב מיר וואָלטן צוגעגעבן דער דאָזיקער בלוט-קרובה'שאַפט אַן ערשט-קלאַסיקן באַטייט; זי איז געווינלעך, אָבער בכלל נישט אומבאַדינגט, נויטווענדיק. אין ענלעכע קאָלעקטיווע ווירטשאַפט אין דרום האָבן גע-פירט אינגאַנצן זיך פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט לויטן אָפּמאַך פון „צונויפלייגן”; זיי האָבן גע־בילדעט אויך אַזאַ „היים”, אָבער נישט אויף שטענדיק, נאָר אויף אַ באַשטימטן טערמין, למשל, אויף 10 יאָהר... אויך דאָ, הייסט עס, גייט פאָרויס דער עקאָנאָמישער צוזאַ־מענהאַנג פאַר דער בלוט „משפחדיקע” לויט אונזער

באַגריף (ibidem 16). די ענדערונג פון די פאָרמען פון די געזעלשאַפטלעכע באַציונגען, אָפּהענגיק פון די עקאָנאָמישע באַדינגונגען, קען מען פאָרשן אויך אין דער נייער צייט; מ'דאַרף נאָר פאַרגלייכן די משפּחה פונם פויער, פונם אַרבעטער און פון היינטצייטיקן בורזשוי. די משפּחה פונם פויער — דאָס איז אַ פעסטע פאַרייניקונג, ווייל זי האָט אונטער זיך אַ דירעקטן פּראָדוקטיוון יסוד. „ווי אַזוי קען מען אויסקומען אָן א ווייב? אָן אַ ווייב איז אוממעגלעך". מ'דאַרף מעלקן קי, אַכטונג טון אויף חזירים, זאָרגן וועגן טיש, צוגרייטן מיטאָג, וואַשן, רייניקן, פאַרנעמען זיך מיט די קינדער א. א. די ווירטשאַפטלעכע באַדייטונג פון דער משפּחה איז אויך אַזוי פיל גרויס, אַז די חתונה ווערט דיקטירט דורך אַן אייגנאַרטיקער ווירטשאַפטלעכער אויסרעכענונג; „מ'דאַרף אַ באַלעבאָסטע אין שטוב". די משפּחה-מיטגלידער ווערן אויך גערעכנט פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט: אַלס „עסערס" און „אַרבעטער". האָבנדיק אונטער זיך אַזאַ „באַזע", און דערביי אַ פאַרהעלטנישמעסיק אומבאַוועגלעכע, צייכנט זיך די פויערשע משפּחה גופא אויס מיט א פאַטריאַרכאַלער פעסטקייט, כל זמן ס'האָט זי נישט פאַרטשעפּעט און דערשיטערט דער „אויסגעלאַסענער" איינפלוס פון די שטעט. אַנדערש שטייט די זאַך ביי די אַרבעטער. ער האָט פאַקטיש נישט קיין באַלאַבאַטישקייט, אָפט איז זיין „היימישע באַלאַבאַטישקייט" — אַריין פאַרברויכערישע, וואָס גיט אויס זיין פאַרדינסט. פון דער צווייטער זייט, מאַכט די שטאָדט מיט אירע רעסטאָראַנען, טראַקטירן, וועשערייען, נישט אויף אַזוי פיל נויטווענדיק די היימישע ווירטשאַפט בכלל. ענדלעך, „צעשטערט די משפּחה" די גרויסע אינדוסטרי, צווינגנדיק די פרוי-פּראָלעטאַריערן צו אַרבעטן אין דער פאַבריק. די דאָזיקע אַלע אומשטענדן פאָרמירן אַנדערע, מער באַוועגלעכע און ווייניקער פעסטע פאָרמען פון משפּחה באַציונגען. ביי דער גרויסער בורזשואַזיע שטיצט פּריוואַט

אייגנטום די דערהאַלטונג פון דער משפחה, אָבער זער
וואַקסנדיקער פּאַראַזיטיזם פון דער בורזשואַזיע און דאָס בילדן
אין איר סביבה גאַנצע שיכטן, וואָס שניידן קופּאָנען
(ראַנטיעס) פאַרוואַנדלט די פרוי אין אַ שיינע זאַך,
אָבער אין א נארישע ליאַלקע, אַ געצייג פון געניוס, אַ
בודואַר-צוגעהעריקייט. די פאַרשידענע פאָרמען פון דער
חתונה (מאָנאָגאמיע — איין הייראַט; פּאָליגאַמיע — פיל
ווייבערייַ; פּאָליאַנדריע — פיל מענערייַ א. א.) שטייען
אויך אין שייכות מיט די באַדינגונגען פון דער ווירט-
שאַפטלעכער אַנטוויקלונג. מ'דאַרף נישט אַרויסלאָזן פון
געדאַנק, אז דער געשלעכט פאַרקער אין אַ מאַסן-מאַסשטאַב
האָט זיך כמעט קיינמאָל נישט געדעקט מיט דעם דאָזיקן
פאַרקער אין די גרעניצן פון דער משפחה. אַ זעלכע
דערשיינונגען, ווי פּראָסטיטוציע, טרעפן זיך שוין אין דעם
טיפן אַלטערטום. אָבער די פאָרמען פון דער פּראָסטי-
טוציע און איר פאַרנעם זענען ווידער־אַמאָל געבונדן מיט
דער געזעלשאַפטלעכער עקאָנאָמיק; מ'דאַרף נאָר דערמאָנען
וועגן דער ראָל פון דער פּראָסטיטוציע בעתן קאַפּיטאַליס-
טישן רעזשים. ס'איז פאַראַן אַ גרונט זיך משער צו זיין,
אַז אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט וועט צוזאַמען
מיט דער ענטגילטיקער פאַרשווינדונג פון פּריוואַט-אייגנטום
און אונטערדרוקונג פון די פרויען פאַרשווינדן אי די פּראָס-
טיטוציע, אי די משפחה.

איצט וועלן מיר איבערגיין צו דער באַטראַכטונג פון אַנ-
דערע צו „געבויע". פון דעם, וואָס מענטשן סיי אין דער געזעל-
שאַפט אלס גאַנצעס, סיי אין זייער איינצעלנע טיילן געפונען
זיך אין אַ צושטאַנד אָדער פון אָפענעם קאַמף, אָדער פון אַ נישט
פולער אַחדות, דרינגט די געזעלשאַפטלעכע נויטווענדיקייט פון
די סאָציאַלע נאָרמען (כללים פון אויפפירונג). דאָ אַהער גע-

הערן מנהג, מאָראַל, רעכט, און א גאַנצע ריי פון פאַרשידנאַר-
טיקע אַנדערע נאָרמען („כללים פון העפלעכקייט", „עטיקעט",

„צערעמאָניע" א. א.; פון דער אַנדערער זייט, תקנות פון פאַר-
שידענע געזעלשאַפטן, אָרגאַניזאַציעס, קאָרפּאָראַציעס א. א. א.).
וואָס איז די טבע פון זייער וווּקס? טאַקע נישט עפּעס אַנדערש
ווי דער וווּקס פון די לעבנס-סחורות אין דער זיך צוזאַקסנדיקער
און פאַרקאָמפּליצירטער ביז עקסטקייט געזעלשאַפט. די אַמאייסטן
שאַרפע סתירה — איז, ווי מיר האָבן געזען, די סתירה צווישן
די קלאַסן. דעריבער פאָדערט זי אַן אַממייסטן „מעכטיקן"
רעגולירער, וואָס אונטערדריקט ביז אַ צייט די דאָזיקע סתירה;
אַזאַ רעגולירער איז, ווי מיר ווייסן, די מלוכה-מאַכט און אירע
פאַראָרדענונגען, די אַזוי גערופענע נאָרמען פון ר ע כ ט. נאָר
ס'איז פאַראַן נאָך אַ ריי פון אָפּשטאַמנדיקע סתירות אי צווישן
די קלאַסן, אי אין די קלאַסן, אי אין די פּראָפעסיעס, גרופּן,
פאַרייניקונגען און מעגלעכע מינים מענטשן בכלל. יעטוועדער
מענטש, מחוץ דער אָפּהענגיקייט פון זיין קלאַסן-לאַגע, קומט
אין באַריר מיט אַלערליי מענטשן, ליגט אונטער אַ ריזיקן סכום
איינפלוסן, וועלכע קרייצן זיך אויף די פאַרשידנאַרטיקסטע ריכ-
טונגען; ער געפינט זיך אין פאַרשידענע לאַגעס, וועלכע ענדערן זיך
שנעל, בייטן זיך איינע מיט דער צווייטער, פאַרשווינדן און באַווייזן
זיך ווידער. דאָ זענען פאַראַן סתירות אויף יעדן טריט. און
די געזעלשאַפט עקסיסטירט דאָך, און אין איר עקזיסטירן פאַר-
שידענע גרופּן, פאַרמאָגן ווי ס'זאָל נישט זיין אַ פאַרהעלטנישמעסיק
פעסטן כאַראַקטער. קאַפּיטאַליסטן, אייגנטימער פון אונטערנע-
מונגען, הענדלער, סוחרים טרעטן אַרויס אויפן מאַרק ווי קאָנקו-
רענטן, און דאָך פאַלן זיי נישט אָן איינער אויפן צווייטן מיט א מע-
סער אין דער זעלבער מלוכה און זייער קלאַס צעפאַלט זיך נישט
דורך דעם, וואָס זיינע מיטגלידער פירן אַ קאָנקורענץ-קאַמף.
די קונים און פאַרקויפער זענען פאַראינטערעסירט אין פולשטענ-
דיק קעגנזייטלעכע זאַכן. אָבער נישט שטענדיק דערגייט עס
צו אַ געשלעג. צווישן די אַרבעטער זענען פאַראַן אַרבעטלאָזע,
וועלכע די קאַפּיטאַליסטן וואָלטן געוועזן בעלנים אונטערצוקויפן
בעת אַ שטרייק. אָבער נישט יעדן געלונגט אונטערצוקויפן, און
די קלאַסן אַחדות צווישן די אַרבעטער זיגט. ווי איז דאָס מעג-

לעך? די דאָזיקע מעגלעכקייט ווערט פאַרלייכטערט טאַקע אַ דאַנק דער עקזיסטענץ פון פאַרשידנאַרטיקע צ ו ג א ָ ב נ אָ ר מ ע ן, חוץ רעכט. די דאָזיקע צוגאָב נאָרמען (כּללים פון אויפפירונג) ווערן איינגעוואָרצלט אין די קעפּ פון די מענטשן, ווירקן, אַזוי צו זאָגן, פון אויסן, שטעלן זיך פאָר די מענטשן אַלס הייליקע לויט זייער נאַטור און ווערן דערפילט דורך זיי, ווי מ׳זאָגט, „לוטן געוויסן״, און נישט פאַר שרעק צוליב רעליגיעזע טעמים. אַ זעלכע זענען, למשל, די כּללים פון מאָראַל, וואָס שטעלן זיך פאָר אין דער סחורה־געזעלשאַפט אַלס אייביקע, אומדערשיטער־לעכע און הייליקע, וואָס לייכטן מיט עפּעס אַן אינערלעך ליכט און וואָס איז אַ חוב פאַר יעדן אָרנטלעכן מענטש. אזוי איז דער מנהג, די „תקנות פון די אורעלטערן״. אַזעלכע זענען די „כּללים פון העפלעכקייט״, „איידלקייט„ א. א.

דאָך, נישט קוקנדיק אויף דער גאַנצער זיך דאַכטנדיקער „איבערערדישקייט״ פון די דאָזיקע הייליקע כּללים, איז נישט שווער אָנצוטאַפּן זייער ערדישע וואָרצלען, וואָסער גאָטס־פאָרכטיקן ציטער ס׳זאָל נישט אָנכאַפּן זייערע אומבאַדינגטע פאַרערער. ביים באַטראַכטן זיי שטויסן מיר זיך פריער פון אַלץ אָן אויף צוויי הויפּט־פאַקטן: ערשטנס, אויף דער פאַר־ענדערלעכקייט פון די דאָזיקע כּללים; צווייטנס, אויף זייער צוזאַמענהאַנג מיט דעם קלאַס, גרופּע, פּראָפעסיע א. ד. ג. און אויפדעקנדיק די פאַקטן, וועלן מיר, פאַרטיפנדיק זיך נאָך אַ קליין ביסל, זעען, אַז זיי זענען אויך אין „ענד־חשבון״ אָפּהענגיק פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות. אין אַלגעמיין און אין גאַנצן קען מען זאָגן, אַז די דאָזיקע כּללים צייכנען אָן אַ ליניע פון אויפפירונג, ביי וועלכער ס׳האַלט זיך די ג ע ג ע ב ע נ ע געזעלשאַפט, אָדער קלאַס, אָדער גרופּע, ווי די מאָמענטאַלע אינטערעסן פון אַן איינצעלנעם מענטש וואַרפן זיך אונטער די אינטערעסן פון דער גרופּע. די דאָזיקע נאָרמען זענען אַזוי אַרום די ב אַ ד י נ־ג ו נ ג ע ן פון ג ל יי כ ג ע וו י כ ט, וואָס האַלטן איין די אינערלעכע סתירות פון די מענשלעכע סיסטעמען. ס׳איז פאַר־

שטענדלעך, פאַרוואָס זיי דאַרפן אומפאַרמיידליך זיך אויסווייזן אַלס מער ווייניק איינשטימיק מיט דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט. מיר ווילן נאָר שטעלן אַזאַ פראַגע: אויב די געזעלשאַפט עקזיסטירט, צי קען מעגלעך זיין, אַז די סיסטעם פון אירע הערשנדיקע מנהגים און מאָראַל זאָל אַ לאַנגע צייט סותר זיין איר יסודותדיקער, ד. ה. עקאָנאָמישער סטרוקטור. דער ענטפער איז קלאָר: פאַרשטייט זיך, דער דאָזיקער צושטאַנד, ווי אַ דויערנדיקער, איז אוממעגלעך. אויב אַלע מנהגים און מאָראַל, וואָס הערשן אין דער געזעלשאַפט, וואָלטן געווען אין אַ שאַרפע סתירה צו איר עקאָנאָמישער סטרוקטור, דאַן וואָלט זיך באַשיינפערלעך נישט באַוויזן קיין איינער פון די יסודותדיקע באַדינגונגען פון דער געזעלשאַפטלעכער גלייכגעוויכט. אין אמתן פאַסן זיך צו אי רעכט, אי מנהגים, אי מאָראַל, וואָס הערשן אין אַ געגעבענער געזעלשאַפט, צו די עקאָנאָמישע באַציונגען, אויף זייער יסוד וואקסן זיי אויס, צוזאַמען מיט זיי בייטן זיי זיך און פאַרשווינדן. לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַזאַ ביישפּיל: ווי באַוווּסט, הערשט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט דער קאַפּיטאַליסט איבער די זאַכן (פּראָדוקציע-מיטלען). אין די געזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה דרוקט זיך דאָס אויס אין דעם אַזוי גערופענעם רעכט פון פּריוואַט-אייגנטום, וואָס ווערט פאַרטיידיקט דורכן גאַנצן אַפּאַראַט פון דער מלוכה-מאַכט. די פּראָדוקציע-באַציונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט הייסן אויף דער שפּראַך פון רעכט (אויף דער „יורידישער" שפּראַך) פ אַ ר מ ע ג נ ס-באַציונגען, און אָט די פאַרמעגנס-באַציונגען ווערן פאַרטיידיקט דורך צאָלרייכע געזעצן. און צי וואָלט געקענט זיין אַזוי, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט זאָלן די רעכטלעכע נאָרמען (געזעצן) נישט פאַרטיידיקן די פאַרמעגנס-באַציונגען, נאָר זיי צעשטערן? פאַרשטייט זיך, דאָס איז אַ זינלאָזע השערה. אָבער אויך דאָסזעלבע דאַרף מען זאָגן וועגן דער מאָראַל: דער „מאָראַלער באַוווּסטזיין", פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט שפּיגלט אָפּ און דרוקט אויס

איר מאַטעריעלן זיין. לאָמיר כאָטש נעמען דעם ביישפּיל מיט דעם פּריוואט אייגנטום. די מאָראַל פּרעדיקט, אַז גנב'ענען דאַרף מען נישט, אַז מ'דאַרף זיין געוויסנהאַפט און בשום אופן נישט צונעמען א פרעמדע זאַך. דאָס איז אויך פארשטענדלעך. אויב, למשל, ס'וואָלט נישט געווען דער מאָראַלישער צוים, וואָס איז איינגעוואָרצלט אין די קעפּ פון די מענטשן, דאַן וואָלט זיך שנעל צערפאַלן די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט.

אויף דעם קען מען ענטפערן פאָלגנדיקעס: איר זאָגט, אַז דאָס איז אַלץ אזוי פשוט, נאָר אָט די קאָמוניסטן, למשל, אנערקענען נישט, אַז פּריוואַט־אייגנטום איז הייליק, און פונדעסטוועגן וועלן זיי נישט דערוואגן זיך צו זאָגן, אַז גנבה איז אַ גוטע זאַך. הייסט עס, ס'איז דאָ עפּעס, וואס איז הייליק פאַר אַלע מענטשן און וואָס מ'קען נישט דערקלערן מיט ערדישע סיבות. די דאזיקע טענה אָבער איז נישט ריכטיק, הגם אויפן ערשטן בליק איז זי כלומרשט איבערצייגנדיק. דער מהות פון ענין באַשטייט אָט אין וואָס. ערשטנס, די קאָמוניסטן האַלטן גארנישט פון דער גאַנצער אומבאַרירלעכקייט פון פּריוואַט אייגנטום. די נאַציאָנאַליזירונג פון די אונטערנעמונגען — דאָס איז עקספּראָפּריאַציע פון דער בורזשואַזיע. ביי איר נעמט מען „בחנם". דער אַרבעטער קלאַס נעמט דאָס „פרעמדע", איז עובר אויפן געזעץ פון פּריוואט-אייגנטום, „רייסט זיך דעספּאָטיש אריין אין די פארמעגנס-באַציונגען". (מארקס). צווייטנס, די קאָמוניסטן זענען קעגן גנבה. פארוואָס? טאַקי דערפאַר, ווייל אויב אַן ארבעטער וואָלט אליין גענומען פאַר זיין נוצן ביי די קאַפּיטאַליסטן, וואָלט ער נישט געקענט פירן אַ געמיינזאַמען קאַמף און ער וואָלט אליין פארוואַנדלט געוואָרן אין א קליינבירגער. פערד און הויז גנבים, הגם זיי וואָלטן געשטאַמט פון דעם זעלבן ריינעם פּראָלעטאַריאַט, וועלן קיינמאָל נישט זיין קעמפער פאַר אַ קלאַס. אויב אַ סך פון דעם קלאַס וואָלט אָנגעהויבן צו גנבענען, וואָלט ער צערפאַלן און געווען אנמעכטיק. אָט פארוואָס ס'איז פאראַן אַ כלל ביי די קאָמוניסטן: גנבע נישט, ווייל ווערסט

ווערן אַ טויגעניכטס. דאָס איז אַ נאָרמע נישט פון אָפּהיטן פּריוואַט-אייגנטום, נאָר אַ מיטל צו שטיצן אין גאַנצן דעם קלאַס, שיצן אים פון „דעמאָראַליזאַציע״, צערפאַל, וואָרנען אים פאַר נישט ריכטיקע שריט, אַ מיטל צו פירן די מענטשן פונם פּראָלעטאַריאַט אויף גאָר אַנדערע רעלסן. דאָס איז אַ ק ל א ס ן-נאָרמע פון דער אויפפירונג פונם פּראָלעטאַריאַט. נאָך דעם אַלעם איז שוין נישט נויטיק באַזונדערס אַ סך צו רעדן וועגן דעם, אַז די אויסגערעכנטע כּללים פון אויפפירונג ווערן באַשטימט דורך די עקאָנאָמישע באַציונגען פון דער געזעלשאַפט.

געוויס, די פּראָלעטאַרישע נאָרמען פון אויפפירונג זענען ס ו ת ר די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. אָבער מיר האָבן גערעדט וועגן די ה ע ר ש נ ד י ק ע נאָרמען. ווען די פּראָלעטאַרישע אויפפירונגס-נאָרמען וועלן ווערן הערשנדיקע, דאַן איז אַ סוף צום קאַפּיטאַליזם. (וועגן דעם אין פאָלגנדיקן קאַפּיטל).

כדי צו דערקלערן דאָס געזאָגטע אינם טעקסט, וועלן מיר ברענגען אַ ריי בײַשפּילן. אין געשלעכטלעכן געביט, אויף אַ באַשטימטער אַנטוויקלונגס-מדרגה, ווען דער מין האָט זיך געשטיצט א ו י ך אויף בלוט-קרובה-שאַפט, און מענטשן פון אַ צווייטן ~~מין~~ (ד. ה. לויטן מהות פון ענין פון אַ צווייטער געזעלשאַפט) זענען געווען שונאים, האָט זיך נישט גערעכנט אַלס זאַך, וואָס איז ווערט צו טאַדלען, די חתונה צווישן די נאָענטסטע קרובים; באַזונדערס הייליק איז געווען די חתונה מיט דער מ ו ט ע ר א ו ן ט אָ כ ט ע ר (למשל אין דער אַלט-איראַנישער רעליגיע).

ווען די פּראָדוקציע-כּוחות זענען געווען שוואַך אַנטוויקלט און פאַר דער געזעלשאַפטלעכער עקאָנאָמיק איז געווען איבער די כּוחות אויסצוהאַלטן אַן איבעריקן באַלאַסט, האָט דער מנהג און די מאָראַל געהאַלטן פאַר נויטיק א ו י ס צ ו ה ר ג ע נ ע ן די אַ ל ט ע ל ײַ ט (וועגן דעם שרײַבן די אַלטע היסטאָריקער הערעדאָט, סטראַבאַן

אַ. אַ.). דורך די זעלבע סיבות איז אַרויסגערופן געוואָרן דער מנהג (וועגן דעם שרייבט סטראַבאָן). לויט וועלכן די אַלטע האָבן זיך פרייוויליק געסמט. פאַרקערט, ווען די אַלטע לייט האָבן געשפּילט אַ ראָל אין דער פּראָדוק־ציע אָדער אין איר פאַרוואַלטונג, האָט דער מנהג גע־הייסן זיי ערן. זע: E. Meyer: Elemente der Anthropologie", 31—32 ff) די צוזאַמענגעבונדנקייט פון שבט, די סאָלידאַריטעט אינם קאַמף מיט די גרויזאַמע שונאים, האָבן זיך אויסגעדריקט אין אַ פאָרם פון בלוטיקער נקמה, אין וועלכער ס'האָבן גענומען אַנטייל אויך פרויען. ס'איז גענוג צו דערמאָנען די בילדער פון ברונגילדע אָדער גודרון פון דער לעגענדע וועגן די ניבעלונגען; אָט ווי אַזוי ס'ווערט געשילדערט גודרון (נישט אַזאַ גרויזאַמע ווי ברונגילדע):

פאַר די ברידער גענומען נקמה,
אָפּגעלאָזט די הינט
און פאַרגאָסן ס'בלוט
מיטן שאַרף פון שווערד.

(ליד וועגן סיגורט)

ע. מייער שרייבט פולשטענדיק ריכטיק: לויט זיין אי.האַלט איז דער צושטאַנד פון מאָראַל, מנהג און געזעץ אָפּהענגיק פון דער פאַראַנענער אין דער געגעבע־נער צייט געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג און פון די הערשנ־דיקע אין דער געגעבענער געזעלשאַפט (Gemeinschaft) אַנשויונגען... דעריבער קענען זיי אין פאַרשידענע געזעל־שאַפטן און אין פאַרשידענע צייטן האָבן אַ דיאַמעטראַל־סתירותדיקן כאַראַקטער (43). אין אַלטן כינע האָט אַ גרויסן באַטייט געהאַט די אייגנאַרטיק־געבויטע פעאָדאַלע־מלוכה־מאַכט, מיט אַ גרויסער שיכט פון באַאַמטע פון פאַרשידענע מדרגות. די הערשאַפט פון דער דאָזיקער ערד־באַזיצערישער ביוראָקראַטישער שיכט האָט זיך אי־דעאָלאָגיש געשטיצט אויף קאָנפוציוסעס לערע, וואָס באַ־

שטייט פֿון סיסטעמאַטיזירטע אויפֿפירונגס=כּללים. איינער
פֿון די וויכטיקסטע כּללים פֿון דער דאָזיקער מאָראַלער
לערע איז געווען א לערע וועגן העפֿלעכקייט און אַכטונג
צו די העכער=שטייענדיקע. (hiao) מ׳דאַרף קענען איבער=
טראָגן באַליידיקונג און אפילו ליידן פֿאַרפֿאָלגונגען
ביזן טויט, אויב דאָס איז נוצלעך פֿאַרן כּבֿוד פֿון דעם
קייסער; מ׳קען (און מ׳דאַרף) בכלל מיט אַ געטריי=
ער דינסט פֿאַרריכטן אַלע פֿעלערן פֿונעם קייסער; און
אין דעם באַשטייט דער „היאָ“ (העפֿלעכקייט).
(Max Weber: „Gesammelte Aufsätze zur Religionssoziologie“. Tübingen Verl. Mohr. 1920, B.I
S. 419). דאָס עובר זיין אויפֿן דאָזיקן „היאָ“ איז די איינציקע
עבֿרה. אַ באַרבאַר איז דער, וואָס פֿאַרשטייט דאָס נישט, ווער
ס׳פֿאַרשטייט נישט דעריבער „איידעלע אויפֿפירונג“
(דער הויפּטבאַגריף פֿון קאָנפֿוציוסעס לערע). „פּיעטעט (היאָ)
אין באַצוג צום אייגנטימער, ווערט דערמאָנט צוזאַמען מיט
היאָ אין באַצוג צו עלטערן, לערער, אָנפֿירער אין דער
ביוראָקראַטישער היעראַרכיע און די דינסט=פּערזאָנען
(דאָרטן 447). דיסציפּלין, צוזאַמען מיט העפֿלעכקייט, איז
אויך איינע פֿון די וויכטיקסטע מעלות. נישט=אונטערטע=
ניקייט איז ערגער פֿון אַ געמיינעם געדאַנקען=גאַנג.“ (447).
א פֿאַראַלגעמיינערונגס אידיי איז אַן אידיי פֿון דער געגעבענער אָרדענונג; ס׳איז בעסער צו לעבן ווי אַ הונט
אָבער אין שלום, איידער צו זיין א מענטש, נאָר אין
צושטאַנד פֿון אנארכיע, — זאָגט טשען־קי־טאַנג“ (457);

ווי יעדע ביוראָקראַטישע מאָראַל, האָט אויך די
מאָראַל פֿון קאָנפֿוציאָניזם, פֿאַרשטייט זיך, אָפּגעוואָרפֿן דעם
אנטייל פֿון די באַאַמטע אין דער רווחים=ברענגענדיקער
אַרבעט... ווי אַ זאַך, וואָס איז עטיש צווייפֿלהאַפֿט און
נישט פּאַסיק פֿאַר דער דאָזיקער שיכט“ (447). פּריינט
דאַרף מען זיך אויסקלויבן נאָר פֿון גלייכע לויט דער
סאָציאַלער לאגע, רייכע זענען בעסער פֿאַר אָרעמע, ווייל

זיי קענען אויספילן אַלע צערעמאָניעס: „פאָלק — נאַריש
פאָלק" דער היפוך פון „דזשענטעלמען" (Yunmin)
בוכשטעבלעך: (מענטש-פירשט). ס'איז כאַראַקטעריסטיש,
אַז די דאָזיקע גאַנצע קאָלאָסאַלע סיסטעם פון נאָרמען,
וואָס האַלטן אונטער די פעאָדאַל-פּריצישע אָרדענונג,
האָט געהייסן „hungfan", ד. ה. „גרויסער פּלאַן". (454)
דער צוזאַמענהאַנג פון דער דאָזיקער לערע מיט דער
געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג איז קלאָר ווי אויף דער האַנט.
און אַלע צאָלרייכע „כינעזישע צערעמאָניעס" זענען אין
אמתן געשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט די פאַרשידענע
געדאַנקן-שטרעמונגען און געווינט אַלס אַ קאָמפּליצירט זיי-
דענע נעץ, וואָס האָט אַרומגענומען די געזעלשאַפט און
אונטערגעהאַלטן די אַנטשפּרעכנדיקע אָרדענונג.

אָדער לאָמיר נעמען די מיטל-אַלטערלעכע צפון-פראַנצויזישע ריטער פון 12-טן
און 13-טן י. ה. זיי האָבן באַזונגען די „שיינע דאמען"
און זיך געשלאָגן „פאַר זיי" אויף טורנירן. אָבער זיי-
ערע „אידעאַלע פאָרשטעלונגען וועגן ערע און ליבע
האָבן געטראָגן אַ פאָרם פון „שטאַנד-ערע". (Der
Standsehre. Veltgeschichte von H. Helmholt
hg. von Armin Tiille, 5 Band. Leipzig und
Wien 1919, s. 496) די הויפּט ראָל פון זעם ריטער-
טום אין דער געזעלשאַפט איז געווען די מלחמה און די
מלחמה טעטיקייטן. ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז
די „נאָרמען" האָבן דערמעגלעכט די אויסאַרבעטונג
פון אַ מיליטערישן טיפּ פון מענטשן, וואָס זענען איינגע-
שלאָסן אין אַ ספּעציעלן קלאַס: אַ ריטער, וואָס... האָט
זיך אויסגעוויזן אַלס שרעקנדיקער, איז פאַר-
טריבן געוואָרן, איז עפנטלעך געשענדעט געוואָרן דורכן
העראָלד, פאַרשאָלטן געוואָרן דורך דער קירך; דער
תליון האָט צעהאַקט זיין הערב און געווער, די פּיקע
צוגעבונדען צום פערדישן עק..." א. א. וו. כדי זיך

צו איבן אין מלחמה-פירונג האָבן געדיגט... די טורנירן... (דאָרט 496).

מיטן אויפוווקס פון די קאַפּיטאַליסטישע באַציִונגען ענדערן זיך אויך די הערשנדיקע מנהגים, מאָראַל א. וו. אַנשטאַט פאַרשווענדערישקייט" ווערט די ליידנשאַפט צום אָנזאַמלען אַן אַנטשפּרעכנדיקע מעלה. נישט די אויפפירונג פון דעם פעאָדאַלן סעניאָר איז אַ כבוד פאַר אַן אָרנט־לעכן מענטש, נאָר דאָס, וואָס ביי אים איז די באַלבאַ-טישקייט אין אָרדענונג". W. Sombart., ,Der Burgeois", 140) "מ'דאַרף לעבן „קאָרעקט"... מ'דאַרף זיך אָפּ-האַלטן פון אַלע לוקסוס-זאַכן, ווייזן זיך נאָר אין אַן ארנט־לעכער געזעלשאַפט; מ'קען נישט זיין קיין שיכור, קאָרטן-שפּילער, אַ פּרויען-יעגער, מ'דאַרף גיין צו דער הייליקער ליטורגיע און צו דער זונטיקדיקער דרשה; קורץ געזאָגט, מ'דאַרף זיין אַ גוטער „בירגער" אין באַצוג צו דער אויסערלעכער וועלט — אַרויסגייענדיק פון אינטע-רעסן שטאַנדפּונקט, ווייל אַזאַ מאָראַליש לעבן הייבט דעם קרעדיט" (Ibidem s.152-153) פאַרשטייט זיך, די דאָזיקע פּראָטעסטאַנטיש = צבועקישע מאָראַל האָט אָפּגעטרעטן איר אָרט אַן אַנדערער, ווען ס'האָט זיך געענדערט די לאַגע פון דער בורזשואַזיע און ווען די געשעפטן פון דער פירמע האָבן שוין אויפגעהערט צו זיין אָפּהענגיק פון דער אויפפירונג פון איר אייגנטימער.

ווייזן, אַז די פאַרענדערלעכקייט פון געזעץ איז אָפּהענגיק פון דער עקאָנאָמישער אָרדענונג, איז נאָך גרינ-גער, ווייל דער קלאַסן־כאַראַקטער פון די געזעצן זעט מען אומעטום און שטענדיק. נאָר אַפילו אַזעלכע נישט אָנזעבאַרע נאָרמען, ווי די מאָדע, ווי מ'קען דאָס דערווייזן, זענען אָפּהענגיק פון די געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען. ביי אַ בורזשוי הייסט זיין נישט אָרנטלעך, ווען מ'איז נישט-פּאַסיק אָנגעטון. אין דעם באַשטייט זיין קלאַסן-אונטערשיד, לויטן אָנטון אַנערקענט ער די „אָרנט-

לעכע מענטשן", אָבער אויך אין דער רעוואָלוציאָנערער ספערע איז דאָ אַ סך ענלעכעס. אַזוי, למשל, איז בעת דער רעוואָלוציע פון 1905 געווען א פ אַ ר ט יי־מאָדע: די סאָציאַל־דעמאָקראטן האָבן געטראָגן שוואַרצע העמד־לעך (סימן פון פראָלעטאַריאַט), די ס—רן האָבן באַפאַר־צוקט רויטע (דאָס רעוואָלוציאָנערע פויערנטום), ס'וואָלט זיך קוים געפונען א טוץ אינטעליגענטן אין אַ גרויסער שטאָט, וואָס האָבן אַנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציע און האָבן נישט געטראָגן די אָדער יענע שווייגנדיק־אַנערקענטע פּאַרטיי־פאָרם.

חוץ דער קלאַסן־מאָראַל זענען נאָך פאַראַן אירע אונטער־אָפּטיילונגען: למשל, פּראָפעסיאָנעלע מאָראַל. אַזאַ איז די פּראָפעסיאָנעלע מאָראַל פון דאָקטוירים, יוריסטן א. א. דורך ענלעכע סיבות ווערט אַרויסגערופן די גנבישע מאָראַל (אַן אייגענעם גיב נישט ארויס), וואָס ווערט זייער שטרענג אָפּגעהיט. אזוי ארום זענען די אלע אויבן באטראכטע פאָרמען שטריק, וואָס האלטן אונטער די איינהייט פון דער געזעלשאַפט, קלאַס, פּראָ־פעסיאָנעלע גרופן א. א. וו.

איצט דארף מען איבערגיין פון די אויספירונגס־נאָרמען צו אַן אַנדערער ריי פון געזעלשאַפטלעכע דער־שיינונגען, נעמלעך צו דער ל ע ר ע ו ע ג ן ד ע ר פ י ל אָ ז אָ פ י ע. די פילאָזאָפיע, ווי מיר וועלן דאס זען, שטיצט זיך אויף אַלע וויכנשאַפטלעכע ידיעות. די וויסנשאַפט גופא שטעלט מיט זיך פאר אַן אויסערגעווייגלעך קאָמפּליצירטע זאַך, אויב מ'רעדט וועגן א וויפיל ס'איז אַנטוויקלטער וויסנ־שאַפט. קורם כל ווערט דאָ דער ענין נישט אויסגעשעפט מיט בלויזע סיסטעמען פון אידייען. אין די וויסנשאַפטן איז פאַראַן אַן אייגענע ט ע כ נ י ק, זײַן אייגענער מעכטיקער אַפּאַראַט (איג־סטרומענטן, מכשירים, מאָפּעס ביכער, לאַבאָראַטאָריעס. א. א. וו.; מ'דארף נאָר נעמען וואָסער־ס־איז קאָלאָסאַלע לאַבאָ־ראַטאָריע אָדער וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציע ערגעץ צום צפון־

פאַל אָדער אין צענטראַל אפריקע); דאָ איז אויך פאַראַן אן אייגענער מענטשלעכער אַפּאַראַט, טיילמאָל אויך אין אַ גרויסן מאַסשטאַב (למשל, וויסנשאַפטלעכע צוזאַמענפאָרן, קאָנפערענצן, וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפטן און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, מיט זייערע זשורנאַלן און פלערליי אויסגאַבן); דאָ איז ענדלעך, פאַראַן אויך אַ סיסטעם פון אידייען, געדאַנקען, וואָס ווערן געבּרענגט אין אָרדענונג, וואָס זענען וויסנשאַפט אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט. קודם כּל דאַרף מען פעסטשטעלן די פאָלגנדיקע באַהויפּטונג: יעדע וויסנשאַפט ווערט געבוירן פון דער פּראַקטיק, פון די באַדינגונגען און באַדערפענישן פון דעם לעבנס־קאַמף פון דעם געזעלשאַפטלעכן מענטש מיט דער נאַטור און פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע גרופּן מיט דער געזעלשאַפטלעכער סטיכיע אָדער מיט אַנדערע געזעלשאַפטלעכע גרופּן. דער ווילדער פאַרמאָגט אַ זייער פאַרשידנאַרטיקע דערפאַרונג. ער דערקענט געוויקסן, עסבארע און גיפטיקע, געפינט חיות, וועלכע ער יאָגט נאָך לויט זייערע שפּורן, און ער קען זיך פאַרטיידיקן פאַר די רויב־חיות און די גיפטיקע שלאַנגען, ער קען אויסנוצן פאַר זיינע צוועקן פייער און וואַסער, אויסקלויבן שטיינער און האָלץ פאַר זיין געווער, לערנט זיך אויס שווימען און באַאַרבעטן מעטאַלן. ער לערנט זיך אויס רעכענען מיט דער הילף פון די פינגער, אויסמעסטן די שטרעקע מיט דער הילף פון הענט און פיס. ער קוקט, פונקט ווי אַ קינד, אויפן הימל, אָבסערווירט זיין דרייען זיך און די צעשטעלונג פון דער זון און די פּלאַנעטן. אָבער אַלע זיינע אָבסערוואַציעס מאַכט ער גרעסטנטיילס אָדער צופעליק, אָדער מיטן צוועק פון אַ נוצלעכער אָנווענדונג פאַר זיך. די זעלבע פרימיטיווע דערפאַרונג בילדעט דאָס קערנדל פון פאַרשידענע וויסנשאַפטן. אבער די וויסנשאַפט האָט געקענט

אנטשטיין ערשט דאַן, ווען די מאַטעריעלע זיכערקייט האָט
געגעבן גענוג פרייע צייט, און פון דער צווייטער זייט,
זענען אָפטע איבונגען פון אינטעלעקט (מען שלעכער שכל
נ, ב.) געווען אויף אַזוי פיל פאַרשטאַרקט, אַז ס'איז אַנטש=
טאַנען א גענוגנטער אינטערעס צום אָבסערווירן
אַליין פאַר זיך. (ע. מאַך: „דערקענטניש און
טעות", פאַרלאַג סקירמונט, מאָסקווע 1909, ז. 92 דעם
מהברס קורסיוו). די וויסנשאַפט באַווייזט זיך, פאַלגלעך,
ערשט דאַן, ווען דער וווּקס פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות האָט
באַפרייט צייט פאַר וויסנשאַפטלעכע באַאָבאַכטונגען. פון
דער צווייטער זייט, איז דער מאַטעריאַל, וואָס איז אין אָנהייב
געווען ביי דער וויסנשאַפט — אַ מאַטעריאַל פון דעם
פּראָדוקציע געביט. ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס די די-
רעקטע אונטערשטיצונג פון לעבן דורך דער פאַרמיטלונג פון
דער פּראָדוקציע, ד. ה. די אינטערעסן פון דער פּראָדוקציע,
האָבן טאַקי געגעבן אַ שטויס דער אַנטוויקלונג פון די וויסנ=
שאַפטן. די פּראַקטיק האָט געבוירן די טעאָריע
און זי געשטויסן פאָרווערטס.

די אַסטראָנאָמיע, למשל, איז אַנטשטאַנען פון די
נויטווענדיקייטן צו אָריענטירן זיך אין דער סטעפּ לויט
די שטערן, פון די באַדערפעּנישן צו דערקלערן דעם
באַטייט פון די צייטן פון יאָר פאַר דער ערד=ווירטשאַפט,
פון דער באַדערפעניש אין גענויער צעטיילונג פון דער
צייט (זייגער, למשל, ווערן ריכטיק געשטעלט אַסטראָנאָ-
מיש) א. א. וו. די פיזיק איז געשטאַנען אין אַ די-
רעקטער קרובהשאפט מיט דער טעכניק פון דער מאַטער-
יעלער פּראָדוקציע און דער מלחמה־פירונג. די כעמיע
איז אויפגעוואַקסן אויפן באָדן פון וווּקס פון דער אינ=
דוסטריעלער פּראָדוקציע, באַזונדערס אין דאַמף=געביט (די
אָנהייבן פון כעמיע זעען מיר נאָך אין מצרים און כינע
אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּראָדוקציע פון גלאָז, פאַר-
בעריי, עמאַליע, פּראָדוקציע פון פאַרבן, מעטאַלורגיע און

א. ה. דאָס וואָרט „כעמיע“ שטאַמט פון וואָרט „chemi“ (שוואַרץ) און ווייזט אויף דער מצרישער אָפּשטאַמונג). די אַזוי גערופענע אַלכעמיע האָט נאָך עקזיסטירט ביי די מצריים און איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער באַמיונג צו געפינען אַ געזעץ צו פאַרוואַנדלען מעטאַלן אין גאָלד; אין 15=טן י. ה. האָט די כעמיע געגעבן אַ שטויס אויך דער מעדיצין. די מינעראַלאָגיע (די לערע וועגן מינעראַלן) האָט געהאַט אַלס שורש איר פּראָדוצירנדיקע באַנוצונג פון מינעראַלן און דאָס אויסלערנען די אייגנשאַפטן פון די דאָזיקע מינעראַלן פאַר פּראָדוקציע באַדערפענישן. די באָטאַניק (לערע וועגן צמחים-קעניגרייך) האָט זיך צום ערשטן געשטיצט אויף די ידיעות וועגן מעדיצינישע געוויקסן, נאָכדעם וועגן נוצלעכע צמחים בכלל, און שפּעטער וועגן אַלע צמחים. די זאָאָלאָגיע, ד. ה. לערע וועגן חיות, האָט זיך אַנטוויקלט פון די באַדערפענישן צו קענען זייערע נוצלעכע און שעדלעכע אייגנשאַפטן. אַנאַטאָמיע, פיזיאָלאָגיע, פּאַטאָלאָגיע, זענען אַנטשטאַנען אויפן באָדן פון דער פּראַקטישער מעדיצין (די ערשטע „געלערנטע“ אויף דעם געביט זענען געווען די מצרישע, אינדישע, גריכישע און רוימישע דאָקטוירים למשל, דער גריך היפּאָקראַט, דער רוימער קלאַודיוס גאַלען). די געאָגראַפיע און עטנאָגראַפיע האָבן זיך אַנטוויקלט אויפן באָדן פון האַנדל און די קאָלאָניאַלע מלחמות. די אַממייסטן האַנדלס-פעלקער פון אַלטערטום, למשל, די פעניקיער, קאַרטאַגער א. א. זענען געווען די בעסטע געאָגראַפן. אין מיטלאַלטער איז די געאָגראַפיע פאַרשטומט געוואָרן. איר גיגאַנטישער וווקס הייבט זיך אָן ערשט אין דער נייער צייט, אין 15־טן י. ה., אין דער עפּאָכע פון די האַנדלס־קאַפּיטאַליסטישע מלחמות און די גרויסע, פאַרבונדענע מיט זיי האַלב־סוחרישע, האַלבגזלנישע, האַלב-וויסנשאַפטלעכע רייזעס. בראש פון די דאָ־

זיקט וסיעות און אַנטדעקונגען זענען געשטאַנען די
האַנדלס־פּיראַטישע מלוכות: פּאָרטוגאַל, שפּאַניען, ענג־
לאַנד און האָלאַנד. די עטנאָגראַפיע האָט זיך אויך
אַנטוויקלט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קאָלאָניאַלער פּאָ־
ליטיק (דאָ שטעלט זיך א פּראַקטישע פראַגע: ווי אַזוי
צוצופּאַסן די ווילדע צו דער אַרבעט פאַר דער „קולטו־
רעלער" בורזשואַזיע?). די מאַטעמאַטיק, איי־
נע פון די, דאַכט זיך, ווייטסטע וויסנשאַפטן, איז פונ־
דעסטוועגן אינגאַנצן אויסגעוואַקסן פון דער פּראַקטיק.
אירע אורשפּרינגלעכע מכשירים זענען געווען,
פונקט ווי אינם געביט פון דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע,
די פינגער פון די הענט און פון די
פיס (דאָס ציילן אויף די הענט; פינף־סיסטעם, צענער
סיסטעם, צוואַנציקער־סיסטעם; די אורשפּרינגלעכע באַציי־
כענונגען פון ווינקלען א. א. וו. מיטן בויג פון די
קניען; די איינסן פון דער מאָס פון שטח — אָרעם
פוס א. א. וו. זע: M. CANTOR: „Vorlesungen
über die Geschichte der Mathematik", Leipzig'
1907). אירע מאַטעריאַלן זענען געווען די באַ־
דערפענישן פון דער פּראָדוקציע: די אויס־
מעסטונג פון פעלדער (געאָמעטריע איז דער טייטש מעסטונג),
געביידעס, אויסמעסטונג פון דעם אומפאַנג פון די כלים, שיפבוי,
א סך פריער דער חשבון פון בהמות אין די האַנדלס־עפּאָכן
די קאַלקולאַציע, אויסגעפונען דעם בילאַנס. די מיצ־
רישע און גריכישע געאָמעטרן, די רוימישע ערד־מעס־
טערס (agrimensores) די אַלעקסאַנדריער אינזשי־
ניערן (ווי העראָן דער אַלעקסאַנדריער, וועלכער האָט
דערפינדן עפּעס ענלעכעס צו דעם אָנהייב פון א דאַמף־
מאַשין — זענען אויך געווען די ערשטע מאַטעמאַטיקער.
(זע: RUDOLF EISLER: „Geschichte der
Wissenschaft", Leipzig, 1906).

נישט אַנדערש איז עס פאָרגעקומען מיט די גע־

זעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן (מיר האָבן שוין וועגן דעם גערעדט אין דעם „אַריינפיר"). די היסטאָריע איז אַנטשטאַנען פון דער באַדערפעניש פאַנאַנדערצוקלויבן זיך אין די „שיקזאַלן פון די פעלקער" און די צילן פון דער פּראַקטישער פּאָליטיק. די לערע פון רעכט האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם צוזאַמענקלויב און איינאָרדענונג (מיט דער אַזוי גערופענער „קאָדיפיקאַציע") פון די עקזיסטירנדיקע געזעצן — ווידעראַמאָל מיט פּראַקטישע צילן. די פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיטן קאַפּיטאַליזם, אורשפּרינגלעך אַלס לערע פון סוחרים, וואָס האָט געדינט די באַדערפענישן פון זייער געמיינזאַמער קלאַסן-פּאָליטיק. די פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן האָבן זיך אורשפּרינגלעך צונויפגעלייגט ווי „גראַמאַטיקעס" פון פאַרשידענע שפּראַכן און אויסגעוואַקסן אויף דער באַזע פון די האַנדלס־באַציונגען און באַדערפענישן פון פאַרקער. די סטאַטיסטיק האָט זיך אָנגעהויבן פון סוחרישע טאַבעלן, וואָס זענען געווען געווידמעט פאַרשידענע לענדער (ביישפּילווייז אויך די התחלות פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע; ביי איינעם פון די פעטער פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע וויליאַם פּעטטי הייסט איינס פון זיינע ווערק: „פּאָליטישע אַריטמעטיק") א. אַ. וו., א. א. וו. פאַר אונזערע אויגן וואַקסן אַרויס פון דער פּראָדוקציע נאָך נייע וויסנשאַפטן: למשל, פון דער טעכנישער דערפאַרונג אין דער אָנווענדונג פון טיילאָרס סיסטעם וואַקסט אַרויס די אַזוי גערופענע „פּסיכאָ-טעכניק", פּסיכאָ-פיזיאָלאָגיע פון אַרבעט, די לערע וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע א. א.

אנטוויקלענדיק זיך, צעוואַקסן זיך די וויסנשאַפטן אין זייער פאַרנעם און טיילן זיך (ספּעציאַליזירן זיך). דאָך קען מען שטענדיק דערוויזן זייער דירעקטע אָדער אומדירעקטע אָפּהענגיקייט פון צושטאַנד פון די פּראָדוצירנדיקע כוחות.

פונקט ווי אין דער דירעקטער מאטעריעל — פראָדוציר=
דיקער טעטיקייט „פאַרלענגערט“ די געזעלשאַפט אירע נאַטיר=
לעכע מענטשלעכע אָרגאַנען און מיט די דאָזיקע פאַרלענגערטע,
„טראָץ דער ביבל“ אָרגאַנען, מיט איר טעכניק, קען זי אַרומ=
נעמען אויך מער מאַטעריאַל, מער אויסאַרבעטונג, אַזוי אויך אין
דער וויסנשאַפט האָט די מענטשלעכע געזעלשאַפט איר
„פאַרלענגערט“ באַוווסטזיין, וואָס פאַרגרעסערט זיין גייסטיקע
„וויטזיכטיקייט“ — דערלויבט אַרומנעמען, „פאַרשטיין“ אַ גרויסן
סכום דערשיינונגען, זיך בעסער אין זיי „פאַנאַנדערקלויבן“, און
פאָלגלעך, אויך בעסער ווירקן.

ס'איז טשעקאַווע, אַז זייער אַסך בורזשואַזע גע=
לערנטע, ווען זיי רעדן קאָנקרעט וועגן דער וויסנשאַפט,
שטעלן זיך נישטווילנדיק אויף דעם דאָזיקן מאַ-
טעריאַליסטישן שטאַנדפונקט. נאָר זאָל
זיי גאָט היטן צו זיין קאָנזעקווענט ביז צום סוף! אָט ווי
אַזוי ס'רעדט וועגן „זין פון דער וויסנשאַפט“ איינער פון
די באַדייטנדסטע רוסישע געלערנטע פראָפ. א. טשו-
פּראָוו (דער זון): כל זמן ס'לעבן איז נישט קאָמפּלי-
צירט, באַנוגנט זיך די מענטשהייט אין איר אַלטעגלעכן
אומגאַנג מיט די „לעבנס-דערפאַרונגען“ — מיט דעם דאָ-
זיקן צופעליקן אופן פון אָנזאַמלען אָפּגעריסענע ידיעות
און געוווינהייטן, וואָס גייען איבער לויט דער טראַדיציע
פון פאָטער צום זון. אָבער צוזאַמען מי[illegible] דער פאַרברייי=
טערונג פון אינטערעסן-קרייז הערן די פאַרמלאָזע ידיעות
אויף צושטיין אויף דער הויך פון דער אויפגאַבע, און
ס'באַווייזט זיך אַ באַדערפעניש אין אַ סיסטעמאַטישער
אַרבעט, אַ באַוווסטזיניק און פּלאַנמעסיק געריכטעטע צום
ציל פון דערקענען די אונז אַרומרינגלענדיקע וועלט — צו
דער וויסנשאַפט. אָנהייבנדיק זיך אָפּגעבן אַ חשבון אין
דעם, אַז scientia et potentia humana in idem
coincidunt 1), און אַז quod in contemplatione

1) וויסן און מאַכט פון מענטש טרעפן זיך צונויף

instar causae est, id in operatione instar regulae est 2) הערן מענטשן אדורכגעדרונגען פוגם געדאַנק, אַז ignoratio causa destituit effectum 3), און לערנען זיך אויס צו שעצן... דאָס וויסן, ווי אַ יסוד פון פּראַק־טישער אַרבעט" („אָפּהאַנדלונגען וועגן דער טעאָריע פון דער סטאַטיסטיק", פּעטערבורג, 1909, ז. 22—21).

דער צוזאַמענהאַנג צווישן דעם צושטאַנד פון דער וויסנ-שאַפט און די פּראָדוצירנדיקע כוחות פון דער געזעלשאַפט איז אַ פ י ל פ אַ כ י ק ע ר. ער איז גאָרנישט אַזוי פּשוט, ווי מ׳באַ-הויפּטעט דאָס טיילמאָל, און כדי דאָס אויפצודעקן אין דער פולער מאָס, דאַרף מען באַטראַכטן די פּראָבלעם פון אַלע זייטן.

מיר ווייסן, אַז די וויסנשאַפט האָט (אָדער ס׳איז פאַראַן) איר אייגענע טעכניק, איר אָרגאַניזאַציע פון דער וויסנשאַפטלע-כער אַרבעט, איר אינהאַלט, מעטאָד א. א. די אַלע באַשטאַנד-טיילן, פאַרשטייט זיך, ווירקן איינער אויפן צווייטן און אויף דעם גאַנצן צושטאַנד פון דער געגעבענער וויסנשאַפט אין דער געגעבענער צייט. ס׳איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז מ׳דאַרף באַטראַכטן די פּראָבלעם וועגן יעדן פון די דאָזיקע באַשטאַנד-טיילמענטן און אויפדעקן דעם דירעקטן אָדער אומדירעקטן צו-זאַמענהאַנג מיט דער עקאָנאָמיק און — אין לעצטן חשבון — מיט דער טעכניק פון דער געזעלשאַפט.

פריער פאַר אַלעם איז קלאָר, דאָס כדי אַז די וויסנ-שאַפט זאָל בכלל עקזיסטירן, איז נויטיק, אַז די פּראָדוצירנ-דיקע כוחות זאָלן דערגרייכן אַ באַשטימטע הויך פון זייער אַנט-וויקלונג. דאָרטן ווו ס׳איז נישטאָ קיין צוגאָב אַרבעט אָדער ווו איר פאַרנעם איז באַגרעניצט און ווערט נישט פאַרגרע-

---

2) דאָס, וואָס טרעט אַרויס אין דער באַטראַכטונג אַלס סיבה, איז אין דער טאַט אַ כלל

3) דאָס נישט וויסן די סיבה מאַכט קאַליע דעם רעזולטאַט

טערט, דאָרטן קען נישט זיין א וויסנשאַפטלעכע אַנטוויקלונג.

„די דאַזיקע שטרעבונג (צו דער וויסנשאַפט, נ. ב.) קען זיך באַווייזן נאָר נאָך דעם אוועקגאַנג פון יעם מאָ־מענט, ווען דער מענטש האָט באַפרידיקט זיינע אַנדערע באַדערפעניש (appetits)... טייל (וויסנשאפטלעכע) ידיעות גייען צו אונז פון כינע, אינדיע, מיצרים, אָבער — אַ טשעקאַווע זאַך! — זיי האָבן אין די דאָזיקע לענדער באַקומען זייער אַ נישט-פּולקאָמע אַנטוויקלונג". A. Bordeaux: Histoire des sciences physiques, chimiques et géologiques au XIX siécle" Paris et Liége, 1920, p. 11).

דער אינהאַלט פון דער וויסנשאַפט ווערט באַשטימט אין ענד-חשבון דורך דער טעכנישער און עקאָנאָמישער זייט פון דער געזעלשאַפט (די „פּראַקטישע וואָרצלען", וועגן וועלכע מיר האָבן אויבן גערעדט). טאַקי דערפאַר קומט אָפט פאָר, אַז איין און די זעלבע אַנטדעקונג, דערפינדונג, אַוועקשטעל אָדער לייזונג פון איין און דער זעלבער פּראָבלעם ווערן איינצייטיק געמאַכט אין פאַרשידענע ערטער, און דערביי זייער אָפט „אומאָפּהענגיק" איינער פון צווייטן. דאן „טראָגן זיך אין דער לופטן" די אנטשפּרעכנדיקע „אידייען". דאָס הייסט, אַז זיי וואקסן אַרויס פון דעם גאַנצן צונויפגעלייגטן לעבנס־שטייגער, וואָס האָט זיינע וואָרצלען אינם צושטאַנד פון די פּראָדוצירנדיקע כּוחות.

א. באָרדאָ ברענגט אין זיין „געשיכטע" פאָלגנ־דיקע אַנטדעקונגען, וואָס זענען אַרויסגערופן געוואָרן, ווי ער דריקט זיך אויס, „דורך דער פאַראַנענקייט פון אידייען אין דער לופט און דורך אומשטענדן פון לעבן" („par l'existance des idèes dans l'air et par les circonstances da la vie"): די אַנטדעקונג פון דער מיט=שייכות צווישן וואַרימקייט און דער מעכאַנישער אַרבעט, אינדוקציע-קאַלער 1) גראַמ'ס רינג, די אויס-

1) על עקטריציטעט אין א פאַרקערטער ריכטונג.

רעכענונג פון אומענדלעך-קליינע צאָלן (חוץ לייבניץ און ניו-טאָן דערמאָנט ער זייערע פאָרגייערס Fermad, Cavalieri: א. א. ביז ארכימעדעסן") זיין אַלגעמיינער אויספיר איז אזא: „וואָס איז שייך דער וויסנשאַפט... באַווייזט זיך.. די שוועריקייט צו דערקענען, ווער ס'האָט אין אמתן (ד. ה. וואָסער פערזאָן — נ. ב.) געמאַכט די אנטדעקונג". מ'דאַרף באַמערקן, אַז דער פּראַק-טישער זין פון דער וויסנשאַפט באַטייט לגמרי נישט, אַז יעדע וויסנשאַפטלעכע באַהויפּטונג ווירקט דירעקט

אויף דער פּראַקטיק. לאָמיר אָננעמען, אַז פאַר דער פּראַקטיק איז וויכטיק די באַהויפּטונג A. אָבער כדי צו דערווייזן די דאָזיקע באַהויפּטונג, זענען נאָך נויטיק די באַהויפּטונגען B, C, D. און פאַר זיך האָבן די באַ-הויפּטונגען B, C, D נישט קיין דירעקטע פּראַקטישע באַדייטונג (זיי האָבן, ווי מ'זאָגט „אַ ריין טעאָרעטישן אינטערעס"), אָבער ווי רינגעלעך פון איין וויסנשאַפטלע-כער קייט האָבן זיי פונדעסטוועגן אַן אומדירעקטע פּראַק-טישע באַדייטונג. ס'איז נישטאָ קיין אומנוצלעכע און נוצלאָזע וויסנשאַפטלעכע סיסטעם, פונקט אַזוי ווי ס'זענען נישט פאַראַן זינלאָזע, צו-גאָרנישט-טויגנדיקע מעכאַנישע מכשירים.

אויב דער אויפשטעל פון די פּראָבלעמען גייט ארויס, הויפּטזעכלעך, פון געביט פון טעכניק און עקאָנאָמיק, איז זייער לייזונג, פון דער צווייטער זייט, אין דער ריי וויסנשאַפטן אָפּ-הענגיק פון די ענדערונגען אין דער וויסנשאַפטלעכער טעכניק. די אינסטרומענטן פון דער וויסנשאַפטלעכער אויספאָרשונג פאַר-ברייטערן אויסערגעוויינלעך דעם האָריזאָנט. אין דער ערשטער העלפט פון 17-טן י. ה. איז, למשל, דערפונדן געוואָרן דער מיקראָסקאָפּ. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, וואָס פאַרא קאָלאָ-סאַלע ווירקונג ער האָט געהאַט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט. ער האָט אַ שטויס געטון פאָרויס די באָטאַניק

(די אויספאָרשונג וועגן בוי פון די געוויקסן), אנאַטאָמיע פון די חיות, אנאטאָמיע פון מענטש, געשאַפן אַ גאַנץ ניי געביט פון געוויקסן=באַקטעריאָלאָגיע (לערע וועגן באַקטעריעס) א. א. וו. ס'איז אויך פאַרשטענדלעך די ראָל פון דער אסטראָנאָמישער טעכניק (די איינאָרדנונג פון אָבסערוואַטאָריעס, די אייגנשאַפט פון טעלעסקאָפ, פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן צו פאָטאָגראַפירן די שטערן א. א.). פון איר זייט, איז די וויסנשאַפטלעכע טעכניק אָפּהענגיק פון דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע בכלל (זי איז אַ פּראָדוקט פון דער מאַטעריעלער אַרבעט). אין דער וויסנשאַפט-לעכער אָרגאַניזאַציע איז געוויינלעך פאַראן אויך אַן אַנט=שפּרעכנדיקע אָרגאַניזאַציע פון דער דאָזיקער אַרבעט, וואָס באַ=

שטימט אַזוי אַרום אויך דעם צושטאַנד פון די וויסנשאַפטלעכע ידיעות. די איינטיילונג פון דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט (ספּעציאַליזירונג אין דער וויסנשאַפט), די אָרגאַניזאַציע פון גרויסע וויסנשאַפטלעכע איינגסן (לאַבאָראַטאָריעס, למשל), אָרגאַ-ניזאַציעס פון וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפטן און דער וויסנשאַפט=לעכער אויסטויש, דער וויסנשאַפטלעכער פאַרקער — באַטייטן אויסערגעוויינלעך אַ סך. און די אַלע זייטן ווערן באַשטימט אין דעם ענד=חשבון ווידער אַמאָל דורך די עקאָנאָמישע און טעכנישע באַדינגונגען (למשל, די היינטצייטיקע כעמישע לאַבאָ-ראַטאָריעס זענען אָפּהענגיק פונם ווּקס פון דער גרויסער פּראָדוקציע. דער וויסנשאַפטלעכער פאַרקער איז אַלץ גרעסער, וואָס געדיכ-טער ס'זענען די עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען א. אַ. וו.). די טעכנישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען „באַשטימען" די וויסנ-שאַפט אויך אין אַנדערע באַציונגען. ביי אַ שנעל וואַקסנדיקער טעכניק ענדערן זיך שנעל די עקאָנאָמישע באַציונגען, און צוזאַ-מען מיט זיי די גאַנצע לעבנס=אָרדענונג. ביי אַזאַ צושטאַנד נישט נאָר וואָס ס'קומט פאָר אַ שנעלע אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט, נאָר די וויסנשאַפט גופא קערעוועט זיך מיטן געדאַנק וועגן פאַרענדערלעכקייט (זי באַנוצט זיך מיט דעם דינאַמישן מעטאָד — זע דאָס 3=טע קאַפּיטל). פאַרקערט, ביים קאָנסער=

וואטיזם פון דער טעכניק, ביי איר פאַמעלעכן גאַנג, אַנטוויקלט זיך אויך דאָס עקאָנאָמישע לעבן פּאַמעלעך און די גאַנצע פּסי־כאָלאָגיע פון די מענטשן זעט אין אַלעם א שטענדיקייט. דאַן טאַפּטשעט זיך די וויסנשאַפט אויף איין אָרט און קערעוועט זיך מיטן פּרינציפּ פון שטענדיקייט. צוזאַמען מיט דעם שיינען אדורך די קלאַסן־שטריכן אין דער וויסנשאַפט אין פאַרשידענע פאָרמען: דאָ ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם אופן פון דענקען, וואָס איז פאַראַן ביי דעם „געגעבענעם קלאַס, דאָ ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון אינטערעס פון דעם דאָזיקן קלאַס. און דער אופן פון דענקען, דער „אינטערעס" א. א. וו. ווערן פון זייער זייט באַשטימט דורך דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט.

אָט זעגען עטלעכע ביישפּילן פון פאַרשידענע אָפּהענגיקייטן. ס'איז באַוווּסט, אַז אין דער אנטיקער וועלט האָט זיך שוואַך אַנטוויקלט די טעכניק. דעריבער האָבן זיך שוואַך אַנטוויקלט די טעכנישע ידיעות. „די דאָזיקע פאַראַכטונג צו דער טעכניק האָט פאַרשידענע סיבות. פריער פאַר אַלץ איז די אנטיקע וועלט... געשטימט זייער אריסטאָקראטיש. אפילו די באַדייטנסטע מאָלער, ווי פידי, ווערן געשאַצט, ווי בעלי־מלאכות און זיי ברעכן נישט דורך די אייזערנע וואַנט, וואָס טיילט אָפּ דעם אַריסטאָקראַטישן קרייז... פון די בעלי־מלאכות און פויערים... די צווייטע סיבה פון דער שוואַכער אַנטוויקלונג פון די טעכנישע אַנטדעקונגען (Entdeckungen)... ליגט אין דער אַנטיקער שקלאַפן־ווירטשאַפט... ס'האָבן געפעלט וועקנדיקע סיבות איינצופירן מאַשינען, וואָס זאָלן פאַרטרעטן האַנט־אַרבעט... די וויסנשאַפט... איז געווען ווייט, און דער אינטערעס צו די טעכנישע פּראָבלעמען (חוץ עטלעכע שפּילצייגן, ווי וואַסער־זייגער אָדער וואַסער־אָרגאַן) איז אָפּגעשוואַכן". Herman Diels: Wissenschaft und Technik bei den Hellenen" in „Antike Technik". Verlag Teubner, Leipzig und Berlin.

פון דאנען האָט ארויסגעדרונגען (33 ,32 ,13 ,1920, ss דער כאַראַקטער פון דער עקזיסטירנדיקער ווישנשאַפט; נאַטור-ווישנשאַפטן האָבן זיך בעקענט אנטוויקלען פון די מלאכות אַלס זייטיקער פּראָדוקט. אָבער די מלאכה און בכלל יעדע פיזישע אַרבעט איז געווען פּראַקטעט אין דער אַלטער וועלט, און ס׳האָט עקזיסטירט אַ שאַרפע ליניע צווישן די שקלאַפן, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט פיזישער אַרבעט און אָבסערווירט די נאַטור, און די באַלעבאַטים, וואָס האָבן זיך אין דער פרייער צייט פאַר־נומען מיט חקירות, אָבער די נאַטור האָבן זיי אָפט גע־קענט פון בלויזן הערן. מיט דעם דערקלערט זיך אין אַ באַדייטנדער מאָס דאָס נאַיווע, פאַרנעפּלטע און פאַנ־טאַסטישע אין דער אַנטיקער נאַטור-ווישנשאַפט. (ע. מאַך: „דערקענטניש און טעות". ז. 94. באַמערקונג אונטן. דעם מחברס קורסיוו). אין מיטלאַלטער האָבן מיר אַ שוואַכע, שלעכט זיך אַנטוויקלנדיקע טעכניק און פעאָדאַל לייב־קנעכטשאַפט באַציונגען אין עקאָנאָמישן לעבן, ווו ס׳איז געווען אויפגעבויט אַ גאַנצער לייטער פון מאַכטן, ענ־דיקנדיק זיך מיטן הויפט גוטס-באַזיצער און אין דער-זעלבער צייט מיטן מאָנאַרך. ס׳איז נישט קיין וווּנדער, וואָס דער הערשנדיקער געדאַנק איז געווען ווייניק באַ־וועגלעך, זיך אנטקעגנגעשטעלט אַלץ וואָס ס׳איז ניי (פאַר אפּיקורסות האָט מען געברענט אויף די שייטער־הויפנס און געפּערטלט), ער האָט זיך נישט באַשעפטיקט מיט דער אויספאָרשונג פון דער נאַטור, נאָר זיך געגריבלט אין טעאָלאָגישע פּראָבלעמען, באַטראַכטנדיק, למשל, די פּראָ־בלעם: ווי הויך איז געווען אדם הראשון, צי איז ער געווען אַ ברונעטער אָדער א רויטער, וויפיל מלאכים קענען מען אַרויפזעצן אויפן שפּיץ נאָדל א. א.

דער דאָזיקער אומבאַוועגלעכער, קאָנסערוואַטיווער, טעאָלאָגישער, פוסטער, (פאָרמעלער, „סכאָלאַסטישער")

געריכטעטער קעגן דער געניטער אויספאָרשונג כאַראַקטער פון דער דענצמאָלדיקער וויסנשאַפט דערקלערט זיך מיט די באַדינגונגען פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס ליגט, סוף כּל סוף, אינם יסוד פון דער געזעלשאַפטלעכער אנטוויקלונג דורך טעכנישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען. אַ גאָר אנדערע ריכטונג האָט די זאַך אָנגענומען צוזאַמען מיטן ווינקס פון די קאַפּיטאַליסטישע באַציונגען. דאָ איז פאַראַן נישט קיין ווייניקער באַוועגלעכע, נאָר אַ שנעל וואַקסנדיקע טעכניק, דאָ באַווייזן זיך שטענדיק נייע פּראָדוקציע-צווייגן, דאָ זענען נויטיק מעכאַניקער, טעכניקער, כעמיקער, אינזשיניערן· נישט קיין טעאָלאָגן, נישט קיין ריטער; די מלחמה-פירונג פאָדערט אויך ידיעות פון די נאַטור-וויסנשאַפטן און מאַטעמאַטיק. ס׳איז פאַרשטענדלעך, אז אַזאַ איבערקער אין די טעכנישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען האָט געדאַרפט אַרויסרופן אַן אָוועקדריי אין דער וויסנשאַפט: פון דער סכאָלאַסטיק, לאַטיין, טעאָלאָגיע א. אי. וו. צו דער געניטער אויספאָרשונג פון דער נאַטור, נאַטור-וויסנשאַפטן, צו דעם „רעאַלן“ טייל. מיר גיבן דאָ א ביישפּיל פון אַן אַלגעמיינעם אָוועקדריי אינם אינהאַלט פון דער וויסנשאַפט. דער דאָזיקער אָוועקדריי, ביי אַן אויספירלעכער אויספאָרשונג, וואָלט זיך אויך אַנטפּלעקט אין די אופנים פון אויספאָרשונג, אי אין די מכשירים פון דעם וויסנשאַפטלעכן געדאַנק, אי אין אַ גאַנצער ריי פון אַנדערע געביטן פון דער וויסנשאַפט.

אַלס ביישפּיל פון דער אָפּשפּיגלונג פון דער קלאַסן-פּסיכאָלאָגיע, און פאָלגלעך, דעם קלאַסן-בוי פון דער געזעלשאַפט, קען דינען די פריער דערמאָנטע דורך אונז „אָרגאַנישע טעאָריע“ אין דער סאָציאָלאָגיע. אָט וואָס ס׳האָט וועגן דעם געזאָגט פּראָפ. ר. יוווּפער: „דער פאַרגלייך פון דער געזעלשאַפט צו אַן אָרגאַניזם, דער טערמין „אָרגאַנישער צוזאַמענ=

האַנג פון יחיד מיט דער „געזעלשאַפט“, וואָס ווערט באַנוצט אין קעגנזאַץ צום באַגריף וועגן מעכאַנישע צו-זאַמענהאַנגען, — די אַלע פאַרגלייכונגען, פאָרמולן און אַנטיטעזן זענען אַריינגעבערענגט געוואָרן דורך דער רעאַקציאָנערער פובליציסטיק אין אָנהויב פון 19-טן י. ה. אַנטקעגנשטעלנדיק דעם מעכאַניזם אַן אָרגאַניזם, האָט די דאָזיקע פובליציסטיק געהאַט אין זינען שאַרף אָפּצוגרע-ניצן אירע פאָדערונגען פון די ליכטיקע און רעוואָלו-ציאָנערע יסודות פון פאַרגאַנגענעם י. ה. „מלוכה-מעכאַ-ניזם“ האָט אין איר טערמינאָלאָגיע באַטייט: גלייכע רעכט פון יחידים, וואָס פון זייער קיבוץ באַשטייט דאָס העכערע פאָלק; „מלוכה-אָרגאַניזם“ האָט באַטייט: די פאַנאַנדערטיילונג פון מענטשן לויט דער אַלטער סאָציאַ-לער היעראַרכיע. דאָס אונטערטעניקן זיך פון יחיד אונ-טער זיין „נאַטירלעכער“ גרופע, ד. ה. דאָס אונטערטע-ניקן זיך פון יעדן איינציקן אונטער זיין אַלטן סאָציאַלן אויטאָריטעט. אָרגאַנישע צוזאַמענהאַנגען, איבערזעצט אין אַ קאָנקרעטער שפּראַך, האָבן באַטייט: לייב-קנעכטשאַפט, צעכן-רעגלאַמענטירונג, דאָס אונטערוואַרפן זיך פון אַרבע-טער אונטער אַ פאַטראָן, דאָס אָפּהיטן דעם פריצישן כבוד און די פריצישע פּריווילעגיעס א. א. וו. (ר. וויפּער: „עטלעכע באַמערקונגען וועגן דער טעאָריע פון היסטאָרי-שער דערקענטניש“, זאַמלבוך „צוויי אינטעלעגענציעס“, מאָסקווע, 1912, ז. 47-8).

מיר וועלן נאָך ברענגען געוויסע אַלגעמיינע פאַקטן פון דער געשיכטע פון מ א ט ע מ א ט י ק, ווייל געוויינ-לעך האַלט מען, אַז טאַקי די מאַטעמאַטיק, ווי אַ ריינע באַטראַכטונג, האָט נישט קיין שום שייכות צום פּראַקטישן לעבן. מיר וועלן זיך דאָ באַנוצן מיט מ. קאַנטאָרס קאַפּיטאַל-ווערק (M. Kantor: "Vorlesungen über die Geschichte der Mathematik", Leipzig, Verlag Teubner 1907, 1 Band, 3 Aufl.).

בײ די בבל'ער זענען אנטשטאַנען די מאַטעמאַטישע ידיעות און זײ האָבן זיך אַנטװיקלט אױפן באָדן פון ערד=מעסטונג, פון אױסמעסטן דעם אומפאַנג פון די געפעסן, פון רעכענען. פון די באַדערפענישן אין א גענױער אײנטײלונג פון צײט (קאַלענדאַר), ד. ה. די פאַנאַנדערטײלונג פון דער צײט אױף יאָרן, חדשים, מעת=לעתן, שעה'ן א. א. װ. אורשפּרינגלעך זענען געװען אַלס מאַטעמאַטישע „אינסטרומענטן" די פינגער, נאָכהער די צײלער; אין דער געאָגראַפיע — אַ שטעקעלע מיט רעדעלעך (װאָס איז באַצײכנט געװאָרן דורכן סומירישן װאָרט tim), שפּעטער, אַן אינסטרומענט, װאָס דערמאָנט אָן אַן אַסטראָלאַביע. די מאַטעמאַטישע ידיעות האָבן זיך ענג פאַרפלאָכטן מיט דער רעליגיע. די צאָלן האָבן אױך באַטײט געטער, זײער הימלישער טיטל א. א. װ. בײ די אַלטע מצרים האָט די מאַטעמאַטיק דערגרײכט אַ באַדײטנדיקע אַנטװיקלונג. אין אַ זײער אַלטן מאַטעמאַטישן אינפאָרמאַציע=בוך פון אַמעס, װאָס האָט אַזױ געהײסן אױפן איבערשרײבערס נאָמען (דער גענױער טיטל פון דעם זאַמלבוך לױטעט: „אינסטרוקציע צום דערגרײכן די דערקענטעניש פון כלערלײ געהײמניספולע זאַכן. פון אַלע סודות, װאָס זענען באַהאַלטן אין זאַכן" א. א. װ.), זענען פאַראַן אַזעלכע אָפּטײלונגען: „כללים, װי אַזױ אױסצומעסטן אַ קײלעכדיקן סקלאַד אױף פּרוכטן"; „כללים װי אַזױ אױסצומעסטן פעלדער"; כללים װי אַזױ צו מאַכן באַציִרונגען" א. א. (59 ז. צ. 1).

די אַריטמעטישע און טײלװײז די אַלגעבראַישע אױסרעכענונגען װערן באַװיזן אין אױפגאַבן, װעמענס אינהאַלט דערלױבט אורטײלן װעגן דער פּראַקטיק. דאָס זענען אױפגאַבן װעגן פאַנאַנדערטײלונג פון תבואה, קאָרן, אױסרעכענונגען פון הכנסה א. א. װ. (ז. 77 און װײטער): דער שלוס פון דאָזיקן מאַטעמאַטישן האַנטבוך װײזט אױף אױפן צוזאַמענהאַנג מיט דער ערד-הירטשאַפטלעכער באַ=

לעבּאַטישקייט. דער דאָזיקער שלוס אַנטהאַלט אַזאַ ווענדונג צום לעזער:

„כאַפּ שעדלעכע אינזעקטן, מייז, שפּינען, רייס אויס פרישע דערנער.

בעט ר אַ (מצרישער גאָט — נ. ב.) וועגן וואַרימקייט, ווינט, הויך וואַסער (85). אַלס אינסטרומענטן צום אויסרעכענען האָבן צום ערשטן, ווייזט אויס, געדינט די פינגער, נאָכדעם א מין ציילער (שטריקלעך מיט שטיינדלעך, ווי ביי די אַלטע פּערואַנער). אַלס יסוד פון דער געאָמעטריע האָט געדינט די ערד=אויסמעסטונג; צוזאַמען מיט די אויפגאַבן פון ערד־חלקים ברענגט אמעס אויפגאַבן וועגן אויסמעסטן פון א ו מ פ אַ נ ג (אַרומנעם און אַריינעם פון אויבסט-סקלאַדן, מאַגאַזינען). דער גריכישער היסטאָריקער ד י אָ ד אָ ר האָט געשריבן וועגן די מ צ ר יי ם: די כּוהנים לערנען זייערע זין אַ צווייערליי שריפט: די אַזוי גערופענע הייליקע און די וואָס הייסט געוויינלעכע. זיי פאַרנעמען זיך פלייסיק מיט געאָמעטריע און אַריטמעטיק. ווייל, קוים ענדערט דער טייך (נילוס) עטלעכע מאָל אין יאָר די אויבערפלאַך פון דעם באָדן, רופט ער אַרויס צאָלרייכע מחלוקות וועגן די גרעניצן צווישן די שכנים. צו די דאָזיקע מחלוקות קען נישט נעמען קיין סוף, אויב דער ערד־מעסטער (געאָמעטער) וועט נישט פעסטשטעלן די ווירקלעכע שייכות דורך אַ דירעקטער אויסמעסטונג. די אַריטמעטיק דינט זיי (די מצרים נ. ב.) אין זייערע היימיש-באַלעבאַטישע ענינים (ז. 103

אונזער קורסיוו). די אַסטראָנאָמישע, געאָמעטרישע, אַלגעבּראַאישע כּללים זענען אין דערזעלבער צייט געווען געבונדן מיט רעליגיעזע צערעמאָניעס; דאָס זענען געווען הייליקע סודות, וואָס זענען געווען צוגענגלעך נאָר פאַר די אָנפאַרטרויטע. די אַזוי גערופענע „האַרפּעדאָנאַפּטן" („אָנציער פון דער שנור") האָבן געהאַט אַ פּראָ-

פּעסיאָנעלן סוד, ווי אַזוי אָנצוציען דעם שטריק, ווי אַזוי אויסצולייגן די שטעקעלעך. אין וואָסערער שייכות צום מערידיאַן א. א. וו. (בכלל האָבן די ווינקלעך פון די פּיראַמידן, זייערע זייטן, די לאַגע פון זייערע טיילן — דאָס אַלץ האָט געבראַכט א הייליק־וויסנשאַפטלעך־אַסטראָנאָמישן זין, און דערצו, ווארשיינלעך, האָט מען זיי געלערנט די זין פון די כּוהנים")...

ביי די *רוימער* איז די געאָמעטריע געוואַקסן צוזאַמען מיט די באַדערפענישן פון דעם ערד־אייגנטום, וואָס איז אויך געווען אַזוי הייליק, אַז אויך די געטער האָבן זי געהאַט. דעם גרעסטן גלאַנץ (אַן „אויסנאַם-פאַל" לויט קאַנטאָר'ן) האָט די מאַטעמאַטיק דערגרייכט ביי יוליוס צעזאַר'ן. דער דאָזיקער פאַנאַנדערבלי ווערט באַדינגט דורך צוויי פּראַקטישע אויפגאַבן: דורך דעם צונויפשטעל פון א קאַלענדאַר (דער אַזוי גערופענער יוליאַנישער קאַלענדאַר; צעזאַר גופא האָט אָנגעשריבן א בוך וועגן די שטערן". („De astris") און דורך דער אויסמעסטונג פון דער ערד, וואָס געהערט צו רוים. די לעצטע אויפגאַבע איז אַנטשיידן געוואָרן אין אויגוסטוסעס צייטן, דערביי איז צו דער אַרבעט, ווייזט אויס, איינגעלאַדן געוואָרן דער באַרימטער גריכישער אינזשיניר און מאַטעמאַטיקער — העראָן דער אַלעקסאַנדריער: צום ערשטן איז צונויפגעשטעלט געוואָרן די מאַפּע פון דער אימפּעריע: שפּעטער, ביי *קאָלומעל* (Columella) געפינען מיר א באַטראַכטונג פון דער מאַטעמאַטיק אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַגראַר־ווירטשאַפט, ביי *סעקסט יוליוס פראָנטין* — א וויכטיקע פאַר דער מאַטעמאַטיק אויסרעכענונג פון דער שייכות פון דעם אומפאַנג צום דיאַמעטער אין צוזאַמענהאַנג מיטן אויסרעכענען פון די וואַסער־רערן; אין דעם אַזוי גערופענעם אַרצעריאַנישן קאָדעקס (יורידיש סטאַטיסטישער אינפאָרמאַציע פאַר באַמטע פון פאַר 5—7 י. ה. פ. ק.)

פֿאַרשידענע אַרטיקלען וועגן ערד מעסטן אין צוזאַ=
מענהאַנג מיט די אויפֿגאַבן פֿון איינקאַסירן פֿון ערד-שטײַ-
ער. (ז. 554) וואָס שייך דער אַריטמעטיק, איז איר אַנט=
וויקלונג באַדינגט געוואָרן, הויפּטזעכלעך, פֿון דער אַנט=
וויקלונג פֿון האַנדל. דאָס אויסרעכענען פֿון די פּראָצענ-
טער, וואָס איז, לויט האָראַצן, געווען אַן אַלטעגלע=
כע זאַך, (541), די אויסרעכענונגען פֿון די חלקים פֿון
די יורשים אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קאָמפּליצירטער
רוימישער געזעצגעבונג אין דעם געביט, די רעכענונגען
פֿון די סוחרים (563) — אָט דאָס זענען געווען די באַוועג=
לעכע סיבות פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דעם דאָזיקן מאַ-
טעמאַטישן געביט. בײַ די אַלטע אינדיער איז
ספּעציעל געווען אַנטוויקלט די אַסטראָנאָמיע, אַלגעבראַ
און די התחלות פֿון טריגאָנאָמעטריע. דאָ איז פֿאַראַן א
סך ענלעכעס צו דעם, וואָס ס'האָבן געהאַט די איבריקע
אַלטע פֿעלקער. אין די מאַטעמאַטישע קאַפּיטלען פֿון איין
וויסנשאַפֿטלעכן זאַמלבוך (אַריאַבכאַטא) רעדן די נעמען און
אינהאַלט פֿון די אויפֿגאַבן וועגן דעם לעבנס יסוד פֿון דער
אינדישער מאַטעמאַטיק. אָט איז, למשל, א פערז, וואָס באַ-
טײַט איין מאַטעמאַטישן כלל: „כפֿל ווערט אַ חילוק,
חילוק — אַ כפֿל; וואָס ס'איז געווען הכנסה ווערט
פֿאַרלוסט, וואָס ס'איז געווען פֿאַרלוסט ווערט הכנסה
(ז. 617); אין אַן אַנדער אָרט איז פֿאַראַן אַזאַ אויפֿגאַבע: אַ
זעכצניעריקע שקלאַפֿין קאָסט 32 מטבעות, וויפֿיל קאָסט אַ
צוואַנציק יעריקע?“ (618); ווײַטער זענען פֿאַראַן אויפֿגאַבן
אויף פּראָצענטער (דערבײַ איז דער מאַנאַטלעכער
פּראָצענט 15) נאָכדעם — אויפֿגאַבן וועגן אויסרעכענען
פֿאַרשידענע מעגלעכע האַנדלס-אָפּעראַציעס (ז. 619
א. א. וו. דאָס, וואָס ווערט אין אונדזערע אַלגעבראַס
באַצייכנט מיט די אותיות x, y א. א. („אומבאַקאַנטע“)
האָט בײַ די אינדיער געהייסן מטבע (rúpakâ); די
פּאָזיטיווע צאָלן זענען אָנגערופֿן געוואָרן מיטן וואָרט

„פאַרמעגן״ („dhana“ אָדער „sva“), די נעגאַטיווע — „חובות״ (rina אָדער kshaya), (621). די אַרכיטעקטור און אירע מאַטעמאַטישע כּללים זענען דאָ אויך פאַרשלייערט מיט אַ סוד און געהאַט אַן אייגנאַרטיקן אַסטראָנאָמיש=געטלעכן זין. דאָס אויסמעסטן די ערד, דאָס אויפבויען פּאַלאַצן און טעמפּלען, די אויסרעכענונגען פון אומפאַנג האָבן געגעבן אַ שטויס דער אינדישער געאָמעטריע. ביי די אַלטע כינעזער איז די אַנטוויקלונג פון דער מאַטעמאַטיק אויך געגאַנגען אויפן זעלבן וועג. ס'האָט זיך נאָך שאַרפער אַרויסגערוקט דער קלאַסן-כאַראַקטער פון דער וויסנשאַפט, איר מאָנאָפּאָל (למשל, ס'זענען אַפילו געווען דריי אופנים פון שרייבן ציפערן: מלוכה'ש-באַאַמטישער, וויסנשאַפטלעכער און בירגערלעך=סוחרישער). אין איינעם פון די זאַמלונגען פון די געזעץ-יסודות („Tcheou-li“) געפונען מיר פאָלגנדיקע מאַטעמאַטישע פאָסטנס: ירוש'דיקער טיטל פון הויף-אסטראָנאָם (פאָנג=סיאַנג=שי) און הויף=אַסטראָלאָג (פּאַאָ-טשאַנג-שי); הויפּט=באַאַמטער פון אויסמעסט־אַרבעטן, (ליאַנג־דזשין), וואָס האָט אָנגעצייכנט די פּלענער פון פּאַלאַצן, ווי אויך פון שטעט; ווייטער איז פאַראַן אַ ספּעציעלער באַאַמטער (טו-פאנג־שי) וואָס האָט מיט דער הילף פון אַ באַזונדערן אינסטרומענט, וואָס האָט אָבגעוואָרפן דעם שאָטן (קוען) געמאַכט פאַרשידענע אויסרעכענונגען א. א. וו. (676).

פון די דאָזיקע ביישפּילן איז נישט שווער צו זען: 1) אַז דער אינהאַלט פון דער וויסנשאַפט איז געגעבן געוואָרן פונם געביט פון דער טעכניק און עקאָנאָמיק; 2) אַז איר אַנטוויקלונג איז, צווישן אַנדערע, באַשטימט געוואָרן דורך די מכשירים פון וויסנשאַפטלעכער דערקענטניש; 3) אַז פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען האָבן אַ מאָל געהאַמעוועט, אַ מאָל באַגינסטיקט דעם „פּראָגרעס״; 4) אַז דער אופן פון וויסנשאַפטלעכן

דענקן איז באַשטימט געוואָרן דורך דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט (רעליגיעזער, געטלעך־געהיימניספולער כאַראַקטער פון דער אַלטער מאַטעמאַטיק, ווען טייל מאָל איז אַפילו אַ ציפער פאַרגעשטעלט געוואָרן אַלס גאָטהייט, איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דער שקלאַפיש-פעאָדאַלער אָרדענונג, מיט נישט=צוגענגלעכע הערשער, כוהנים־באַאַמטע א. א. וו. 5) אַז די קלאַסן=סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט האָט געלייגט אויף דער מאטעמאַטיק איר קלאַסן=סטעמפּל (טיילווייז אין פאָרם פון אַ פשוטן אופן פון דענקן, טיילווייז אין פאָרם פון אינטערעס. וואָס האָט נישט דערלאָזט די „פשוטע שטערבלעכע" צו דעם הייליקן סוד). אין דער נייעסטער צייט זענען אויך פאַראַן די זעלבע אָפּהענגיקייטן, נאָר זיי זענען קאָמפּליצירטער און זיי האָבן, פאַרשטענדלעך, אַן אַנדערע פאָרם: ס'איז שוין נישט די זעלבע טעכניק און די זעלבע עקאָנאָמישע באַציונגען.

איצטער וועלן מיר צוגיין צו די פאָלגנדיקע „צובויונגען" איבער דער עקאָנאָמיק פון די געזעלשאַפטן, דהיינו, צו דער רעליגיע און פילאָזאָפיע.

ס'איז פולשטענדיק נאַטירלעך, אַז אַלמעגלעכע געדאַנקען און אַלמעגלעכע פאַקטן פון דערפאַרונג, וואָס זאַמלען זיך אָן ביי דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, האָבן ארויסגערופן אַ נויטווענדיקייט אין אַ פאַרייניקונג און סיסטעמאַטיזירונג פון די אַלע פאַקטן. מיר האָבן געזען, אַז פון אזאַ באַדערפעניש איז אויסגעוואַקסן די וויסנשאַפט. אָבער די וויסנשאַפט האָט זיך גאָר פרי אָנגעהויבן טיילן אויף פאַרשידענע צווייגן, פאַרשידענע געביטן. אינעווייניק פון די דאָזיקע ספּעציעלע וויסנשאַפטן איז אנגעגאַנגען אַ „צופּאַסונג פון געדאַנקען צו געדאַנקען", ד. ה. זייער סיסטעמאַטיזירונג. און צווישן זיי? ווי איז דער צוזאַמענבונד פון אַלע „ידיעות" און „טעותים"? ווי איז דער תנאי פון גלייכגעוויכט צווישן זיי? אַט דעם דאָזיקן פאַרייניקנדיקן יסוד האָבן געוואָרפט געבן די

רעליגיע און די פילאָזאָפיע. זיי האָבן געדאַרפט געבן אַן ענטפער אויף די אַלגעמיינסטע (אַבסטראַקטסטע) פּראָבלעמען: וואָס איז די סיבה פון אַלץ, וואָס ס'עקזיסטירט? וואָס איז דאָס די וועלט? צי איז זי אַזאַ, ווי זי שטעלט זיך אונז פאָר, אָדער עפּעס אַן אַנדערע? וואָס איז דאָס גייסט און קערפּער? ווי אַזוי קענען מיר דערקענען די וועלט? וואָס איז דאָס אמת? פון וואָס איז אַלץ אין דער וועלט אָפּהענגיק? צי איז פאַראַן אַ גרעניץ צו אונזער דערקענטניש און ווי איז זי? און אַ גאַנצע ריי פראַגן פון דעם זעלבן מין. ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז פון די תשובות אויף די ד אָ ז י ק ע פראַגן וועט אָפּהענגיק זיין, ווי אַזוי מיר וועלן באַטראַכטן אַלע דערשיינונגען פון אַ באַזונדערער אָרדענונג. למשל, אויב ס'איז ריכטיק, אַז אַלץ איז אָפּהענגיק פון אַ געטלעכן ווילן, וואָס רעגירט איבער דער וועלט לויט זיין געטלעכן פּלאַן, דאַן דאַרפן מיר אויפבויען אַלע אונזערע ידיעות אין אַ ט ע ל ע אָ ל אָ ג י ש ע ר אָדער ט ע אָ ל אָ ג י ש ע ר שערענגע (אַנטשפּרעכענד צו דעם האָט די וויסנשאַפט אין דער ווירקלעכקייט טיילמאָל אָנגענומען אַזאַ פאָרם). דאַן דאַרפן מיר אין אַלע דערשיינונגען זוכן אַ געטלעכן ציל, אַן אַזויגערופענעם „געטלעכן פינגער". אויב ס'איז ריכטיק, אַז די געטער האָבן דאָ נישט וואָס צו טון, אַז ס'האָט אַ באַטייט דער סיבהדיקער צוזאַמענהאַנג פון די דערשיינונגען, וועלן מיר גאָר אַנדערש באַטראַכטן די דערשיינונגען פון דער וועלט. מיט אַנדערע ווערטער: פילאָזאָפיע און רעליגיע — דאָס זענען ברילן, דורך וועלכע ס'ווערן באַטראַכט אַלע פאַקטן אויף אַ באַשטימטער אַנטוויקלונגס-מדרגה. מיט וואָס זשע ווערט באַשטימט דער ב ו י פון די דאָזיקע „ברילן"?

מיר וועלן אָנהייבן פון דער רעליגיע. מיר ווייסן שוין, אַז דער „מהות" פון דער רעליגיע באַשטייט אין „גלייבן" אין איבערנאַטירלעכע כּוחות, אין וווּנדערלעכע גייסטער (איינער אָדער אַ סך, מגושמדיקע אָדער נישט-אָנגעמבאַרע און עטערישע, אַלץ איינס). דער דאָזיקער באַגריף „גייסט", „נשמה" א. א. וו. איז אַנטשטאַנען, ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון דער אייגנאַרטיקער

עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט. ווען ס'האָט זיך אויסגעטיילט „דער עלטסטער אינם שבט“, אָדער, שפּעטער, דער פּאַטריאַרך (בעתן פּאַטריאַרכאַט; דאָס זעלבע, לויטן מהות, אויך בעתן מאַטריאַרכאַט), ווען, מיט אַנדערע ווערטער, די אַרבעט-איינטיילונג האָט דערפירט צו דער אויסטיילונג פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, אַרבעט מיטן פאַרוואַלטן א. אז. וו. אין דער פּראָדוקציע האָט דער עלטסטער פון שבט, אַלס דער אָפּהיטער פון דער גאַנצער אָנגעזאַמעלטער דערפאַרונג, אָרגאַניזירט, פאַרוואַלטעט, באַפוילן, אָנגעצייכנט דעם אַרבעטס-פּלאַן, ער באַווייזט זיך אַלס אַ טעטיקער „שאַפנדיקער“ יסוד, אין דער צייט, ווען אַנדערע ווארפן זיך אונטער, זענען מקיים באַפעלן, זענען אונטערטעניק א פון אויבן פעסטגעשטעלטן פּלאַן, טוען לויט אַ פרעמדן ווילן. די דאָזיקע באַציונג פון דער פּראָדוקציע איז געוואָרן אַ מאָדעל אויך פאַר דער באַטראַכטונג פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט, און קודם-כל פון דעם מענטש גופא. דער מענטש איז געוואָרן צעטיילט אויף אַ גוף און אַ נשמה. „נשמה“ — דאָס איז דאָס, וואָס פירט אָן מיטן „גוף“. די נשמה שטייט אויף אזוי פיל העכער פונם גוף, אויף וויפיל דער אָרגאַניזירער און פאַרוואלטער שטייט העכער פאַר דעם פּשוטן אויספירער (ביי אַריסטאָטעלעסן איז ע׳גענץ-ווי פאַראַן אַ פאַרגלייך פון דער נשמה צו א באַלעבאָס, און דעם גוף צו אַ שקלאַף).

לויט אַזאַ סיסטעם האָט מען אָנגעהויבן צו באַטראַכטן די גאַנצע איבעריקע וועלט: מ'האָט אָנגעהויבן צו דענקען, אַז אונטער יעדער זאַך זיצט דער „גייסט“ פון דער דאָזיקער זאַך; די גאַנצע נאַטור האָט זיך געדאַכט אַלס אַ פאַרגייסטיקטע. די דאָזיקע אַנשויונג הייסט אין דער וויסנשאַפט „אַנימיזם“, (פון לאַטייניש וואָרט „anima“ — נשמה. אָדער „animus“ — גייסט). קוים איז אַנטשטאַנען אַזאַ פאָרשטעלונג, האָט זי אומפאַרמיידלעך געבערענגט אויך צו דער ר ע ל י ג י ע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון דער פאַרערונג (קולט) פון די ע ל ט ע ר ן, די עלטסטע אינם שבט, פאַרוואַלטער, אָרגאַניזירער. זייערע „נשמות“ אָדער „גייסטער“ זענען, נאַטירלעך, באַטראַכט געוואָרן

אַלס די אַממייסטן וויסנדיקע, דערפאַרענע, מעכטיקע גייסטער,
וואָס קענען העלפן, פון וועמען ס'הענגט אָפּ יעדע זאַך אין דער
וועלט. דאָס איז שוין רעליגיע. הייסט עס, די בלויזע אָפּ־
שטאַמונג פון דער רעליגיע ווייזט, אַז זי איז אנטשטאַנען ווי
אַן אָפּשפּיגלונג פון די **פּראָדוקציע באַציונגען**
(טאַקי פון די פון זיי, ווו ס'איז פאַראַן הערשאַפט=אונטערטעני=
קייט) און די באַדינגטע דורך זיי **פּאָליטישע אָרדענונג.**
די רעליגיע האָט דערקלערט די גאַנצע וועלט לויט דעם ביי=
שפּיל, לויט וועלכן ס'איז דערקלערט געוואָרן דאָס לעבן אין
דער געזעלשאַפט. אויך די גאַנצע ווייטערדיקע געשיכטע פון
דער רעליגיע ווייזט, אַז צוזאַמען מיט דער פאַרענדערונג פון
די פּראָדוקציע־ און סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַציונגען האָט זיך
אויך געענדערט די פאָרם פון דער רעליגיע: אויב די געזעל=
שאַפט באַשטייט פון עטלעכע שוואַך־באַהאָפטענע צו זיך שבטים,
ביי יעדן פון וועלכע ס'זענען פאַראַן זיינע עלטסטע און פירשט־
לעך, דאַן האָט די רעליגיע די פאָרם פון פילגעטערייִ; אָבער
ווען, למשל, ס'קומט פאָר אַ פאַרייניקונגס־פּראָצעס, ס'ווערט גע=
שאַפן אַ צענטראַליזירטע מאָנאַרכיע, — פּאַראַלעל מיט דעם
קומט דאָס זעלבע פאָר אין הימל, ווו ס'ווערט אַרויפגעזעצט
אַן איין און איינציקער גאָט, וואָס איז אזא אַכזריותדיקער ווי דער
ערדישער קיסר; איז פאַראַן אַ געוויסע שקלאַפישע האַנדלס־
רעפּובליק (ווי, למשל, אַטען אין 5=טן י. ה. פ. ק.), — און אויך
די געטער ווערן איינגעאָרדנט כמעט אויף אַ רעפּובליקאַנישער
מאַניער, הגם פון די פיל געטער טיילט זיך אויס די געטין פון
דער זיגרייכער שטאָט — אַטען־פּאַלאַרא. און אַזוי ווי אין
יעדער „אָרנטלעכער” מלוכה עקזיסטירט אַ גאַנצע היעראַרכיע
פון הויפּט=באַאמטע, אַזוי אויך אויפן הימל ווערן די הייליקע,
מלאָכם, געטער א. א. איינגעאָרדנט אָפּהענגיק פון זייער מדרגה,
ווערן באַשאָנקען מיט פאַרשידענע טיטלען און אָרדנס. נאָך מער,
צוויש די געטער, פּונקט ווי צווישן די הויפּט־באַאמטע אויף
דער ערד, וואַקסט די אַרבעטס־איינטיילונג: איינע — אויפן
מלחמה־געביט (ביי די רוימער — מאַרס, ביי די „פּראַוואָסלאַוו־

נע קריסטן״ — גע‏אָרג. פֿאָביעדאָנאָסיעץ אָדער ארכיסטראַטיג, ד. ה. פעלדמאַרשאַל, מיכאיל), און אַנדערע — אויפֿן האַנדלס-געביט (מערקורי), אַ דריטע — אויפֿן אַגראַר-געביט א. א. וו. דער ענין דערגייט דאָ ביז צו קוריאָזן: למשל, אין רוסלאַנד זענען צווישן די הייליקע דאָ אַפֿילו „ספּעצן״ אויפֿן געביט פֿון פערד (פֿראָל און לאַוור). און אומעטום, ווו ס׳עקזיסטירט הער-שאַפֿט-אונטערטעניקייט, דאָרטן איז אויך פֿאַראַן די רעליגיע, וואָס שפּיגלט טאַקי אָפּ די דאָזיקע באַציִונגען. מ׳דאַרף נאָך באַמערקן, אַז פּונקט ווי אינם ווירקלעכן לעבן קומען פֿאָר מלחמות, פֿארשקלאַפֿונגען, אויפֿשטאַנדן, אַזוי קומט אויך פֿאָר, לויט די רעליגיעזע לערעס, אין די הימל׳שע ספֿערן: שדים און רוחות, „שרים פֿון פֿינצטערניש״ — נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַן אָפּ-שפּיגלונג פֿון די פֿײַנטלעכע אָנפֿירער, וואָס פּרוּוון אויף דער ערד אומצוּוואַרפֿן די מלוכה, און אין הימל אַראָפּוואַרפֿן די קייזערלעכע מאַכט פֿון דעם אַלמעכטיקן גאָט און אומוואַרפֿן די גאַנצע הימלישע „עקזיסטירנדיקע אָרדענונג״.

די אויבנדערמאָנטע טעאָריע פֿון א נ ט ש ט ײ ו נ ג פֿון דער רעליגיע, וועלכע מיר האַלטן אַלס אַבסאָליוט ריכטיק, געהערט א. ב אָ ג ד אַ נ אָ ו ו׳ן, און זי איז דורך אים צום ערשטן מאָל פֿאָרמולירט געוואָרן אינם זאַמלבוך „פֿון דער פּסיכאָלאָגיע פֿון דער געזעלשאַפֿט״. די שפּע-טערדיקע ספּעציעלע אויספֿאָרשונגען האָבן פֿולקאָם באַ-שטעטיקט די דאָזיקע השערה· זייער נאָענט צו איר שטייט ה. ק ו נ אָ ו. אין זײַן בוך: „אַנטשטייונג פֿון דער רעליגיע און דער גלויבן אין גאָט״. קריטיקירנדיק די אַנשויונג, לויט וועלכער די רעליגיע איז אַנטשטאַנען פֿון פֿאַרשידענע אײַנדרוקן פֿון דער אויסערלעכער נאַטור, שרײַבט ק ו נ אָ ו פֿולקאָם ריכטיק: פֿאַרשטייט זיך, אַזוי ווי יעדעס ב ילד, וואָס עקזיסטירט אין דער פֿאָרשטעלונג, ווערט באַדינגט פֿון דעם פֿאַראַנענעם אין זײַן יסוד סובסטראַט (אויפֿנאַם-פֿעיִקייט) דעריבער קען מען אין אַ געוויסן זין זאָגן, אַז סײַ די אַרומיקע וועלט פֿון דער

נאַטור (די נאַטור־סביבה), ווי אויך די סאָציאַלע סביבה (דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן) האָבן אַ באַשטימטע ווירקונג אויף דער רעליגיעזער אידעאָלאָגיע; אָבער, שוין נישט רעדנדיק פון דעם, אַז די אָנשווינגען אויף דער נאַטור הענגען אין אַ גרויסער מדרגה אָפּ פון דעם, אויף וויפל דער מענטש האָט טעכניש באַוויזן אויסצונוצן די נאַטור־כוחות אין דער פּראָדוקציע פון מאַטעריעלן לעבן 1) — בילדער, וואָס באַקומען זיך אַלס רעזולטאַט פון דער נאַטור־באַאָבאַכטונג, גיבן נאָר מאַטעריאַל פאַר די אויסערלעכע באַצירונגען, — ס'ווילט זיך זאָגן: גיבן נאָר צו כמעט אַן אָרטיקן קאָלאָריט (באַפאַרבונג נ. ב.) פאַר דעם רעליגיעזן געדאַנקן בוי (ז. 29 דאָס אויבנדערמאָנטע ווערק 2). (אונזער קורסיוו נ. ב.) אָבער קונאָוו דערפירט נישט ביזן סוף די דאָזיקע אויפפאַסונג און דעריבער נאַיווירטער אומדערלאָזבאַר. אַזוי, למשל, לעזן מיר אויף זייט 33, אַז „די ווילדע און האַלב־קולטורעלע פעלקער זענען פולקאָם נאַטירלעך (!!) דואַליסטן". דאָס איז פונקט ס'זעלבע ווי ביי אַ דאָם סמיטן איז דער „אויסטויש" אפילו די נאַטירלעכע אייגנשאַפט פון מענטש, אָדער אַזאַ מין דערקלערונג, ווי אַזוי ס'איז אַנטשטאַנען די וויסנשאַפט. ביי די מענטשן איז כלומרשט פאַראַן אַן איינגעבוירענע שוואַכקייט צו דער סיבה'דיקער דערקלערונג' (ביי די דייטשע געלערנטע הייסט דאָס („Kausalitätstrieb" לויט קונאָוו ווערט די איינטיילונג פון מענטש אויף נשמה און גוף פאַרשטאַרקט דורך חלומות און חלשות (גלייך ווי עפּעס וואָלט כלומרשט אַוועקגעגאַנגען פון גוף, און נאָכדעם צוריקגעקומען.) אָבער פאַרשטאַרקט

1) סוואָלט נישט געשאַדט, אַז ה. קונאָוו זאָל דאָס געדענקן ביים באַטראַכטן די פּראָבלעם וועגן די פּראָדוצירנדיקע כוחות.

2) באַמערקונג כונם איבערזעצ: פאַראַן אין יידישן: פאַרלאַג „די וועלט".

וערן קען נאָר דאָס, וואָס ס'איז שוין פאַראַן. ס'קען זיין, אַז דער טויט איז אַזאַ דערשיינונג, וואָס שאַפט אַ פאָרשטעלונג וועגן „נשמה", אָפּגעטיילט פון „קערפּער"? אָבער קונאָוו אַליין (זייט 32—31) ברענגט ביישפּילן, ווען ווילדע פאַרשטייען נישט די אומפאַרמיידלעכקייט פון נאַטירלעכן טויט (31). נאָך מער, טייל שבטים שרייבן געוויינלעך צו דעם טויט אַ געהיימער בייזקייט פון עפּעס אַ גייסט" (ז' 32) דזשאָן פרעזער דערציילט דאָס וועגן די אויסטראַליער אין ניי־דרום-אועלס). הייסט עס, אַז דאָס דערקלערט אויך גאָרנישט. (אגב, מ. נ. פּאָקראָווסקי פירט אויס, אַז די רעליגיע איז אַנטשטאַנען פון מורא פאַרן טויט, שרעק פאַר טויטע א. א. וו. נאָר ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, ווען ס'איז אַפילו נישט פאַראַן קיין באַגריף וועגן דעם, אַז „אַלע מענטשן זענען שטערבלעך"? ס'איז קלאָר, אַז די דאָזיקע היסטאָרישע קאַטעגאָריע, וואָס האָט איר היסטאָרישן יסוד, נעמט מ. פּאָקראָווסקי אָן אַלס כמעט „נאַטירלעכע" אייגנשאַפט.) לויט קונאָוו'ן אַנטוויקלט זיך די רעליגיע אַזוי: די התחלות פון גייסטער=קולט, נאָכדעם דער קולט פון טאָטעם (אַזוי גערופענע פייגל, חיות אָדער צמחים, וואָס זענען געווען שבטישע הערבן=סימנים) און די פּאָרפעטער. אָבער אין כמעט אַלע ביישפּילן, וואָס קונאָוו ברענגט, זענען זיינע „אורשפּרינגלעכע" גייסטער די גייסטער פון די פּאָרפעטער. אינם קאַפּיטל „די התחלות פון גייסטער-קולט" שרייבט קונאָוו: אַלס גינסטיק געשטימטע ווערן גערעכנט נאָר די גייסטער פון די נאָנטסטע קרובים אָדער כאָטש אַפילו די מיטגלידער פון דער אייגענער האָרדע, אָבער דאָס אויך נישט שטענדיק; פאַרקערט: די גייסטער פון די פאַרשטאָרבענע פון פרעמדע האָרדעס און שבטים ווערן גערעכנט אַלס פיינטלעך געשטימטע גייסטער (ז. 47)

אויף דער זעלבער זייט רעדט זיך וועגן גייסט פון פאָטער און מוטער, אויף דער צווייטער — וועגן גייסט

ין זיידן און „אורפֿאָטער", אויף ז. 44 ווערט דער גייסט אָנגערופֿן „פֿאָטער" א. א. וו. ביי קונאָוו'ן ווערט אַזוי אַרום די זאַך נישט קאָנזעקווענט דורכגעפֿירט. אויף ז. 16 איז ער מסכּים מיט דער פֿאָרמול, אַז די רעליגיעזע פֿאָרשטעלונגען ווערן אַרויסגערופֿן דורך אײַנדרוקן פֿונם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן" (אונזער קורסיוו. נ. ב.) און אויף ז. 26 רעדט ער שוין נישט וועגן דער געזעלשאַפֿטלעכער נאַטור, נאָר וועגן דער „אייגענער נאַטור". "אַנטשטייונג" און.. פֿריער פֿאַר אַלץ פֿון טויט" (דעם מחבר'ס קורסיוו). אָבער קונאָוו וועט זיך קוים וואגן אָנצורופֿן טויט און געבורט אַלס ספּעציפֿישע געזעלשאַפֿטלעכע דערשיינונגען! פּראַקטיש אָבער איז דאָס, וואָס געהערט צו דער אויסערלעכער נאַטור, געהערט אויך צו דער ביאָלאָגישער נאַטור פֿון מענטש: די אײַנדרוקן פֿון די אַלע דערשיינונגען (טויט, שלאָף, חלשות, פּונקט ווי שטורם, געוויטער, ערד-ציטערניש, בלאָנדזענדע פֿייערן, זון א. א. וו.) גיבן אַ הילפֿס-מאַטעריאַל, כּדי אַז דער דאָזיקער מאַטעריאַל זאָל אויפֿגעשטעלט ווערן און אויסגעקליבן ווערן אונטער דעם ווינקל פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דואַליזם (געדאַנקען וועגן צוויי יסודות: גייסטיקע און קערפּערלעכע). וואָס איז גאָרנישט אײַנגעבוירן, נאָר דרינגט אַרויס טאַקע פֿון די הויפּט-באַדינגונגען פֿונם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן.

מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג אָפּגעשטעלט אויף קונאָוו'ן, ווײַל זײַן בכלל זייער ווערטפֿול בוך איז כּמעט דאָס איינציקע מאַרקסיסטישע בוך וועגן דער געשיכטע פֿון דער רעליגיע. ע. מייער (1 c., S. 85) האַלט אַלס הויפּט-סיבה פֿון אַנטשטייונג פֿון רעליגיע „די דירעקטע פּראַקטישע שטרעבונג צו דער סיבה'דיקער דערשיינונג און (אויך „דירעקט פּראַקטישער"!) דואַליזם: דער מענטש באַטראַכטעט, פֿון איין זײַט, די פּסיכישע פּראָצעסן פֿונם געפֿיל, פֿאָרשטעלונגען פֿון ווילן, פֿון דער צווייטער זײַט—

די ארויסגערופענע דורך דעם קערפערלעכע באוועגונגען באליביקע טאטן. דער דואליזם פון גוף און נשמה איז דעריבער אן אורשפרינגלעכע דערפארונג (ursprüngliche Erfahrung), אָבער לגמרי נישט א פראָדוקט פון נאכקומענדיקע, אפילו פרימיטיווער באטראכטונג". די דאָזיקע באמערקנסווערטע טעאָריע „פון איין זייט", איז סותר די פאקטן „פון דער צווייטער", ווי יעדערער זעט, דערקלערט גלייך ווי גאָרנישט: זי באגרעניצט זיך נאָר מיטן באשרייבן דאָס, וואָס מ'דארף דערקלערן. צו דעם ריכטיקן אוועקשטעל פון דער פראָבלעם גייט צו פראָפ. אכעליס: (Prof. Th. Achelis: „Soziologie", Göschensche Verlagshandlung, Leipz. ss. 85 ff) פאר וועלכן די רעליגיעזע פאָרשטעלונגען — זענען „נאָר אן אָפשפיגלונג פון די סאָציאל-פאָליטישע פאָרשטעלונגען און אנשטאלטן" (91). אפילו דער טויט האָט געקענט ארויסרופן די אויפמערקזאמקייט פון ווילדן נאָר אין דער געזעלשאפט (97. דאָ איז אכעליס נענטער צום אמת, ווי קונאָוו). „יעדע דיפערענצירונג אין געביט פון פאָליטישער מאכט און דער באטייט, וואָס ס'ווייזן ארויס איינצעלנע קאָנקרעטע אָרגאניזאציאָנעלע פאָרמען, געפינען דאָ (אין דער רעליגיע — נ. ב.), זייער נעטרייע אפשפיגלונג; דאָס, וואָס ס'זענען פאר די מענטשן די אָנפירער אָדער מלכים, דאָס באטייטן די גרויסע געטער צווישן יוניציקער באדייטנדיקע גייסטער, אזוי אן פאר זיך, פולקאָם לויטן ערדישן שטייגער, קריסטאליזירט זיך אויס פון דער בונטער פארשידנארטיקייט פון די געטער די אימפאָנירנדיקע פיגור פון איינעם מער-ווייניק אנערקענטן הערשער" (96). דאָס אויסגעצייכנטע (ווייל מארקסיסטישע) קאפיטל וועגן רעליגיע שטערט נישט אכעליסן אומברחמנותדיק צו פארדרייען מארקסן, פאר-

שווייגן אים און... מאַכן אַ קניקס פֿאַר דער רעליגיע! די סתירה צווישן דער אַנטוויקלונג פֿון דער וויסנשאַפֿט און די אינטערעסן פֿון דער בורזשואַזיע איז דאָ צו זען אויף די פֿינגער.

איצטער וועלן מיר ברענגען ביישפּילן, וואָס באַשטעטיקן די ריכטיקייט פֿון דער מאַרקסיסטישער אויפֿפֿאַסונג. ביי די אַלטע בבֿל'ער (3 — 2 טויזנט יאָר פֿאַר קריסטוס) איז דער „הימל — פּראָטאָטיפּ (פֿאָרבילד. נ. ב.) פֿון דער ערד, דאָס גאַנצע ערדישע איז באַשאַפֿן געוואָרן לויטן הימלישן, צווישן דעם ערשטן און צווייטן איז פֿאַראַן אַ נישט צעררייסבאַרער צוזאַמענהאַנג". (פּראָפֿ. ב. אַ. טוראַיעוו: „געשיכטע פֿון אַנטיקן מזרח", ערשטער טייל, ז. 124). די געטער — דאָס זענען באַשיצער (גייסטער) פֿון איינצעלנע מענטשן („גאָט-באַשיצער", „מיין גאָט", דאָס זעלבע ווי ביי די רוסן דער אַזוי גערופֿענער „מלאך-באַשיצער"), גאַסן, שטעט, געגנטן א. א. וו. די גאָטהייט איז אומצערייסבאַר פֿאַרבונדן מיטן גורל פֿון איר שטאַט...; איר גרויסקייט איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דער פֿאַרברייטערונג פֿון די גרעניצן פֿון דער שטאַטישער טעריטאָריע; אויב איר פֿאָלק האָט פֿאַרייניקט אַנדערע שטעט, זענען די גאָטהייטן פֿון די אונטערטעניקטע געוואָרן אונטערטעניק אין באַצוג צו איר; פֿאַרקערט: דאָס אַרויספֿירן דאָס בילד פֿון גאָט פֿון דער שטאָט און דער חורבן פֿון זיין טעמפּל איז גלייך געווען צו דער פּאָליטישער פֿאַרניכטונג פֿון דער שטאָט" (124). צוזאַמען מיט די גרויסע געטער (אַנו, ענליל, עאַ, סין, שאַמאַש א. א. וו.) איז נאָך פֿאַראַן אַ ריי קליינע גייסטער, הימלישע („איגיגי") און אונטערערדישע („אַנונאַקי"). פּאַראַלעל צו דער אַנטשטיינג פֿון דער בבֿלישער מאָנאַרכיע האָט אָנגעהויבן צו הערשן אויך אַ הימלישע מאָנאַרכיע: „די הייבונג פֿון בבֿל האָט גורם געווען מיט זיך געוויסע ענדערונגען אין פּאַנטעאָן. דער בבֿלישער גאָט האָט גע-

דאַרפט פאַרנעמען ס׳ערשטע אָרט. אַזאַ גאָט איז געווען
מ א ר ד ו ק, וואָס האָט אויך געהאַט א סומירישן נאָמען.
דאָס איז געווען אַ גאָטהייט פון פרילינגס=זון. כאַמוראַ-
בי׳ס דינאַסטיע (כאַמוראבי — אַ בבלישער מלך, אין ווע-
מענס צייטן ס׳איז אָנגעשריבן געוואָרן דער רעיעסטער פון
געזעצן, וואָס איז אויפגעדעקט געוואָרן בעת די אויסגראָ-
בונגען אויפן אָרט פון געוועזענעם בבל — נ. ב.) האָט
ווירקלעך אים אַרויפגעפירט צו דער מדרגה פון אַן אויבערשטן גאָט". (127). „דערביי איז מיט די איבעריקע
היכע געטער פאָרגעקומען אַזאַ „עוואָלוציע": ענליל, דער
קייסר פון הימל און ערד, האָט איבערגעגעבן מאַרדוק׳ן...
די הערשאַפט איבער די זייטן פון דער וועלט און זיין
נאָמען אַלס הערשער פון די זייטן". וואָס אָנבעלאַנגט
עא׳ן, האָט מען „דערקלערט מאַרדוק׳ן אַלס זיין ערשט-
געבוירענעם זון, ווען דער פאָטער האָט גנעדיק אָפּגע-
טרעטן זיינע רעכט און קראַפט, זיין ראָל אין דער וועלט-
באַשאַפונג (127). און ווען די בבלישע אימפּעריע איז
שוין געשטאַנען אויף די פיס, „האָט זיך פאַמעלעך אויס-
געאַרבעט אַ פאָרשטעלונג וועגן אַן איין און איינציקער
געטלעכער קראַפט, וואָס באַווייזט זיך אין אַ סך זעענדי-
קע פאָרמען און וואָס האָט געטראָגן, אַנטשפּרעכנד צו
דעם, א סך פאַרשידענע נעמען". די כוהנים האָבן אָנ-
געהויבן צו זאָגן, אַז די אַנדערע העכערע געטער—זענען
נאָר אָ פּ ש יי ג ע ן פון מאַרדוק׳ן: ניניב — מאַרדוק פון
קראַפט, נערגאַל — מאַרדוק פון מלחמה, ענליל —
מאַרדוק פון הערשאַפט און רעגירונג" (129). אָט איז אַ
פראַגמענט פון איין תפלה=הימן צום גאָט סין, וואָס שיל-
דערט זייער כאַראַקטעריסטיש די מאָנאַרכישע מאכט אויפן
הימל: „ה ע ר, ה ע ר ש ע ר פ ו ן ד י ג ע ט ע ר, א יי נ=
צ י ק ע ר גרויסער אויפן הימל און ערד... וואָס האָט באַ-
שאַפן די ערד, געגרינדעט טעמפּלען און זיי א נאָמען
געגעבן, פ אָ ט ע ר, ג ע ב ו י ר ע ר פ ו ן ג ע ט ע ר א ו ן

מענטשן... מעכטיקער אַנפירער, וועמעס געהיימע טיפעניש איז נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן דורך קיין שום גאָט... פאָטער, דער שולדיקער פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט. הערשער, וואָס באַשליסט דעם גורל פון הימל און ערד, וועמענס באַפעל איז אומפאַרענדערלעך, וועלכער האַלט די קעלט און היץ, רעגירט איבער די לעבעדיקע וועזנס. וועלכער גאָט איז גלייך צו דיר? ווער איז גרויס אויפן הימל? דו ביסט איין און איינציק. און אויף דער ערד ווער איז גרויס? ווען אויפן הימל דערהערט זיך דיין וואָרט — פאַלן כורעים די איגיגיס, ווען ס'ווערט דערהערט אויף דער ערד, קושן די אנונאקי דעם שטויב... הערשער! אין דער הערשאַפט אויפן הימל און ערד האָסט דו נישט קיין קאָנקורענט צווישן די געטער, דיינע ברידער" א. א. וו. (ציטירט לויט ב. טוראַעיוו'ן, 144 1 c.,). סיך ווערט דאָ פשוט געשילדערט, ווי אַ הימלישער קייסר, פאַר וועלכן ס'ווערן געמאַכט אַלע אַנטשפּרעכנדיקע צערעמאָניעס, (מ'פאַלט אויפן פנים, מ'קושט די ערד א. אַ. וו.). ס'פאַרשטייט זיך, אַז די אָפיציעלע רעליגיע האָט אויסגעדרוקט און דרוקט אויס קודם כל די אידייע פון דעם הערשנדיקן קלאַס. דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אויך אין קלייניקייטן; למשל, אין דער פעאָדאַלער עפּאָכע, ווען די מעלות פון מלחמה זענען געשעצט געוואָרן העכער פאַר אַלץ און די הערשנדיקע קלאַסן זענען קודם-כל געווען די קריגערישע ערד-באַזיצער, אויף יענער וועלט פילן זיך גוט נאָר די, וואָס זענען געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד, ערגער פאַר אַלע — די, וועמען מ'ברענגט גאָרנישט אויף די קברים" (ד. ה. די אָרעמע).

וואָס שייך די אַלטע אינדיער גיט אַ מאַסע אינטערעסאנט מאַטעריאַל מאַקס וועבער אין זיינע העכסט טשעקאַווע אויספאָרשונגען וועגן דער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל פון די וועלט-רעליגיעס (Max

Weber, 1 c, B II. „Hinduismus und Buddis-
mus“) דאָ האָט די עקאָנאָמישע קלאַסן- און פּראָפע-
סיאָנעלע צעגלידערונג אָנגענומען אַ דירעקטע דורך דער
רעליגיע באַפעסטיקטער פאָרם פון קאַסטעס. לויט
אַן אור-אַלטן יורידישן זאַמלבוך פון געזעצן פון מאַנו
זענען פאַראַן 4 הויפּט קאַסטעס — דאָס זענען די בראַ-
מאַנען (כּוהנים, געלערנטע, שריפטשטעלער, — פּריצים),
קשאַטרי (פּריצים=ריטער, קריגס-מענער), ווייסיאַ (vaisia),
(ערד־ באַזיצער, און שפּעטער ליכוויאַזשניס און סוחרים)
סודראַ (שקלאַפן, בעלי־מלאכות א. א.). אַזוי אַרום „איז
די קאַסטע שטענדיק און לויטן מהות אַ ריין סאָציאַ-
לע אָדער פּראָפעסיאָנעלע טיילווייזע פאַרייניקונג אין
דעם געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד.“ (34) די בראַמאַנען און
די קשאַטרן האָבן געשאַפן מיט יעדן אין מיט אַלץ.
די ווייסיאַ ווערט נאָר גערעכנט אַלס „ריינע“ קאַסטע,
וואָס איז ווערט, אַז די בראַמאַנען זאָלן צונעמען דאָס
געהעריקע צו איר שפּייז אָדער וואַסער. די „סודרן“
צעטיילן זיך אויף „ריינע“ און „נישטריינע“; ביי די
לעצטע וועט אַ פּריץ נישט נעמען קיין וואַסער, דער
שערער וועט זיי נישט אָפּשערן די נעגל פון די פיס
א. א. וו. צו די „נישטריינע“ סודרן גייען צו נאָך אַנדערע
„נישטריינע“; טייל פון זיי טאָרן זיך נישט ווייזן אין טעמפּל, אַנ-
דערע ווערן געהאַלטן אַלס אַזעלכע „געצנדינערישע“, אַז זייער
אָנריר פאַרשמוצט; טיילמאָל אפילו באַטייט דאָס דערנענ-
טערן זיך אויף 60 פוס. צו אַזאַ מענטש מצד
א פּריץ אָדער „ריינעם“ אַ „פאַרשמוצן זיך“,
ס'פאַרשמוצט דאָס עסן דער בליק פון „אום-ריינעם“
1); (46), פאַרקערט: אַפילו דאָס „אַרויסגיין פון

1) ביי ידן — יין נסך (באַמערקונג פון איבערזעצער)

די בראַמאַנען ווערט גערעכנט אַלס הייליק (62). טויזנטער כּללים און רעליגיעזע צערעמאָניעס היטן אָפּ די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג. די מלכים און קיסריים שטאַמען פון די קשאטרן; די מלוכה'ש — פּריצישע פאַרוואַלטונג פאַרשפּרייט זיך אויך אויפן עקאָנאָמישן לעבן (די טאַקסירונג פון די פּרייזן, די נאַטור-שטייערן, מלוכה'שע מאגאַזינען) ביי אַן אומגלויבלעכן ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט (69). אַלס הויפּט-רעליגיעזע אידייען, וואָס זענען אַרויסגעוואַקסן אויף אַזאַ סאָציאַלן באָדן האַלט מ. וועבער צוויי (ז. 117-121): די אידעע פון איבערוואַנדערונג פון די נשמות (samsara) און די פאַרבונדענע מיט איר לערע וועגן שכר און עונש (Karman) 2). יעדע טאַט פון מענטש ווערט פאַררעכנט; אַמין אַלויפנדן רעכענונג, מיט אַ בילאַנס פון זיינע גוטע און שלעכטע מעשים: ווען זי שטאַרבט, ווערט ער פערמשפּט געבוירן צו ווערן אין דער זעלבער פאָרם, ווי ער האָט זיך פאַרדינט, ווי עס ווערט באַשטימט דורכן בילאַנס פון זיינע מעשים בעת'ן מאָמענט פון זיין טויט. ער קען אויפשטיין תחית־המתים אַלס קעניג בראַמאַן: ער קען מגולגל ווערן אויך אַלס „ווערים אין דער קישקע פון הונט". מיט וואָס-זשע ווערן באַשטימט די הויפּט־מצוות: מיט דעם מקיים זיין דעם קאַסטישן רעגולאַמין. ביסטו אַ שקלאַף און אַ שמוציקער, ווייס=זשע דיין אָרט. אויב דו וועסט פון אים קיינמאָל נישט אַוועקגיין און געדענקען, אַז דו ביסט אַן „אומריינער", דאַן איז מעגלעך, אַז אין צוקונפטיקן לעבן, נאָכן טויט, וועסטו אפשר ווערן אַ פּריץ. אויף דער ערד אָבער איז די קאַסטישע אָרדענונג אומדערשיטערלעך, און ס'איז נאַריש צו מיינען, אַז דאָס קען זיך ענדערן. ס'איז נישט פאַראַן קיין שום צופעליקע געבורט": יעדער ווערט געבוירן אין דער ועלבער קאַסטע, ווי ער האָט פאַרדינט אין זיין פריערדיק

עבן, וואָס איז געווען פאַר זיין איצטיקן געבוירן ווערן (120). די אָפּשפּיגלונג פון דער געזעלשאַפטלעכער אָר־דענונג און די אינטערעסן פון די הערשנדיקע קלאסן איז דאָ בולט קלאָר. נאָך פריער געפינען מיר די דאָזיקע אָפּשפּיגלונג. למשל, די געטער פון די וועדעס (זאַמלבוך פון די עלטסטע הייליקע הימנען) „זענען פונקציאָנעלע און העראָישע געטער, ענלעך צו די האָמערישע, אקוראַט, ווי די העלדן פון דער וועדישער צייט. וואָס זיצן אין שלעסער, די קעמפנדיקע אין רייטוואָגנס מלכים מיט דער סוויטע און... מיט אַ מער ווייניק פּאַסטוכערישן פויערנטום ארום זיך" (21). ס'זענען כאַראַקטעריסטיש: „אינדראַ, גאָט פון שטורם און אַלס אַזעלכער (ענלעך צו יהוה) אַ ליידנשאַפטלעכער קריגס־מענטש און העלד,... און ווארונא, אַ קלוגער, אַלץ זעענדיקער גאָט פון אייביקער אָרדנונג, קודם כל פון דער רעכטלעכער אָרדענונג"... (29). ס'איז טשעקאווע, אז דער הימל איז אָנגעצייכנט געוואָרן צום ערשט נאָר פאַר די בראַמאַנען און קשאטרן (ז. 911). אינאיינעם מיט דער אָפיציעלער רעליגיע פון די הערשנ־דיקע קלאַסן איז געווען פאַרשפּרייט אַ המונישע רעליגיע וואָס איז צווישן אנדערן אָפּט געווען פאַרבונדן מיט געשלעכטלעכע מאַניפּולאַציעס. די וועדעס רופן אָפּן אָן איינעם פון אַזעלכע קולטן „שענדלעכער מנהג פון די א ו נ ט ע ר ט ע נ י ק ע". פאָלגלעך, דאָ איז פאַראַן עטלעכע ק ל אַ ס ן רעליגיעס. אָט איז, למשל, אַ באַשרייבונג פון אַ רעליגיעזער צעשפּליטערונג אין דרום־אינדיע (אגב איז דאָס ענלעך צו דעם רוסישן רעליגיעזן „ראַסקאָל"): אַ טייל פון די נ י ד ר י ק ע ק א ס ט ע ס און אנגעפאָרענע קעניגלעכע ב ע ל י = מ ל א כ ו ת האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד די בראַמאַנען, און אַזוי אַרום זענען אַנטשטאַנען און ס'עקזיסטירן נאָך היינט די

(ענדע פון פערטן טייל)

סעקטעס „וואלאן-גאאי", די קאַסטעס פון דצר „רעכטער" און „לינקער" האַנט. (324). ביי די אַלטע ג ר י כ ן האָט אויך פונקט אַזאַ פּעאָדאלע, און נאָכדעם אַ שקלאַפּישע אָרדענונג געהאַט איר אָפּשפּיגלונג אויפן הימל, דערביי איז בראש פון די געטער געשטאַנען זעאוס, דעמעטראַ איז געווען אַ געטין פון ערד-אַרבעט, הערמעס — פון האַנדל און פאַרקער-וועגן, העליאַס — פון „פרייע פּראַפעסיעס" (קונסטן).

סוף פון ערשטן באנד

אינהאלט

צום לייענער 3–4

פאָרוואָרט 5–6

אריינפיר. די פּראַקטישע באַדייטונג פון די געזעלשאַפטלעכע לערעס.

§ 1. די באַדערפעניש פונם קאַמף פון דער אַרבעטער-קלאַס און די געזעלשאַפטלעכע לערעס. 7–9

§ 2. די בורזשואַזיע און די געזעלשאַפטלעכע לערעס. —9

§ 3. דער קלאַסן-כאַראַקטער פון די געזעלשאַפטלעכע לערעס 9–10

§ 4. פאַרוואָס שטייט די פּראָלעטאַרישע וויסנשאַפט העכער פון דער בורזשואַזיע? 10–13

§ 5. פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע לערעס און די סאָציאָלאָגיע. 13–15

§ 6. די טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם — אַ מאַרקסיסטישע סאָציאָלאָגיע. 15–17

קאַפּיטל 1: סיבה און ציל אין די געזעלשאַפטלעכע לערעס. (קויזאַליטעט און טעלעאָלאָגיע).

§ 7. די רעגלמעסיקייט פון דערשיינונגען בכלל, און פון געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען בפרט. 18–21

8 §. דער כאַראַקטער פון געזעצמעסיקייט. דער אַוועק-
שטעל פון דער פראַגע. 21–23
9 §. די טעלעאָלאָגיע בכלל און איר קריטיק. די
אימאַנענטע טעלעאָלאָגיע. 23–32
10 §. טעלעאָלאָגיע און די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן. 32–38
11 §. די סיבה'דיקייט און די טעלעאָלאָגיע. די וויסנ-
שאַפטלעכע דערקלערונג—אַ סיבה'דיקע דערקלערונג. 39–91
קאַפיטל 2. דעטערמיניזם און אינדעטערמיניזם (די נויט-
ווענדיקייט און פרייהייט פון ווילן).
12 §. די פראָבלעם וועגן פרייהייט אָדער נישט פרייהייט
פון ווילן. 42–50
13 §. די רעזולטאַטן פון אינדיווידועלע ווילנס אין אַ
נישט אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט. 50–55
14 §. דער קאָלעקטיוו אָרגאַניזירטער ווילן. רעזולטאַטן
פון אינדיווידועלע ווילנס אין אַן אָרגאַניזירטער, קאָלעק-
טיווער געזעלשאַפט. 55–59
15 §. די אַזוי גערופענע צופעליקייט בכלל. 59–62
16 §. היסטאָרישע צופעליקייט. 63_65
17 §. היסטאָרישע נויטווענדיקייט. 65–69
18 §. די פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט פון די געזעל-
שאַפטלעכע וויסנשאַפטן, און וועגן פאָרויסזאָגן אין דעם
דאָזיקן געביט. 69–76

קאַפּיטל 3. דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם

19 §. מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם אין דער פי־לאָזאָפיע. די פּראָבלעם פון אָביעקטיוון 77—93

20 §. דער מאַטעריאַליסטישער אוועקשטעל פון דער פראגע אין די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן 93—100

21 §. דער דינאַמישער שטאַנדפּונקט און דער צו־זאַמענהאַנג פון דערשיינונגען 100—107

22 §. היסטאָריזם אין די געזעלשאפטלעכע וויסנ־שאַפטן 107—117

23 §. דער שטאַנדפּונקט פון סתירות און די סתירות־דיקייט פון דער היסטאָרישער אנטוויקלונג 117—130

24 §. טעאָריע פון שפּרינגענדיקע ענדערונגען און טעאָריע פון רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען אין די געזעלשאַפטלעכע לערעס. 30—132

קאַפּיטל 4

25 §. באַגריף וועגן קיבוץ. לאָגישע און רעאַלע קבוצים 138 - 141

261 §. געזעלשאַפט אַלס אַ רעאַלער קבוץ אָדער סי:טעם 141—146

27 §. דער כאַראַקטער פון געזעלשאַפטלעכן צוזאַ־מענהאַנג 146—156

28 §. געזעלשאַפט און יחיד. פרימאַט (בכורה) פון געזעלשאַפט איבערן יחיד 156—

אינהאלט

§ 29. די זיך שאפנדיקע געזעלשאפטן 172–177

קאפיטל 5

גלייכגעוויכט צווישן געזעלשאפט און נאטור.

§ 30. די נאטור אלס סביבה פאר דער געזעלשאפט 178–184

§ 31. די מיט־באציונגען צווישן געזעלשאפט און נאטור

דער פראצעס פון פראדוקציע און רעפראדוקציע 184–193

§ 32. פראדוצירנדיקע כוחות. פראדוצירנדיקע כוחות אלס ווייזער פון דער מיט־שייכות צווישן נא־טור און געזעלשאפט 193–206

§ 33. גלייכגעוויכט צווישן נאטור און געזעלשאפט, איר שטערונג און צוריקשטעל 206–209

§ 34. די פראדוצירנדיקע כוחות אלס אן אויסגאנגס־פונקט פון דעם סאציאלאגישן אנאליז 209–227

קאפיטל 6.

גלייכגעוויכט צווישן די עלעמענטן פון דער געזעלשאפט

§ 35. דער צוזאמענהאנג צווישן פאר שידענע געזעל־שאפטלעכע דערשיינונגען. דער אוועקשטעל פון דער פראבלעם 228–232

§ 36. זאכן, מענטשן, אידייען

§ 37. געזעלשאפטלעכע טעכניק און די עקאנאמישע 232–235

סטרוקטור פון דער געזעלשאפט 235–263

§ 38. צוגעבוי און זיין סטרוקטור. 263–

תיקון־טעות

זייט	שורה	אנשטאט	דארף זיין
18	4	ריכטיקייט	דעגלמעסיקייט
78	1	erto	ergo
78	9	געהערט	געענווירט
173	20	זיין	איר
176	14	קינסטלעכע	קינסטלערישע
191	14	זי	ער
191	21		פעלט אין סוף „נאַטור״
197	7	ווייכער	ווייזער
281	20	מין	שבט
281	21	מין	שבט
283	24	בוימער	בויער
254	11		שליסן אין דער 10 שורה נאָך „פאַר״